This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

6

1982

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כודעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

יון

6

1982

אינהאַלט

טעאַרעטישע קאָנפֿערענץ פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד״.
י. לוקין. די פּאַרטיי וועגן דער קולטור פֿון אַנט־וויקלטן סאָציאַליזם 3
נאיל ביקענין. מילכאָמע, מאָראַל און ליטעראַטור . 8
כאָשעוווער רעדאַקטאָר, איך שיק אײַך דאָ בלויז איין ליד.
לידער פֿון פּ. פּלאָטקין, מ. ליפּשיץ, ד. כײַקינע, מ. גרוומאַן, כ. גורעוויטש, י. בוכבינדער, ל. העלער, ה. רעלעס, ב. סינעלניקאָווע, מ. ריאַנט, מ. מאָגילעוויטש, מ. שטורמאַן 17
טעוויע גען. די עקסטרע טעלעגראַמע (ראָמאַן. פֿאָרזעצונג) 23
נײַע איבערזעצונגען. מאַרינע פּאָפּאָוויטש. אויף דער ערד און אין הימל (לידער) 74
מענטשן, זייער צײַט און זייער גורל. ל. דאַווידאָוו. דער סטאַרט פֿונעם העלד 76
אויף די שפּורן פֿון געשעענעם. דאַוויד ניאַזאָוו. לייב פֿייגינס גרויסע שטוב . . . . : 85
ס. בענציאַנאָוו. א ייִדיש ייִנגעלע אין פֿײַער פֿונעם קריג 87
אווראָם גאָנטאַר. פֿון דער שעפֿערישער ירושה (לידער) 89
ווערק פֿון די צוהערער פֿון דער ייִדישער אָפּטיילונג בא די העכסטע ליטעראַרישע קורסן (אין צוזאַמענהאַנג מיטן פֿאַרענדיקן דאָס ערשטע לערניאָר) ב. סאַנדלער. דרײַ נאָוועלן; מ. פּענס. דאָס שנירעלע פֿון צײַט (לידער); א. בראָדסקי. באַגעגענישן אין וועג; וו. טשערנין. העברעיִזמען אין דער רוסישער שפּראַך; ל. בערינסקי. דאָ איז מײַן לעבן (לידער) 94
זיכרוינעס. אַרן יערוסאַלימסקי. יאָרן פֿון מי און קאַמף 116

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפֿיע. פֿראַגן פֿון קונסט

בוזי מילער. ליכטיקייט און פֿרישקייט 123
מוישע פֿינקעל. וואַן ריין רעמבראַנדט 125
פֿון דער ליטעראַטור־געשיכטע. יעווגעני בינעוויטש. שאָלעם אַש אויף דער רוסישער בינע 128
שמועסן וועגן מוזיק און עסטראַדע. זינאָווי קאָמפּאַנייעץ. עטלעכע ווערטער וועגן דער ייִדישער פֿאָלקסליד 138
ב. קאָטיק. זיבן און צוואַנציק פּערל פֿונעם ייִדישן פֿאָלקלאָר 140
פּובליציסטיק. יאַכאָן בעקער. וואָס דערציילט מען אין די קינדער־שולן פֿון ייִסראָעל וועגן האָלאָקאָוסט . 142
בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. א לעקציע פֿון מאַרקסיזם־לעניניזם אין נוסעך שימען פּערעס . . . 156
קאָמענטאַרן פֿון רעדאַקציע. לעשעם פּינקטלעכקייט; פֿאַרנאָטירונג פֿונעם שמועס אין דער רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד״ 158
כראָניק 101, 112, 124, 141, 163
מאַטעריאַלן פֿאַר א לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 166
פֿאַר די, וואָס לערנען ייִדיש 167
רעזומע (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ.ביידער (שטעלפֿאַרטרעטער פֿון הויפּט־רעדאַקטאָר),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער,
י. שוסטער (פֿאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

טעאָרעטישע קאָנפערענץ
פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

יורי לוקין,
דאָקטאָר פון פילאָסאָפישע וויסנשאַפטן

די פּאַרטיי וועגן דער קולטור פון אַנטוויקלטן סאָציאַליזם

(לייענענדיק די ווערק פון ל. אי. ברעזשנעוו)

אין דער לעניניש ער אידייִשער ירושע, אין דער לענינישער פּראָגראַם פון בויען די נײַע וועלט ווערט דאָס וויכטיקסטע אָרט אויסגעטיילט פאַר די טעאָרעטישע און פּראַקטישע פּראָגן וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער קוואַליטאַטיוו נײַער, פּראָלעטאַרישער, סאָציאַליסטישער קונסט. די פּרינציפּן פון פּאַרטיייִשקײַט און פאָלקישקײַט, וועלכע זײַנען פאָרמולירט אין וו. אי. לענינס ווערק וועגן דער ענגער פאַרבינדונג פון דער קונסט, אַלס באַשטאַנדטייל פון דער אַלגעמיין־פּאַרטיייִשער זאַך, מיטן לייזן די אויפגאַבן פון דער סאָציאַליסטישער בויונג און פון דער אידעאָלאָגישער אַרבעט פון דער פּאַרטיי, די עסטעטישע פּלאַטפאָרם פונעם שעפערישן מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם אויף אַלע אַנטוויקלונגס־עטאַפּן פון דער פילנאַציִאָנאַלער סאָוועטישער קונסט, האָבן געדינט און זיי דינען אַלס זיכערע באַזע צום שאַפן אייביק לעבעדיקע קונסט־ווערטן, וועלכע האָבן דערוואָרבערט טיפע אָנערקענונג און אַכטונג פונעם סאָוועטישן פאָלק, פון דער גאַנצער פּראָגרעסיווער מענטשהײַט.

אין אונדזער צײַט, אין העסקעם מיט די באַדינגונגען פונעם רײַפן סאָציאַליזם, אַנטוויקלט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד שעפעריש ווײַטער די לענינישע קאָנצעפּציע וועגן דער סאָציאַליסטישער קונסט אין די באַשלוסן און דאָקומענטן פון די פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן, אין די באַשטימונגען פונעם צק פון דער פּאַרטיי וועגן אידעאָלאָגישע פּראָגן. גרויס אויפמערקזאַמקײַט ווערט געשענקט די פּראָבלעמען פון דער קינסטלערישער קולטור אין די ווערק פון דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם צק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטנפאַרבאַנד, פאָרזיצער פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּסר כאַווער ל. אי. ברעזשנעוו.

„וואָס ווײַטער מיר גייען אויפן וועג פון דער קאָמוניסטישער בויונג, — שרײַבט ל. אי. ברעזשנעוו, — וואָס שטאַרקער עס ווערט אונדזער עקאָנאָמיק און וואָס געזיכערטער — דאָס לעבן פון די מענטשן, אַלץ אַ גרעסערע באַדײַטונג באַקומען די אויפגאַבן פון דער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער, קולטורעלער, מאָראַלישער און עסטעטישער דערציִונג פון די מענטשן. קיין אײַנרײַס צווישן דער מאַטעריעלער און גײַסטיקער אַנטוויקלונג טאָר מען ניט דערלאָזן, דאָס וואָלט געדראָעט מיט אַ סאַך אומגליקן".

דאָס גײַסטיקע און מאָראַלישע פּאָנעם פונעם פאָלק, די מאָראַליש־פּאָליטישע אײנהײַט פון דער געזעלשאַפט זײַנען אין אונדזער צײַט ניט ווייניקער וויכטיק, איידער דער פּאָטענציִאַל פון דער עקאָנאָמיק און פון דער שוץ פונעם לאַנד. די בויונג פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט איז אוממעגלעך אָן אַן אַלזײַטיקער אַנטוויקלונג פונעם מענטשן גופע, אָן דער פאַרפולקומונג פון זײַן גײַסטיקער וועלט.

אינעם פאַרברייטערן די מעגלעכקײַטן פאַר דעם האַרמאָנישן גײַסטיקן לעבן, אין דער פאָרמירונג פון דער מאַרקסיסטיש־לענינישער וועלט־אָנשויונג, אינעם פולן באַפרידיקן די פּילאַרטיקע באַדערפענישן פון די סאָוועטישע מענטשן שפּילן אַן אַלץ גרעסערע ראָליע די ליטעראַטור און קונסט, וועלכע פאַרמאָגן בעעמעס די אוניקאַלע פייִקײַט צו אויפווירקן פילזײַטיק אויפן געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזײַן, אויף די דערציִערישע פּראָצעסן און אויף דער פּערזענלעכקײַט.

„...דאָס קינסטלערישע וואָרט, די פאַרבן־וועלט, די אויסדריקלעכקײַט פון אַ שטיין, די האַרמאָניע פון די קלאַנגען, — האָט געזאָגט ל. אי. ברעזשנעוו, — באַגײַסטערן די מענטשן פון אונד־

זער צייַט און גיבן איבער די קומענדיקע דורעס דעם אָנדענק פונעם הארצן און פון דער נעשאָמע וועגן אונדזער דאָר, וועגן אונדזער צייַט, וועגן אירע אומרועז און אופטועז". אין די מאטעריאלן פון די פּארטיי־צוזאמענפאָרן, אין ל. אי. ברעזשנעווס ווערק ווערט אלזייַטיק באַגרינדעט די קאָנצעפּציע וועגן דעם, ווי עס וואקסט די ראָליע פון דער ליטעראטור און קונסט אין דער געזעלשאפט פונעם אנטוויקלטן סאָציִאליזם.

די ראָליע פון דער סאָציִאליסטישער קונסט אין די הייַנטצייַטיקע באדינגונגען וואקסט אויך מאכמעס די באזונדערקייַטן פונעם איצטיקן עטאפּ אינעם אידעאָלאָגישן קאמף, וועלכער איז געוואָרן אזוי שארף, ווי נאָך קיינמאָל פריִער. עס איז אויסגעוואקסן די אקטיווקייַט פון די פּראָפּאגאנדיסטישע מיטלען פונעם קלאסן־קעגנער, עס האָבן זיך פארשטארקט זייַנע פּרווון צו ווירקן דעמאָראליזירנדיק אפן באוווסטזייַן פון די סאָוועטישע מענטשן. עס ווערן אויסגענוצט בוכשטעבלעך אלע מיטלען, קעדיי באשמוצן דעם סאָציִאליזם, זייַן רעאלע ווירקלעכקייַט.

„ס'איז געפערלעך אפילע אף א צייַט, אפילע אף איינצלנע באצירקן צו פארגעסן וועגן דעם אידייִשן פּרינציפּ אינעם מעלוכישן און געזעלשאפטלעכן לעבן, שאָלעם מאכן מיט אידייִשע פעלערן, — ווערט געזאָגט אין ל. אי. ברעזשנעווס „זיכרוינעס". — אפן ערשטן קוק זייַנען זיי ניט אזוי קענטיק, ווי, לאָמיר זאָגן, טעכנישע פעלערן. אויב מע האָט ניט ריכטיק פּראָיעקטירט עפּעס אן אגרעגאט, וועט ער ניט געבן די דערווארטע מעכטיקייַט, אָדער ער וועט אינגאנצן ניט ארבעטן, — דאָ זעט מען גלייַך, אויסרעכענען דעם שאָדן איז א פּאָשעטע זאך. אָבער א פעלער אין דער אידעאָלאָגיע איז, אלס קלאל, אויסבאהאלטן, פארקאמופלירט אין בגאָדים פון שיינע ווערטער, נאָר ער טראָגט אין זיך נאָך ערגערע פאָלגן, ווייַל אויב מע וועט אים באַצייַטנס ניט פאריכטן, וועט ער זיך אומבאדינגט ארויסווייַזן און ברענגען א גיגאנטישן שאָדן. קיין וואקוום אין דער הייַנטצייַטיקער וועלט איז ניטאָ: דאָרט, ווו מיר זיצן מיט פארלייגטע הענט, דאָרט אָרודעווען אונדזערע אידעאָלאָגישע קעגנער".

אינעם אידעאָלאָגישן קאמף, אין דעם קאמף פון די צוויי וועלט־אָנשויונגען איז ניטאָ און עס קאָן ניט זייַן קיין אָרט פאר נייטראליזם און פאר קאָמפּראָמיסן, פאר פּאָליטישן גלייַכגילט און פּאסיווקייַט. אין דעם דאָזיקן קאמף דארף יעדער סאָוועטישער מענטש זייַן אידייִש פאראַנטוועט און פעסט אין זייַנע איבערצייַגונגען. די קונסט קאָן זייער א סאך אופטאָן, קעדיי דער גרויסער עמעס פון דער היסטאָרישער אנטוויקלונג זאָל ווערן פארשטענדלעך און צוגענגלעך פאר הונדערטער מיליאָנען מענטשן אין גאָר דער וועלט. „גראָד מיט די מיטלען פון קינסטלערישער שאפונג, אין די געשטאלטן פון דער ליטעראטור, קינאָ, מאָלערייַ־קונסט, — האָט געזאָגט ל. אי. ברעזשנעוו, — קאָן מען באזונדערס העל און אייַנדרוקספול, ווענדנדיק זיך ניט בלויז צום סייכל, נאָר אויך צום הארצן פונעם מענטשן, באווייַזן די גרויסקייַט פון אונדזערע אופטוען, די ריינקייַט פון אונדזערע אידעאלן".

אן אָביעקט פון שטענדיקער זאָרג פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון סאָוועטנפארבאנד איז די אידייִשע ריכטונג פון דער סאָציִאליסטישער קונסט, וויִאזוי עס ווערן אין איר אָפּגעשפּיגלט פון עכט פּארטייִשע פּאָזיציעס די אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו פירנדיקע טענדענצן פון דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג, וויִאזוי עס ווערט וואָרהאפטיק געמאָלט די דיִאלעקטיק פונעם אופקום פון דעם נייַעם, פאָרגעשריטענעם, די ווייַטערדיקע פארפעסטיקונג פון די פארבינדונגען פון דער קונסט מיטן לעבן פונעם פאָלק.

דער הויפּט־קריטערי באם אָפּשאצן דעם געזעלשאפטלעכן ווערט פון די ווערק פון ליטעראטור און קונסט, — האָט ל. אי. ברעזשנעוו אָפּגעמערקט אפן XXV פּארטיי־צוזאמענפאָר, — איז זייער אידייִשע ריכטונג. פונעם שטאנדפּונקט פון אָט דעם קריטערי באשטימט די פּארטיי דאָס אָרט און די באדייַטונג פון דער קונסט אין דעם גייַסטיקן לעבן פון דער געזעלשאפט, איר דערציִערישע ווירקונג אפן פאָרמירן די בעסטע שטריכן פונעם נייַעם מענטשן. די פּארטיי פארקערפּערט קאָנסעקווענט די ניט בייגזאמע קראפט פון די לענינישע אידייִשע פּרינציפּן, די פרוכטבארקייַט פון דער אנטוויקלונג פון דער קונסט אפן סמאך פון דער קאָמוניסטישער וועלט־אָנשויונג, פונעם לענינישן קלאסן־צוגאנג צו קאָלערליי דערשייַנונגען פונעם געזעלשאפטלעכן לעבן.

די פּארטיי טרעט קאָנסעקווענט ארויס אויך קעגן פּאָליטישן אינפאנטיליזם, שאָלעם־מאַכערייַ און כאראקטערלאָזיקייַט אין די פראגן פון דער אידייִשער ריכטונג פון די קונסטווערק, קעגן אידייענלאָזיקייַט און פלאָנטער אין דער וועלט־אָנשויונג, קעגן דערשייַנונגען פון אָפּטרעטן פון דער פּינקטלעכער קלאסן־אָפּשאצונג פון באזונדערע היסטאָרישע געשעענישן און פיגורן. די פּארטיי ווענדט די אופמערקזאמקייַט פון די שעפערישע פארבאנדן, זיי זאָלן ארויסטרעטן אקטיוו און פּרינציפּיִעל אין יענע פאלן, ווען עס באווייַזן זיך ווערק, וועלכע ווארפן שמוץ אף אונדזער סאָוועטישער ווירקלעכקייַט. „דאָ דארפן מיר זייַן אומבעשאָלעמדיק, — האָט

געזאָגט ל. אי. ברעזשנעוו אפן XXVI פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. — די פּאַרטיי איז ניט געווען און קאָן ניט זײַן גלײַכגילטיק צו דער אידייִישער ריכטונג פון אונדזער קונסט".

אין אַלע ספערן פון איר טעטיקייט האָט די פּאַרטיי קיינמאָל ניט אָפּגעמאַכט מיט דער האַנט די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, זי האָט ניט אויסבאַהאַלטן פונעם פאָלק די קאָמפּליקאַציעס און שוועריקייטן פון אָן אָביעקטיוון און סוביעקטיוון כאַראַקטער, די טאָעסן און פעלערן, וועלכע האָבן זיך געטראָפן און טרעפן זיך אפן שווערן וועג פונעם פּראָגרעסגאַנג פון אונדזער געזעלשאַפט. אזא דיאַלעקטישע אָפּשפּיגלונג פונעם לעבן, אזא אָפּשפּיגלונג פון דער פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט, אָן אָפּשפּיגלונג, וואָס דאַרף אַנטשפּרעכן דעם היסטאָרישן עמעס, דערוואַרט די פּאַרטיי אויך פון די קינסטלער. די פּאַרטיי טרעט אַרויס קעגן עקסטרעמקייטן: דורכויסיקער נעגאַטיווער באַציִונג צו דער פאַרגאַנגענהייט, מעכאַנישן שילדערן בלויז די נעגאַטיווע זײַטן, קריטיקירן גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, ווען מע דאַרף און ווען מע דאַרף ניט, קעגן פונקט אזעלכע אומדערלאָזבאַרע פּרוּוון צו קאַשערן די אָדער אַנדערע דערשײַנונגען און היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן.

אַלס בײַשפּיל פון עכט פּאַרטייִשן, וואָרהאַפּטיקן צוגאַנג צו רעאַלע ווידערשפּרוכן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג זײַנען ל. אי. ברעזשנעווס ווערק „מאַלאַיאַ זעמליאַ", „ווידערגעבורט", „צעלינאַ", „זיכרוינעס". אין זיי ווערט גערעדט אָפּנהאַרציק און דירעקט, פּאַרטייִיש ערלעך וועגן די שוועריקייטן, וועגן די אומגעהערטע ניסיוינעס, וועלכע זײַנען אויסגעפאַלן אפן גורל פון די סאָוועטישע מענטשן. אָבער דער איקער אין די דאָזיקע ווערק איז זייער לעבנסבאַשטעטיקנדיקער, אָפּטימיסטישער פּאַטאָס, דער גלויבן אין דער גרענעצלאָזער ענערגיע פונעם פאָלק, אין זײַן פעסטער אַנטשלאָסנקייט צו מאַכן די וועלט נאָך בעסער, נאָך שענער.

דער קאָנסטרוקטיווער, שעפערישער בוי־פּרינציפּ, די באַשטעטיקונג, אַז דאָס נײַע, דאָס קאָמוניסטישע קאָן קיינער ניט בײַקומען — אין דעם באַשטייט דער גרונט־אינהאַלט פון די בעסטע ווערק פון דער סאָוועטישער קונסט.

באַזונדערס וויכטיק איז צו באַווײַזן דאָס אין די ווערק, וועלכע זײַנען אַדרעסירט צו דער יוגנט־אַודיטאָריע. אין דער ניט לאַנג צוריק פאַרעפנטלעכטער באַשטימונג פונעם צק פון דער פּאַרטיי „וועגן פאַרבעסערן די פּראָדוקציע און די דעמאָנסטראַציע פון קינאָ־פילמען פאַר קינדער און אונטערוואַקסנדיקע", ווערט באַטאָנט, אַז די קונסט, וואָס איז געווענדט צו דער יונגער אַודיטאָריע, דאַרף דערציִען די אייגנשאַפטן פון קעמפער פאַר די קאָמוניסטישע אידעאַלן, פּאַטריאָטן און אינטערנאַציאָנאַליסטן, שטאַנדהאַפטיקע און מוטיקע פּאַרטיידיקער פונעם היימלאַנד.

דאָס טיפע און אַלזײַטיקע אָפּשפּיגלען אין דער קונסט דעם הײַנטצײַטיקן אַנטוויקלונגסעטאַפּ פון אונדזער געזעלשאַפט ווערט אין פיל הינזיכטן פאָרויסבאַשטימט דורך דעם, ווי גרינטלעך און אָרגאַניש די קינסטלער וועלן באַהערשן די מאַרקסיסטיש־לענינישע טעאָריע — די סאַמע הומאַנע, סאַמע רעוואָלוציאָנערע, סאַמע פאָרגעשריטענע לערע פונעם XX יאָרהונדערט.

אין די מאַטעריאַלן פון די פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן און אין די באַשטימונגען און טעזיסן פונעם צק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטנפאַרבאַנד, אין ל. אי. ברעזשנעווס ווערק ווערט די מאַרקסיסטיש־לענינישע טעאָריע באַרײַכערט מיט נײַע גרונטלאַגן און אויספירן, וועלכע גיבן די מעגלעכקייט ניט בלויז נאָכפאָרשן די יערושעדיקע פאַרבינדונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט און פונעם הײַנטיקן טאָג, נאָר אויך פאָרויסזען דעם קומענדיקן פאָרויסמאַרש פון דער מענטשהייט, באַהערשן די געזעצמעסיקייטן פון דער הײַנטיקער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג.

אזוי, לעמאָשל, איז אין ל. אי. ברעזשנעווס ווערק געגעבן אָן אויספירלעכע, פאַנאַנדערגעוויקלטע כאַראַקטעריסטיק פון דער רײַפער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אַלס אָן אַנטוויקלונגס־פעריאָד אפן וועג פונעם קאַפּיטאַליזם צום קאָמוניזם. מיר געפינען אין זיי אָן אַלזײַטיקן אַנאַליז פון די פּראָצעסן פון דער עקאָנאָמישער, ווירטשאַפטלעכער, סאָציאַל־פּאָליטישער און קולטור־אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט אפן הײַנטיקן עטאַפּ, ווען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן וואַקסן אַריבער אין קאָמוניסטישע.

הײַנט, אין די באַדינגונגען פונעם שאַרפן אידעאָלאָגישן קאַמף, ווילט זיך באַזונדערס אויסטיילן איין שטריך פון דער מאַרקסיסטיש־לענינישער טעאָריע, וועלכער ווערט קאָנסעקווענט אַנטוויקלט אין די פּאַרטיי־דאָקומענטן, אין ל. אי. ברעזשנעווס ווערק.

לעניִן האָט אָנגעוויזן, אַז דער פּאַרטייִישער צוגאַנג, דער קלאַסן־צוגאַנג צו געזעלשאַפטלעכע דערשײַנונגען איז דער אָרגאַנישער פּרינציפּ פון דער מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע. צי

ס׳גייט א רייד וועגן אָפּשפּיגלען אין דער הײַנטצײַטיקער קונסט די אָדער אנדערע לעבנס־פּראָצעסן, צי ס׳ווערט געגעבן א כאראקטעריסטיק פון די עסטעטישע פּראָגראַמעס און דעקלאַראציעס, וועלכע פּרעטענדירן אף רעוואָליוציאָנערישקײַט, נאָוואטאָרישקײַט, עס האנדלט זיך, ענדלעך, וועגן דער כאראקטעריסטיק פון באשטימטע ריכטונגען אין דער קונסט פון דער פארגאנגענהײַט אָדער וועגן דער שאפונג פון א באזונדער קינסטלער, דארף מען דעפינירן זייער קלאסן־ריכטונג אלס אזוינס, וואָס שפּיגלט אָפּ אין לעצטן סאכאקל די אינטערעסן פון באשטימטע סאָציאַלע גרופּעס.

די באדערפעניש צו האלטן זיך שטענדיק אן אייצע מיט לענינען, ארויסגיין פונעם שטאנדפּונקט פון די אינטערעסן פון פארשטארקן די פּאָזיציעס פון דעם וועלט־סאָציאַליזם, דאָס געפיל פון הויכער פאראנטוואָרטלעכקײַט פארן גורל פונעם סאָציאַליזם אין גאָר דער וועלט — די דאָזיקע וויכטיקסטע שטריכן פארייניקן אין אונדזער צײַט אויך די שאפונג פון די סאָוועטישע שרײַבער, קינסטלער, מוזיקאנטן, טוער פון טעאטער און קינאָ, זיי דינען אלס אידעאָלאָגישער יעסאָד פונעם פּראָצעס פון קעגנזײַטיקער טעטיקײַט און קעגנזײַטיקער באַרײַכערונג פון די סאָציאַליסטישע נאציאָנאַלע קולטורן.

די ליניע פון דער פּארטיי צו דערגרייכן א קונסט פון הויכער אידייִשקײַט איז ניט אָפּצוטיילן פונעם קאמף פאר קינסטלערישער פארפולקומטקײַט, עסטעטישער אויסדריקלעכקײַט. אידייִשקײַט און קינסטלערישקײַט זײַנען שטענדיק געווען און פארבליבן פאר דער פּארטיי דער איינציקער קריטערי צום אָפּשאצן די ווערט פון קונסט־ווערק. דעריבער ווערט אין די פּארטייִשע דאָקומענטן, אין ל. אי. ברעזשנעווס ווערק געשענקט אזויפיל אופמערקזאמקײַט דעם קאמף פאר דער קוואליטעט, פאר דעם, אז די קונסטווערק זאָלן טראָגן אף זיך דעם כויסעם פון שיינקײַט, קינסטלערישער אויסדריקלעכקײַט. „דאָ איז, פארשטייט זיך, וויכטיק צו דערשלאָגן זיך, — האָט געזאָגט ל. אי. ברעזשנעוו אפן XXVI פּארטיי־צוזאמענפאָר, — אז מיט אקטועלקײַט פון דער טעמע זאָל מען ניט צודעקן גרויע, קינסטלעריש־מינדערווערטיקע זאכן“.

די סאָוועטישע קונסט איז א סאָציאַליסטישע לויטן אינהאלט, לויט דער הויפּט־ריכטונג פון איר אנטוויקלונג, און אינטערנאציאָנאַליסטישע לויטן גײַסט און כאראקטער, א פילארטיקע לויט די נאציאָנאַלע פאָרמען; זי שטעלט מיט זיך פאָר אן אָרגאנישן געשמעלץ פון גײַסטיקע ווערטן, וועלכע זײַנען געשאפן געוואָרן דורך די קינסטלער פון אלע פעלקער און נאציאָנאַליטעטן, וועלכע גייען ארײַן אין באשטאנד פון פסםר. אין אונדזער צײַט זעט מען, ווי קיינמאָל ביז איצט, דעם פּראָצעס פון קעגנזײַטיקער באַרײַכערונג פון די נאציאָנאַלע קולטורן, ווען די קולטור פון יעדן פון די פעלקער פון פסםר ווערט באַרײַכערט מיט די דערגרייכונגען פון די אנדערע ברידערלעכע פעלקער. אין צוזאמענהאנג דערמיט קומט פאָר אפן סמאך פון גלײַכהײַט, ברידערלעכער מיטארבעט און פרײַוויליקײַט דער פּראָצעס פון אויספורעמען די קולטור און די קונסט פונעם איינהײַטלעכן סאָוועטישן פאָלק — דער נײַער סאָציאַלער און אינטערנאציאָנאַלער געמיינשאפט.

דער וויכטיקסטער באדינג פאר דער הויכער אידייִשער ריכטונג פון דער קונסט, פאר אָפּשפּיגלען אין אירע ווערק די פירנדיקע טענדענצן פון דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג, פארן דערנעענטערן און קעגנזײַטיקן באַרײַכערן די נאציאָנאַלע קינסטלערישע קולטורן, איז — ווײַטער פארפעסטיקן די פארבינדונג פון דער קונסט מיטן לעבן פונעם פאָלק. דער פּראָצעס פון באַרײַכערן די קונסט מיט לעבנסקענטעניש, מיט דער פּראקטישער דערפארונג פון דער קאָמוניסטישער בויונג, פון איין זײַט, און, פון דער צווייטער זײַט, די ווײַטערדיקע באהעפטונג פון די פילמיליאָניקע מאסן ארבעטנדיקע צו די קולטור־ווערטן, ווירקט ביז גאָר גינסטיק אויך גופע אף דער קונסט.

אין די פּארטיי־דאָקומענטן פון די לעצטע יאָרן, אין ל. אי. ברעזשנעווס ווערק ווערט געווענדט די אופמערקזאמקײַט אף העכערן די ראָליע פון דער קונסט אינעם לייזן סאָציאַל־פּאָליטישע אופגאבן: „...שרײַבן וועגן דער הײַנטצײַטיקײַט אזוי, אז מע זאָל מיט דער פּען ברענגען מעגלעכע הילף דער פּראקטישער זאך פון אונדזער פּארטיי, פון אונדזער פאָלק. דאָס איז דאָך אויך איצט די הויפּט־אופגאבע פון אונדזער פּובליציסטיק, פון אונדזער מאסן־פּראָפּאגאנדע, פון דער גאנצער אידייִש־דערציִערישער ארבעט פון דער פּארטיי, און אין א ברייטערן פּלאן — פון אונדזער קינסטלערישער ליטעראטור און פון דער קונסט ביכלאל.

ארײַנרײַסן זיך אינעם פּראקטישן לעבן, העלפן דעם פאָלק קלאָרער צו פארשטיין דעם זין פון אָט דעם לעבן און די ריכטונג פון זײַן גאנג, העלפן מאכן דאָס דאָזיקע לעבן בעסער, ריכטיקער, ליכטיקער, רײַכער ניט בלויז מאטעריעל, נאָר אויך גײַסטיק, — וואָס קאָן זײַן וויכטיקער און נאָבעלער? מיט אזא מאָס גייט צו די פּארטיי צו דער אידעאָלאָגישער ארבעט אין אלע אירע פאָרמען“.

די פאַרטיי באַגריסט דעם פאַקט, וואָס די שעפערישע אינטעליגענץ אַקטיוויזירט איר טעטיקייט, זי באַגריסט דעם בירגערלעכן פּאַטאָס, די אומבעשאָלעמדיקע באַציִונג צו די כעס־רוינעס, די אַקטיווע אַרייַנמישונג פון דער קונסט אינעם לייזן די פּראָבלעמען, מיט וועלכע עס לעבט אונדזער געזעלשאַפט, שטעלן אין די קונסטווערק פּראָבלעמען, „איבער וועלכע עס וואָלט בעעמעס געמעגט אַ שוויץ טאָן דער מעלוכע־פּלאַן, און ניט בלויז ער“...

אין די הייַנטצייַטיקע ווערק פון דער סאָוועטישער קונסט, וועלכע ווענדן זיך צו דער היסטאָריש־רעוואָליוציאָנערער טעמע און צו די רומפולע מייַסים פון אונדזערע טאַטעס און זיידעס, געפינען מיר בייַשפּילן פון מעסירעסנעפעשדיקן דינען דעם סאָציאַליסטישן היימלאַנד, פון רעוואָליוציאָנערן גייַסט, וואָס לאָזט זיך ניט בייגן. אַזעלכע ווערק דערציִען דאָס געפיל פון שייַכעס צו אַלץ, וואָס קומט פאָר אויף אונדזער פּלאַנעטע. וועגן די בעסטע ווערק אויף אַ היסטאָריש־רעוואָליוציאָנערער טעמע קאָן מען זאָגן מיט די ווערטער פון ל. אי. ברעזשנעוון: „מיר נעמען אויף די פאַרגאַנגענהייַט אַלס רייַכסטן רעזערוואַר פון דערפאַרונג, אַלס מאַטעריאַל פאַר מאַכשאָוועסן, פאַר אַ קריטישן אַנאַליז פון די אייגענע באַשלוסן און האַנדלונגען. מיר שעפּן פון דער פאַרגאַנגענהייַט באַגייַסטערונג פאַר די איצטיקע און קינפטיקע מייַסים“.

אַ בייַשפּיל פון אַזאַ באַציִונג צו דער רומפולער היסטאָרישער דערפאַרונג פון די עלטערע דוירעס זייַנען די ניט לאַנג פאַרעפנטלעכטע „זיכרוינעס“ פון ל. אי. ברעזשנעוון. דאָ ווערט קאָנצענטרירט די רייַכסטע פאַרטייִש־אָרגאַניזאַציאָנעלע דערפאַרונג אין די שווערע יאָרן פון דער אינדוסטריאַליזאַציע און קאָלעקטיוויזאַציע פונעם לאַנד, עס ווערט באַוויזן דער טיפישער וועג פון פאָרמירן דעם כאַראַקטער פונעם יונגן קאָמוניסט, דעם פאָרשטייער פון דעם רומפולן אַרבעטער־קלאַס, פונעם סאָוועטן־לאַנד.

„קעדיי גוט פאַרשטיין און שעצן דאָס הייַנטיקע, דאַרף דער מענטש אין דער עמעסער שייַן זען דאָס פאַרגאַנגענע“, — ווערט געזאָגט אין די „זיכרוינעס“. אַזאַ אויפן פון טויפעס זייַן דאָס פאַרגאַנגענע און דאָס הייַנטיקע דינען טאַקע פיל ווערק פון דער סאָוועטישער קונסט. אַקטיוו דינען זיי די צילן פון דער אידייִש־פּאָליטישער, זיטלעכער, פּאַטריאָטישער דערציִונג פונעם פאָלק.

די אויפגאַבן פון זיטלעכער דערציִונג פונעם פאָלק דינען די ווערק פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור און קונסט, וועלכע זייַנען געווידמעט דער מאָראַלישער טעמע, די זיטלעכע זוכענישן. די קינסטלער שטרעבן אונטערצוהאַלטן די בעסטע אייגנשאַפטן פונעם מענטשן — זייַן פּרינציפּיעלקייַט און ערלעכקייַט, די טיפקייַט פון געפילן.

צו די בעסטע ווערק פון דער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער קונסט באַציט זיך דאָס פאָלק מיט אַכטונג און ליבע. די דאָזיקע ליבע אָבער, די דאָזיקע אַכטונג לייגט אַרויף אויפן קינסטלער אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייַט. לעבן מיט די אינטערעסן פונעם פאָלק, טיילן זיך מיטן פאָלק מיט די פריידן און ווייטיקן, באַשטעטיקן דעם לעבנס־עמעס, זייַן אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער אין דער קאָמוניסטישער בויונג, — דאָס אַלץ, ווי עס זאָגט ל. אי. ברעזשנעוו, — איז אַ באַווייַז פון עכטער פאָלקישקייַט און פאַרטייִשקייַט פון דער קונסט.

אין פּעריאָד פון דעם אַנטוויקלטן סאָציאַליזם וואַקסט אויס די ראָליע, וואָס די קאָמוניסטישע פאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד שפּילט אינעם לעבן פון דער געזעלשאַפט. איצט, אין דער שייַן פון די אייַנדרוקספולע דערגרייכונגען פונעם סאָוועטישן פאָלק, ווערט נאָך טיפער אויפגענומען דאָס לענינישע באַפליגלטע וואָרט: די פאַרטיי — דאָס איז דער סייכל, די ערע און דאָס געוויסן פון אונדזער עפּאָכע.

עס וואַקסט די ראָליע פון דער פאַרטיי אויך אינעם אָנפירן מיט דער אַנטוויקלונג פון דער קונסט. אַזוי ווי וו. אי. לענין, לייגט אַוועק די פאַרטיי אין יעסאָד פון איר קולטור־פּאָליטיק דאָס אָנערקענען די ספּעציפיק פון דער קינסטלערישער שאַפונג, די אוניקאַלקייַט פונעם טאַלאַנט, די ניטדערלאָזבאַרקייַט פון אַדמיניסטרירן אין די פראַגן פון קונסט. פּונקט ווי וו. אי. לענין, טרעט די פאַרטיי אַרויס פאַר צוטרוי צום קינסטלער, פאַר אַ בעקאָוועדיקער באַציִונג צו די שעפערישע זוכונגען. די קראַפט פון דער פאַרטייִשער אָנפירונג באַשטייט אינעם קענען פאַראינטערעסירן דעם קינסטלער מיט די הויכע צילן, מיט דער נאָבעלער אויפגאַבע פון אייַנגלידערן אונדזערע קאָמוניסטישע אידעאַלן, דעם סאָציאַליסטישן לעבנס־אויפן.

אונדזער פאַרטיי, זייַענדיק געטרייַ דער לענינישער קולטור־פּאָליטיק, באַציִענדיק זיך זאָרגזאַם און מיט אַכטונג צו דער קינסטלערישער אינטעליגענץ, אָריִענטירט זי צום לייזן די הויכע שעפערישע אויפגאַבן. דאָס העלפט מיט דער ווייַטערדיקער קאָנסאָלידאַציע פון די שעפערישע קרעפטן, דעם אויפשטייַג פונעם גאַנצן גייַסטיקן לעבן פון דער געזעלשאַפט.

נאָיל ביקענין,
דאָקטאָר פון פילאָסאָפישע וויסנשאַפטן

מילכאָמע, מאָראַל און ליטעראַטור

דער טאַלאַנטפולער סאָוועטישער שרײַבער וואַסיל ביקאָוו איז אַ מענטש אַ באַרמאַזל: אַן אָנטייל־נעמער פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע, האָט ער בעשאָלעם זיך אומגעקערט פונעם פראָנט און צוזאַמען מיט די שרײַבער־פראָנטאָוויקעס גענומען זיך דערציילן, וואָס מיט אים איז געשען, וועגן דער מוטיקײַט, שטאַנדהאַפטיקײַט פון זײַן דאָר.

די העלדן פון ביקאָווס דערציילונגען זײַנען יענע, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן מיטן סוינע אין האַנט־געפעכטן, געשאָסן פון 45־מילימעטערדיקע האַרמאַטן גלײַך אין די דײַטשישע טאַנקען; יענע, וואָס האָבן באַם סוינע אין הינטערלאַנד אויפגעריסן בריקן און טייקעף נעלעם געוואָרן, ביט לאָזנדיק נאָך זיך קיין שפור, — די געוויינלעכע מילכאָמע־האָרעפּאַשניקעס, וועלכע האָבן, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער לאַקאָניש־מיליטערישער כאַראַקטעריסטיק, „גענומען אַן אומיטלבאַרן אָנטייל אין די שלאַכטן“.

די ליטעראַטור־קריטיק שרײַבט וועגן דער מאָראַלישער אויפווירקונגס־קראַפט פון ביקאָווס פּראָזע. דאָס איז אַ דערשײַנונג, וועלכע גיט די מעגלעכקײַט צו זען טיפער די פאַרבינדונג צווישן דער ליטעראַטור, מאָראַל און דער פּערזענלעכער דערפאַרונג פונעם שרײַבער.

די עמעסע ליטעראַטור איז וויניקער פון אַלץ אַן איליוסטראַציע צו פילאָסאָפישע טעזיסן און מאָראַלישע עמעסן (אַז דאָס איז ווירקלעך אַזוי, איבערצײַגט מען זיך, ווען מע לייענט נאָכאַמאָל איבער ביקאָווס דערציילונגען). יעדעס מאָל, ווען מע פּרוווט זיך אומיטלבאַר „איבערזעצן“ די פילאָסאָפישע טעקסטן און די עטישע טראַקטאַטן אויף דער שפּראַך פון קינסטלערישער פּראָזע, ליידן אַזעלכע פּרוּוון אַ דורכפאַל.

ווען מע דענקט איליוסטראַטיוו, ווערן, צום אונטערשייד פונעם דענקען קינסטלעריש־שעפעריש, די אָריגינעלע טיפע פילאָסאָפישע עמעסן דעגענערירט אין מאַגערע אַבסטראַקציעס און די מאָראַלישע געבאָטן באַקומען אַן אויסזען פון פּוסטע און אומעטיקע מאָראַליזאַטאָרישע סענטענצן. פאַרקערט, אַ טאַלאַנטפולע ווערק באַרײַכערט אונדזער וועלט־אויפפאַסונג און וועלט־אָנשויונג, פאַרטיפערט דעם געפיל פון הײַנטצײַטיקײַט און געשיכטע. פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור זײַנען שטענדיק געגאַנגען צוריק־שטראָמען צום עטיש־פילאָסאָפישן און סאָציאַל־עקאָנאָמישן געדאַנק.

אַ סאַך זייער שאַרפע, אַקטועלע מאָראַלישע פראַגן פונעם הײַנטצײַטיקן לעבן, ווי אויך „אייביקע פּראָבלעמען“ פונעם לעבנסשטייגער אין נײַעם קאָנטעקסט פון דער צײַט, האָבן באַקומען אַן אָפּשפּיגלונג אין אונדזער ליטעראַטור, זי האָט באַוויזן ווי פילזײַטיק עס זײַנען די אַנטפּלעקונגען פונעם מענטשן אין זײַן באַציִונג צו זיך זעלבסט, צו דער אַרבעט, צו דער געזעלשאַפט, צו דער אַרומיקער וועלט אינגאַנצן גענומען, און וויאַזוי עס פאַרמירט זיך און עס אַרבעט דער מענטש אין די פאַרשיידנסטע באַדינגונגען און אין די פאַרשיידנסטע אומשטענדן, אויף דער מילכאָמע און אין פרידלעכן לעבן, אין געוויינלעכע וואָכנטעג און אין יאָמטויוים, אין פײַערלעכע מאָמענטן און אין שאָען פון פאַלקס־אומגליקן.

דער שרײַבער און די מילכאָמע. די דאָזיקע טעמע איז ניט נײַ — נישט אינעם לעבן און נישט אין דער ליטעראַטור. אַן אַלץ אַרומנעמענדיקע מאָראַליש־פילאָסאָפישע און קינסטלעריש־וואָרהאַפטיקע לייזונג האָט זי באַקומען אין דער שאַפונג פון ל. נ. טאָלסטאָי. „דער העלד אָבער פון מײַן דערציילונג, — האָט געשריבן ל. נ. טאָלסטאָי, — דער העלד, וועמען איך האָב ליב מיט אַלע קויכעס פון מײַן נעשאָמע, וועמען איך האָב זיך באַמיט צו מאָלן מיט דער גאַנצער שיינקײַט זײַנער און וועלכער איז שטענדיק געווען, איז און וועט זײַן שיין, — דאָס איז דער עמעס“.

אָט דער פונדאמענטאלער געדאנק פונעם געני קלינגט פונקט אזוי אין העמינגווייס אייגנ־ארטיקן מאָראלישן קאָדעקס פארן ליטעראטאָר, וואָס שרײַבט וועגן מילכאָמע איז זייער געפערלעך, און עס איז ביז גאָר געפערלעך צו זוכן דעם עמעס... ווען א מענטש פאָרט אפן פראָנט זוכן דעם עמעס, קאָן ער אָנשטאָט דעם עמעס געפינען דעם טויט. נאָר אויב עס פאָרן צוועלף מענטשן און עס קערן זיך אום ניט מער ווי צוויי, וועט דער עמעס, וועלכן זיי האָבן געבראכט מיט זיך זײַן טאקע אָן עמעס און ניט אזא, וואָס איז פארקריפּלט דורך קלאנגען וועלכע מיר גיבן אָן אלס געשיכטע. צי לוינט צו ריזיקירן, אבי צו געפינען דעם דאָזיקן עמעס? — וועגן דעם זאָלן טראכטן די שרײַבער אליין"...

ווען עס איז אויסגעבראָכן די סאמע בלוטיקע און שווערע מילכאָמע, איז פאר וואסיל ביקאָוון ניט געשטאנען קיין פראגע, צי ער זאָל ריזיקירן אָדער ניט. צוזאמען מיט די מיליאָנען בירגער פון זײַן פאָטערלאנד איז ער, א זיבעצניאָריקער, אוועק אפן פראָנט, ניט כוישעד זײַענדיק, אז אים וועט זײַן באשערט אין א סאך יאָרן ארום נאָכאמאָל דורכגיין זיך איבער די מילכאָמע־וועגן. ער איז געגאנגען אף דער מילכאָמע, ניט טראכטנדיק, אז אים וועט אמאָל אויסקומען צו שרײַבן וועגן איר.

וו. ביקאָוו געהערט צום ערשטן דאָר פונעם לאנד, וואָס איז געבוירן געוואָרן נאָכן אָקטיאבער און אויסגעוואקסן אינעם נײַעם, סאָציאליסטישן לעבנסשטייגער, וועלכער האָט אויסגעפורעמט זײַן אידעאָלאָגיע, זײַן מאָראל און פּסיכאָלאָגיע. דער דאָזיקער דאָר איז געוואָרן רײַף, האָט דערצויגן אין זיך דעם זעלטן וווּנדערלעכן גײַסט פון דער צײַט — דאָס שארף אנטוויקלטע געפיל פון קאָלעקטיוויזם און סאָציאלן יושער, פּאטריאָטיזם און אינטערנאציאָנאליזם. דער ערשטער סאָציאליסטישער דאָר האָט בארעכטיקט די האָפענונגען, וועלכע דאָס לאנד האָט אף אים געלייגט: אין די שווערסטע יאָרן האָט ער קיין זאך ניט געשאנעוועט פארן היימלאנד, איז גרייט געווען צו צאָלן א באליביקע פרײַז פארן זיג, און לויט די מאָסן פון יענער אומגעהערטער מילכאָמע איז דאָס געווען זייער א הויכע פרײַז.

פון די פראָנטאָוויקעס, וועלכע זײַנען געבוירן געוואָרן אין צוויי־און־צוואנציקסטן און פיר־און־צוואנציקסטן יאָר, זײַנען לעבן געבליבן סאכאקל דרײַ פראָצענט. אזוי זאָגט די סטאטיסטיק. פון וואסיל ביקאָווס ווערק דערוויסן מיר זיך, אז פון אכציק קורסאנטן האָבן זיך אומגעקערט לעבעדיק פיר. קימאט אלע זײַנע כאווירים, וועלכע זײַנען צוזאמען מיט אים אוועק אפן פראָנט, זײַנען אף אייביק פארבליבן יונגע, זיי זײַנען דערהארגעט געוואָרן הינטער מאָסקווע און רזשעוו, געפאלן מיט א העלדנטויט אין די ערשטע שאָען אף דער גרענעץ און אין די לעצטע מינוטן אין בערלין און אין פראָג, אפן לאנגן מילכאָמע־וועג, ווו יעדער איינער פון די 1418 טעג האָט אָפּגעקאָסט בלוט און לעבנס. „זייערע סאָלדאטישע פּאָגאָנעס, זייערע ווונדן, די האָספּיטאלן, ווו מע האָט זיי געראטעוועט פון טויט, ווידער זייערע ווונדן און לעסאָף די נאָמענלאָזע קוואָרים אונטער אף גיך פארשאָטענער ערד..." די דאָזיקע געפּרעסטע שורעס פון א צווייטן שרײַבער — וו. גאָנטשאראָוון — נעמען ארײַן אין זיך אויך דעם פראָנט־וועג פון וואסיל ביקאָוון, וועמענס נאָמען איז א לאנגע צײַט געווען אויסגעקריצט אפן אָבעליסק פון א ברודער־קייווער הינטער קיראָוואָגראד. ער איז פארבליבן לעבן אלפּי־נעס.

מע דארף אונטערשטרײַכן, אז ווען אף די פראָנטן איז געוואָרן שטיל, האָבן ניט וו. ביקאָוו און יו. באָנדארעוו, ניט ג. באקלאנאָוו און וו. באָגאָמאָלאָוו, ניט א. אנאניעוו און יע. נאָסאָוו און די אנדערע פראָנטאָוויקעס ניט גענומען זיך גלײַך שרײַבן וועגן דעם, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט אף דער מילכאָמע. זיי האָבן זיך גענומען דערצו ערשט אין יאָרן ארום. דאָס לאָזט זיך דערקלערן און האָט זײַנע סיבעס. עס איז פּאָשעט שווער געווען מיטאמאָל אומקערן זיך פּסיכאָלאָגיש אהין, ווו ס'האָט געשטורעמט מיט פײַער און פונוואנען זיי זײַנען נאָרוואָס געקומען. זייערע הערצער זײַנען געווען צו פארסמאליעט פון דער מילכאָמע, עס איז נאָך פריש געווען דער טינט אף די „פּאָכאָראָנקעס" אין די שטיבער פון זייערע יוגנט־פרײַנט, די ערד גופע האָט זיך נאָך ניט אראָפּגעזעצט אף די קוואָרים פון זייערע פראָנט־כאוויירים. „ביכלאל האָט זיך אף דער מילכאָמע און אפילע א לאנגע צײַט נאָך דער מילכאָמע, — שרײַבט וו. ביקאָוו אליין, — ניט געוואָלט ניט בלויז שרײַבן, נאָר אפילע לייענען וועגן איר".

די, וואָס האָבן דורכגעמאכט די מילכאָמע, און צווישן זיי די שוין באוווּסטע מײַסטערס פון דער מילכאָמע־פּראָזע, האָבן טייקעף אָפּגעשאצט אין וו. ביקאָווס ערשטע דערציילונגען די ריכטיקײַט פון די געפילן, די פּינקטלעכקײַט פון די פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען, די זאכלעכקײַט פונעם מילכאָמע־שטייגער — פון דעם אלעם, וואָס מע באקומט דורך פּערזענלעכער דערפארונג.

מיט דעם טיילט זיך אויס דאָס בעסטע, וואָס עס האָבן געשאפן די אומיטלבארע אָנטיילנעמער פון דער מילכאָמע. די פראָנט־דערפארונג, א דערפארונג א מוטיקע און א ביטערע,

איז געווען ניט בלויז א טיף באזיניקטע, נאָר אויך א געקייפלטע אפּן שרײַבערישן טאלאנט, וואָס האָט זי איבערגעגעבן אין א קינסטלערישער פאָרם. אומגערן דערמאָנט מען זיך, אז ביזן ראָמאן „קריג און פרידן“ («Война и мир») זײַנען געווען די „סעוואסטאָפּאָליער דערציילונגען“. די פערזענלעכע שלאכט־דערפארונג פונעם ארטילערישן פּאָרוטשיק, וועלכער האָט אָנטיילגענומען אין דער סעוואסטאָפּאָליער שוץ, איז אָרגאניש ארײַן אין די באשרײַבונגען פון די אנדערע געשעענישן, אין די שילדערונגען וועגן אן אנדער צײַט און אן אנדער עפּאָכע.

וו. ביקאָווס דערציילונגען זײַנען אינטערעסאנט דערמיט, וואָס אין זיי זײַנען די געדאנקען, געפילן, געשטאלטן אבסאָליוט אייגענע, ניט נאָכגעמאכטע.

די אומיטלבארקײַט פון פערזענלעכן אָנטייל אין דער סאמע שווערער און סאמע געררעכטיקער מילכאָמע האָבן אין טאָך א גוואלדיקע ווערט. וואָס טיפער אין דער געשיכטע עס גייט אוועק די מילכאָמע, אלץ א גרעסערע באדײַטונג באקומט זי פארן ליטערארישן פּראָצעס, און ניט בלויז פארן ליטעראַרישן. איבערפראזירנדיק לענינס באוווּסטן אויסדרוק, קאָן מען זאָגן, אז די מילכאָמע־פּראָזע, וואָס אין איר יעסאָד ליגט די דערפארונג פונעם דירעקטן אָנטייל, איז ניט בלויז אָנגעשריבן, נאָר בעעמעס אויסגעליטן דורך די פיר יאָר אומגעהערטער אָנשטרענגונג פון אלע גײַסטיקע און פיזישע קויכעס, פון דער גרעסטער מעסירעסנעפעש און אומגעזעענעם הערויִזם.

איינער פון די כאראקטער־שטריכן פון וו. ביקאָווס דערציילונגען באשטייט דערין, וואָס צוזאמען מיטן באשרײַבן די היסטאָרישע בילדער, מיטן קלאָר מאכן דעם פארטיפטן פּסיכאָלאָגיזם, מאכט ער קלאָר די מאָראלישע רעסורסן פונעם מענטשן אין די סאמע קריטישע סיטואציעס. נעמט, אשטייגער, אזא פאקט. שפּעט אין טיפן הארבסט פון 1941 האָט דער לייטענאנט איוואנאָווסקי אופגעריסן מיט א גראנאטע זיך זעלבסט און דעם דײַטש, וואָס האָט געפירט אן אָבאָז. ער איז אָבער ניט ארײַנגעפאלן און ניט געקאָנט ארײַנפאלן ניט אין די פּאָליטישע מיטיילונגען, ניט אין די קאָרעספּאָנדענצן, ניט אין דער סוואָדקע פון סאָווינפּאָרמביוראָ.

אין דרײַ צענדליק יאָר ארום אָבער איז דער פאקט, אלס איינער פון די טויזנטער פראָנט־עפּיזאָדן, געוואָרן אן אָביעקט פון טיפסטער קינסטלערישער פאָרשונג, און דער לייטענאנט איוואנאָווסקי — דער הויפּט־העלד פון איינער פון די שענסטע דערציילונגען פון וו. ביקאָוו „דערלעבן ביזן פרימאָרגן“. און דאָס איז אויך געזעצמעסיק, ווײַל מיר דארפן באזיניקן וואָס טיפער אלע גרויסע און קליינע קוועלן, וועלכע האָבן גענערט אונדזער זיג. און אלץ, וואָס האָט דערנענטערט דעם נײַנטן מײַ, האָט געמוזט אויסגענוצט ווערן סײַ דורך דעם טאלאנט פונעם קינסטלער, סײַ דורך אונדזער זיקאָרן.

אפן אומבאוווּסטן וועג, אפן וועג, וואָס פירט קיין מאָסקווע, האָט דער לייטענאנט איוואנאָווסקי געמאכט זײַן לעצטן בײַטראָג אין נאָמען פון זײַן סאָלדאטישן כויוו. „ער ווערט, פארשטייט זיך, פארשווינדן, איצט איז אים פארבליבן געציילטע סעקונדעס, נאָך וועלכע עס וועט קומען די גרויסע באַרויִקונג... עס בלײַבן אָבער לעבן אנדערע... נאָר ווער ווייסט, צי זייער גורל איז ניט אָפּהענגיק פון דעם, וויִאזוי עס וועט שטארבן אף דעם דאָזיקן וועג דער צוויי־און־צוואנציקיאָריקער וזוואָד־קאָמאנדיר לייטענאנט איוואנאָווסקי“.

דער לייטענאנט איוואנאָווסקי איז א סאָלדאט פונעם איין־און־פערציקסטן יאָר, אָבער אָן די מיליאָנען באוווּסטע און אומבאוווּסטע העלדנטאטן פונעם ערשטן מילכאָמע־יאָר וואָלט ניט געווען אויך דאָס לעצטע יאָר פון דער מילכאָמע. די היסטאָרישע דיסטאנץ פון דער צײַט „דערווײַטערט“ ניט די געשעעניש, נאָר גיט איר צו א פילאָסאָפישן פארנעם, ארײַנעמענדיק זי אין די אלגעמיינע מאסשטאבן פון מילכאָמע, זיג און עפּאָכע.

דער פילאָסאָפישער זין פון וו. ביקאָווס ווערק איז ניט אין די אפאָריזמען, וועלכע פרעטענדירן אף א טיפן געדאנק, ניט אין דעם אווטאָרס אָפּווײַכונגען, נאָר אינעם עצעם גאנג פון די געדאנקען, געפילן און האנדלונגען פון זײַנע העלדן, אין יענער קאָנקרעטער אטמאָספער, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט און מילכאָמע געהאלטן. די דאָזיקע אטמאָספער גיט איבער דעם אלפאָלקישן כאראקטער פון דער מילכאָמע, ווו עס איז געלייזט געוואָרן די פראגע — לעבן צי ניט, זי גיט איבער אויך די הערויִשקײַט און די טאָגטעגלעכקײַט פון אירע גרויסע און הארבע וואָכנטעג. דאָרט האָבן געקלונגען ניט קיין פילאָסאָפישע סענטענצן, נאָר באפעלן פון קאָמאנדירן. די שענסטע געדאנקען זײַנען געבוירן געוואָרן ניט אין געמיטלעכע ביבליאָטעק־זאלן, ניט אין דער שטילקײַט פון קאבינעטן, נאָר אין די טראנשייען און אין די זעמליאנקעס. די אייביקע פּראָבלעמען — לעבן און טויט, מענטשלעכער כויוו, די גרענעצן פון דעם, וואָס איז מעגלעך און וואָס איז אומעגלעך, זײַנען קלאָר געוואָרן אין די גרויסע און אומקאָמפּראָמיסלעכע מילכאָמע־באדינגונגען.

די מילכאָמע האָט פאַרשאַרפט די מענטשלעכע געפילן און געדאַנקען, אַנטבלויזט די כאַראַקטערן און האַנדלונגען. די מילכאָמע האָט צונויפגעפּרעסט די צײַט, דערנענטערט און, מע קאָן אַפילע זאָגן, צונויפגעשמאָלצן דאָס וואָרט און די אַרבעט, די אידיי און די האַנדלונג, ווײַל דער אײַנרײַס אָדער די ניט־אַנטשפּרעכיקײַט צווישן זיי ווערט קלאָר ניט אין מעשעך פון יאָרן און אַפילע כאַדאָשים, נאָר זייער אָפט פאַר איין טאָג, פאַר איין שאָ, אָדער אַפילע פאַר איין מינוט.

אינעם קעהערעף־אַין פון דער ערשטער און לעצטער בליץ־שלאַכט פּאַסט זיך צוזאָמאַל אַרײַן דער גאַנצער פראָנט־וועג פונעם סאָלדאַט, וואָס האָט אַרײַנגענומען אין זיך סײַ די ערשטע שרעק, סײַ דאָס בײַקומען די שרעק, סײַ דעם אויסגעפילטן כויוו, סײַ דעם געזעגענונגס־סאַליוט באַם ברודער־קייווער. די דאָזיקע בליץ־שלאַכט אָבער האָט לויט דער אינטענסיוויקײַט פון די איבערלעבונגען, לויטן אָנגלי פון די געפילן אַרײַנגענומען אין זיך אַזויפיל, אַז עס וואָלט גע־קלעקט אַף אַ לאַנג לעבן.

דאָרט, וווּ פאַר די אויגן טראָגט זיך דער טויט, דאָרט ווערט דאָס לעבן אופגענומען מיט אַ באַזונדערס שאַרפן געפיל. „עס איז געגאַנגען די מילכאָמע, עס זײַנען אומגעקומען הונ־דערטער טויזנטער מענטשן, ס'האָט זיך געדוכט, אַז דעם מענטשנס לעבן האָט פאַרלוירן זײַן געוויינלעכע פרײַז. עס ווערט געשאַצט בלויז לויט דעם, וואָס פאַר אַ שאָדן עס האָט פאַרשאַפט דעם סוינע. און פונדעסטוועגן האָט וואָלאָשין, אַליין אַ סאָלדאַט, אַף וועמען דער טויט לאָ־קערט יעדע שאָ, בעפיירעש געפילט, אַז די גרעסטע ווערט אַף דער מילכאָמע האָט פונדעסט־וועגן דעם מענטשנס לעבן. און וואָס מער דער מענטש פאַרמאָגט אין זיך עכט מענטשלעכס, אַלץ וויכטיקער איז פאַר אים זײַן אייגן לעבן און די לעבנס פון די מענטשן אַרום אים. ווי טײַער אָבער עס איז ניט געווען דאָס לעבן, זײַנען פאַראַן זאַכן, וואָס שטייען העכער פונעם לעבן, אַפילע ניט קיין זאַכן, נאָר באַגריפן, וואָס, אַריבערטרעטנדיק איבער זיי, פאַרלירט דער מענטש טייקעף זײַן פרײַז, ער ווערט אַן אָביעקט פון פאַראַכטונג מיצאַד די נאָענטע און עפּ־שער אַ צו שווערע מאַסע פאַר זיך זעלבסט“.

יעדער מענטש איז „באַ דער צײַט אין געפאַנגענשאַפט“. די מילכאָמע האָט אוועקגע־שטעלט פאַר דער צײַט אירע האַרבע גרענעצן. פאַר די מיליאָנען אַנטיילנעמער אין איר איז די האָפענונג צו אומקערן זיך אַהיים געוואָרן אַ פּוסטע פאַנטאַזיע. זי האָט אָבער ניט געקאָנט שטעלן קיין גרענעצן פאַר דעם, וואָס האָבן שוין אָפּגעטאָן די געפאַלענע און די לעבעדיקע דעמלט, אין איין־און־פערציקסטן און אין פינף־און־פערציקסטן.

דער דעראָבערטער זיג איז ניט געוואָרן קיין מוזיי פון רעליקוויעס. דאָס איז געווען אַ לעבעדיקער זיג, וואָס אַדאַנק אים האָט זיך ניט איבערגעריסן דער לעבעדיקער פאָדעם פון דער געשיכטע און פונעם פּראָגרעס פון דער מענטשהײַט. דאָס איז געווען ניט בלויז אַ זיג פון אונדזער געווער, דאָס איז געווען אַ זיג פון די אידייען, וואָס לעשעם זיי האָבן זיך גע־שלאָגן די סאָוועטישע מענטשן, אַ זיג פון דער אידעאָלאָגיע און מאָראַל פון דער סאָציִאַליסטי־שער אָרדענונג איבער דעם פאַשיזם, וועלכער האָט טאָטאַל אָפּגעלייקנט אַלע גײַסטיקע און מאָראַלישע ווערטן, אַ זיג פונעם הומאַניזם איבער דעם מענטשן־האַס, פונעם סאָוועטישן פּאַט־ריִאָטיזם און אינטערנאַציִאָנאַליזם איבערן פאַשיזם.

„מאָראַליש, — ניט פאַרשטייענדיק, נאַטירלעך, דעם דאָזיקן געדאַנק פון שטאַנדפּונקט פון אַבסטראַקטער מאָראַל, נאָר פאַרשטייענדיק אים אַלס קעגנזײַטיקע באַציִונגען צווישן די רעאַלע קרעפטן פון אַלע קלאַסן און אַלע מעלוכעס, — האָט לענין געשריבן נאָך דער אָקטיאַבער־רע־וואָליוציע, — זײַנען מיר שטאַרקער פון אַלעמען. דאָס איז אויסגעפּרוווט געוואָרן אין דער פּראַקטיק, דאָס ווערט דערוויזן ניט מיט ווערטער, נאָר מיט מײַסים. דאָס איז שוין איין מאָל דערוויזן געוואָרן, און אויב די געשיכטע וועט אַף אַ געוויסן אויפן זיך אומקערן, וועט דאָס דערוויזן ווערן ניט איין מאָל“.

די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע האָט מיט דער זעלבער אויסערגעוויינלעכער קראַפט, וועלכע קאָן האָבן אַן אָרט גראָד אין אַ צײַט פון ניסיוינעס, באַוויזן ניט מיט ווערטער, נאָר מיט מײַסים, מיטן מאַסן־העראָיִזם אַפן פראָנט, מיט דער אַלץ בײַקומענדיקער מי אין הינ־טערלאַנד, — באַוויזן, — אַז מיר זײַנעןווירקלעך מאָראַליש „שטאַרקער פון אַלעמען“. די גוואַלדיקע קראַפט פון מאָראַלישן גײַסט, וועלכער איז געבוירן געוואָרן דורך פאַרטיידיקן די גערעכטע זאַך, איז געשילדערט אין אונדזער מילכאָמע־פּראָזע. און דאָס האָט, באַ דער גאַנ־צער טראַגישקײַט פון דער סיטואַציע, באַוויזן, אַז זי איז אַן אָפּטימיסטישע ליטעראַטור, פול מיט גלויבן אינעם סאָוועטישן מענטשן, אין זײַן ווירדע און מוט, אין זײַן פייִקײַט אויסצו־האַלטן שווערע ניסיוינעס און בלײַבן דער זיגער.

אינעם ווערק „די קרוגליאַנסקער בריק“, ווו עס ווערן געמאָלט, ווי פאַרשיידענע מאָראַלישע איינשטעלונגען קומען אין א באַזונדערס שאַרפן צוזאַמענשטויס, איז פאַראַן א קליינער, נאָר זייער א כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד, וואָס וואַרפט א העלע שיין אויף דער מאָראַלישער פילאָסאָפיע אין דער שאַפונג פונעם שרייבער. ביים א פאַשיסטישער אונטערזוכונג איז פון זיין באַהעלטעניש אַרויס אויף א זיכערן טויט דער קאָמבריג פּרעאָבראַזשענסקי, קעדיי פּרוּוון ראַטעווען די מענטשן, וועלכע זאָגן זיך אָפּ צו קויפן דאָס לעבן פאַרן פּרייז פון פאַראַט. מע קאָן עס פאַרשטיין אַזוי, ווי דאָס האָט פאַרשטאַנען בריטאַווין — אַז פּרעאָבראַזשענסקי איז „א גוטהאַרציקער קאָמבריג“. דאָ איז אָבער געווען אויך אַן אַנדערע, א העכערע לאָגיק.

„צי וויסטו, — האָט, א טראַכט טוענדיק, געזאָגט מאַסלאַקאָוו, — דאָס איז א פראַגע פון געוויסן. איינער האַלט, אַז מעג די גאַנצע וועלט גיין קאַפּעקאַל, אַבי ער זאָל זיך אַרויסדרייען, דער אַנדערער האַלט, אַז אַלץ דאַרף גיין לויטן געוויסן“...

די האַנדלונג פונעם קאָמבריג איז געווען ניט קיין פּריוואַטער פאַל. זי האָט באַוויזן דאָס מאָראַליש־פּאָליטישע פּאָנעם פון דער פּאַרטיי, וועלכע האָט גענומען אויף זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גורל פון דעם לאַנד, האָט אָנגעפירט מיטן קאַמף קעגן די פאַשיסטישע פאַרכאַפּערס און, ווי לעניִן האָט געלערנט, איז אַליין געוואָרן א קעמפערישע פּאַרטיי, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן קעמפנדיקן פאָלק.

דער מיטגליד פון אַזאַ פּאַרטיי האָט ניט געקאָנט ניט טיילן דעם גורל פון יענע, וועלכע האָבן אים געגלויבט. דורך דער פּריזמע פון אַזאַ „געוויינלעכן“ מילכאָמע־עפּיזאָד זעט מען, וועלכע אינערלעכע קרעפטן עס האָבן גענערט די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג, וואָס האָט געשאַפן פאַר אונדזער פּאַרטיי א קאָלאָסאַלן מאָראַלישן אויטאָריטעט, אַזוי אַז דאָס וואָרט פונעם קאָמוניסט איז געווען שטאַרקער פון אַלע באַפעלן.

עס זיינען שוין לאַנג אַוועק פונעם לעבן סיי דער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר וואָלאָשין, סיי דער לייטענאַנט איוואַנאָווסקי, סיי סאָטניקאָוו. דורכן פּאָרהאַנג פון דער צייט איז אָבער דערגאַנגען צו די לעבעדיקע דער לעצטער בליק פון א מענטשן א מינוט פאַרן אויספילן איבער אים דעם טויט־אורטייל, ביים ער האָט א קוק געטאָן אויף א יינגעלע פון א יאָר צוועלף. „האָבנדיק אינגיכן איבערגעכאַפּט דעם בליק פונעם יינגל, האָט סאָטניקאָוו דערפילט אין אים אַזויפיל גרענעצלאָזן ווייטעק און אַזויפיל מיטגעפיל, אַז ער האָט זיך ניט איינגעהאַלטן און בלויז מיט די אויגן א שמייכל געטאָן צו אָט דעם יינגל: האַלט זיך, ברודערקע“... און די צוויי בליקן, וועלכע האָבן זיך געטראָפן, וואַרפן אַריבער א בריק פון יענעם „וויטן ברעג“ אויף דעם איצטיקן ברעג, ניט דערלאָזנדיק, עס זאָל זיך איבעררייסן די פאַרבינדונג פון די צייטן.

אין דער דערציילונג זיינען באַזונדערס רעליעף און פול קלאָר געוואָרן אַזעלכע כאַראַקטער־שטריכן פונעם שרייבערס שעפערישן סטיל, ווי די שטרעבונג צו באַווייזן די דיאַלעקטיק פונעם מענטשנס געשטאַלט, אירע מאָראַלישע קוועלן און די פייַנסטע פּסיכאָלאָגישע ניואַנסן, באַזינגיקן דעם קאַמף צווישן לעבן און טויט אויף דער מילכאָמע און די אומשטערבלעכקייט פונעם העלדנטאַט, ניט בלויז מאָלן די מייַסים און האַנדלונגען, נאָר אויך קלאָר מאַכן די אינערלעכע פּרוזשינעס, די אידייִש־מאָראַלישע, פּסיכאָלאָגישע סיבעס, וועלכע רופן אַרויס די דאָזיקע האַנדלונגען; פעסטשטעלן דאָס באַוווסטזיניקע און אומבאַוווסטזיניקע אינעם מענטשנס פּסיכיק, ווען ער, דער מענטש, געפינט זיך פאַר זיין לעצטן אויסוואַל; קינסטלעריש אויספאָרשן די אינערלעכע מאָטיוון, וועלכע ברענגען דערצו, אַז איינער שטעלט העכער זיין סאָלדאַטישן און מענטשלעכן כויוו (זיי גיסן זיך צונויף צוזאַמען) און דער צווייטער וויל אום יעדן פּרייז בלייבן לעבן, דערפירנדיק צום אומקום יענע, מיט וועלכע ער האָט ערשט נעכטן געפונען זיך אין איינע רייען. די אָנגעשטרענגטע זוכעניש פון ענטפערס אויף די דאָזיקע אייקער־פראַגן גיט צו וו. ביקאָווס שאַפונג אַן עכטע סאָציאַל־פילאָסאָפישע ריכטונג.

אין איר זייטלעכן אַספּעקט האָט די פּראָזע, וואָס איז געווענדט צו דער פאַרגאַנגענער מילכאָמע, א באַדייטונג פאַר אַלע צייטן. מיר האָבן ניט קיין צוויי מאָראַלן — איינע פאַר דער מילכאָמע־צייט, די צווייטע פאַרן פרידלעכן לעבן. די איינהייט פון אונדזער מאָראַל, די אינערלעכע פאַרבונדנקייט פון דעם היינטיקן טאָג און דעם מאָרגעדיקן טאָג אַנטפּלעקט זיך באַזונדערס קלאָר, אויב מע זאָל זיך ווענדן צו וו. ביקאָווס גרעסערער דערציילונג, וואָס איז לאַכלוטן ניט קיין מילכאָמע־ווערק, „דער אָבעליסק“. דאָרט ווערן קעגנגעשטעלט פאַרשיידענע וועלט־אויפֿאַסונגען, און דער זיג איז א סאַכאַקל פון דעם מאָראַליש־פּסיכאָלאָגישן קאַמף צווישן די קעגנזעצלעכע לעבנס־ווערטן. אָבער אויך דעם זיג פונעם געווער קאָן מען זיך ניט פאָרשטעלן אָן פעסטע אידייִש־זיטלעכע פּאָרהאַנאָכעס, ווייל אייַזן קאָן ניט צעשמעטערן מאָראַל, וואָס איר יעסאָד זיינען עכטע הומאַנע און יוישערדיקע פּרינציפּן. דאָס באַשטעטיקט מיט זיין

לעבן דער באַשיידענער לערער מאַראַז, וואָס ער „האָט אופגעטאָן מער, איידער ער וואָלט דערהאַרגעט הונדערט“.

די מאָראַלישע אופגאַבן, וועלכע ס'לייזן די העלדן פון דער מילכאָמע־פּראָזע, עקזיסטירן אַזוי אָדער אַנדערש, אין דער אָדער אַנדערער פאָרם, ענדערנדיק זיך אָדער טראַנספאָרמירנ־דיק זיך אין אַ נייַעם געזעלשאַפטלעכן קאָנטעקסט, אין אַן אַנדער קער פון דער צייַט און פון די געשעענישן פונעם הייַנטיקן לעבן. דעריבער זייַנען ווי. ביקאָווס דערציילונגען הייַנטצייַטיק אין טיפסטן און פינקלעכסטן באַטייַט פון דעם דאָזיקן באַגריף.

דערוף לוינט צו לייגן אַכט, ווייַל מע קאָן אַמאָל הערן אַ כקירע פון אַזאַ מין, אַז עס איז בכלאַל שווער צו זאָגן, ווער פון די פּערסאָנאַזשן איז אַ „פּאָזיטיווער“, ווער — אַ „נעגאַטי־ווער“; מענטשן זייַנען מענטשן מיט אַלע זייערע פּליוסן און מינוסן, מענטשן קאָן מען ניט פאַנאַנדערשטעלן אויף די פּאָליצעס.

אַזעלכע געדאַנקען באַקומען אָפט אויך אַ העכערע פילאָסאָפישע באַגרינדונג. אין איינער פון די סאָציאָלאָגישע אַרבעטן זייַנען אַלס אַ כאַראַקטעריסטישער בייַשפּיל פון „סכעמאַטיש דענקען“, וואָס איז אייגנטימלעך די „קאָלעקטיווע פאָרשטעלונגען“, אָנגערופן געוואָרן די „פאַרייניפאַכטע פאָרמולעס“ פונעם טיפּ „פרייַנט — סאָנים“, „גוטער — שלעכטער“ אאַוו. עס איז פאַרשפּאָרט צו ריידן, ווי מאָדנע אַזאַ קריטיק וואָלט געקלונגען בענעגייע די סיטואַציעס, וועלכע זייַנען געבוירן געוואָרן דורך דער מילכאָמע, ווו יעדע מאָראַלישע פאָרם פון אַרויס־דרייען זיך און פון אומבאַשטימטקייַט האָבן אומפאַרמייַדלעך געפירט צו פאָלגן, וועלכע לאָזן זיך ניט אופשטעלן אין זייער ערשטיקער פאָרם.

מע מעג אוואַדע זייַן זיכער, אַז אַזעלכע האַנדלונגען זייַנען דיקטירט דורך דער שטרע־בונג צו אָפּגרענעצן זיך ראַדיקאַל פונעם סאָציאָלאָגישן פּרימיטיוויזם, דורך דער מוירע צו פאַרייניפאַכן די רעאַלע לעבנס־קאָליזיעס מיט זייערע פילאַרטיקע ניואַנסן. און דאָס איז אין אַלגעמיין אַ ריכטיקער געדאַנק, אויב מע זאָל נאָר ניט אַרויסלאָזן פון אויג, אַז די פליסיקייַט, די באַוועגלעכקייַט פון די קאַטעגאָריעס טאָר מען ניט דערפירן צום אַבסאָליוטן רעלאַטיוויזם פון די מאָראַלישע אָפּשאַצונגען דאַן, ווען מע קאָן שוין ניט זאָגן עפּעס באַשטימט, ווען עס ווערן אָפּגעווישט אַלע גרענעצן צווישן די פּאָליאַרע קעגנזעצלעכקייַטן.

די אָפּוועזנהייַט פון אַ שטרענגער באַשטימטקייַט אינעם דענקען, ווען דער אויסוואַל איז באַגרענעצט דורך איין באַטייַט, עס פעלט פינקטלעכקייַט פון די אידייִש־זיטלעכע אָריִענ־טירן, — דאָס אַלץ קאָן דערפירן צום באַגרינדן דעם מאָראַלישן אָפּאָרטוניזם אין די קאָלערליי דריידלעך אין סיטואַציעס און אומשטענדן, וועלכע פאָדערן אומקאָמפּראָמיסלעכע לייזונגען, קלאָרקייַט פון די לעבנס־פּאָזיציעס. די מילכאָמע האָט דאָס באַוויזן מיט אומדערבאַרעמדיקער קלאָרקייַט.

מע דאַרף דערצו באַמערקן, אַז די אַמאָרפישקייַט, צעשוווּמענקייט פונעם באַוווסטזייַן, די מאָראַלישע ניט־איבערקלייַבערישקייַט און די פאָרמען פון פּרינציפּלאָזער אופירונג, וועלכע דרינגען דערפון אַרויס, זייַנען אויף קיין האָר ניט בעסער פון פאַרייניפאַכונג און פּרימיטיוויזם, און עס וואָלט געווען ניט וויניקער געפערלעך צו שטעלן אַ גלייַכצייכן צווישן זיי און באַ־שטימטע לעבנס־פּרינציפּן מיט קלאָרע פערזענלעכע אייַנשטעלונגען. יעדנפאַלס, וואָלט אַזאַ גלייַכצייכן געדינט, ווי עס דוכט זיך, אַלס אַ רעאַביליטאַציע פון די ניט בעסטע מאָראַלישע כאַראַקטעריסטיקעס.

העגעל האָט אַמאָל באַמערקט, אַז פון שטאַנדפּונקט פון אַ קאַמערדינער קאָנען גרויסע מענטשלעכע אופטוען בכלאַל ניט האָבן קיין אָרט אין לעבן. עס לאָזט פאַר זיי ניט איבער קיין אָרט אויך דער מאָראַלישער רעלאַטיוויזם, וועלכער באַקומט זייַן לאָגישע און פּראַקטישע פאַרענדיקונג אין ציניזם, „פרייַהייַט“ פון יעטווידע מאָראַלישע פּרינציפּן אין געוויסנלאָזן געוויסן, אויב זאָגן דאָס אין צוויי ווערטער.

און פונדעסטוועגן זייַנען די אָביעקטיווע פּרינציפּן פונעם עצעם לעבן געווען און פאַר־בליבן גענוג באַשטימטע, אַז מע זאָל קאָנען אונטערשיידן סייַ טעאָרעטיש, סייַ, דעריקער, פּראַקטיש „גוטס“ און „שלעכטס“, ניט פּלאָנטערן „פרייַנט“ מיט „פייַנט“, ניט ריזיקירנדיק דערבייַ אַרייַנצופאַלן אינעם „סכעמאַטיזם פון דענקען“ און פון „פאַרייניפאַכן“. אַ ביז גאָר באַלערעוודיקע מאָראַלישע לעקציע גיט די געשיכטע פון די צוויי פּערסאָנאַזשן אין דער דער־ציילונג „דער אָבעליסק“ — פון סאָטניקאָוון און ריבאַקן.

מענטשן ווערן ניט געבוירן קיין קאָלעקטיוויסטן אָדער אינדיווידואַליסטן, ניט קיין סאָלדאַטן און העלדן, ניט קיין פאַררעטער און ניט קיין אָנטיילנעמער פון שטראָף־אָטריאַדן. אַזעלכע ווערן זיי איבער פולשטענדיק באַשטימטע סיבעס און מאָטיוון, וועלכע מע קאָן פּינקט־לעך אַנאַליזירן סאָציִאַל און קינסטלעריש.

די ערשטע זײַטלעך פון דער דערציילונג זאָגן גאָרנישט ניט פאָרויס, מיט וואָס עס וועט זיך פאַר סאָטניקאָוון און ריבאַקן ענדיקן זייער לאַנגער, שווערער טאָג. ס'איז גאָרנישט ניט באַוווּסט פאָרויס, קאָלזמאַן בא ריבאַקן באַווײַזט זיך ניט „אַן אומבאַשטימט פאַרדראָסיק פאָרויסגעפיל, אַז אָט דער סאָטניקאָוו קאָן, כאָלילע, דערפירן צו אַן אומגליק ביידן. אָט דער שטראָם פון אומקלאָרע געפילן האָט אַלץ אָפטער אָנגעהויבן דערמאָנען וועגן זיך, פאַרשטעלנדיק צײַטנווײַז אַלע איבעריקע געפילן, דעם אומרו פאַרן אייגענעם לעבן“. דערווײַל זײַנען נאָך די אומקלאָרע וואַקלונגען פונעם געדאַנק און פון די געפילן געווען די ערשטע סייסמישע סיגנאַלן פון דעם קומענדיקן פאַראַט, סיגנאַלן, וועלכע גייען פון דער אונטערערד, פון דער אינדיווידואַליסטישער פסיכיק. די דאָזיקע סיגנאַלן זײַנען ניט דורכגעגאַנגען אָן א שפור. מע קאָן זאָגן, אַז דאָס איז געווען דער אָנהייב פונעם פינאַל, ווײַל סאָטניקאָוו האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן ביידן, וועגן דעם גאַנצן אָטריאַד, און ריבאַק האָט זיך שוין אויסגעטיילט (דערווײַל בלויז אין די געדאַנקען) פון זײַן באַגלייטער, פון אַלע איבעריקע, וועלכע האָבן געוואַרט אַף דער מעגלעכקײַט אומצוקערן זיך.

וו. ביקאָוו האָט געגעבן א סאָציִאַל־פּסיכאָלאָגישע אַנאַטאָמיע פונעם פאַראַט, פּרעפּאַרירנדיק אַלע ווינקעלעך פונעם אומלעגאַלן באַווּוּסטזײַן, וואָס האָט געלעבט אין ריבאַקן. אַזא אויפגאַבע קומט אוף אויך אין דער ליטעראַטור. מ. גאָרקי האָט בעשײַטע אָנגעשריבן א קליינע דערציילונג „קאַראַמאָרא“, ווו ער האָט באַוויזן די ענדלאָזע טיפקײַט פונעם מאָראַלישן פאַלן פון דעם פּראָוואָקאַטאָר דעם מאָסער, ניט איבערלאָזנדיק אָן אויפמערקזאַמקײַט יענע פּסיכאָלאָגישע דריידלעך און מאָראַלישע שפּיצלעך, וועלכע האָבן באַגלייט דאָס דאָזיקע פאַלן.

צוליב וואָס ווענדט זיך די ליטעראַטור צו דערשײַנונגען פון סאָציִאַלער פּאַטאָלאָגיע? קוידעמקאָל צוליב דעם, „קעדיי דעמאַסקירן און האַסן“. אַזוי האָט שפּעטער, אינעם אָפּקלאַנג אַף אַדאַמאָוויטשעס דערציילונג „אָנטיילנעמער פון שטראָף־אָטריאַדן“, געענטפערט אַף דער פראַגע וו. ביקאָוו.

איינער פון די צוויי אין דער דערציילונג „סאָטניקאָוו“ האָט אָנגענומען דעם לעצטן באַשלוס „נעמען אַלץ אַף זיך“, דער צווייטער — „א פּייִקער, א פּאַדלע“, ווי עס האָבן אים גערופן זײַנע נײַע פרײַנט, די פּאָליציײַען, איז אַרײַן אין דער גרופּע פאַרעטער, אָנטיילנעמער אין די שטראָף־אָטריאַדן, פונוואַנען „עס איז שוין ניט געווען קיין וועג צו אַנטלויפן“. און דאָס לאָזט זיך אויך דערקלערן, מע האָט באַדאַרפט פריִער דעזערטירן מאָראַליש, אין עפּעס נאָכגעבן, אין עפּעס אָפּזאָגן זיך און אַף עפּעס האָפן, קעדיי ווערן צוערשט א קאָנוואָיִר, דערנאָך אויך א טאַליען.

זײַן לעצטן וועג איז סאָטניקאָוו דורכגעגאַנגען צוזאַמען מיטן זעלבן ריבאַק, נאָר ריבאַק איז שוין געווען זײַן קאָנוואָיִר. „גייענדיק צוזאַמען, האָבן זיי זיך שוין אַרויסגעוויזן אַף פאַרשיידענע זײַטן פון דער ליניע, וואָס האָט צעטיילט די מענטשן אַף פרײַנט און סאָנים“. נאָכגעבנדיק צוערשט, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, בלויז אַף א מילימעטער, וועלנדיק אומבאַדינגט אַרויסדרייען זיך, האָט ריבאַק שוין ניט געקאָנט אַריבערטרעטן די ליניע, וועלכע האָט אים אַף שטענדיק אָפּגעטיילט פון יענע, מיט וועמען ער איז ערשט נעכטן געגאַנגען צוזאַמען. און קיין וועג אַף צוריק איז שוין ניט געווען, אַפן צוריקוועג איז געלעגן דער קאַיִן־צייכן, וואָס ווייסט ניט פון קיינע טערמינען, ווען עס זײַנען באַגאַנגען געוואָרן די פאַרברעכנס.

די מאָראַלישע אייגנשאַפטן ווײַזן זיך אַרויס און פאַרפעסטיקן זיך אינעם כאַראַקטער ערשט אין מײַסים, אינעם בײַקומען די אומשטענדן, די אייגנשאַפטן פון דער נעשאָמע, וועלכע זײַנען ניט קלאָר געוואָרן אין די פּראַקטישע האַנדלונגען און זײַנען ניט געזיכערט מיט מײַסים — דאָס איז „א זאַך אין זיך“, „אידעאַליזירטע“ פאָרשטעלונגען פונעם מענטשן וועגן זײַן אייגענעם טאָך, וועגן זײַנע אייגנשאַפטן, און בא א געוויסן זעלבסטקריטישן באַווּוּסטזײַן — א „מאָראַלישע רעפלעקסיע“ אויך וועגן די כעסרוינעס. אַזוי צי אַנדערש, זײַנען דאָס „אידעאַלע“ פאָרשטעלונגען, וועלכע דערנעענטערן זיך אין דער אָדער אַנדערער מאָס צום עמעסן טאָך. קעדיי זיי זאָלן זיך פאַרוואַנדלען אין עפּעס אָביעקטיוויזירטס, מוז מען די ווערטער באַשטעטיקן מיט מײַסים. די געדאַנקען רעאַליזירן אין האַנדלונגען.

דאָס, וואָס עס איז ניט באַשטעטיקט געוואָרן מיט מײַסים, אין רעאַלע לעבנס־סיטואַציעס, קאָן מען „אויסמעקן“ פונעם באַווּוּסטזײַן, ווי א טאָעס, וואָס דער מענטש האָט אין זיך אַליין. דאָס איז אין דעם פאַל, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן א געוויסנהאַפטיקן טאָעס, אין דעם, צי די פּערזענלעכקײַט פאַרמאָגט די אָדער אַנדערע אייגנשאַפטן, וועלכע זײַנען נאָך הײַנט ניטאָ און מע דאַרף זיי נאָך אויסאַרבעטן, אָדער, פאַרקערט, מע דאַרף זיך אָפּזאָגן פון זיי, בײַקומען זיי אינעם כאַראַקטער. אויב אָבער עס האַנדלט זיך וועגן בעקיוונדיקער צוויִעס בענעגייע צו זיך אַליין און צו די אַרומיקע, איז דאָס שוין א טיפּישער „פאַלש באַווּוּסטזײַן“.

1*

אין געוויינלעכע לעבנס־אומשטענדן קאָן מען דעם מענטשנס כאראקטער באצייכענען מיט א פונקטיר) ווײַל די אָדער אנדערע שטריכן פונעם באוווסטזײַן קאָנען פּאָשעט ניט קלאָר ווערן, ביז ווי עס וועלן ניט קומען די געהעריקע רעאלע סיטואציעס, וועלכע ווערן קאָנטראָלירט אף איבערצײַגטקײַט). אף דער מילכאָמע פארצייכנט מען מיט פונקטירן אלע ליניעס, מע לאָזט ניט איבער קיין פוסטע ערטער צווישן די פונקטיר־שטריכעלעך.

פאר וו. ביקאָווס העלדן, ווי פאר אלע מענטשן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר א ווערט, זײַנען אָרגאניש פרעמד די אויסערלעכע אפעקטאציעס און פּאָזעס, עס קערט זיי די גאל פון „פוסטע רייד", זיי ווייסן פראקטיש גוט, און זיי פילן, אז א וואָרט, וואָס שטימט ניט מיט די מײַסים, פארוואנדלט דעם מענטשן אין א גייענדיקער „סיסטעם פון פראזעס", אין יענעם געזעלשאפטלעך־געפערלעכן מענטשן־מין, וואָס האָט אין דער רוסישער ליטעראטור באקומען א פינקטלעכן און אויסדריקלעכן נאָמען — דער אויסוווּרף אף א ריכטיקן וועג. דערצו איז שווער עפּעס צוגעבן.

דעמאגאָגיע איז שטענדיק געפערלעך, אף דער מילכאָמע אָבער, אין קריטישע סיטואציעס, איז זי באזונדערס ניט דערלאָזבאר. די ווערק פון דער מילכאָמע־פּראָזע זײַנען אָנגעזאפּט מיט ברענענדיקן ווידערגעפיל צו דער פסיכאָלאָגיע און צו דער לעבנס־פילאָסאָפיע פון יענע, וואָס, פארמאסקירנדיק זיך מיט א מעליצעדיקער פראזע, האָבן זיי פארמאָגט א וווּנדערלעכע פייִקײַט — בא דער מינדסטער דערנעענטערונג פון א געפאר פארוקן זיך „אין צווייטן עשעלאָן", און שוין דאן, ווען די געפאר איז אויסגעמיטן, ארויסווײַזן זיך אלס די סאמע הייסע פארטייִדיקער פונעם „ריכטיקן וועג". דאָ איז צום פלאץ דערמאָנען, מיט וויפל פאראכטונג לענין האָט זיך באצויגן צו אזעלכע לײַט. ניט איין מאָל האָט ער געוואָרנט, אז „מענטשן אָן שום פרינציפּן" זײַנען פייִק אף אלץ.

שוין אין דער דערציילונג „די דריטע ראקעטע" האָט וו. ביקאָוו באוויזן, ווי טײַער ס'האָט אָפּגעקאָסט יענע, וועלכע האָבן געהאט דעם אומגליק צו זײַן א געוויסע צײַט צוזאמען מיט אזעלכע מענטשן. די זיטלעכע אומקאָמפּראָמיסלעכקײַט צום אויסנוצן ריכטיקע ווערטער צוליב ניט ריכטיקע צילן, דאָס פארשארפטע און פארהארטעוועטע פראָנט־געפיל און די פראָנט־דערפארונג זײַנען א פרינציפּיעלער שטריך פון דער שאפונג פון וו. ביקאָוו און פון די שרײַבער, וועלכע זײַנען נאָענט צו אים לויט דער שעפערישער ביִאָגראפיע.

די מילכאָמע האָט זיך שוין לאנג געענדיקט. אירע זיטלעכע לעקציעס אָבער, די מאָראלישע דערפארונג אירע האָבן ניט פארלאָרן זייער לעבעדיקן אינהאלט. די פרינציפּן פון יענע פלאמיקע יאָרן האָבן באקומען א נײַעם זין אין אונדזער צײַט, ווען ס'איז אויסגעוואקסן דער אינטערעס צו די זיטלעכע זײַטן פונעם לעבן.

די סאמע פינקטלעכסטע און ריכטיקסטע סאכאקלען פון דער ליטערארישער אנטוויקלונג פירט פעסט אונטער די צײַט. שטרענגער, ריכטיקער קלײַבט די צײַט אָפּ מיט היסטאָרישער פארינטערעסירטקײַט און גלײַכצײַטיק מיט אָביעקטיווער אופריכטיקײַט אלץ, וואָס איז לעבנס־פייִק, טאלאנטפול, קינסטלעריש ווערטפול, באזײַטיקט דאָס טויט־געבוירענע, דאָס קוסטארישע און אָנגעטראָגענע מיצאד דער קאָניונקטור. ניט זעלטן טרעפט אזוי, אז דאָס, וואָס אין דער קריטיק טראָגט דעם כאראקטער פון א שטרײַט, ווערט געלייזט דורך א לעבעדיקער, פרוכט־בארער אנטוויקלונג פונעם ליטערארישן פּראָצעס.

איצט, ווען אינעם געזעלשאפטלעכן באוווסטזײַן זײַנען ארײַן אזעלכע ווערק, ווי „דער גורל פון א מענטשן" און „מאלאיא זעמליא", איז באזונדערס באשײַמפערלעך די קנאפּע פּראָדוקטיווקײַט פון דעם שרײַענדיקן אנטקעגנשטעלן די „צוויי עמעסן" וועגן דער מילכאָמע, דעם שפּאן ערד — קעגן דעם פראָנט־פלאצדארם, די צווייקילאָמעטערדיקע מאפּעס — קעגן די סכעמעס פון גרויסע אָפּעראציעס. פונעם שטאנדפּונקט פון די ענדגילטיקע רעזולטאטן האָט אזא קעגנשטעלונג ווייניק וואָס געגעבן דעם לייענער, זי האָט געפירט צום קעגנשטעלן איינע שרײַבער קעגן אנדערע. דעריבער זײַנען אלס מאָס פונעם מאסשטאב אף צו זען די געשיכטע און די מילכאָמע צומאָל גענומען געוואָרן ריין אויסערלעכע סימאָנים פון די געשעענישן און ניט די טיפקײַט פון דעם היסטאָריש־פילאָסאָפישן דענקען, פונעם קינסטלערישן ארײַנדרינגען אין טאָך פון די געשעענישן און פון די מענטשלעכע כאראקטערן.

אונדזער פאָרשטעלונג וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, וועגן דעם אלפאָלקישן העלדנטאט, וועגן די היסטאָרישע גויראָלעס פונעם פאָלק וואָלט געווען ניט פול אָן שאָלאָכאָווס דערציילונג „דער גורל פון א מענטשן". דאָס דאָזיקע ווערק האָט נאָכאמאָל באוויזן, אז מאסשטאבן פון דער עמעסער ליטעראטור און די מאסשטאבן פון טאָפּאָגראפישע מאפּעס ווערן געמאָסטן דורך פארשיידענע ציפערן. יעדנפאלס, האָט קיין איין קארטאָגראף ניט

אויסגענוצט זייַנע אויסמעסטונגען אין ליטעראַרישע ווערק (און צווישן די קאַרטאָגראַפן זייַנען געווען אָנגעזעענע פאַרשער און געלערנטע).

די ליטעראַריש־קינסטלערישע פּאַנאָראַם פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע ווערט געשאַפן מיט דער מי און מיטן טאַלאַנט פון אַ סאַך מענטשן. די פילאָסאָפישע פּאַרמול וועגן דער אַנטשיידנדיקער ראָליע, וועלכע די פאָלקסמאַסן שפּילן אין דער געשיכטע, האָט די מילכאָמע געמאַכט פאַר פּראַקטיש פּילבאַר, און די דאָזיקע לעבנס־רעאַליטעט האָבן אָפּגעשפּיגלט מיט אויסערגעווייִנלעכער בוילעטקייַט די סאָוועטישע ליטעראַטור און קונסט.

אויסערסט שיינע פּראָנט־זייַטלעך, וועלכע זייַנען באַגרינדעט אַף אייגענער סאָלדאַטישער דערפאַרונג, האָט אַרייַנגעשריבן אין דעם בוך וועגן דער מילכאָמע און וועגן דעם סאָלדאַט דער דאָר, וואָס צו אים געהערט וואַסיל ביקאָוו. מע קאָן בלויז זיך וווּנדערן, וואָס פון די וויניק לעבנגעבליבענע זייַנען אַרויס אַזויפיל טאַלאַנטפולע פּראָזאַיִקער און דיכטער. מיט זייערע שעפערישע דערגרייכונגען האָבן זיי באַוויזן, אַז „זיי טויגן ניט וויניקער פאַר דער פען" אייִדער פאַרן געווער.

דער אידייִש־קינסטלערישער אַרסענאַל פון דער מילכאָמע־פּראָזע דינט אַקטיוו די אויפגאַבן פון דעם הייַנטיקן און מאָרגעדיקן טאָג, העלפנדיק טיפער צו פאַרשטיין די אָנגעזאַמלטע מאָראַלישע ווערטן, דערציִען די אומטערוואַקסנדיקע דורעס, דערציילנדיק וואָרהאַפטיק וועגן דעם מוט און דער שטאַנדהאַפטיקייַט פונעם סאָוועטישן מענטשן.

אינעם הייַנטיקן אידעאָלאָגישן קאַמף ווילן די אַזויגערופענע „סאָוועטאָלאָגן" אָנבינדן אונדזער ליטעראַטור אויסגעטראַכטע אַלטערנאַטיוון — אָדער קלאַסן־אָנגעהעריקייַט, אָדער מענטשלעכקייַט; אָדער פּאַרטייִשקייַט, אָדער אופריכטיקייַט; אָדער אידייִשקייַט, אָדער וואָרהאַפטיקייַט; אָדער סאָציִאַלע „פּאַרוועררבירטקייַט" פונעם שרייַבער דורך דער געזעלשאַפט, אָדער פרייַהייַט פון שאַפונג. די דאָזיקע אויסטראַכטענישן ווערן אָפּגעלייקנט ניט בלויז דורך דער טעאָריע, נאָר אויך דורך אונדזער גאַנצער קינסטלערישער פּראַקטיק.

וואָס קאָנסעקווענטער עס פאַרנעמען זייער אָרט אין דער קינסטלעריש־ליטעראַרישער טעטיקייַט די פּרינציפּן פון פּאַרטייִשקייַט און פאָלקישקייַט, וואָס טיפער עס ווערט דורכגעפירט דער קלאַסן־שטאַנדפּונקט, וואָס ענגער דער קינסטלער איז פאַרבונדן מיטן לעבן פונעם פאָלק און איז איבערגעגעבן דעם פאָלק מיט זייַנע זאָרגן, געדאַנקען, אינטערעסן, אַלץ פרייַער, אופריכטיקער, וואָרהאַפטיקער און הומאַנישער איז זייַן שאַפונג. די בעסטע ווערק פון דער מילכאָמע־פּראָזע זייַנען אַ לעבעדיקער בייַשפּיל פון דער פרוכטבאַרער מיטאַרבעט צווישן די פּאַרגעשריטענע געזעלשאַפטלעכע אידייען און די קינסטלערישע טאַלאַנטן.

נאָך דער מילכאָמע איז געקומען אין דער ליטעראַטור אַ גאַנצע פּלעיאַדע פראָנטאָוויקעס. עס האָבן זיי געבראַכט אַהער ניט אייגננוץ און ניט קאַריעריזם. זיי האָבן מיט זייערע טאַלאַנטן אויסגעפּילט זייער כויוו פאַרן אָנדענק פון די געפאַלענע אין די שלאַכטן, פאַר יענע אַלע פון זייער דאָר, וואָס האָבן זיך געשלאָגן אַף די פראָנטן און ביזן לעצטן אָטעם געדינט דעם פאָלק. די זעלבע פליכטן פּילן איצט אויס די ווערק פון די לעבנגעבליבענע קעמפער.

די דאָזיקע ווערק באַשטעטיקן די טרייַהייַט צום כויוו און די פאַראַנטוואָרטלעכקייַט פאַרן מענטשן, די אומקאָמפּראָמיסלעכקייַט פון מאָראַלישע פּרינציפּן און די פעסטקייַט אין איבערצייַגונגען. זיי וואַרפן אָפּ שקאָרים און אייגננוץ, עגאָיִזם און זעלבסטליבע, קליינלעכע כעזשבוינעס מיטן לעבן.



פּיניע פּלאַטקין

לענין אין מײַן לעבן

לענין אין מײַן לעבן — דאָס איז אַלץ:
מײַן טרוימען און מײַן זוכן און מײַן שטרעבן.
ער ברענגט אַרײַן דעם אומרו אין מײַן לעבן,
און סעדער אַף דער ערד מיט מיר ער פּלאַנצט.

לענין אין מײַן לעבן — דאָס איז רעכט,
וואָס האָבן מיך, ווי אַנדערע, דערהויבן,
דעריבער פּלאַמיק איז אַזוי דער גלויבן
אין מאָרגנדיקן טאָג פון אונדזער ערד.

לענין אין מײַן לעבן — דאָס איז פרייד —
זײַן לויכטנדיק געשטאַלט, זײַן גוטער שמייכל,
אין יעדן אונדזער אופטו — לענינס סייכל —
די היימישקײַט מיט אים אין דעם באַשטייט.

לענין אין מײַן לעבן — דאָס איז גליק,
די נײַע שטעט, פאַבריקן, יונגעביימער —
די זון, וועלכע דערוואַרעמט יעדן איינעם,
דאָס פאָלק, וואָס שטענדיק גייט פון זיג צו זיג.

✧

מענדל ליפּשיץ

טרוים און וואָר

ניט גרינג איז צו טרוימען אַ לעבן,
דאָך שווערער איז שפּאַנען מיט וואָר
און בויען, און שמידן, און וועבן
די יאָרן, וואָס שטייען דיר פאָר.

די וועגן מיט סוידעס אַזויפיל —
זיי זײַנען פאַרצאַמט און פאַרשטעלט,
אַז דער, וואָס גייט דורך זיי, אָן צווייפל,
פאַרעכנט איז ווערט זײַן אַ העלד.

דו פלאַנצסט און דו זייסט אין די פעלדער
און גייסט ניט צעשיידט מיט דײַן דאָר
דורך שטעט און דורך פעלדער און וועלדער, —
איז גוט, וואָס דײַן טרוים ווערט דײַן וואָר.

✧

דאָרע כײַקינע

בענקשאַפט

איך ווייס, אַז מע בענקט נאָך א ליבן,
מע בענקט נאָך א קינד, וואָס איז ווײַט,
מע בענקט נאָך אַן אָרעם שטיבל,
אַף שטויב א צעמאָלטס פון דער צײַט,
מע בענקט נאָך א בליק, נאָך א שמייכל,
דערמאָנטע אַזוי אומגעריכט,
עס בענקט זיך אַמאָל נאָך א בלייכער,
שוין לאַנג א פאַרלאָשענער ליכט,
מע בענקט נאָך א דינינק גרעזל,
וואָס וועסנע געגרינט האָט באַם שליאַך,
מע בענקט נאָך א ווײַסער בערעזע,
וואָס שטייט, ווי א קאַלע, פאַרטראַכט,
נאָך שטערן מע בענקט, און נאָך בלומען...
נאָר עפּעס מיט מיר איז געשען —
מיר בענקט זיך מיט גוואַלדיקן אומעט
נאָך דעם, וואָס עס איז ניט געווען.

מאַטל גרוומאַן

די באַלאַדע וועגן א שטעג

צום נאָענטן דאָרף איז דערגייין גאָר ניט שווער,
דער גאַנצער מעהאַלעך — זעקס וויאָרסטן, ניט מער.
און איך בין געוועזן דאָן א יאָט אַן אַנטיק,
און ווען מ'האָט אין שכייניש דאָרף מיך געשיקט,
דעם וועג, דעם באַקאַנטן פאַרלאָזן כ'האָב באַלד,
אַוועק מיט א קירצערן וועג — מיטן וואַלד...

דער וואַלד האָט באַגריסט מיך מיט הונדערטער קלאַנגען,
אַרום זײַנען לידער פון פייגלען געהאַנגען,
אַן איוווע האָט ביז צו דער ערד זיך פאַרנויגט,
א פּיקהאָלץ געקלאַפּט האָט אין שטאַם, ווי נ'אַ פּויק.
און פּילערליי בלומען דאָ האָבן געבליט.
געציילט די קוקאַווע האָט הויך מײַנע טריט.

דעם בליק צו די ווײַטן כ'האָב פּילבאַר געווענדט,
דער וואַלד ניט געהאַט האָט קיין סאָף און קיין ענד.
אַזוי איז א שאָ און א צווייטע פאַרגאַן,
און איך האָב נאָך אַלץ צווישן ביימער געשפּאַנט.
ס'איז פּלוצלינג געוואָרן מיר איינזאַם און קאַלט,
יאָ, יאָ, איך האָב דעמלט פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד...

און ס'האָט מיך דער טונקעלער וואַלד שוין געשראָקן,
א דעמב מיט די צווײַגן האָט גרויזאַם געשאָקלט,
די צווײַגן — געקלאַפּט איבער העגט מיר די הוילע,
געוויינט אין די זומפּן ניט ווײַט האָט א פויגל...
נאָר פּלוצלינג —
כ'האָב גלײַך זיך צעשיידט מיט מײַן שרעק:

דערנעבן דערזען כ'האָב א שוואַכינקן שטעג!
א שטעג אינעם וואַלד איז א סימען א גוטער:

ער פירט צו דעם מענטש, צו א דאָרף, צו א כוטער,
און היימיש איז ווידער געוואָרן דער וואַלד.

צוערשט כ'האָב דאָס ריזלען דערהערט פון א קוואַל,
דערנאָך האָט מיך פריינטלעך באַגעגנט א לאַנקע,
כ'האָב מער אינעם טונקלען וואַלד ניט געבלאָנקעט,
דערנאָך פון א הונט שוין דערהערט כ'האָב א ביל,
דערזען א שמאָל טייַכל, א דאָרפישע מיל,
א כאַטע א ווייַסע, פון דאָרט אין דער הויך
געצויגן עס האָט זיך א דינינקער רויך...

פון דעמלט איך ווייס שוין די ווערט פון א שטעג
אין וואַלד און אין מידבער, אין גרויל און אין שרעק.
דער כוישעך איז גרויס
און קיין קויעך ניט קלעקט,
נאָר כ'האָב ניט פאַרלאָרן אין לעבן מייַן שטעג.

✧

כאַיִם גורעוויטש

איך וועל זיך לאָזן זוכן...

וועו די מערדער האָבן געטריבן יאַנוש קאָרטשאַקן מיט זיינע צוויי הונדערט יעסוימימלעך אין גאַז־קאַמער, איז געשען א גרויסער נעס: פלוצלינג האָט זיך א שטיקל הימל איבער טרעבלינקע א בראָך געטאָן און פון דאָרטן, ווי פון א פייַער־דיקן קראַטער, האָט זיך אַרויסגעריסן א רונדער בליץ.

ער האָט פאַרברענט דעם קאָנווּי, א כאַפּ געטאָן דעם לערער מיט אַלע קינ־דערלעך און, ווי א לופט־באַלאָן, זיי אויפגעהויבן הויך־הויך...

וווּהין האָט דער אומגעריכטער אויסלייזער דעמלט פאַרטראָגן די געראַטעוועטע, איז נאָך דערווייַל ניט באַוווּסט.

אַנטפּלעקן אָט דעם סאָד פון סוידעס וועט אָפּגליקן בלויז יענעם אומרויִקן, אומשטערבלעכן שפּור־זוכער, וועלכער וועט אומדערמידלעך, יאָרנלאַנג זיי אומעטום זוכן...

(פון א לעגענדע)

ס'וועט מיר שוין קיינער אָפּ געוויס ניט זאָגן,
אין וועלכן קאַנט, אין וועלכן געביט
האָט דער בליץ די יעסוימימלעך פאַרטראָגן,
נאָר קאָלזמאַן דאָס האַרץ וועט שלאָגן,
זוכן זיי איך וועל ניט ווערן מיד.

כ'וועל אין די נעסיִעס אָט די לאַנגע
זיך ניט פּילן איינזאַם, פונקט ווי ראָבינזאָן,
א סאַך גוטע מענטשן וועלן פאַרלאַנגען
זיך איינשליסן אין גרויסן קאָן.

אויב די קאָרטשאַקאָווצעס האָבן,
ווי מאַלאָכימלעך־עלפן,
זיך פאַרקליבן אָפּ דעם שפּיץ פון עווערעסט,
וועלן מיר פינקע אַלפּיניסטן העלפן
דערקלעטערן צו זייער הויכער נעסט.

אויב אָפּ אַן אינדזל, ווייַט פון מאַטעריקן,
לעבן זיי ביז איצט אין א קאַמונע,
וועל איך אָפּ טור כייערדאַלס „קאָנטיק"
אַהינצו מיט מאַטאָנעס קומען.

אויב זוכן כ'מוז אין יאַמען בלויע
זייער אונטערוואַסערדיקן האַפן,
וועט מיר זשאַק קוסטאָ געטרויען
זיינע קלוגע באַטיסקאַפן.

אויב אין א געשטערנדל א נייעם
זיי זייַנען אַרוף אין וועלטרוים העל,
באַ קאָסמאָנאַוטן כ'וועל א שיף אַנטלייַען
און זיך אַהין דערקלייַבן שנעל.

דורך ווילדן כוישעך, אין א ווילדן וועטער
אַדורכשנייַדן זיך אָט ווי א שאַרפער שטראַל,
און אָפּ צעוזאַר קוניקאָווס פּלאַנעטע
מאַכן א קורצינקן פּריוואַל.

זיך דאַרט א ביסעלע דערוואַרעמען
היימיש, ערדיש זיך דערפילן,
דאָס וועט זיין א זיכערער פּלאַצדאַרם,
אַן אַריינטיר צום ווייטן ציל...

...פון וואַר זיך די לעגענדעס שפּינען,
און איבערצייגט כ'בין אין דעריי,
אז אין א ליכטיקן באַגינען
וועל איך די קינדערלעך געפינען —
און ס'וועט א גרויסער יאָמטעוו זיין!

✧

יאָסל בוכבינדער

קאָן דען בלאָנדזשען די זון?

קאָן דען בלאָנדזשען די זון אָף איר אייגענעם הימל? —
אַנשטאָט גיין צו דעם אופגאַנג,
זאָל זי פּלוצעם פאַרקערעוועון אהין צום פאַרגאַנג?

ווייַזט אויס, אז אזוינס קאָן זיך קיינמאָל ניט טרעפן.
אפילע אין האַרבסטיק־צעכמאַרעטן טומל
קאָן די זון ניט פאַרמייַדן די וועגן צום אופגאַנג
און פּלוצעם זיך לאָזן אהין צום פאַרגאַנג.
פאַר מיר איז מיין ערד בלויז א ליכטיקער הימל,
וואָס לאָזט מיך ניט בלאָנדזשען אפילע אין העכסטן געווימל,
ווייל מיט זיכערקייט גיי איך צו יענעם פאַרטאָגיקן ראַנד, —
באַגעגענען די זון אָף מיין ערדישן הימל,
וואָס גייט מיר אנטקעגן, מיט וואַרעמער בלויקייט צעשטראַלט.
כ'וועל קיינמאָל ניט בלאָנדזשען, ווי די זון אין איר אייגענעם הימל,
אפילע אין שטאַרקסטן צעוואָלקנטן טומל
וועל איך טראָגן די העלקייט פון אופגאַנג
צום קאַלטן פאַרלאָשענעם ראַנד.

✧

הירש רעלעס

אף כאַסענעס

די צייַט קען מינהאָגים פאַרהיטן
פון אָוואַר, פון דוירעס לאַנג.
האָט איר געזען, אז א כאַסענע בא יידן
זאָל באַגיין זיך אָן יידיש געזאַנג?

ווי א שטורעם אין טאָג אין העלן,
פּלוצלינג דונערט די ליד אוף אין זאַל
און צעשטראָמט זיך אין שוימיקע וועלן
פון א דורכגעריסענעם קוואַל.

און צום טאַקט קלאַפּט מען־צו מיט די פינגער,
מיט א טענצל באַגלייט מען די ליד,
און די עלטערע פילן זיך יינגער,
און די יינגערע ווערן סאָליד.

פון דאָר און צו דאָר, ניט געענדערט,
גייט איבער אין מעכטיקן גייַסט
דער ניגון, וואָס זויבער איז שטענדיק,
כאַטש די ווערטער, טרעפט, ווערן פאַרגרייַזט.

וואָס באַטייַט דער דאָזיקער אָנגריף
פונעם אָוואַר, וואָס רייַסט זיך אהער?
א טראַדיציע? צי א דערמאָנונג?
צי עפּשער אפילע נאָך מער?

ווער ווייסט, וויאַזוי עס דערקלערן
און באַלייַכטן דורך וואָס פאַר א שייַן?
אבי כאַסענעס זאָלן זיך מערן!
אבי סימכעס זאָלן נאָר זיין!

✧

ליפּע העלער

מײַן היים

דאָ גייען גאסן זיך צונויף,
דאָ לויפן גאסן זיך פאנאנדער,
דאָ איז מיר נאָענט יעדער הויף —
ווי קאָן זײַן אנדערש?

דאָ איז מיר טײַער יעדער שטיין.
מיט אלעמען כ׳בין דאָ צוזאמען,
וואָס קאָן זײַן שענער פון מײַן היים?
וואָס קאָן זײַן ליבער פון א מאמען?

✧

בראָניע סינעלניקאָווע

ווידער

פון די דעכער נעמט שוין רינען —
ווידער וועלן פעלדער גרינען,
ווידער וועלן ריטשקעס לויפן
פון די רינוועס איבער הויפן.

ווידער וועלן ביימער צוויטען,
ווידער וועלן פייגל צוויטשען,
און דאָס רעגנדל וועט וואשן,
און דאָס קוועלעכל וועט ראשן.

איז מײַן הארץ א נעסט געוואָרן,
האָט מײַן הארץ א ליד געבאָרן,
זי זאָל קלינגען, זי זאָל שאלן,
פרײַ זיך טראָגן מיט די קוואלן.

מיטן ווינט אַף זײַנע פליגל
זיך פארשפרייטן זאָל מײַן ניגן.
קומט ער נאָר, דער פרילינג, ווידער,
קאָן מײַן הארץ ניט אָן קיין לידער.

✧

מאקס ר׳יאַנט

ערשטער צוויט

כ׳האָב אַף דער ערד געשטעלט ניט ווייניק טריט,
און יעדער טראָט אין הארצן איז פארצייכנט
מיט פרייד און לייד און עפשער אויך דערמיט,
פון וואָס עס בלײַבט אפילע ניט קיין זייכער.

ווען פון דער ערד, ווי ציינדלעך בא א קינד,
עס שנײַדן דורך זיך שפּיציק־צארטע גראָזן,
מיר דוכט, אז דעמלט עפּעס איך געפין,
און פעסט איך ווייס, כ׳דארף עפּעס איבערלאָזן.

ווען ס׳נעמט אראָפּפאלן אין סאָד דער צוויט,
ווי ווייכן פּוך,
עס טראָגט אוועק דער ווינט אים,

איך הער זיך אײַן אין מײַנע גיכע טריט,
וואָס שפּארן אָן אין זומער און אין ווינטער.

און איך פארהאלט זיך גערן פארן שניט
אינמיטן פעלד, וואָס שײַנט מיט זון און שעפע, —
צי ווײַל עס האָט מײַן יוגנט דאָ געבליט,
צי ווײַל איך פיל — א נײַע וועלט זיך עפנט.

און צווישן זון און שאָטן, אין דער מיט,
פארגאפט איך שטיי אין ליכטיקן באגינען,
און איך דערמאָן זיך יענעם ערשטן צוויט
און פרוּוו די רײַפקײַט גאָלדענע געפינען.

✧

מישע מאָגילעוויטש

אויב עמעץ וועט וועלן

אויב עמעץ וועט וועלן אמאָל מיך באזוכן,
אויב עמעץ ט׳מיך דארפן אמאָל,
אין פרעמדע מעקוימעס מע דארף מיך ניט זוכן,
אין קיִעוו איך וווין, אף פּאָדאָל.
אָט דאָ, ווו לעם דניעפּער עס בליִען קאשטאנען,
ווו טאָג איז מיט זומער צעבליט,
לעם אויוון אין צעך, ווו עס בושעווען פלאַמען,
דערהערן מע קאָן מײַנע טריט.
פאר לאַסטן פאר שווערע כ׳שטעל אונטער דעם אקסל.
מײַן מי האָב איך קיינמאָל געקארגט,
און פונקט ווי דער אָסיען זיך לייגט אף די גאסן —
די מידקײַט זיך לייגט אף מײַן קארק.
איז וואָס, אויב כ׳בין מיד? נאָר ס׳איז לויטער מײַן מויעך,
כ׳בין הארט און בין קרעפטיק געשמידט.
אָט קומט ער, דער ווידערגעבאָרענער קויעך,
וואָס שפּינט אין מיר אויסעט א ליד.
צעבייט איך מײַן הארץ ביז באנאכטיקן טונקל
אף ווארעם און בליִענדיק וואָרט.
איך האָרעווע שווער — ניט פאר לידער פון אומקום,
מיט לעבן די ליד איז באזאָרגט.
אויב עמעץ וועט וועלן אמאָל מיך באזוכן,
אויב עמעץ ט׳מיך דארפן אמאָל,
אין פרעמדע מעקוימעס מע דארף מיך ניט זוכן,
אין קיִעוו איך וווין, אף פּאָדאָל.

מאָטל שטורמאן

א שמועס מיטן אייניקל

— אָ, זיידעניו,
כ׳וויל וויסן:
ווער איז העכער
פון די ביימער־קיפּאריסן.

— העכער זײַנען
אף דער ערד,
העכער זײַנען
ריזן־בערג.

— זיידעניו! אָ, זיידעניו!
וואָס איז העכער
פון די בערג?

— העכער איז
די שיינע זון —
לויכט און יאַמטעווט
אומעטום.

— זיידעניו! אָ, זיידעניו!
וואָס איז העכער
פון דער זון?
פון דער זון
און פון די שטערן?

— העכער איז
דער מענטש פון מי,
זײַנע טרוימען
און באגערן.

טעוויע גען

די עקסטרע טעלעגראמע

אין איינעם א פרימאָרגן, ווען דינע האָט זיך געפֿילט אין געזונט נישקאָשע, די כּאָלאסן האָבן א ביסל אָפּגעלאָזט, איז זי אוועק אַף דער פּאָטשט. די טעלעגראַפּיסטקע האָט גענומען בא איר די פֿיר טעלעגראַמעס, אַלע מיט איין און דעם זעלבן קאַטעגאָרישן אינהאַלט „קומט טייקעף צו פֿאָרן. דינע". און זי האָט מיט נײַגער אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פֿון פֿענצטערל, קע־דיי בעסער א קוק צו טאָן אַף דער דערלאַנגערקע פֿון די דעפּעשעס. זי האָט געמיינט, אַז זי וועט דערזען א מענטשן, וואָס האַלט, ניט דאָ געדאַכט, א מינוט פֿאַרן טויט, מיט אַן אויסגע־וויקטן פּאָנעם, ערד־קאָליר, א פֿאַרכאַלעשטן, א פֿאַרטרויערטן, א געפֿאַלענעם. אָבער דינע האָט אויסגעזען גאַנץ מונטער און פֿריש, די באַקן אַפֿילע רויטלעך, די גראָוולעכע האָר פֿײַן פֿאַרקעמט. אָנגעטאָן איז זי געווען אין איר בלויען דינעם זשאַקעט, אין וועלכן מע זעט זי זומער־צײַט אָפּטמאָל גיין אַף דער אַרבעט. די טעלעגראַפּיסטקע האָט דינען געקענט. ווער האָט זי ניט געקענט אין יישעווו?

— ס'האָט עפּעס געטראָפֿן? — האָט זי א באַומרויִקטע און נײַגעריקע געפֿרעגט בא דינען.

— נייך, כ'האָב פּאָשעט זיך פֿאַרבענקט נאָך מײַנע אייגענע... — האָט דינע געענטפֿערט.

דער ברודער מאָטל

1

דער ברודער מאָטל איז געווען אין וועג שוין איינעם זעלבן טאָג, ווי ער האָט געקראָגן די טעלעגראַם.

מאָטל — מאַטוויי גריגאָריעוויטש — איז דער פֿאַרוואַלטער פֿונעם פּראָדוציר־אָפּטייל אַף א ניט־גרויסן מעכאַנישן זאַוואָד אין דער שטאָט גאָרקי. עס אַרבעטן אָפּן זאַוואָד סאַכאַקל א דרײַ הונדערט מענטשן, אָבער קאָפּדרייעניש און דײַגעס האָט דאָרטן מאַטוויי גריגאָריעוויטש ניט ווינציקער פֿון א טוער, וואָס פֿאַרנעמט די זעלבע שטעלע אַף אַן אונטערנעמונג אין צען, אין צוואַנציק מאָל א גרעסערע. דער זאַוואָד לאָזט אַרויס גאַנץ איינפֿאַכע זאַכן — טשוועקעס, שרויפֿן, שורופֿן, אַף דרײַ קליינע וואָרקשטעלן־אויטאָמאַטן שטאַמפּירט מען אײַזערנע שיסע־לעך און טעלער, וואָס ווערן דערנאָך באַדעקט מיט עמאַל. אין א באַזונדערן, גרעסערן צעך, פֿאַבריקירט מען אויס פֿײַערלעשער־באַלאָנען — די זעלבע אַלגעמיין־באַקאַנטע רויטע באַלאָנען, וואָס הענגען אין די קאָרידאָרן אין יעטווידער געזעלשאַפֿטלעכער געבײַדע, און וועלכע קיינער באַמערקט ניט, קאָלזמאַן ס'טרעפֿט ניט אַן אומגליק, ס'ווערט ניט א סרייפֿע. ווען דער אומגליק טרעפֿט, דאַרף דעמלט דער באַלאָן ווײַזן וווּנדער. די ערשטע און גרעסטע האָפֿענונג איז אַף אים. ער דאַרף די שומיקע געמישעכץ, מיט וועלכער ער איז אָנגעלאָדן, אַרויסשיסן פֿון זיך מיט אַזא קראַפֿט און אויסבילדן אַזא געדיכטן שוים־ און גאַז־וואָלקן, אין וועלכן דאָס פֿײַער זאָל טייקעף ווערן דערשטיקט. קלאָר, אַז אַזא אַפּאַראַט דאַרף זײַן אָן איין פּגימע. עס זאָל ניט אַנטזאָגן אין געפֿערלעכן מאָמענט.

אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 5, 1982.

טשוועקעס און שרויפן לעשן ניט קיין סרייפעס, אָבער זיי האָבן אויך א „גאָסט“, אן אָנגענומענעם סטאנדארט. אויב זיי האָבן שלעכטע קעפּלעך, קרומע פיסלעך און מע קאָן זיי ניט אריַינקלאפן אין א וואנט — טויגן זיי אף קאַפּאַרעס. נו, און וואָס פאר א פּאָנעם האָט, ווען מע קויפט א נייַעם גרין־עמאלירטן טעלער, און אז מע גיסט אין אים אריַין די ערשטע לעפל הייסן סופּ, נעמט דער עמאל אָפּקריכן?

צום גליק, שיקט מען רעקלאמאציעס אף דער זאוואָד־פּראָדוקציע ניט אָפט, אָבער ס'טרעפט... און ווער איז דאן שולדיק? אמאָל איז שולדיק דער, אמאָל יענער, די שולדיקע בייַטן זיך און נאָר איין מענטש איז שולדיק קימאט שטענדיק — דער פאַרוואלטער מיטן פּראָדוציר־אָפּטייל מאטוויי גריגאָריעוויטש לענאָוויטש. און שולדיק איז ער טאקע. עפּעס האָט דער אָפּטייל, מיט וועלכן ער פירט אָן, ניט דערעכנט, ניט דערקראָגן, ניט דערפּאָדערט באַם באַזאָרגונגס־אָפּטייל די נייטיקע מאטעריאלן, ניט דערשאצט די גערעכטע טייַנעס פונעם טעכנישן קאָנטראָל, אזא און אזא ווערקשטעל אויסגענוצט ניט לויטן פּראָפיל און די ארבעט איז אוועק קאַפּויר. ווען מאטוויי גריגאָריעוויטש זאָל זייַן אזוי הארט, ווי די טשוועקעס, אָדער ווי דער קאָרפּוס פון די פייַערלעשער־באַלאָנען, וועלכע דער זאוואָד לאָזט ארויס, — וואָלט אים עפּשער גרינגער געווען. איז ער אָבער א ווייכער מענטש, און יעדע זאך, אפילע א קלייניקייַט, קאָסט אים ניט ווינציק געזונט. צען מאָל אין כוידעש ווינטשט ער זיך, אז מע זאָל אים אראָפּנעמען פון זייַן פאַרוואלטערייַ, און צען מאָל אין כוידעש פרייט ער זיך, וואָס מע האָט אים ניט אראָפּגענומען. אפן מעכאנישן זאוואָד ארבעט ער שוין א סאך יאָרן און פון זיי — זעקס יאָר איז ער אף אָט דער אומרויִקער ארבעט זייַנער. ער האָט זיך אזוי צוגעוווינט צו די גרעסערע און קלענערע זאוואָדישע זאָרגן און צאָרעס, אז ווען זיי זאָלן מיטאמאָל אים אופהערן מאטערן דעם גאנצן טאָג, וואָלט ער, דוכט זיך, דערנאָך באנאכט ניט געקאָנט איַינשלאָפן, ווי ס'קאָן ניט איַינשלאָפן א מענטש, וועלכער האָט א סאך יאָרן געלעבט אין א שטאָט אף זייער א טומלדיקער גאס און פלוצעם איז ער געקומען אין אן אָרט, ווו מע הערט ניט קיין פּיפּס, עס פאָרט ניט דורך קיין ראָד. די שטילקייַט קלינגט אין די אויערן. און גראָד אזא שטילקייַט קאָן פון ניט־צוגעוווינטקייַט אראָפּפירן פון זינען. ס'בענקט זיך נאָכן טומל.

צוזאמען מיטן דירעקטאָר פון זאוואָד כאַלאָון איז לענאָוויטש דעם 9־טן יול אינדערפרי, ווי געוויינלעך, ארומגעגאנגען איבער די זאוואָדישע צעכן, דאָ און דאָרטן האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, דערהויפּט בא די „שמאָלע ערטער“. א לענגערע צייַט האָבן זיי זיך פארהאלטן באַם טיש, ווו עס ארבעט דער שלאָסער זשאָרע אָפּסיקאָוו. זשאָרע איז א גריך, אלט בא די פופציק, נידעריקער פון מיטלוווקס, שטענדיק אין א בלוי בערעטקעלע אפן גרויסן קייַלעכדיקן קאָפּ. זשאָרעס טיש איז א וויכטיקער אָביעקט אין רעמאָנט־צעך. ס'זייַנען פאַראן דעטאלן, וועלכע ס'קאָן ניט מאכן די קליגסטע מאשין, נאָר זשאָרעס הענט ווען זיי יאָ מאכן. ער איז א דערפינדער. אפן קאָנקורס פון בעסטע דערפינדונגען, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן מיט א כאדאָשים דריַי צוריק אין גאָרקי, האָט זשאָרעס דערפינדונג פארנומען דאָס ערשטע אָרט. ער האָט צוגעטראכט א נייַעם אופן, וויִאזוי מיט דער הילף פון א קליינעם ווערקשטעל אווטאָמאָטיזירן איינע אן אָפּעראציע באַם אויספּארטיקן דעם פייַערלעשער־באַלאָן. די אָפּעראציע איז פיזיש א שווערע און פארנעמט א סאך צייַט. אלע האָבן זשאָרען באגריסט, זשאָרע האָט שוין לאנג באקומען די פּרעמיע, אָבער, פונקט ווי פריִער, ווערט די דאָזיקע ארבעט געטאָן מיט דער האנט, זי איז ניט אווטאָמאטיזירט. דער שעף פון פּראָדוציר־אָפּטייל לענאָוויטש איז געווען אף איין זאוואָד, אף א צווייטן און סאָפּקאָלסאָף האָט ער דאָרטן געפויעלט, אז מע זאָל מאכן די דעטאלן, וועלכע ס'דארף האָבן דער דערפינדער זשאָרע פאר זייַן נייַעם אווטאָמאטווערקשטעל. איצט איז געווען אלץ פארטיק. זשאָרע האָט אף זייַן טיש געענדיקט מאכן די לעצטע קלייניקייַטן, קעדיי ענדגילטיק לאָזן אין גאנג דעם אווטאָמאט. אין אָט דער לעצטער לאנגדערוואַרטער שאָ זייַנען זשאָרע אָפּסיקאָוו און מאָטל לענאָוויטש געווען שטארק ענלעך איינער אפן אנדערן. די שווארצע אויגן האָבן בא ביידן אלציינס געגלאנצט, עס האָט פון זיי ארויסגעזוגט די האָפענונג, אז אלץ וועט זייַן גוט. דאָס מאשינדל וועט ארבעטן, ווי א זייגער. אָבער גראָד אין אָט די לעצטע הייסע מינוטן פארן אויספּרוּוו איז געקומען צו לויפן די מיטארבעטערן פון פּראָדוציר־אָפּטייל מאשע סאָלאָוויאָווא און אָנגעזאָגט איר שעף, אז מע רופט אים צום טעלעפאָן. מאטוויי גריגאָריעוויטש האָט א מאך געטאָן אף איר מיט ביידע הענט:

— שפּעטער, שפּעטער, מאשענקע... זאָג, אז איצט האָב איך קיין צייַט ניט. זאָל מען אָנקלינגען שפּעטער.

— מאטוויי גריגאָריעוויטש... — האָט דאָס מיידל געוואָלט אים אָנהייבן עפּעס דערקלערן.

— איך זאָג דאָך — שפּעטער. איצט בין איך פארנומען! זאָל מען אָנקלינגען שפּעטער!

— פון דער היים קלינגט מען... די פרוי איַיערע.

מאָטוויי גריגאָריעוויטש האָט שוין וויפל מאָל געבעטן דאָס ווײַב זײַנס, בעלען, וואָס ווינציקער קלינגען צו אים אַף דער אַרבעט, בפרט אין די פרימאָרגנדיקע שאָען, ווען ער זיצט ביכלאַל ניט בײַ זײַן טיש, ער איז דאַן פאַרנומען אַף דער „אַפּעראַטיווקע", דערנאָך גייט ער אַרום איבער די צעכן, די גרעסטע קאָפדרייעניש זײַנען אינדערפרי.

— אויב די פרוי, מעג זי אוואַדע צוּוואַרטן! — האָט ער מיט אַ פאַרדראָס אַ ברומקע געטאָן.

— מאָטוויי גריגאָריעוויטש, זי האָט אָבער זייער געבעטן אײַך צורופן. זי האָט געזאָגט, אַז ס'איז זייער וויכטיק און דרינגענדיק. — בײַ מאַשען איז געווען אַזאַ אויסדרוק אַפן פּנים, ווי זי אַליין וואָלט דאָ געווען אין עפּעס שולדיק און זי מוז זיך פאַרענטפערן, וואָס זי ווענדט אים אָפּ פון זײַנע וויכטיקע עניינים.

— אַן עק, גייט שוין צו צום טעלעפאָן. אַז אַ ווײַב רופט, דאַרף מען גיין, ווי ס'וואָלט גערופן אַליין דער מיניסטער, — האָט דער דירעקטאָר כאַכלאָוו אַ שפּאַס געטאָן.

כוץ דעם אַוטאָמאַט, וואָס מע דאַרף באַלד נעמען אויספּרוּוון, איז דער פרימאָרגן אין צעך געווען פול־איבערפול מיט אַ סאַך אַנדערע דײַגעס, וואָס האָבן אַ שײַכעס צו דער אַרבעט, צום אויספּילן דעם פּלאַן, צו ליקווידירן די „שמאָלע ערטער", צו קאָלעריי קאָנקרעטע זאַכן, פאַר וועלכע ס'איז פאַראַנטוואָרטלעך דער פּראָדוציר־אָפּטייל, און אַפן צענטן געדאַנק איז לענאָוויטשן ניט געקומען, אַז מע זאָל אים דאַרפן דרינגענדיק האָבן נאָך ערגעץ־ווו, כוץ אַפן זאַוואָד, אַז אין דער היים האָט געקאָנט עפּעס טרעפן. מיט אַנדערהאַלבן שאָ צוריק איז ער אַרויס פון שטוב און דאָרטן איז געווען אַלץ אין אָרדענונג. בעלע האָט אים געגעבן אָפּעסן פרישטיק, דער זון מישע איז נאָך געשלאָפן, די עקזאַמענעס אין אינסטיטוט האָט מישע שוין אָפּגעגעבן און ער שלאָפט, וויפל ער וויל.

— נו, וואָס ווילסטו מיר זאָגן? וואָס האָט שוין געטראָפן? — האָט ער אומצופרידן אַ וואָרטשע געטאָן אין טעלעפאָן־טרײַבל.

— איך וויל דיר זאָגן... נאָר נעם עס אויף רויִק. טאָרסט זיך ניט אופרעגן.

— זאָג שוין, רעד שוין! — האָט ער אומגעדולדיק געפּאָדערט. — זאָג, וואָס האָט געטראָפן?

— עס האָט געטראָפן... — און דאָס ווײַב האָט אים איבערגעלייענט די טעלעגראַם, וואָס מע האָט מיט אַ ווײַלע צוריק געבראַכט. די שוועסטער, דינע, בעט טייקעף קומען צו פאָרן!

ס'האָבן מיטאַמאָל אָפּגערוקט זיך אין אַ זײַט אַלע עניינים, וועלכע האָבן אָקאָרשט נאָך אים געהאַלטן אין קלעם. אַן אַנדער מין קלעמעניש האָט אים אַרומגעכאַפּט, צונויפגעדריקט דאָס האַרץ. ער האָט עקסטרע גענומען אַ קורצן אורלויב, אַוועקגעלאָפן צו דער קאַסע פון אַעראָפלאָט, געקראָגן אַ בילעט און מיטן נאָענטסטן לופט־רעיס אַוועקגעפלויגן קיין נאָוואָסיבירסק, קעדיי פונדאָרטן פאַרזעצן דעם ווײַטן וועג אַף אַ שיף און דערנאָך אַף אַ פּאַוואָזק ביז וואַסיוטינסק. ווען זשע וועל איך זײַן אַפן אָרט? צי וועל איך זי טרעפן אַ לעבעדיקע? — האָט מאָטל געטראַכט מיט האַרצווייטעק. בײַ אים איז ניט געווען קיין ספק, אַז די פיר ווערטער פון דער טעלעגראַם „קום טייקעף צו פאָרן" באַטײַטן נאָר, אַז דינע איז טויט־געפערלעך קראַנק, ער האָט געפּרוּווט געפינען אַנדערע סיבעס, וואָס זאָלן האָבן זי געצוווּנגען דרינגענדיק אַרויסרופן דעם ברודער. אָבער וויפל ער האָט ניט איבערגעקלערט און געבראָכן דעם מויעך, האָט ער ניט געפונען.

אין אַעראָפלאַן איז מאָטל געזעסן לעבן אילומינאַטאָר, ער האָט געקוקט דורך אים אַף די אָנגעהויפנטע ווײַסע וואָלקן־הליבעס, וואָס האָבן זיך געקנוילט און געהויבן אין לופט־רוים, אַזוי ווי אַן איבערפולטע דייזשע מיט יוירנדקן אופגעגאַנגענעם טייג. ער האָט געפילט אין די גלידער די וואָלקן־פײַכטקײַט און קעלט, די ווײַסע, שטומע דרויסנדיקע אומהיימלעכקײַט.

דער פליגל פון אַעראָפלאַן איז געווען אין שאָטן, געהאַנגען, ווי אַ טונקעלער שטורקאַץ, אין די ווײַסע וואָלקנס, קוים־קוים אים אָנצוזען — יעדעס מאָל אַ ביסעלע גענידערט אַראָפּ־צו, אָדער אופגעהויבן זיך אַרויף־צו. דער אַעראָפלאַן־פליגל האָט, דוכט זיך, אויך אַזוי ווי די פּאַסאַזשירן געדרעמלט, נאָר ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט ניט אַפן רוקנדל פון דער ווייכער קרעסלע, נאָר אַף די אָן אופהער זיך קנוילנדיקע וואָלקנס.

ווען מע פליט אינדערלופטן און מע איז נעענטער צום הימל ווי צו דער ערד, ווערן די געדאַנקען אויך אַ ביסל העכער, ווי זיי זײַנען אינעם געוויינלעכן אַלטעגלעכן אינדערוואָכן. עס ווילט זיך אַרומקוקן אַ ביסל ברייטער, אָפּגעבן זיך אַליין אַ מער טיפערן און באַקלערטן דין־וועכעזשבן. איך בין אַ שלעכטער ברודער, — האָט מאָטל געטראַכט. — דינע האָט אַזויפיל אופגעטאָן פאַר אונדז און מיר האָבן גאָר פאַרגעסן וועגן איר. סאַכאַקל איין מאָל אין מעשעך פון אַריבער דרײַסיק יאָר בין איך געווען בײַ דינען צוגאַסט. ס'איז אַלץ ניטאָ קיין צײַט, און זי איז געבליבן שטעקן אין אַזאַ פאַרוואָרפן ווינקל. ווען מע קריגט דעם אורלויב, אַף וועלכן

מע וואַרט אַ גאַנץ יאָר און מע האָט אַ פּוטיאָווקע אין אַ סאַנאַטאָרי, אין אַ פּאַנסיאָנאַט אין קרים, אַף קאַווקאַז, איז מען גליקלעך, מע פליט אַהין — צום יאַם, צו דער וואַרעמער זון...

אַזוי ווי די קנוילנדיקע וואָלקנס הינטערן איליומינאַטאָר פון אַעראָפּלאַן, האָבן אין קאָפּ בא מאָטלען אויך זיך געקנוילט פאַרשידענע יאָרן פון זײַן לעבן. אינגיכן ווערט אים שוין פופציק... פון וואַסיוטינסק איז ער אַוועקגעפאָרן, ווען אים איז געווען אַכצן...

2

מאָטל איז געווען דער ערשטער אין דער מישפּאָכע, וואָס איז אַוועקגעפאָרן פון וואַסיוטינסק. אַפן הויכן לײַמיקן ברעג פון טײַך וואַסיוט, בא דער פּריסטאַן, האָט זיך דעמלט, מיט צוויי און דרײַסיק יאָר צוריק, צוזאַמענגעקליבן די גאַנצע מישפּאָכע אַרויסצובאַגלייטן אים. ער איז געפאָרן זיך לערנען קיין דאָניעצק אין אַ טעכניקום. פאַרוואָס אַזוי ווײַט — אַזש קיין דאָנבאַס, ווען טעכניקומען זײַנען פאַראַן אַ סאַך נעענטערע — אין טאָמסק, אין נאָוואָסיבירסק און גאָר נאָענט — אין קאָלפּאַשעוואָ? דער טערעץ איז — דאָניעצק איז דאָך געווען די היים, די געבורט־שטאָט.

— טו אַ קוק, צי די שטוב אונדזערע איז ניט כאָרעוו, און ווער עס לעבט דאָרטן איצט. דערוויס זיך און שרײַב אָן אַלץ גענוי. אָבער צי די שטוב איז גאַנץ, אָדער ניט, צי מיר וועלן יאָ קומען צו פאָרן, אָדער ניט קומען, נאַר דו, מאָטל, קום אָן דאָרטן לערנען. — אַזוי האָט דינע געזאָגט צו מאָטלען, גרייטנדיק אים אין וועג אַרײַן.

דינע האָט מאָטלען אָפּגעגעבן דאָס גאַנצע געלט פונעם אַרבעטסלוין, וואָס זי האָט געהאַט געקראָגן ערעוו זײַן אַוועקפאָרן.

— מיר וועלן דאָ דורכקומען, אין צוויי וואָכן אַרום וועל איך ווידער קריגן.

אַ סאַך גאַסן אין דאָניעצק רופן זיך „ליניעס“, — ערשטע ליניע, צווייטע ליניע אאַוו. דער לערער פון מאַטעמאַטיק גריגאָרי אַבראַמאָוויטש לענאָוויטש האָט פאַר דער מילכאָמע געוווינט מיט דער פאַמיליע אַף דער דרײַצנטער ליניע. קליינע שטיבעלעך מיט קליינע הויפן, און פונוואַנען מע זאָל ניט אַ קוק טאָן, זעט מען דעם טעריקאָן, וואָס איז אין נאָענטסטער שכיינעס מיט אָט דער ליניע. ער זעט אויס, דער הויכער באַרג פּאָראָדע, ווי אַ פאַרלאָשענער ווולקאַן.

ווען מאָטל איז געקומען קיין דאָניעצק, איז ער פון וואָקזאַל, וועלכער געפינט זיך אויסער דער שטאָט, צוגעפאָרן אַף אַ טראַמווײַ צו דער דרײַצנטער ליניע און פונדאָרטן צופוס אַוועק צום הויף און צו דער שטוב, וואָס ער האָט אָנהייב מילכאָמע פאַרלאָזט צוזאַמען מיט דער מאַמען, מיטן ברודער און מיט די שוועסטער. אַלפּי־סייכל וואָלט דער טשעמאָדאַן, וועלכן ער האָט געטראָגן אין האַנט, געדאַרפט ווערן גרינגער, ווײַל פון דער שפּײַז, וואָס ער האָט מיטגענומען מיט זיך אין וועג, — דער לאַבן ברויט, די פלעצלעך, די קעז־גאָמלקעס, דאָס רייפל האַרטע ווורשט, — איז שוין ניט געבליבן קיין זייכער. געדוכט האָט אָבער מאָטלען, אַז דער טשעמאָדאַן איז געוואָרן שווערער. ער האָט אים אַוועקגעשטעלט בא דער קאַליטקע פון „זײַן“ הויף, קעדיי אַף אַ ווײַלע זיך אָפּצורוען. אַ פרוי אין אַ האַלב־גרוי, האַלב־ווײַס טיכל, נידעריק אַראָפּגערוקט אַפן שטערן, איז געשטאַנען אַף אַ לייטערל בא דער פאָדערשטער וואַנט פון שטוב און געקאַלכט. די אַרבעט האָט זי, ווײַזט אויס, ניט לאַנג אָנגעהויבן. די וואַנט, ווי די איבעריקע ווענט פון הויז, איז געווען אָפּגעקראָכן און אָפּגעוועלקט, נאָר פונויבן האָט די פרוי שוין באַוויזן אַ פאָר מאָל אַ שמיר טאָן מיטן קורצן און צעפּעכערטן פּענדזל. לעבן עמער מיט קאַלך האָט אומגעטאַנצט, ווי עס וואָלט געשפּילט זיך אין „קלאַסן“, אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען־עלף מיט קאַלך־פלעקן אַפן פאַריסן נעזל און אַף די שמאָלע בעקלעך.

— נאַסטיע! — האָט די פרוי פון לייטער אַראָפּגעשריִען צום מיידעלע, — נעם דעם עמער אין פירהויז און גיי נאָך וואַסער, קיין לעק וואַסער אין שטוב ניטאָ!

נאַסטיע איז אַרײַן אין שטוב, און ווען זי איז אַרויס פונדאָרטן, האָט זי בא דער קאַליטקע דערזען דעם פרעמדן באָכער. מאָטל האָט געהערט זאָגן, אַז אַ ליידיקער עמער איז אַ שלעכטער סימען, אָבער נאַסטיעס ליידיקער עמער האָט בא אים ניט אַרויסגערופן קיין אומאָנגענעמען געפיל, פאַרקערט, ס'איז אים געוואָרן עטוואָס היימלעכער, ווען ער האָט דערזען לעבן זיך דאָס מיידעלע מיטן ווײַס־אויסגעשמירטן פּאָנעם און מיט די געלע האָר, וועלכע האָבן, אַזוי ווי שטרויעלעך, געהויבן זיך אַפן קאָפּ פונעם ווינטל, וואָס האָט שוואַך געבלאָזן.

— ווארט אויס א ווײַלע. לויף ניט, — האָט ער זיך אָנגערופן צו איר. — דו וווינסט אין אָט דעם הויף?

— יאָ, איך וווין דאָ, — האָט זי געענטפערט. די אויגן אירע האָבן בלוי און פריילעך געפינקלט, אײַנקוקנדיק זיך בעסער אינעם אומבאַקאַנטן מענטשן. מאָטל האָט געשוויגן א פּאָר רגעס, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז מײַן שטוב.

— דײַן שטוב? — דאָס מיידעלע האָט אוועקגעשטעלט דעם עמער, צעעפנט די קאַליטקע, און א הילך געטאָן מיט א קלינגענדיקן קעלכל, ווײַזט אויס, א צופרידענע, וואָס זי האָט אָנצוזאָגן אזא טשיקאַווע פריילעכע נײַס.

— באָבע, קריך אראָפּ פון לייטער און קום אהער!

— ביסט נאָך אלץ ניט געגאַנגען נאָך וואַסער? דיך, אז מע שיקט, שטייסטו אף אן אָרט. וואָס האָסטו געזאָגט? — די פרוי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער קאַליטקע, און מאָטל האָט דערזען אן אַלט, צעקנייטשט פּאָנעם, א דאַרע טרוקענע האַנט, וועלכע האַלט דאָס פּענדזל.

— קריך אראָפּ, באָבע! הער, באָבע, וואָס ער זאָגט... ער זאָגט, אז מיר וווינען אין זײַן הויז. — נאַסטיע האָט אָנגעוויזן מיט איין האַנט אף מאָטלען און מיט דער אַנדערער אף זײַן טשעמאָדאַן, אזוי ווי דער טשעמאָדאַן וואָלט אויך געווען א לעבעדיקער וועזן און וויל זײַן באַלעבאָס פון דער שטוב.

מאָטלען האָט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט גלײַך אויסגעשאָסן, אז ס'איז זײַן הויז. ער איז נאָך ניט ארײַן אפילו אין הויף, און שוין אופגעהויבן א טומל.

די אַלטע האָט פון די אייבערשטע טרעפּלעך פאַרזיכטיק געגומען אראָפּלאָזן זיך אף אונטן, און וואָס נעענטער זי איז צוגעקומען צום אונטערשטן טרעפּל, אלץ מיט מער נײַגעריקייט האָט זי געהאַלטן אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין דער ריכטונג צום טויער, געוואָלט גיכער דערוויסן זיך און פאַרשטיין, וואָס איז דאָרטן, בא דער קאַליטקע, געשען?

מאָטל איז מיטן טשעמאָדאַן ארײַן אין הויף, נאַסטיע האָט איבערגעלאָזט דעם עמער אין גאַס, באַם טויער, און איז אויך ארײַן אין הויף. די באָבע אירע האָט שוין געהאַט אראָפּגעלאָזט זיך פון לעצטן טרעפּל פון לייטער. עס האָט זיך צוזאַמענגענומען א רעדל פון דרײַ מענטשן.

— ער זאָגט, אז ס'איז זײַן הויז, — האָט נאַסטיע איבערגעכאַזערט.

— זײַנע — איז זײַנע, — האָט די באָבע א לאַך געטאָן, — וואָס זשע קאַלך איך די ווענט? — איצט האָט מאָטל געזען, אז אין די קנייטשן פון איר פּאָנעם ליגן גרײַפּעלעך קאַלך, און די גרײַפּעלעך האָבן, דוכט זיך, אויך געלאַכט, קלוג און גוטמוטיק. — ווער ביסטו? — האָט זי געפרעגט באַם באָכער.

— איך בין לענאָוויטש, מאָטל לענאָוויטש.

— ווו איז דײַן טאַטע, די מאַמע?

— די עלטערן זײַנען געשטאָרבן.

— ביסטו געבליבן אַליין?

—איך האָב נאָך א ברודער און דרײַ שוועסטער.

— ווו זײַנען זיי?

— זיי זײַנען אין וואָסיוטינסק.

— ווו איז דאָס וואָסיוטינסק?

— ס'איז ווײַט פון דאַנען, ס'איז אפן צאָפן.

— און דו ביסט געקומען איינער אַליין?

— דערווײַל איינער אַליין. נאָר איך דאַרף די מישפּאָכע אראָפּברענגען אהער.

— ווו — אהער?

— אהער, קיק דאָניעצק, אין אונדזער שטוב.

— איר האָט דאָ פריִער געלעבט?

— נו, יאָ.

די פרוי האָט געקוקט אפן באָכער און אף איר פּאָנעם איז געווען א צווייענדיקער אויסדרוק — א פאַרלאַנג צו זאָגן דעם כעוורעמאַן, אז ער זאָל נעמען דעם טשעמאָדאַן אין האַנט און גיין ווײַטער פונדאַנען, דאָ קען מען אים ניט און מע ווייסט אים ניט. און נאָך א געפיל איז געווען — אז ווי דאָס זאָל ניט זײַן, נאָר ארויסטרײַבן א מענטשן טאָר מען ניט. ער איז פון וועג, און ער איז מיד, און געוויס הונגעריק אויך.

— מיר לעבן שוין דאָ דאָס וויפלטע יאָר, — האָט זי געזאָגט. — ארײַנגעקליבן האָבן מיר זיך אין שטוב לויט אן אָרדער פון ראַיסאָוועט. עס וועלן קומען פון דער ארבעט מײַן איידעם און מײַן טאָכטער, וועלן זיי דיר ווײַזן דעם דאָקומענט. ווארט אויס אף זיי.

זי האָט פאָרגעלייגט מאָטלען ארייַנגיין אין שטוב. די צוויי קליינע צימערלעך מיטן ני־
דעריקן סופיט האָט מאָטל גוט געדענקט, און ס'האָט בא אים פארקלעמט דאָס הארץ. אין אָט
די צימערלעך און אין אָט דעם הויפל איז אדורך זייַן קינדהייַט, זייַנע שול־יאָרן. דער קליאָן־
בוים מיטן אויסגעבויגענעם שטאם, וואָס וואקסט באם הילצערנעם גאנעק, און די צוויי קוס־
טעס בעז אנטקעגן די שייַבלעך אין פאָדערשטן צימער זייַנען געווען אין העלער זומערדיקער
גרינקייַט, זיי האָבן געשאָרכט און געשמעקט, ווי אמאָל, אָבער קיין געפיל פון היים, היימיש־
קייַט האָבן זיי ניט ארויסגערופן בא מאָטלען. ער האָט זיך געפילט דאָ פרעמד. די שטוב אָנעם
טאטן, אָן דער מאמען איז ניט געווען קיין היים. ס'האָט נאָר ארייַנגעבראכט אָן אומעט. מער
היים איז שוין געווען דאָרטן, אין וואסיוטינסק, ווו ס'איז איצט דינע מיט בערלען, מיט עטלען
און עסטערקען.

דער אלטערס איידעם, דער קוילנגרעבער וואסיל, און איר טאָכטער, וואסילס פרוי, דוסיע,
זייַנען געקומען אינאָוונט. מע האָט מאָטלען אייַנגעלאדן צום טיש עסן וועטשערע. דערנאָך
איז ער געזעסן אין הויף מיט וואסילן. ס'איז געווען אָנגענעם־קיל. אזוי ווי פייַער־פונקען פון
אנטראציט האָבן געוויגט זיך אין הימל די זומערדיקע שטערן. וואסיל האָט גערייכערט, און
דאָס פייַערל, וואָס האָט יעדעס מאָל אָנגעצונדן זיך אינעם טוטין פון פאפיראָס, האָט אויך
אויסגעזען, ווי א קליין שטערנדל. ס'האָט עטוואָס באלויכטן זייַן טונקעלן, מאָגערן פאָנעם, די
שיטערע שווארצע האָר אפן קאָפ.

— אף דער נייַנטער ליניע, — האָט וואסיל גערעדט צו מאָטלען, — בויט אונדזער שאכטע
א גרויסן מויער. אויב מע וועט מיר דאָרטן געבן א דירע, וועל איך די שטוב באפרייַען. אָבער
דערווייַל, ביז וואָס־ווען, וועסטו מוזן לעבן אין א צוזאמענוווינונג. זעסט דאָך אליין, אין די
צוויי צימערלעך וווינען צוויי מישפּאָכעס — די שוויגער מיטן מאן אירן, ער איז א קראנקער,
איצט ליגט ער אין שפיטאָל... אינעם צווייטן צימערל לעב איך מיט דער פרוי און מיט נאסט־
קען. ניטאָ ווו זיך א קער צו טאָן.

געשלאָפן איז מאָטל אף א פארוסינאָוון בעטל אין הויף.

וואסיל האָט זיך צוגעזעצט אפן אייַזערנעם ראנד פונעם בעטל, גערייכערט און דערציילט:

— ווען די פריצן האָבן געדארפט אָפּטרעטן פון שטאָט, האָבן זיי די שאכטעס דערטרונ־
קען. אין אונדזער שאכטע זייַנען געשווומען מענטשלעכע ביינער, שארבנס. בא א קוילנגרע־
בער איז די האנט א פעסטע, נאָר ווען איך האָב געפּאָמפּעט דאָס וואסער פון דער שאכטע,
האָט די האנט זיך געטרייסלט בא מיר, ווי בא א זאָקן. לעבעדיקערהייט האָבן די פאשיסטן
געוואָרפן מענטשן אין דער שאכטע. טויזנטער מענטשן. איינער א ייִד, ווען מע האָט אים א
שטופ געטאָן צום סטוואָל פון דער קוילנגרוב, האָט ער זיך א דריי אויס געטאָן אף צוריק און
מיט ביידע הענט אָנגעכאפּט דעם פּאָליציי־מאן, וואָס איז געשטאנען הינטער אים און אים
מיטגעשלעפּט מיט זיך. צוזאמען האָבן זיי זיך אראָפּגעקייַקלט אין שטרעק.

— ווען מיר וואָלטן זיך ניט עוואקויִרט, וואָלט מען אונדז אלעמען אויך ארייַנגעוואָרפן
אין דער קוילנגרוב, — האָט מאָטל געזאָגט. ער האָט געקוקט אפן הויכן אויסגעשטערנטן הימל,
די שטערן האָבן צוגעווונקען: „יאָ, יאָ, ארייַנגעוואָרפן, ווי אלע ייִדן פון דער שטאָט“.

ער האָט א צייַט ניט געקאָנט אייַנשלאָפן, און ס'האָט אים געדוכט, אז קיינער אין שטוב
שלאָפט ניט. אייַנגעשלאָפן איז ער, ווען ס'האָט גענומען טאָגן, און זיך אופגעכאפט, ווען די
זון האָט שוין גוט געבאקט און ס'האָבן שטארק געזשומעט די פליגן און קאָמארן. די אלטע
האָט געגרייט פרישטיק אין קיכל.

— וואש זיך אייַן און קום עסן, — האָט זי געזאָגט צו מאָטלען.

נאסטיע האָט געבראכט פּאָמידאָרן, וועלכע זי האָט אראָפּגעריסן פון א בייט אין גערטנדל.
מאָטל האָט זיך אפגיך אָנגעטאָן, אייַנגעוואשן זיך, אָבער פונעם עסן זיך אָפּגעזאָגט.

— א דאנק, איך וועל אין שטאָט, אין א סטאָלאָווע...

און ער איז אוועק.

ער איז אומגעגאנגען איבער דער שטאָט. געווען אין קאדרען־אָפּטייל פון מעטאלורגישן
זאוואָד, אין קאדרען־אָפּטייל פון כימישן זאוואָד — דאָ און דאָרטן האָט מען געדארפט ארבע־
טער, אָבער אין ערגעץ איז ניט געווען א פרייַ בעטל אין א צוזאמענוווינונג. אף דער פראכט־
סטאנציע פון דער אייַזנבאן, וואָס איז דערווייַטערט פון דער שטאָט אף א היפּשן מעהאלעך,
זייַנען אף א פארוקטער פּאָר רעלסן געשטאנען אלטע וואגאָנען, וואָס האָבן שוין אויסגעלעבט
זייערע יאָרן אף דער אייַזנבאן, די ווענט זייערע און די רעדער טויגן שוין ניט אף אומצו־
טראָגן זיך איבער די רעלסן און מע האָט זיי פארוואנדלט אין צייַטווייַליקע וווינונגען. זיי
האָבן אויסגעזען גאנץ היימיש, די וואגאָנען, מיט קוימענדלעך, מיט הילצערנע טרעפּלעך צו
די טאמבורס, מיט שטריקלעך, אף וועלכע עס הענגט גרעט. מאָטל האָט געקראָגן אן אָרט אף

דער איבערשטער פאָלקע אין אזא־אָ וואגאָן, וואָס פאָרט שוין אין ערגעץ ניט. א באָכער איז ער געווען א געזונטער און ער איז אָנגעקומען אף דער סטאנציע ארבעטן אַלס אָנלאָדער און אויסלאָדער פון וואגאָנען. דעריקער האָט מען געדארפט אָנלאָדן די וואגאָנען מיט קוילן און אויסלאָדן פון זיי דאָס געהילץ, וואָס איז נייטיק צום פארפעסטיקן די שטרעקן אין די שאכטעס.

אין איינעם א טאָג האָט מען אים ארײַנגערופן אין פראָפקאָם און געפרעגט, צי וויל ער ניט אָנקומען אין אָוונטיקן אײַזנבאן־טעכניקום. מאָטל האָט זייער געוואָלט לערנען זיך — מיט אזא ציל איז ער דאָך אוועקגעפאָרן פון וואסיוטינסק, און ער איז גערן מאסקים געווען. אָבער דער טעכניקום האָט זיך געפונען אין שטאָט, און די שטאָט איז ווײַט פון דער סטאנציע. א מידער נאָך א טאָג שווערער ארבעט, קוים באוויזן אראָפצוואשן פון זיך דעם שווייס פון לײַב, דעם שווארצן שטויב פון פּנים, איבערטאָן זיך און עפעס א כאַפ טאָן אָפצועסן אין וואָקזאַל־בופעט, איז ער גלײַך געלאָפן צום טראמוויי — פאָרן אין טעכניקום. אף די לימודים, ווי ער האָט זיך ניט אָנגעשטרענגט צו הערן און צו פארשטיין דאָס, וואָס די לערער זאָגן, האָט ער דאָך גאָרניט אָדער קימאט גאָרניט ניט געהערט און ניט פארשטאנען. ער האָט געהערט די לעקציעס, ווי אין א כאָלעם, יעדן מאָל אופגעריסן די אויגן און זיי האָבן זיך ווידער פארמאכט. עס איז געווען קלאָר, אז אזא לערנען טויג ניט פאר אים. דאַן איז ער אריבער אף הינטער־אויגיקער לערע, האָט עס אָבער ווידער ניט געטויגט. ער האָט גענומען קריגן דורך דער פאָטשט גראָבע העפטן, געדרוקט אף א סטעקלאָגראף, מיט קליינינקע אויסיעס און ניט גאָר דײַטלעכע צייכענונגען. דער וואגאָן פאָרט טאקע ניט, ס'טרייסלט ניט בייס מע שרײַבט און מע צייכנט, אָבער ס'איז געווען זייער ענג און זייער טומלדיק. און וויאזוי ער האָט זיך ניט באמיט, האָט ער די פארגעבונגען ניט אָפגעשיקט אין טעכניקום צו דער צײַט, אייניקע בײַ־כלאל ניט אויסגעפילט.

די לערער פון הינטער־אויגיקן טעכניקום — אָדער זיי האָבן ניט געלייענט דאָס, וואָס מע האָט זיי געשיקט, אָדער זיי האָבן ראכמאָנעס געהאט אף די ארבעטער־כעווריע, ווײַסנדיק, אז די לערע קומט זיי אָן זייער שווער, נאָר די באלן, וועלכע די פעדאגאָגן האָבן געשטעלט די שילער, זײַנען געווען ניט נידעריקער פון א „דרײַ". אף אזא אויפן האָט מאָטל ווי־עס־איז פארענדיקט צוויי קורסן פון טעכניקום און דאַן האָט מען אים גענומען אין ארמיי. ער האָט אָפגעדינט אזויפיל, וויפל מע האָט געדארפט אין דער פעכאָטע דינען, — דרײַ יאָר. אומגעקערט האָט ער זיך ניט קיין וואסיוטינסק און ניט קיין דאָניעצק, נאָר צוזאמען מיטן יינגערן סערזשאנט איזי שטארקבוים, מיט וועלכן ער האָט זיך אין ווזוואָד גוט באפרײַנדעט, אוועקגעפאָרן קיין גאָרקי, ווו ס'האָט געלעבט אין אַן אייגענער שטוב בא דער וואָלגע איזיס מישפאָכע. דעם עמעס געזאָגט, האָט דאָ איזי געהאט א מיין — ער האָט געוואָלט, אז מאָטל זאָל כאסענע האָבן פאר זײַן שוועסטער בעלען. דאָס לעצטע יאָר, וואָס זיי האָבן געדינט אין ארמיי, איז ניט געווען קיין איין בריוו, אין וועלכן איזי זאָל ניט איבערגעבן דעם סאמע הייסן, הארציקן גרוס די עלטערן און דער שוועסטער בעלען פונעם יינגערן סערזשאנט מאָטל לענאָוויטש. מאָטל האָט געשיקט א פאָטאָ־קארטעלע מיט אַן אופשריפט „דער אומבאקאנטער, באקאנטער בעלען", און בעלע האָט געשיקט איר פאָטאָגראפיע אויך מיט אזא אופשריפט: „דעם אומבאקאנטן, באקאנטן מאָטל לענאָוויטש"... איר פאָטאָ איז געווען א פארביקע — זאפטיקע רויטע ליפן, קופער־קאשטאנאָווע האָר אפן קאָפ, א בלוי קלייד אפן פולבלעכן קערפער. נאָר די אויגן זײַנען געווען פון אַן אומבאשטימטן קאָליר — געלבלעך־בלוילעכע אָדער געלבלעך־גרינלעכע.

ווען די צוויי יינגערע סערזשאנטן מיט די נײַע טשעמאָדאנען, וועלכע זיי האָבן פארן דעמאָביליזירן זיך, אײַנגעקויפט אין מאגאזין פון מיליטערישן שטעטל, זײַנען ארײַנגעקומען צו די שטארקבוימס אין שטוב, האָט מען ביידן — איזין און מאָטלען — אופגענומען, ווי טײַערע קינדער. בעלע האָט ארומגעכאפט קושן דעם ברודער אירן און דערבײַ אויך מיט ליבשאפט געקוקט אף מאָטלען, ווי זי וואָלט געזאָגט, אז זי וועט גערן אויך אים קושן, נאָר ער דארף אף דעם א ביסל אויסווארטן. איזיס מאמע צוזאמען מיט בעלען האָבן פײַן אויסגעשטאט א צימער פאר איזין און מאָטלען. אף א וואנט האָט מען אופגעהאנגען א שילדל „ניט רייכערן". איזיס טאטע איז געווען א גראווירער, גערופן האָט מען אים מוישע און ער האָט ליב געהאט צו דערמאָנען: „מאָסי סווערדלאָוו, יאקאָוו מיכײַלאָוויטשעס טאטע, איז אויך געווען א גראווירער". מוישעס קעמערל מיטן גרויסן פענצטער, וואָס קוקט ארויס צו דער גאס, איז געווען באהאנגען מיט אופשריפטן: „זײַט איינער צום אנדערן העפלעך. גאָרניט ווערט ניט געשאצט אזוי טײַער און קאָסט ניט אזוי ביליק, ווי קעגנזײַטיקע העפלעכקײַט". „היט אָפ די שטילקײַט. טומל און ראש צעשרויפט אײַער נערוון־סיסטעם". „אָפרו־זאָגנע. באציט זיך מיט ליבע צו דער נאטור — אײַער בעסטן פרײַנט. פארומרייניקט זי ניט און פארניכטעט זי ניט!" דאָס קעמערל איז געווען באם ארײַנגאנג אין שטוב, און אינעם ענגן טונקעלן קאָרידאָר זײַנען

שטענדיק געווען מענטשן מיט פאַרשיידענע כפייצים אויסצוקריצן אַף זיי מאַטאָנע־אופשריפטן. א הויכער, מיט א גרויסן קאָפּ, גראָווע ברעמען, אין א גרוילעכער גימנאַסטיאָרקע, האָט מוישע שטאַרקבוים, מיטן שטיפט אין האַנט, אויסגעזען מאָנומענטאַל, סאָליד, און יעדע זאַך, אפילע א קליינינקע, אַף וועלכער ער האָט אָנגעצייכנט זײַנע קאַליגראַפישע אויסיעס, האָט, דוכט זיך, באַקומען בא אים פיל מער וואָג און ווערט. די קרישטאָלענע וואַזעס, זייגערס און זייגערלעך האָט מען אַזויווי ספעציעל געשאַפן, אַז מוישע שטאַרקבוים זאָל אַפן אײדעלן גלאָז, אַף די גאָלדענע, זילבערנע, אַנאָדירטע, כראָמירטע זייגער־דעקלעך צולייגן זײַן מײַסטערישע האַנט.

אינגיכן איז מוישע שטאַרקבוימען אויסגעקומען אויסקריצן אופשריפטן אַף די מאַטאָנעס, וועלכע מע האָט געשאָנקען צו דער כאַסענע פון זײַן טאָכטער בעלען מיט מאָטלען. דעם עמעס געזאָגט, האָט ער דאָס געטאָן אָן איבעריקן פאַרגעניגן, אַזוי ווי א מוז־זאַך. „אבי זיי האָבן אים אַרײַנגעכאַפּט, אבי זיי האָבן כאַסענע געמאַכט“. „זיי“ — דאָס האָט ער געמיינט דאָס ווײַב זײַנס און די טאָכטער. עפּעס צו גיך איז אַלץ פאָרגעקומען. אַז דער כאָסן איז ניט געקנאָטן פונעם זעלבן טייג, וואָס די קאַלע זײַנע, דאָס זעט מען. מאָטל איז א מענטש, וואָס קאָן אָפּגיין דאָס גאַנצע לעבן אין איין אָנצוג — און ס'איז אים גוט, מער דאַרף ער ניט. ער וויל לערנען, דאָס איז זײַן ציל... קיין הייסע ליבע צווישן איר און אים זעט מען עפּעס ניט, א ליבע דערקענט מען לויט די אויגן. לויט א ווונק פון איינעם צום אַנדערן.

אַזוי האָט מוישע געטראַכט און קיין טאָעס ניט געהאַט. די כאַסענע איז טאַקע פאַרגעקומען זייער גיך. און וואָס איז דער וווּנדער: אַז א יונגער באָכער וווינט אין איין שטוב מיט א יונג מיידל, טאָג נאָך טאָג עסט מען בא איין טיש און דאָס מיידל קוקט נאָך, אַז דער באַכער, וועלכער זיצט לעבן איר, זאָל אַלץ אופעסן, און יעדן פרימאָרגן, ווען דער באָכער גייט אַרויס פון זײַן צימער, פרעגט דאָס מיידל בא אים, וויאַזוי איז ער געשלאָפן, צי ס'איז ניט געווען דושנע און צי ס'האָבן ניט געזשומעט די קאָמאַרלעך, און באַנאַכט, ווען ער גייט שלאָפן, דערמאָנט אים דאָס מיידל, אַז ער זאָל צומאַכן דאָס פענצטער, ווײַל ער קען זיך צוקילן, און אַז בא אים אַף דער טומבאָטשקע שטייט א גלאָז קעפיר, וואָס ער דאַרף אומבאַדינגט אויסטרינקען — אַזא געטרײַ מיידל, אויב ס'איז נאָך ניט אינגאַנצן א ווײַב, איז זי שוין קימאַט א ווײַב... דערצו נאָך דעם מיידלס מאַמע, וועלכע ווייסט ניט, וואָס נאָך אַזעלכס צו טאָן, אַז דער באָכער זאָל זיך פילן אין שטוב, ווי אַן אייגענער... אָבער וואָס מער מאָטל האָט געפילט אַף זיך זייער זאָרג און טרײַשאַפט צו אים, אַלץ מער האָט זיך אים געוואָלט אוועקגיין אַף אַן אַנדער קוואַרטיר.

בעלע האָט געאַרבעט אין א פאָטאָגראַפיע. פאָטאָגראַפירט האָט זי ניט, נאָר רעטושירט, דערבײַ אַרויסגעוויזן צום רעטוש גרויסע פייִקײַטן. די מענטשן אַף די בילדלעך זײַנען שטענדיק געווען בא איר שענער, ווי זיי זײַנען אינדערעמעסן. באַם ברודער איזין האָט זי א ביסל אוועקפאַרשמעלערט זײַן ברייטע נאָז, דינער געמאַכט די גראָבלעכע ליפּן; בא מאָטלען האָט זי אוועקגענומען פונעם שטערן דאָס גריבעלע, — א צייכן פון דער קינדהײַט, ווען ער איז געפאַלן מיטן שטערן אַף דער שוועל פון שטוב; די האָר מאָטלס, וואָס וויפל ער פאַרקעמט זיי ניט, בלײַבן זיי דאָך שטאַרצן, ווי שפּיזן, האָבן בא איר אַף דער פאָטאָגראַפיע אויסגעלייגט זיך אין צאַרטע קרײַזעלעך, ווי דאָס וויכע וואָל פון א מערינאָסן־שעפּסל. בלויז מיט די אויגן זײַנע קאָן זי גאָרניט מאַכן. אויב זיי זײַנען אומעטיקע, ווערן זיי בא איר ניט פריילעך. און נאָך דער כאַסענע זײַנען בא מאָטלען די אויגן אָפט געווען שטאַרק אומעטיקע, עס האָט פון זיי שטום אַרויסגערעדט א מין פאַרבאָרגענע כאַראָטע אַף א זאַך, וואָס ער איז באַגאַנגען און וואָס ער האָט ניט געדאַרפט באַגיין.

צווישן די קרויווים האָט מען נאָך דער כאַסענע בעלען גענומען רופן מאַדאַם רעטוש. אָבער רעטושירט, פאַרגלעט, פאַרשמירט, אַף וויפל דאָס איז געווען אין אירע מעגלעכקײַטן, האָט זי נאָר אַף די פאָטאָגראַפיעס. ביכלאַל האָט זי בא מענטשן, באַזונדערס בא אירע נאָענטע, אייגענע, און דערהויפּט בא איר מאַן מאָטלען, געזען כעסרוינעס.

עס איז ניט געווען די זאַך, וואָס ער זאָל טאָן, לויט איר מיינונג, ווי ס'באַדאַרף צו זײַן. פון קליינקייטן — ער פאַרקעמט זיך ניט אַזוי, ער פאַרבינדט ניט אַזוי דעם שניפּס, ער קושט ניט די האַנט בא א פרוי, ביז ערנסטע סיכסוכים וועגן וויכטיקע זאַכן — ער וויל ניט פאַרדינען דאָרטן, וווּ מע קאָן. ער וויל, זאָגט ער, לעבן פון דעם, וואָס ער האָט... אים איז אַלץ גענוג. וואָס עמעס איז עמעס, — בעלע האָט געדולדיק אויסגעהאַלטן מאָטלען, ווען ער האָט געלערנט אין אינסטיטוט און געקראָגן א קליינע סטיפּענדיע. זי האָט אים באַקליידט און באַשוכט. ניט געזשאַלעוועט קיין געלט, ער זאָל זײַן אָנגעטאָן בעסער פון אַנדערע סטודענטן. יעדעס מאָל, ווען ער איז אַריבער אַף א העכערן קורס, האָט זי אים געקויפט א נײַע גוטע

זאָך, לעמאַשל, א טײַערע הוט. נאָכן פֿאַרענדיקן דעם אינסטיטוט איז מאָטל אָנגעקומען אַר־בעטן אַלס אינזשעניער אפֿן מעכאַנישן זאַוואָד, איצט איז ער דאָרטן אַף אַן אָנפֿירנדיקער שטעלע, דער געהאַלט איז א גוטער, אָבער עפּעס קומט אויס אַזוי, אַז דאָס ווײַב האַלט אים נאָך אַלץ אויס. דאָס געלט, וואָס ער קריגט, גיט ער אָפּ בעלען און עס ווערט גלײַך צערונען, אויסגעגעבן אַף זאַכן, וואָס ער פֿאַרשטייט ניט, צוליב וואָס מע דאַרף זיי.

צוריק גערעדט, וואָלט ער, מאָטל, געקאָנט האַלטן, אַז אים איז ניט שלעכט. דאָס לעבן איז אײַנגעאָרדנט, ער האָט א פֿרוי אַלייך א פֿאַרדינערן. ער האָט א זון, מישען, וואָס איז שוין א דערוואַקסענער באָכער, לערנט אפֿן צווייטן קורס פֿון טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. אָבער דאָך פֿילט ער, מאָטל, אַז ס'איז בא אים ניט אַלץ אין אָרדענונג. „א מעשוגענער געלויף, א מעשו־גענע האַווענישׂ, — טראַכט ער אָפּטמאָל. — נאָר מע דאַרף, און מע דאַרף! אַזאַ וועלאָסיפּעד און אַזאַ וועלאָסיפּעד פֿאַר מישקען, פֿאַרקויפֿט דעם אַלטן טעלעוויזאָר און געקויפֿט א נײַעם, וואָס איז אַף א האָר ניט בעסער. איצט, אין די הייסע מינוטן, ווען ער איז געקומען צו לויפֿן אַהיים, קעדיי אָפּגיך נעמען דאָס, וואָס ער דאַרף צום וועג, האָט בעלע, צווישן די זיפֿצן און מיטגע־פֿילן איבער דעם, וואָס עס האָט געטראָפֿן מיט זײַן שוועסטער, פֿונדעסטוועגן געהאַט אין זי־נען און ניט פֿאַרגעסן אים צו דערמאָנען, אַז ס'איז שוין דרײַ טעג, ווי זיי האָבן געקראָגן פֿון אויטאָמאָביל־מאַגאַזין דאָס קאַרטל, אַז ס'איז געקומען זייער ריי צו קויפֿן אַן אויטאָמאַשין „זשיגולי". די לעצטע דרײַ יאָר איז ניט געווען דער טאָג, אַז מע זאָל אין דער מישפּאָכע ניט ריידן וועגן דער מאַשין. ער איז אין דעם אַלייך אויך שולדיק. דאָס האָט ער, ווען מישקע איז נאָך סאַכאַקל אַכט געווען צוועלף יאָר, געזאָגט צו אים: „וועסט אויסוואַקסן, וועסט זײַן א מענטש, וועסטו פֿאָרן אַף אַן אייגענער מאַשין".ביידע זײַנען צוזאַמען געגאַנגען אַף קורסן, קעדיי קריגן רעכט אַף צו פֿירן א מאַשין. זיי האָבן די קורסן פֿאַרענדיקט און די רעכט באַ־קומען, זיי זײַנען שאַפֿערן פֿון דריטן קלאַס. צוריק גערעדט, ווער וויל דאָס ניט האָבן אַן אייגענעם אויטאָמאָביל, און פֿאַרוואָס זאָל מישע און ער אַלייך, מאָטל, עס אויך ניט וועלן? אָבער דער טומל אַרום דעם איז אַזוי גרויס... נאָכדעם, ווי מע האָט באַקומען דאָס קאַרטל, איז מען שוין צוויי נעכט ניט געשלאָפֿן. מע טראַכט אַלץ, ווו נעמט מען געלט? א ביסל געלט איז פֿאַראַן, אָפּגעשפּאָרטס, טויזנט רובל גיט בעלעס טאַטע, מער, זאָגט ער, האָט ער ניט. באַצייטנס, נאָך פֿאַרן קאַרטל, האָט בעלע געצייצעט דעם מאַן אָנשרײַבן בערלען קיין ניקאָ־לײַעוו. דער יִינגערער ברודער, בערל, האָט א סאַך מער באַוויזן פֿון אים, דעם עלטערן. יענער איז א קאָנסטרוקטאָר און א געלערנטער, לייענט לעקציעס פֿאַר סטודענטן אין ניקאָלײַעווער שיפֿבוי־אינסטיטוט. געלט איז בא אים פֿאַראַן. אָבער בערל, באַריס גריגאָריעוויטש, האָט קלוג געענטפֿערט: „וואָס פֿאַר א פּאָנעם וועט דאָס האָבן, אויב איך, א לעקטאָר, וועל גיין אין אינ־סטיטוט צופֿוס און דער סטודענט מישע וועט פֿאָרן אין אַן אויטאָמאָביל?" א ביסל מעזומענע האָט ער פֿונדעסטוועגן צוגעשיקט. ווען ער זאָל וועלן, וואָלט ער געקאָנט שיקן א גרעסערע סומע. ער איז ניט קאַרג, נאָר ער האָט פֿײַנט די שוועגערן, ער רופֿט זי „די שמאַטניצע". בעלע האָט ניט אופֿגעהערט צו פּאָדערן באַם מאַן, אַז ער זאָל בעטן בא דער שוועסטער דינען.

— זי האָט. זי איז אַלייך, און זי דאַרף גאָרניט, און ווען זי זאָל אַפֿילע וועלן עפּעס קויפֿן, קאָן זי אויך ניט אין איר ווײַטער העק. אַף וואָס קאָן אוועקגיין בא אַזאַ מענטשן, ווי דײַן שוועסטער, דינע, געלט? און פֿאַרדינען פֿאַרדינט זי. זי איז דאָך אַף א גוטער שטעלע.

— בא דינען וועל איך ניט בעטן, — האָט מאָטל ניט געוואָלט אַפֿילע הערן.

— וועט דאָך פֿאַרפֿאַלן ווערן די מאַשין.

— זאָל זי פֿאַרפֿאַלן ווערן. דאָס וועט זײַן נאָר צום גוטן.

צווישן דינען און בעלען איז פֿאַרגעקומען א שטיקל מאַכלויקעס. דאָס איז געווען מיט אַן אַכט יאָר צוריק, ווען דינע איז געהאַט געקומען צו פֿאָרן צום ברודער צוגאַסט. דינע איז אַרײַן אין שטוב מיט א שיינעם בוקעט — פֿאַרשיידנקאָלירקע גלאַדיאָלוסן. די בלומען האָט זי געהאַלטן אין דער רעכטער האַנט און אין דער לינקער איז בא איר געווען א קליינער טשעמאָדאַן, ווי זי וואָלט געקומען צו פֿאָרן פֿון א דאַטשע, הינטער דער שטאָט.

בעלע האָט דערנאָך אינדערשטיל גערעדט צום מאַן:

— ווי־אַזוי קומט מען דאָס פֿון אַזאַ ווײַטן וועג און מע ברענגט גאָרניט? מע קומט אַרײַן אין שטוב מיט א בוקעטל און מיט א טשעמאָדאַנדל א גאַנעץ די גרויס. ס'איז א כאַרפּע אַפֿי־לע עמעצן צו זאָגן.

— בעלע, הער אויף! — האָט מאָטל קוים זיך אײַנגעהאַלטן ניט צו נעמען שרײַען. — איך האָב איר געשריבן אין בריוו, אַז זי זאָל גאָרניט פֿירן מיט זיך. און וואָס האָט זי פֿונדאָרטן צו פֿירן — זויערע ווײַמפּערלעך פֿון דער טייגע, פֿאַרפֿראָרענע ריאַבינע?

— א וואָלענע קאָפּטע טראָגט זי — מע זעט ניט אַזעלכס בא אונדז, און שטיוועלעך, וואָס אין אונדזער אוניווערמאַג שטעלט זיך אויס נאָך זיי א ריי אַף א קווארטאַל...

— האָסט ניט קיין וואָלענע קאָפּטע און קיין שטיוועלעך? — האָט מאָטל זי געפרעגט. — האָסט, דאַכט זיך, צען קאָפּטעס און פינף פּאָר שטיוול.

— אָבער אַז מע קומט צוגאַסט...

— דו זאָלסט עס נאָר ניט זאָגן איר, — האָט געבעטן מאָטל. — זע, עס זאָל זײַן רויִק.

— קיין מעשוגענע בין איך נאָך ניט, כ'זאָל עס איר זאָגן, נאָר דײַן שוועסטער וואָלט געמעגט זײַן א ביסל א בעסערע.

אין די טעג, ווען דינע איז געווען צוגאַסט, איז בעלע אומגעלאָפן איבער די מאַגאַזינען. א גליקלעכע איז זי ארײַן אין שטוב. זי האָט געקויפט א פּעלצל, עמעס ס'איז אַף איר א ביסל ענגלעך און א ביסל צו לאַנג.

— איך פאַרגין דיר פון גאַנצן האַרצן, נאָר כ'ווייס ניט...

— הער נאָר, דינע, — האָט בעלע זי איבערגעשלאָגן, — מיינסט, אַז אויב דו לעבסט ניט, אויב דײַן לעבן איז ניט אַוועק אַזוי... דאַרפן אַנדערע אויך ניט לעבן? קוק ניט אין מײַנע שאַפעס און צייל ניט מײַנע קליידער. ס'איז דײַן געלט, וואָס עס פאַרדריסט דיר, אַז איך גיב אויס? מיש זיך ניט, שווער׳גערן, מיש זיך ניט! — האָט זי שוין געשריִען הויך אַף א קאָל.

בא מאָטלען האָט בעלע דערנאָך געפּאָדערט:

— זאָל זי אַוועקפאָרן! איך האָב קיין רו ניט, זינט זי איז געקומען. זי איז א מענטש, וואָס דאַרף גאָרניט. זי האָט דאָך אַפילע ניט געדאַרפט קיין מאַן.

— בעלע, ווי שעמסטו זיך ניט אַזוי צו ריידן? זי איז געווען פאַר אונדז א מאַמע. איך האָב דיר דאָך דערציילט.

— ליובסט דײַן שוועסטער צופיל. זי איז בא דיר א מאַלעך. אַז מע איז א נאָרמאַלער מענטש, דאַרף מען האָבן אַלץ.

— ניט אַלע קענען דאָך, אַזוי ווי דו... כאַסענע מאַכן א באָכער אַף זיך, — האָט מאָטל סאַפּקאָלסאָף ניט אויסגעהאַלטן און אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס עס ליגט בא אים די גאַנצע צײַט, ווי א שטיין אַפן האַרצן.

— אַזוי גאָר? איז פאַרנעם זיך פונדאַנען צוזאַמען מיט דײַן ליבער שוועסטער, האָסט דאָ גאָרניט ארײַנגעבראַכט און די שטוב איז אויך ניט דײַנע!..

ס'איז געווען א הייסע קריג, ס'האָט געהאַלטן בא א געט. „מע דאַרף אַוועקגיין פון א שטוב, וואָס ווערט א גענעם, — האָט מאָטל געטראַכט, — אַנטלויפן און קיינמאָל זיך ניט אומקערן“.

ער איז אָבער ניט אַנטלאָפן. ער איז א ווייכער מענטש און מוט אַף דעם האָט ניט געקלעקט, און ער האָט ליב דעם זון. וויִאַזוי קאָן ער אים פאַרלאָזן? און זי אַליין, בעלע, איז די לעצטע צײַט געוואָרן א ביסל קליגער, לויפט שוין ניט אַזוי אַרום איבער די מאַגאַזינען... אָבער איצט, ווען ער האָט נאָך געהאַלטן אין דער האַנט דינעס טעלעגראַם און בעלע האָט אים דערמאָנט: „פאַרגעס, פונדעסטוועגן ניט, מאָטל... מיר האָבן דאָך אַזויפיל געוואָרט... אויב דו וועסט קאָנען, שיק אַרויס טעלעגראַפיש“, איז ער געוואָרן אָנגעצונדן, ווי בייס יענער גרויסער מאַכלויקעס.

— כ'וועל גאָרניט קאָנען און כ'וועל גאָרניט שיקן! — ער האָט אַזוי א קלאַפּ געטאָן איבערן טיש, אַז מע האָט געוויס געהערט הינטער דער וואַנט בא די שכיינים.

ער האָט ניט געוואָלט, ניט געטאָרט, ניט געקאָנט טראַכטן איצט וועגן אַנדערע זאַכן, ווען ווער ווייסט, וואָס ס'איז געשען מיט דער ליבער שוועסטער... זיצנדיק אין לײַנער א מידער, א פאַרטויבטער פונעם רויש פון די מאָטאָרן, האָט ער געהאַלטן צוגעמאַכט די אויגן, האַלב געדרעמלט. אינעם דאָזיקן שווערן האַלב־דרעמל האָט אים געדוכט, אַז ער פאָרט מיטן זון, מישען, אַף א „זשיגולי“. זיי פאָרן זייער האַסטיק. ניט זיי פאָרן, נאָר זיי פליִען. און אָט... פּלוצעם א שטאַרקער שטויס, און די מאַשין שנײַדט זיך ארײַן אין א פּלויט. מאָטל האָט אופגעעפנט די אויגן, מיט שרעק זיך אַרומגעקוקט.

— גאָרניט, גאָרניט... — האָט אים באַרויִקט דער פּאַסאַזשיר, וואָס איז געזעסן מיט אים בישכיינעס, — בינדט זיך צו מיטן רימען. דער אַעראָפּלאַן נידערט אַראָפּ. גאָט צו דאַנקען, בעשאָלעם געקומען צו פליִען.

— מיר זײַנען שוין אין נאָוואָסיבירסק? — האָט מאָטל א פאַרוווּנדערטער געפרעגט.

— יאָ, אין נאָוואָסיבירסק. — דער שאָכן האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ צום איליומינאַטאָר, ווי ער וואָלט שוין געהאָפּט גלײַך צו דערזען אַפן פלי־פעלד, וואָס וויגט זיך אַנטקעגן די אויגן

און דערנעענטערט זיך אַלץ מער צום פליגל פון אעראָפּלאַן, די קרויוים, וועלכע דאַרפן אים באַגעגענען. — אײַך וועט עמעצער באַגעגענען? — האָט ער געפרעגט בײַ מאָטלען.

— ניין, — האָט מאָטל געענטפערט. — איך בין נאָך ניט געקומען אַפן אָרט. כ׳דאַרף נאָך פאָרן פון נאָוואָסיבירסק עפשער אַ וואָך צײַט אַף אַ שיף...

דער ברודער בערל

דינעס צווייטער ברודער, בערל, — איצט באָריס גריגאָריעוויטש, — וווינט אין ניקאָלײַעוו. ווען ער האָט געקראָגן דינעס טעלעגראַם, איז ער, ווי דער ברודער מאָטל, אַוועקגעלאָפן אַפן אעראָוואָקזאַל, אָבער צום רעיסאָוון אעראָפּלאַן האָט ער פאַרשפּעטיקט, און אַז ער איז געקומען צו פליִען קיין נאָוואָסיבירסק, האָט ער שוין דאָרטן אויך פאַרשפּעטיקט צו דער שיף, אַף וועלכער ער האָט געדאַרפט פאָרן ווײַטער. ער האָט זיך אומגעדרייט שלינג־און־שלאַנג איבערן נאָוואָסיבירסקער טײַך־וואָקזאַל און געהאַט אַ פאַרדראָס אַף זיך, פּונקט ווי ער וואָלט געווען שולדיק, וואָס לויט דער רעשימע וועט אַ צווייטע שיף ניט אָפּגיין הײַנט, נאָר ערשט מאָרגן דרײַ אַזייגער באַטאָג. די צײַט, וואָס גייט דאָ בײַ אים אַוועק לעיִבעד, אין וואַרטעניש, וואָלט ער אויסגענוצט אַף זייער אַ נייטיקער זאַך, ער וואָלט אָפּגענומען בײַ די סטודענטן פון דריטן קורס פונעם שיפבוי־אינסטיטוט דעם עקזאַמען, וועלכער איז געווען אָנגעמערקט אַף נעכטן. ס׳איז איצט די עקזאַמען־סעסיע אין אינסטיטוט און זײַן פּלוצעמדיקער אָפּפאָר איז געוואָרן אַ גאַנצע געשעעניש און דעקאַנאַט. ער האָט צעשטערט דעם גראַפיק, געצוווּנגען „זײַנע" עקזאַמענעס איבערטראָגן אַף אַן אַנדער, אומבאַשטימטער, צײַט. בערל האָט געפּרוווט געדאַנקלעך אַרויסרופן פאַר די אויגן די שוועסטער דינע, זען איר פּאָנעם און ניט געקאָנט. אָנשטאָט דעם האָט ער אין געדאַנק געזען פאַרוויילטע אָדער בלאַסע פּנעמער פון סטודענטן, וועלכע ער עקזאַמענירט. און נאָך האָט ער געזען געדאַנקלעך פאַר די אויגן — אַ דרײַפּאַלובנע העלדישע ליכטנדיקע שיף, וואָס מע לאָזט אַראָפּ פון סטאַפּעל אַפן וואַסער.

כוץ דעם, וואָס באָריס גריגאָריעוויטש איז אַ לעקטאָר אין אינסטיטוט, איז ער איינער פון די אָנפירנדיקע קאָנסטרוקטאָרס אַפן שיפבוי־זאַוואָד. אייגנטלעך, די גרונט־אַרבעט זײַנע איז טאַקע אַפן זאַוואָד; די לעקטור אין אינסטיטוט איז ניט דער איקער בײַ אים, נאָר אַ צוגאָבלעכע אָנלאָדונג.

אין מעשעך פון די איבער צוויי צענדליק יאָר, וואָס ער איז באַשעפטיקט אין דער זאַוואָדישער קאָנסטרוקטאָרן־ביוראָ, האָט מען ניט איין פלאַש שאַמפּאַניער ווײַן צעבראָכן און אויסגעגאָסן אין ניקאָלײַעוו, אין בוגער לימאַן. אַזוי איז פון קאַמאַ יאָרן אײַנגעפירט אַף אַלע שיפבוי־זאַוואָדן: ווען ס׳ווערט געבוירן אַ נײַע שיף, גיסט מען אַרײַן אין יאַם אָדער אין טײַך אַ פלאַש שאַמפּאַניער. אָבער ערעוו דער גרויסער סימכע, אין די שאָען, ווען די שיף הייבט מען אָן אַראָפּלאָזן, „אַראָפּגליטשן" פון דער מעשופּעדיקער בריק פון דער ווערף אין וואַסער אַרײַן, קלאַפּן דאַן די הערצער בײַ די שיפבויער אי מיט פרייד, אי מיט אומרו, אַזוי ווי בײַ אַ טאַטן, וואָס טראָגט אַראָפּ פון די טרעפּ פון געבורט־הויז זײַן קינד אַף די הענט, און די מאַמע גייט באַנאַנד, אויך אַ פריידיקע און אומרויִקע. די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז דאָס קינד איז אַ געזונטס, אָבער ס׳מאַכט זיך דאָך, ס׳טרעפט פאַרשיידנס... ס׳טרעפט, אַז די שיף איז ווי אַ שיף, די קאַבינע אַפן קאַפּיטאַן־בריקל בלאַנקט מיט די נײַסטע מאַכשירים, די מאַשין־אָפּטיילונג רוישט ריטמיש מיט אַלע אירע מאָטאָרן, ניטאָ אַזאַ ווינקעלע, אַזאַ סאַלאָן, קאַיוטע, קאָרידאָר, וואָס זאָל ניט פינקלען נײַ, ניט שמעקן מיט פרישער פאַרב, ניט פרייען דאָס אויג מיט הויכער פאַרפאָלקומטקײַט, מײַסטערשאַפט, עסטעטישער פײַנקײַט. און נאָך אַלעמען, ווײַזט זיך אַרויס, — עמעס, דאָס טרעפט גאַנץ זעלטן, אָבער ס׳טרעפט, — אַז די שיף קאָן ניט שווימען, זי פאַלט אַף אַ זײַט, זי איז אַ קאַליקע, זי איז ווי אַ מעשונע־מאָדנע פיש, וואָס פאַרמאָגט אַלץ צו שווימען, נאָר זי ליגט אַפן וואַסער, ווי אַ געליימטע. עס פעלט בײַ דער שיף גלײַכגעוויכט, שטאַנדהאַפטיקײַט.

די נײַע שיף, וואָס פאַרלאָזט הײַנט די ניקאָלײַעווער ווערף, האָט בערל געצייכנט אַף וואַטמאַן־בויגנס, ווען פון איר איז נאָך קיין זייכער ניט געווען. צוזאַמען מיט אַ גאַנצער גרופּע

קאָנסטרוקטאָרס האָט ער לאַנגע כאַדאָשים, טאָג נאָך טאָג, זי געהאַלטן אין אויג, אַרײַנגעטראָגן ענדערונגען, אויסבעסערונגען, און הײַנט, באַם שלוס־עטאַפּ, באַ דער וויכטיקסטער פּריידיקער און אומרויִקער געשעעניש, וועט ער ניט בײַזײַן. „ס׳וועט אַלץ זײַן אין אָרדענונג" — איז ער געווען זיכער און אַלץ געפּרוווט אַ דריי טאָן די שרײַפּעלעך אין מויעך אין אַן אַנדער ריכטונג, ניט טראַכטן וועגן דער שיף, וועגן די עקזאַמענעס באַ די סטודענטן, וועגן אַנדערע זאַכן, וועלכע האָבן אַ שײַכעס צו זײַן טאָגטעגלעכן לעבן און אַרבעט, ווענדן די געדאַנקען צו דער שוועסטער, צו דער סיבע, וואָס האָט זי געצווונגען עקסטרע אים אַרויסרופן. ביסלעכווײַז האָט זיך אים דאָס אײַנגעגעבן. אַז מע פֿאָרט צו אַ שוועסטער, וואָס מע פֿאַרלאָזט מיט אַ סאַך יאָרן צוריק און מע ווייסט ניט אין אַוועלכן צושטאַנד מע וועט זי טרעפֿן, גיכער פֿון אַלץ, אין זייער אַ טרויעריקן, קאָן מען נישט ניט קלערן וועגן דעם, ווohין מע פֿאָרט און צו וועמען מע פֿאָרט. אַזויווי דער ברודער מאָטל, האָט בערל אויך זיך געטאַדלט, אַז ער איז זיך באַגאַנגען שלעכט בענעגייע דינען, „ווען איך האָב זיך געלערנט, האָט זי מיר געשיקט פּאָסילקעס און געלט. איך האָב זי יעדן מאָל אָפּגעדאַנקט מיט אַ קורץ קאַרטל, געשריבן, אַז מע דאַרף ניט שיקן. נאָר זי האָט פֿונדעסטוועגן געשיקט. אין די לעצטע יאָרן האָט זי ניט אויפֿגעהערט בעטן, איך זאָל קומען אויף זומער צו פֿאָרן, נאָר ווו, וואָס, ווען? כ׳האָב אַפֿילע ניט געטראַכט וועגן אַזאַ נעסיִע. איך בין דאָך שטענדיק אַזוי פֿאַרנומען, און דער זומער איז קורץ, און זי וווינט אַזוי ווײַט..."

ער האָט זיך דערמאָנט די צײַט, ווען דינע האָט אים אויסגעריכט אין וועג אַרײַן. ער איז אַוועקגעפֿאָרן פֿון וואָסיוטינסק אין אַן אָנדערהאַלבן יאָר אַרום נאָך מאָטלען, וועלכער האָט דעמלט געלעבט אין דאָניעצק און געאַרבעט אויף דער אײַזנבאַן, געהאַט אַ פֿאָלקע אין אַ וואַגאָן, וואָס איז פֿאַרוואַנדלט אין אַ צוזאַמענוווינונג. בערל איז פֿאַרפֿאָרן צו מאָטלען אין „זײַן" וואַגאָן. אַ כוידעש צי מער געווען דאָרטן אַן אײַנוווינער, יעדעס מאָל אַרײַנגעגאַנוועט זיך אַהין, עס זאָל אים ניט זען די קאָמענדאַנטשע פֿון די וואַגאָנען, זי האָט נאָכגעקוקט, אַז זײַטיקע פֿאַרשוינען זאָלן ניט האָבן קיין אײַנטריט אין זיי. בערל האָט געשטרעבט אָנקומען לערנען אין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, אויפֿן מאַטעמאַטישן פֿאַקולטעט. דער טאַטע איז געווען אַ לערער פֿון מאַטעמאַטיק, און ער וועט אויך זײַן. מאַטעמאַטישע פֿאָרמולעס, טעאָרעמעס האָט ער ליב געהאַט נאָך פֿון דער שול־באַנק, און ווען אין קלאַס וואָלט מען געדאַרפֿט לייזן נאָר מאַטעמאַטישע אויפֿגאַבעס, וואָלט ער די שול פֿאַרענדיקט מיט אַ גאָלדענער מעדאַל. פֿיזיק און כימיע האָט ער אויך גלענצנדיק געוווּסט, אָבער אויף עקאָנאָם־געאָגראַפֿיע, ליטעראַטור און פֿיזקולטור האָט ער מער ווי אויף אַ „דרײַ" ניט געצויגן. ער האָט אייניקע מאָל געפּלאָנטערט די ערד־רײַכטימער, די אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפֿט פֿון איין עקאָנאָם־געאָגראַפֿישער זאָנע מיט די רײַכטימער, אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפֿט פֿון אַ צווייטער זאָנע; אין די שריפֿטלעכע קאָנטראָל־אַרבעטן אויף ליטעראַטור האָט ער ניט דײַטלעך אונטערגעשטראָכן, וועער פֿון די העלדן צו אַ וועלכן קלאַס געהערט; בײַס די פֿיזקולטור־איבונגען האָט ער אָפֿט פֿאַרטשעפּעט און אומגעוואָרפֿן די פּלאַנקע, אָנשטאָט זי איבערשפּרינגען. אַ כעוורעמאַן איז ער געווען מיט זעלבסטווירדע און דאָס, וואָס ער איז ניט דער ערשטער אין קלאַס, האָט ער שטאַרק איבערגעלעבט. „אין אינסטיטוט אויפֿן מאַטעמאַטישן פֿאַקולטעט, וועל איך זײַן צווישן די ערשטע סטודענטן. מאַטעמאַטיק איז מײַן באַליבטער געגנשטאַנד און כ׳וועל זיך דאָרטן אויסצייכענען", — מיט אַזאַ האָפֿענונג איז ער געפֿאָרן אָנצוקומען לערנען אין דאָניעצק, אָבער ער איז אין דאָרטיקן אינסטיטוט ניט אָנגעקומען. בערל האָט שטאַרק איבערגעלעבט דערפֿון, געוואָרן אַ טעל. גראָד דעמלט האָט אין פּראָפֿאַרײַנישן קאָמיטעט פֿון דער אײַזנבאַן „געבערענט" אַ פּוטיאָווקע. ס׳טרעפֿט אַזאַ זאַך: די פּוטיאָווקע איז דאָ, און קיין באַלאָנים אויף איר אין דער הייסער מינוט זײַנען ניטאָ. דער, וועמען זי קומט, קאָן איצט ניט פֿאַרלאָזן די אַרבעט, אָדער די שטוב, אָדער ער ליגט, כאָלילע, צום בעט. אַן אַנדערער קאָן אויך ניט. דאַן גיט מען זי אָפּ אַבי־וועמען, זי זאָל ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן. אויף אַזאַ אויפֿן האָט מאָטל „אַרײַנגעכאַפּט" פֿאַר בערלען גאָר אומגעריכט אַ פּוטיאָווקע און איז געווען זייער צופֿרידן, וואָס דער ברודער וועט דערוויַל אַ ביסל זיך צעשטרייען, פֿאַריכטן דאָס געזונט.

בערלס פּוטיאָווקע איז געווען אין אַן אָפּרו־הויז ניט אויף דער יאַבאָשע, נאָר אויף אַ שיף מיט אַ שיינעם נאָמען „מעטשטאַ יונאָסטי" („טרוים פֿון דער יוגנט"). געשוווּמען איז זי לויטן מאַרשרוט מאַריִופּאָל — בערדיאַנסק — יעיסק, צוויי יאַמען האָבן זי אויף איר וועג באַשוונקט מיט זייערע כוואַליעס.

אויף דער שיף האָט בערל זיך באַקאַנט מיט אַ מיידל, וואָס הייסט לאַרע. זי האָט געלערנט אין ניקאָלײַעווער שיפֿבוי־אינסטיטוט. לאַרע איז געווען עלטער פֿון בערלען אויף דרײַ יאָר און אויסגעזען האָט זי נאָך עלטער פֿון אירע עמעסע יאָרן. ווען זיי זײַנען געשטאַנען באַנאַנד אויפֿן

איבערדעק, האָט מען אַפילו געקאָנט מיינען, אַז ס'איז אַ מאַמע מיט אַ זון. אָבער די „מאַמע" איז געווען אַ שיינע און בערל האָט זיך אין איר פאַרליבט. אים האָט געדוכט, אַז לאָרע איז אין אים אויך פאַרליבט. זיי זײַנען אָפט געשטאַנען באַנאַנד און געשמועסט צווישן זיך. זי האָט אים צוגערעדט אַריבערפאָרן קיין ניקאָלײַעוו.

— וועסט באַ אונדז אָנקומען אין שיפּבוי־אינסטיטוט, זייער אַ גוטער אינסטיטוט, אַן אָרט אין צוזאַמענוווינונג וועסטו האָבן. די סטיפּענדיע איז אַ העכערע, ווי אין פּעדאַגאָגישן. און בכלל... ניקאָלײַעוו איז דאָך אַזאַ שיינע שטאָט און ס'איז וואַרעם, און ס'איז גרין, און ס'איז דער ים.

— און דו ביסט דאָרטן, — האָט בערל ערנסט און צאַרט צוגעגעבן.

— יאָ, און איך בין דאָרטן, איך וועל דיר העלפן זיך אײַנאָרדענען.

ניט לאַנג געטראַכט, איז בערל — אַ פרײַער פויגל — גלײַך נאָכן אַפּרו־הויז צוזאַמען מיט לאָרען געקומען קיין ניקאָלײַעוו. אָבער צו זײַן גרויסן וווּנדער און אַנטוישונג האָט לאָרען אין ניקאָלײַעווער האַפן באַגעגנט אַ מאַנצביל און אַרומגעכאַפּט זי קושן.

— ס'איז מײַן מאַן, ער הייסט אַנדריי, און דאָס איז אַ קאָמענדיקער סטודענט, — האָט זי דעם מאַן אירן אָנגעוויזן אויף בערלען. די מאַנצבילען האָבן זיך דערלאַנגט די הענט.

„זי האָט זיך געשפּילט מיט מיר, ווי מיט אַ יינגל", — האָט בערל געטראַכט, און ער האָט געוואָלט, אַז די שיף, מיט וועלכער ער איז געקומען צו פאָרן, זאָל טייקעף אָפּשווימען אויף צוריק און פאַרכאַפּן אים מיט זיך, ער זאָל קאָנען פאַרשווינדן פון דאַנען.

— מירן באַלד צופאָרן צו אַנדרייס מומע, — האָט לאָרע געזאָגט, — זי וווינט דאָ ניט ווײַט.

בערל האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין אַנדרייס מאַשין, אין דער קאַבינע. לאָרע האָט זיך אוועקגעזעצט אויפן דיוואַן פונהינטן, און אין שפּיגל, וואָס איז צוגעפּאַסטיקט באַ דער פאָדערשטער שויב פונדערזײַט, האָט ער געזען לאָרעס צופרידענעם אויסדרוק אויפן פּנים, ווי זי וואָלט אויפגעטאָן עפּעס אַ גוטע זאַך.

די מומע, אַן אַלטע, מיט אַ געל צעקנייטשט פּנים, האָט אים דערלאַנגט איר אויסגעאַרבעטע האַנט און זי איז געבליבן זיצן אויף איר בענקל, ווי זי איז געזעסן, ווען די געסט זײַנען אַרײַנגעקומען. אַ באַלעבאָסטע איז דאָ, ווײַזט אויס, געווען לאָרע.

— אָט איז דאָס צימערל. דאָ וועט דיר זײַן גוט. ס'איז שטיל און קיינער וועט דיר ניט שטערן גרייטן די לעקציעס, — זי האָט גערעדט צו בערלען, אַזוי ווי ער וואָלט שוין געהאַט אָנגעקומען אין אינסטיטוט. — ביסט ניט צופרידן?

— איך וועל אוועקפאָרן צוריק קיין דאָניעצק, — האָט ער געזאָגט.

— דאָ איז דיר ניט געפעלן? אַ שלעכטער צימער? — האָט זי זיך געוווּנדערט.

— דער צימער איז אַ גוטער...

— און דער אינסטיטוט, וווּ דו וועסט אָנקומען, איז אַ גוטער, און די שטאָט ניקאָלײַעוו איז זייער אַ גוטע, איך האָב דיר דאָך געזאָגט... וואָס זשע איז שלעכט?

ער האָט געשוויגן, געקוקט אויף איר מיט אויסדרוקפולע אויגן און געשוויגן.

— איך בין אַ שלעכטע? — האָט זי זיך צעלאַכט.

— דו ביסט אַ גוטע... אַלץ איז דאָ גוט, נאָר איך בין דאָ אַן איבעריקער.

— אַן איבעריקער? ווייסט דאָך, וויאַזוי מע זינגט אין אַ לידל: „קיינער איז באַ אונדז ניט איבעריק. גליקלעך זײַנען יונג און אַלט..."

— האָסט מיר ניט געזאָגט, אַז דו האָסט אַ מאַן... — האָט ער אויסגעשעפּטשעט.

— האָסט דאָך ניט געפרעגט... און צוליב וואָס האָב איך דיר געדאַרפט דאָס זאָגן?

— האָסט זיך געשפּילט מיט מיר...

— דו ביסט מיר געפעלן און... יאָ, איך האָב געוואָלט זיך אַ שפּיל טאָן, — האָט זי פּראָסט און אומיטלבאַר זיך מודה געווען. — אָבער איך וויל, אַז מיר זאָלן בלײַבן פרײַנט. איך וויל, אַז דו זאָלסט זיך לערנען און איך זאָל האָבן אַ קליינעם כיילעק אין דײַנע דערפאָלגן.

נאָכן פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט איז לאָרע אוועקגעפאָרן פון ניקאָלײַעוו צוזאַמען מיטן מאַן, וועלכן מע האָט אַריבערגעפירט אויף אַרבעט אין וולאַדיוואָסטאָקער שיף־פאַרוואַלטונג. בערל איז געוואָרן אַ שטענדיקער ניקאָלײַעווער טוישעוו. ער האָט דאָ כאַסענע געהאַט און האָט צוויי דערוואַקסענע קינדער — אַ זון מיט אַ טאָכטער. זײַן ערשטע יוגנטלעכע, מע קאָן זאָגן קענדערישע ליבע צו לאָרען, האָט ער שוין לאַנג געדאַרפט פאַרגעסן, נאָר ס'פאַרגעסט זיך ניט. אָט האָט ער איצט ווידער זיך דערמאָנט...

ער איז געשטאנען אױף דעם אױבערדעק פֿון דער שיף, װאָס איז באַטאָג אָפּגעשװוּמען פֿון נאָװאָסיבירסקער טײַך־װאָקזאַל, געקוקט אױף די ברעגן פֿונעם טײַך אָב, באַזוימטע מיט פּיכטע־ און קליאָן־בײמער, באַגרינטע מיט זומער־גראָזן און קװײטן. ער האָט געװאָלט אַרױסרופֿן בײַ זיך טרױעריקע געדאַנקען, נאָר ס'האָט זיך עפּעס ניט געטרױערט. און די מאַכשאָװעס װעגן דער שװעסטער האָבן יעדן מאָל איבערגעשלאָגן אַנדערע — װידער װעגן דער שיף, װאָס מע װעט הײַנט אַראָפּלאָזן פֿון סטאַפּעל, װעגן די סטודענטן, און אָט — נאַ דיר גאָר אַזאַ זיסע דערמאָנונג װעגן אַן ערשטער ליבע... ס'איז בײַ אים געװען איצט אַזאַ צײַט אין לעבן, װען מע קאָן זאָגן: „האַלעװײַ װײַטער ניט ערגער“, און אַפֿילו די באַאומרויִקנדיקע טעלעגראַם פֿון דער ליבער און טרײַער שװעסטער האָט ניט געקאָנט פֿאַרטונקלען דעם געפֿיל, אַז אין אַלגעמײן איז בײַ אים אַלץ — אױף דער אַרבעט, אין דער פֿאַמיליע — אין אָרדענונג...

די שװעסטער עטל

1

עטל, צוזאַמען מיט דער ייִנגערער שװעסטער עסטערקען, איז פֿון װאַסיוטינסק אַװעק־געפֿאָרן אין אַ געװיסער צײַט אַרום נאָך בערלען. זײ זײַנען געפֿאָרן קײן מאָסקװע צו זײערן אַ פֿעטער, דעם טאַטנס אַ ברודער. דעם פֿעטער האָט מען גערופֿן העװל. דינע האָט אים אָנגע־שריבן אַ בריװ, אַז זי װאָלט זײער געװאָלט, אַז כאָטשבי אײן שװעסטערל אירס זאָל לעבן אין מאָסקװע, האָט העװל געענטפֿערט: זאָל זי קומען. מיר האָבן אױסגעגעבן אונדזערע צװײ טעכ־טער, אין שטוב איז געװאָרן פֿרײַער, רויִקער און אומעטיקער אױך. אַז ס'װעט זײַן אַ מײדל אין שטוב, װעט װידער זײַן פֿרײלעכער.

דינע האָט געזען, אַז דער פֿעטער העװל איז ניט גלאַט אַ פֿעטער, נאָר אַ פֿעטער אַ גוּ־טער, האָט זי אים דערמאָנט, אַז זי האָט נאָך אַ שװעסטער, און ער אַ פּלעמעניצע, די מיזינקע אין דער מישפּאָכע — עסטערקען, װעלכע װיל פֿאָרן צוזאַמען מיט עטלען. דער פֿעטער האָט געענטפֿערט: זאָל קומען עסטער אױך. אינעם צימערל, װוּ ס'זײַנען געשלאָפֿן צװײ טעכטער, װעלן שלאָפֿן צװײ פּלעמעניצעס.

אַ סװאָרע, אַז דעם ליבן ברײטהאַרציקן פֿעטער איז אױסגעקומען אַ ביסל אײַנטײַנען מיט זײַן װײַב מאַלקען, װײַל דעם גינסטיקן ענטפֿער האָט מען אין װאַסיוטינסק דערהאַלטן ניט אַזױ גיך. נאָכדעם האָבן די צװײ שװעסטער געלאָזט זיך אין װעג, אַרױסבאַגלײט האָט זײ, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, דינע. װען איז דאָס, אױב רײדן גענױער, געװען? גאָרניט אַזױ לאַנג, סאַכאַקל מיט אַ פֿערטל יאָרהונדערט צוריק. איצט פֿאָרט זי, עטל, דרינגענדיק קײן װאַסיו־טינסק. מיט דינען האָט עפּעס געטראָפֿן! דינע רופֿט!

אַ לאַנגער װעג איז עפּשער גוט דערמיט, װײַל מע האָט דאַן גענוג צײַט אַ דערמאָן זיך טאָן, אַרומקוקן זיך, אָפּגעבן זיך אַ שטיקל דין־װעכעזשבן, אונטערפֿירן אַ װעלכן־ניט־איז סאַכאַקל...

2

דער פֿעטער העװל האָט געהאַט אַ דירע פֿון צװײ קלײנע צימערן. אײנס האָט ער אָפּגע־געבן עטלען און עסטערן. אין צימערל איז געשטאַנען אײן בעט, װײַל נאָך אַ בעט איז ניט געװען װוּ צו שטעלן. אינאָװונט, פֿאַרן לײגן זיך שלאָפֿן, האָט מען פֿון קאָרידאָר אַרײַנגעטראָגן אַ גרינג ברעזענטן בעטל, װאָס האָט מיטן צוקאָפּנס אָנגעשפּאַרט זיך צום פֿענצטער, דער

צופוסנס האָט דערגריכט צו דער טיר. ווינטער זײַנען די שוועסטער געשלאָפֿן צוזאַמען, צוויי קישנס ליגן באַנאַנד, איין שלאָף פּאָרט אַראָפּ איין קישן צום אַנדערן, עטלס בלאָנדע האָר מישן זיך איבער מיט די שוואַרצע עסטערקעס האָר. ווען ס'ווערט הייס, לייגט מען זיך מיט די צו־קאָפּנס באַזונדער, דאָן הערט זיך אָפּטמאָל, ווי איינע בעט אָדער פּאָדערט בײַ דער צווייטער: „עטקע, נעם צו די פֿיס!" „עסטערקע, בריקעווע ניט!".

עטל האָט זיך אײַנגעאָרדנט אַלס אַ שילערין אַ צייכענערין אַפֿן מאַשינבוי־זאַוואָד, וועלכער איז זייער נאָענט פֿון שטוב — דער זאַוואָדישער פּלויט איז פּונקט אַנטקעגן די צווייִשטאָקיקע קאָמונאַלע הײַזער, וווּ אין איינעם פֿון זיי לעבט די מישפּאָכע לענאָוויטש. דער פֿעטער העוול איז אַ בריוונטרעגער, ער אַרבעט אין דער דערבײַיִקער פּאָטשט־אָפּטיילונג, די מומע מאַל־קע איז אַן אופֿראַמערין אין דער קאָנטאָר פֿון זאַוואָד, און זי האָט געייצעט עטלען אָנקומען אויף „איר" אונטערנעמונג. די אייִנציקע ניט־פֿאַרדינערין אין שטוב איז עסטערקע, זי לערנט אין אַכטן קלאַס פֿון דער מיטלשול.

יעדן פֿרימאָרגן, כּוץ זונטיק, קלינגט דער וועקזייגער אַ פֿערטל אויף אַכט, דער קלונג איז פֿאַר עטלען און עסטערקען. דער ערשטער, אָנעם וועקזייגער, שטייט אויף העוול, ער דאַרף צו זעקס אַזייגער זײַן אויף דער פּאָטשט, אָנפּאַקעווען דעם גרויסן בײַטל מיט צײַטונגען און אַלע אַנדערע מינים שריפֿטן און פֿאַנאַנדערטראָגן זיי די אַדרעסאַטן. די מומע מעג נאָך אַ ביסל שלאָפֿן, נאָר ס'שלאָפֿט זיך איר ניט, זי טוט זיך אָן, וואַשט זיך אײַן, אייסעקט זיך אַ האַלבע שעה אויף דער קיך, דערנאָך שטילערהייט, ניט אויפֿצוּוועקן די מיידלעך, גייט זי אויך אַרויס פֿון שטוב.

הײַנט האָט עטל אויפֿגעעפֿנט די אויגן מיט אַ העלן שמייכל אויפֿן פֿאַרשלאָפֿענעם פּאָנעם. זי האָט נאָך ניט באַוויזן אַ קוק טאָן אויף זיך אין שפּיגל, נאָר דעם שמייכל האָט זי געפֿילט. ס'איז איר אַזוי גוט געווען אויפֿן האַרצן. ס'האָט זיך איר געכאָלעמט אַזאַ גוטער כאָלעם! אַז מע איז אַלט זיבעצן יאָר, זעט מען אָפֿט גוטע כאַלוימעס, שלעכטע כאָלעמען זיך זעלטן. געגנוי דעם כאָלעם, וואָס זי האָט געזען, האָט זי ניט געדענקט, — ערגעץ איז זי געפֿאָרן, דוכט זיך, אַז אין דאַטשע־יִשעוו וועשניאַקי, דאָרטן האָט מען אויף אַ גרינער לאָנקע, ניט ווײַט פֿון דער אָזערע, געשפּילט אין האַנדבאָל. די פּילקע איז יעדן מאָל ווײַט פֿאַרפֿלויגן, אַרײַנגעפֿאַלן אין דער אָזערע און זי, עטל, איז געשפּרונגען אין וואַסער, אַרויסגענומען די פּילקע און געוואָרפֿן צו עמעצן פֿון איר קאָמאַנדע שפּילער. זי האָט געהערט זאָגן, אַז וואַסער אין אַ כאָלעם איז ניט קיין גוטער סימען, נאָר איר איז געווען אַזוי גוט יעדן מאָל אַרײַנצושפּרינגען אין דער אָזערע און כאַפּן די נאַסע פּילקע! מיט אַ פֿריידיקן געפֿיל האָט זי, ווי נאָר זי האָט אויפֿגעעפֿנט די אויגן, טייקעף זיך דערמאָנט, וואָס עס שטייט איר פֿאָר הײַנט ניט אין אַ כאָלעם, נאָר אויף דער וואָר. דער טאָג וועט זײַן זייער אַ גוטער, אַן אויסגעצייכנטער טאָג, זי וועט אים פֿאַר־געדענקען אויף שטענדיק. הײַנט וועט מען איר זאָגן, אַז מע האָט זי ליב, אַז מע קאָן אָן איר ניט לעבן, און ס'איז זייער מעגלעך, אַז מע וועט אַפֿילע זאָגן, אַז מע וויל פֿאַר איר כאַסענע האָבן. ס'איז עפּשער אַ ביסל צו פֿרי פֿאַר איר, נאָר פֿאַר יאַשען ניט, ער איז אַלט דרײַ און צוואַנציק, פֿאַר אים איז שוין ניט פֿרי, און ביכלאַל, וואָס פֿאַר אַ ראָליע שפּילט אַ פּאָר יאָר מער אָדער ווייניקער, אַז ער איז אַזאַ וווילער, אַזאַ טײַערער באָכער, און זיי האָבן זיך ליב.

עסטערקען האָט אויך אויפֿגעוועקט דער זייגער, נאָר זי האָט זיך געמאַכט, אַז זי שלאָפֿט נאָך, זי האָט דעם קאָפּ איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע. ווען מע דאַרף אינדערפֿרי אויפֿשטיין, איז יעדע איבעריקע מינוט, וואָס מע ליגט אין בעט, זיס, ווי האָניק. עטל האָט זי אָפּגעדעקט, אַ צי געטאָן פֿאַר אַ פֿוס, און אַז דאָס האָט ניט געהאָלפֿן, האָט זי בײַ איר אַרויסגעשלעפּט דעם קישן פֿון אונטערן צוקאָפּנס. אַן אומצופֿרידענע האָט עסטערקע פּאַוואָליע זיך אויפֿגע־הויבן, אַרופֿגעצויגן אויף די שמאָלע אַקסל דאָס ציצענע קליידל. ווען זי האָט גענומען אָנטאָן אויפֿן האַלדז איר שנירל קרעלן, האָט עטל זיך אָנגערופֿן:

— הײַנט אײַנאָוונט וועסטו מיר דײַנע קרעלן געבן.

— וואָס נאָך ווילסטו? האָסט דאָך אייגענע.

פֿאַראיאָרן זומער איז דער פֿעטער געווען אין אַן אָפּרו־הויז הינטער ריגע, בײַם באַלטישן יאַם, און פֿון דאָרטן געבראַכט צוויי שנירלעך בורשטינענע קרעלן. איין שנירל — אַ טײַערס, דאָס אַנדערע איז אַ פּאָשעטס, פֿינקלט ניט, לויכט ניט, ס'איז אַ סאָפֿעק, צי איז דאָס בורשטין, געלעגן מיליאָנען יאָרן אין יאַם און דאָס וואַסער האָט עס געשלײַפֿט. עפּשער גאָר געוויינ־לעכע שטיינדלעך מיט לעכעלעך דורכצוציִען אין זיי אַ פֿאָדעם.

— ווער טוט דאָס אַזוי? — האָט די מומע געהאַט אַ גערעכטע טײַנע צום פעטער. — אַז מע קויפט, נעמט מען פון איין און דעם זעלבן ווערט. וועמען ווילסטו באַקריוודן — עטלען? עסטערקען?

— עס האָט באַ מיר ניט געסטײַעט קיין געלט אַף צו קויפן גוטע פאַר ביידן, — האָט העווּל זיך פאַרענטפערט.

— קויפט מען אײַנגאַנצן ניט.

דאָס מאָל האָט צוגעשפּילט עסטערקען. ס'האָט זיך גראָד אָנגערוקט איר געבורטסטאָג און די גוטע קרעלן האָט מען געשאָנקען איר. עטל איז אויך געווען צופרידן, זי האָט זייער ליב איר ייִנגערע שוועסטער און זי האָט זיך געפרייט, וואָס יענע קריגט אַ שיינע מתּנה. אָבער אַף הײַנטיקן אָוונט האָט עטל באַדאַרפט די גוטע קרעלן.

— דאַרפסט זיי אַף הײַנטיקן קאָנצערט אין קלוב? — האָט עסטערקע געפרעגט. — איך וועל דאָך אויך הײַנט אין קלוב אַרויסטרעטן. דו דאַרפסט, און איך ניט?

— צוליב אַרויסטרעטן אַף דער סצענע באַדאַרף איך זיי ניט. איך דאַרף זיי אַף דערנאָך.

— אַף דערנאָך? וואָס וועט זײַן באַ דיר דערנאָך? — האָט עסטערקע זיך געוווּנדערט.

— נאָכן קאָנצערט וועל איך גיין שפּאַצירן.

— ס'וועט דאָך שוין זײַן שפּעט.

— אַז מע האָט ליב — איז דען פאַראַן פרי אָדער שפּעט?

עסטערקע האָט געהאַט גרויס פאַרגעניגן, וואָס פון גאַנצפרי הײַנט איז איר שוין אויסגעפאַלן צו האָבן אַזאַ אינטערעסאַנטן געשפּרעך. די שוואַרצע שמאָלע אייגלעך אירע האָבן אויך שוין פריילעך געפינקלט, ווי באַ איר שוועסטער.

— דו ביסט פאַרליבט? — האָט זי אָן אַנציקטע געפרעגט באַ איר.

— דוכט זיך, אַז יאָ...

— און ער — אין דיר?

— ער אין מיר געוויס.

— ווער איז ער? איך קען אים?

— דו קענסט אים. ער שפּילט אין וואַלייבאָל, אַ שטאַנגיסט איז ער אויך.

— אונדריושע מיראָנענקאָ?

— ניין.

— סעמיאָן זאַגורסקי?

— ניין.

— וואַניושע פילימאָנאָוו?

— ניין.

— יאַשע מאָזין?

— האָסט געטראָפן. יאַשע מאָזין. — עטל האָט אַרויסגעבראַכט זײַן נאָמען, אַזוי ווי אַ פרומער ייִד ברענגט אַרויס דעם נאָמען פון עלייאָהו הנאָווי — פּאַרכטיק און צאַרט.

עסטערקע איז געווען אַנטוישט. יאַשע מאָזין איז, לויט איר מיינונג, ניט געווען דער בעסטער און שענסטער אין דער קאָמפּאַניע באַכערים, וועלכע זי זעט אין קלוב און אַפן סטאַדיאָן. ער איז אַ גרויסהאָלטער. אַז מע גריסט זיך מיט אים, טוט ער קוים אַ שאָקל דאָס טשוביקל האָר אַפן קאָפּ און קערעוועט זיך טייקעף אָפּ, ווי ער וואָלט ניט געהאַט קיין איבעריקע סעקונדע אַף אָפּצוגעבן זײַן אויפמערקזאַמקייט אַ מענטשן. קיין גרויסער שפּילער איז ער אויך ניט, ער נעמט נאָר מיט זײַן הויכן וווּקס, מיט די לאַנגע הענט. אָבער דאָס, וואָס עטל איז פאַרליבט און מע איז פאַרליבט אין איר, איז געווען פאַר עסטערקען אַזאַ איבערראַשנדיקע נײַעס, אַז איר אייגענע מיינונג האָט זי אָפּגערוקט אין אַ זײַט און אין דער הויך ניט אַרויסגעזאָגט. זי איז געווען גרויסמוטיק.

— גוט, — האָט זי געזאָגט. — כ'גיב דיר אַף הײַנטיקן אָוונט מײַנע קרעלן און אויך אַף די אַנדערע אָוונטן, ווען דו וועסט זיי דאַרפן.

— אַ דאַנק. איצט, עסטערקע, פאַרבעט אָפּגיך די בעט, וואַש זיך אײַן און קום עסן.

ווען די מומע איז שוין אַף דער אַרבעט, איז די באַלעבאָסטע אין שטוב עטל. זי דאַרף זען, אַז פאַרן אַוועקגיין זאָל ניט בלײַבן אַ העקדעש אין צימער, זי דאַרף צוגרייטן פרישטיק פאַר זיך און פאַר עסטערקען, אַלץ מוז געטאָן ווערן גיך — זי זאָל ניט פאַרשפּעטיקן אַפן זאַוואָד, עסטערקע — אין שול.

3

דער צושויער־זאַל פון זאַוואָדישן קלוב איז געווען געפּאַקט. די יוגנטלעכע סטודיע פון געזאַנג און באַלעט האָט געגעבן אַ גרויסן קאָנצערט. ווען דער קאָנפעראַנסיע האָט געמאָלדן, אַז ס׳טרעטן אַרויס די שוועסטער עטל און עסטער לענאָוויטש האָט דער עולם שטאַרק אַפּלאָדירט. מע האָט זיי שוין געוווּסט, די צוויי פּײַקע שוועסטערלעך, וואָס זינגען און טאַנצן אין אַ דועט און אויך יעדערע באַזונדער — סאָלאָ.

דער סטודענט פונעם פערטן קורס פון מעי׳ (מאָסקווער ענערגעטישער אינסטיטוט) יאַשע מאַזין איז געזעסן ווײַט פון דער בינע — אַזש אַף דער 28־טער באַנק, און ניט אינמיטן, נאָר באַם סאַמע בּרעג. אָבער עטל, ווי נאָר זי איז פון הינטער די קוליסן אַרויף אַף דער בינע, האָט זי אים גלײַך געפונען אין זאַל. דערנאָך, ווען זי האָט געזונגען צוזאַמען מיט עסטערקען לידער און געטאַנצט, האָט זי בעקיוון אַף אים ניט געקוקט, אָבער דעם בליק זײַנעם האָט זי אַף זיך געפילט, און דאָס האָט איר צוגעגעבן מוט און שטימונג. זי האָט נאָך ביז איצט אַזאַ גרויסן דערפאָלג ניט געהאַט אַף דער סצענע, און אין איר זכוס — אויך עסטערקע. צוויי מאָל האָבן זיי געביטן די קליידונג — אָנגעטאָן לאַנגע רויטע סאַראַפאַנען צום זינגען „ריאַבינאַ״ און קורצע קליידעלעך און באַלעטקעס צום טאַנצן אַ שטיקעלע פון טשײַקאָווסקיס „שוואַנען־אָזערע״. די שיינע בורשטין־קרעלן באַ עטלען אַפן האַלדז האָבן געפינקלט צו אַלעמען אין זאַל, און מער פון אַלץ האָבן זיי געפינקלט און געלויכטן, און געוווּנקען צו איין מענטשן — צום צושויער, וועלכער זיצט אַף דער אַכט־און־צוואַנציקסטער באַנק, באַם סאַמע בּרעג.

דער קאָנצערט איז נאָך געגאַנגען, אַנדערע יונגע אַרטיסטן זײַנען אַרויסגעטראָטן, אָבער עטל, נאָך דעם ווי זי האָט אָפּגעשפּילט איר לעצטן נומער, האָט הינטער די קוליסן אָפּגעגיך זיך איבערגעטאָן און געלאָזט זיך צום אַרויסגאַנג.

— לאָמיר אַ קוק טאָן די איבעריקע נומערן, — האָט עסטערקע געפּרוּווט זי פאַרהאַלטן.

— דו קוק... איך האָב קיין צײַט ניט. ווייסט דאָך...

— אַ־אַ... — האָט עסטערקע זיך דערמאָנט. — אויב אַזוי — לויף!..

עטל איז אַראָפּגעלאָפן איבער די שמאָלע און פאַרדרייטע טשוהונענע טרעפּ, וועלכע פירן פון דער בינע צו אַ זײַטיקער טיר אין דרויסן. יאַשע האָט שוין באַ דער טיר געוואַרט. ער האָט זי אַרומגעכאַפּט, ווי נאָר ער האָט זי דערזען לעבן זיך.

— האָסט געהערט, ווי איך האָב דיר אַפּלאָדירט? — איז געווען די ערשטע פראַגע זײַנע.

— וויאַזוי האָב איך דאָס באַזונדערס געקאָנט הערן דײַנע אַפּלאָדיסמענטן, ווען ס׳האָט אַפּלאָדירט דער גאַנצער זאַל? — האָט זי געלאַכט.

— מײַנע אַפּלאָדיסמענטן האָסטו יאָ געדאַרפט הערן, זיי טיילן זיך אויס, איך פּאַטש ניט אַזוי ווי אַלע. איך מאַך פון בײדע דלאָניעס אַ טורעמל, עס זאָל זײַן צווישן זיי לופט, און דאַן קנאַלן מײַנע אַפּלאָדיסמענטן, ווי די קאָרעקעס, ווען זיי פליִען אַרויס פון פלעשער שאַמפּאַניער. אָט הער נאָר... — יאַשע האָט באַוויזן, וויאַזוי ער טוט דאָס, און ס׳האָט טאַקע אַזאַ קנאַל געטאָן, אַז די הינט אַף דער גאַס האָבן זיך צעבילט. ער האָט געוואָלט איבערכאַזערן זײַן קונץ נאָכאַמאָל.

— גענוג, מער דאַרף מען ניט. די הינט האָסטו שוין אופגעוועקט, איצט וועסטו אופוועקן די מענטשן, וואָס שלאָפן שוין... — זי האָט גענומען אין אירע הענט זײַנע הענט און צונויפגעדריקט, זיי זאָלן ניט קאָנען מער „אַפּלאָדירן״.

די אויסגעצויגענע אין דער לענג צווישטאָקיקע ציגלנע און הילצערנע הײַזער אַף דער לינקער זײַט גאַס און דער לאַנגער הילצערנער פּלויט, וואָס צאַמט אַרום דעם זאַוואָד פון דער רעכטער זײַט, זײַנען געווען טונקל־באַלויכטן מיט אַן איינציקן ברענענדיקן לאַמטערן אַף אַ סלופּ. עס זײַנען געווען אַף דער גאַס נאָך לאַמטערנס, נאָר יענע האָבן ניט געברענט. אין איניקע פענצטער פון זאַוואָד הינטערן פּלויט האָבן געבלינצלט פײַערלעך און פון צײַט צו צײַט האָט מען געהערט, ווי ערגעץ אין אַ זאַוואָדישן קאָרפּוס גיט אַ קלאַפּ אַ ריזיקער האַמער.

מע האָט אויך געהערט, ווי עס לויפט אום א לאָקאָמאָטיוו איבער די רעלסן. ער טוט יעדעס מאָל א הילכיקן פײַף, דערמאָנענדיק, אז ער איז דאָ אינדערנאָענט.

יאשע און עטל זײַנען פּאַוואָליע געגאַנגען איבער דער גאַס, זיי זײַנען דורך פאַרבײַ דעם הויז, ווו עס וווינט עטל, דערנאָך זײַנען זיי פאַרבײַגעגאַנגען דאָס הויז, ווו עס לעבט יאשע, אָבער ניט דאָ און ניט דאָרטן האָבן זיי זיך ניט אָפּגעשטעלט. זיי האָבן פאָרגעזעצט דעם גאַנג ביזן סאָף פון דער גאַס און צוגעזעצט זיך אַף א באַנק בא א „בײַטראַלער" שטוב. יאשע האָט גענומען פירן מיט א פינגער פון זײַן האַנט איבער דער דלאָניע פון עטלס רעכטער האַנט.

— איך פיל די אָדערלעך דײַנע און יעדן קנײטשעלע פון דער האַנט, כאָטש איך זע זיי ניט אינדערפינצטער, — האָט ער געזאָגט, — און איך זאָג דיר נעוויִעס, אז דו וועסט האָבן א גאָלדענעם מאַן — יאשע מאָזינען.

א מאָדנער מענטש איז יאשע. די סאַמע ערנסטע, דערהויבענע ווערטער, וועלכע מע ברענגט אַרויס פון מויל איין מאָל אין לעבן, האָט ער א האַק אַפּ געטאָן, אזוי ווי ער וואָלט זיך געכאַכמעט, גערעדט אין א שפּאַס. עס זײַנען דאָך פאַראַן מינוטן, ווען מע דאַרף ריידן ניט אזוי ווי שטענדיק, ניט וואָכעדיק. עטל האָט געוווּסט, אז מע דאַרף „בעטן די האַנט", שווערן אין אייביקער ליבע. אָבער אזוי צי אַנדערש, דאָס וויכטיקסטע, — אז ער וויל כאַסענע האָבן פאַר איר, האָט ער געזאָגט, זאָל זײַן אפילע — אין אַזא גרינגער, שפּאַסיקער פאָרם.

— מיר וועלן שרײַבן טנאָיִם, — האָט יאשע פאָרגעזעצט אין זײַן שפּאַסיקן נוסעך.

— וואָס זאָגסטו — וועלן מיר שרײַבן?

— טנאָיִם.

— וואָס איז דאָס אזוינס?

— איך האָב אויך ניט געוווּסט, ביז איך האָב ניט איבערגעלייענט בא שאָלעם־אַליכעמען.

— קאָנסט לייענען יידיש?

— ניין, יידיש קען איך ניט. איך האָב געלייענט אין רוסיש, נאָר „טנאָיִם" איז דאָרטן פאַרטײַטשט מיט א פּוסנאָטע: בראַטשני קאָנטראַקט.

— ווילסטו שרײַבן מיט מיר א בראַטשני קאָנטראַקט? וואָס זשע וועלן מיר דאָרטן אַרײַנשרײַבן?

— נאָדן וועל איך בא דיר ניט נעמען, ווײַל דו האָסט ניט, נאָר א באַדינג וועל איך שטעלן.

— וואָס פאַר א באַדינג?

— דו פאַרשטייסט, עטעלע... די מאַמע מײַנע באַלײדיקט זיך, וואָס איך קום זעלטן צו איר. דעם גאַנצן פרילינג, דעם גאַנצן זומער און א שטיק האַרבסט איז זי איינע אַליין. איך לעב דאָ, אין שטאָט, אין אונדזער דירע, און זי איז אין אילינקע, מיר האָבן דאָרטן א שטיקל דאַטשע, מע דאַרף באַאַרבעטן דעם גאָרטן — קאַרטאָפל, מערעלעך, פּאָמידאָרן. אַלץ דאַרף מען האָבן און אַלץ טוט די מאַמע אַליין. אָבער וויאַזוי קאָן איך אָפט קומען צו איר, אז איך לערן און צו איר איז א שאָ פאָרן מיט דער עלעקטריטשקע.

עטל איז געווען, אזוי ווי איר עלטערע שוועסטער, דינע, א מיידל א ברען. א מינוט זיצט זי ניט ליידיק אין שטוב. זי איז בא דער מומען די ערשטע באַהעלפערן. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי זי גייט אַרויס אינדערפרי מיט יאשען אַפּן גאָרטן. עס איז ליכטיק, זוניק, וואַרעם, א פרישע לופט. אין הויף וואַקסן שיינע קווייטן און פאַרשיידענע גרינוואַרג.

— זייער גוט, — האָט זי זיך אָפּגערופן, — יעדן זונטיק וועלן מיר זײַן בא דײַן מאַמען. שאַבעס אינאָוונט וועלן מיר אוועקפאָרן קיין אילינקע און זונטיק פאַרנאַכט זיך אומקערן קיין מאָסקווע.

— אַוודע וואָלט דאָס געווען גוט, — האָט יאשע צוגעשטימט. — אָבער איך טאָר דעם זונטיק אויך ניט פאַטערן. כ'דאַרף לערנען. כ'בין דאָך אַפּן פערטן קורס. כ'דאַרף שרײַבן די דיפּלאָם־אַרבעט, מאַכן דעם פּראָיעקט. אז איך וועל זײַן דאָ אין שטאָט, בא זיך אין שטוב, וועט קיינער מיר ניט שטערן...

זי האָט זיך אײַנגעקוקט אין אים, אָבער אין דער פינצטער האָט זי דעם אויסדרוק פון זײַן פּאָנעם ניט געזען. ס'איז איר ניט געפעלן געווען, וואָס ער הערט ניט אויף צו כאָכמענען זיך. זי האָט זיך גאָרניט פאָרגעשטעלט, אז אזוי וועט פאָרקומען די דערקלערונג אין ליבע.

— נו, און וואָס נאָך פאַרא פונקטן ווילסטו אַרײַנשטעלן אין אונדזערע... טנאָיִם? — זי האָט ניט אופגעהערט אײַנצוקוקן זיך אין אים, געוואָלט דערהערן אין זײַן קאָל א פריילעכע אינטאָנאַציע, אָבער דאָס קאָל איז געווען אַן ערנסטער, עס האָט זיך אין אים ניט געפילט קיין שום שפּאַס.

— כאסענע האָבן וועלן מיר אין א יאָר ארום, ווען איך וועל ענדיקן דעם אינסטיטוט, און דאָס יאָר דארפן מיר זיך ניט באַגעגענען.

— זייער ווויל. ס׳איז דאָך זייער וויכטיק, אז עס זאָל דיך גאָרניט אָפּווענדן און גאָרניט שטערן... — זי איז געווען אנטוישט און באַליידיקט. — האָסט מיך ניט ליב. — האָט זי, שטיקנדיק אין זיך די טרערן, געזאָגט שטיל, אָבער דײַטלעך.

— איך האָב דיך זייער ליב, עטל...

— אז מע האָט ליב, רעדט מען ניט אזוי. אז מע האָט ליב, ווייל מען זיך זען יעדן טאָג, יעדע שאָ, יעדע רעגע. הײַנט איז געווען בא מיר דער לענגסטער טאָג אין מײַן לעבן. איך האָב זיך אופגעכאַפּט אינדערפרי מיטן געדאַנק, אז אינאָוונט וועלן מיר זיך טרעפן. און דו... אָדער דו שפּאַסט, אָדער, זײַ זיך מוידע, האָסט אַן אנדערע.

— נאַרעלע, ווען כ׳וואָלט געהאַט אַן אנדערע, וואָלט איך דאָך איצט ניט געזעסן מיט דיר.

— אויב אזוי, פארשטיי איך דיך ניט. מיט וואָס קאָן איך דיר שטערן?

זי האָט זיך פּלוצעם דערפילט שטארק פארמאַטערט, ווי זי וואָלט ניט געזעסן אַף דער באַנק, נאָר געלאָפן אין א געוועט אַף א הונדערטמעטערדיקער דיסטאַנציע. דער מעהאַלעך איז ניט קיין גרויסער, נאָר דערנאָך איז שווער זיך אָפּצוטעמען, מע פילט זיך אינגאַנצן אויסגעשעפּט נאָכן מעשוגענעם געלויף, אָבער צוזאַמען מיט יענער קורצווײַליקער אויסגעשעפּטקייט ריזלט אינוויניק אויך א קוועלעכל פרייד פונעם אופטו, וואָס מע איז געלאָפן און דערלאָפן... אָבער דאָ איז געווען א פּוסטקײַט און א הארצקלעמעניש. זי האָט געוואָלט אוועקגיין. ער האָט ניט געלאָזט, א ציי געטאָן צו זיך און גענומען קושן.

— איך האָב דיך ליב, איך האָב דיך זייער ליב. אָבער אזוי דארף מען. א יאָר צײַט דארפן מיר זיך ניט באַגעגענען. זאָג מיר צו, אז דו וועסט דאָס יאָר אויסהאַלטן. עס איז דען א סאַך — איין יאָר?

— איך וועל וואַרטן דאָס גאַנצע לעבן. נאָר איך דארף, איך וויל וויסן, וואָס איז געשען. מיר דוכט, אז דו ביסט הײַנט גאָר אַן אנדערער, ווי פריִער.

— זאָג מיר צו, אז דו וועסט מיט קיינעם ניט שפּאַצירן, — האָט ער אזוי ווי ניט געהערט, וואָס זי רעדט צו אים, נאָר באַשטאַנען בלויז אַף זײַנס.

— אין קלוב אויך ניט גיין?

— אין קלוב — גיי! — האָט ער גרויסמוטיק דערלויבט.

— אויב דו וועסט זײַן אזא הארבער מאַן, ווי דו ביסט א הארבער כאָסן, וועט ניט זײַן זיס מיט דיר, — האָט זי געפּרוווט א לאַך טאָן.

— א מאַן וועל איך זײַן א גוטער, ווײַל איך האָב דיך ליב. ווען דו וועסט שפּעט אינאָוונט אומקערן זיך פון קלוב נאָך א קאָנצערט, גיי בעקיוון דורך פארבײַ מײַן שטוב, ווי שפּעט עס זאָל ניט זײַן, וועט אין מײַנע פענצטער זיך לויכטן. דאָס זיץ איך און לערן. העלף זשע מיר!

— וויאַזוי וועל איך דיר העלפן, אויב מיר טאָרן זיך ניט זען?

— וועסט מיר העלפן דערמיט, וואָס איך וועל וויסן, אז דו ביסט טרײַ און דו וואַרטסט אַף מיר, אז דו ביסט א קלוג מיידל.

— איך וויל זײַן א קלוגע און פארשטיין, נאָר איך פארשטיי ניט, כ׳מיין אַלץ, אז דו שפּאַסט. זאָג, אז דו שפּאַסט! — האָט זי געבעטן בא אים. — אויב דו שפּאַסט ניט, איז כוץ דעם, וואָס דו דארפסט לערנען, פאַראַן, מיסטאַמע, נאָך א סיבע.

יאַשע האָט זיך געשלאָגן מיט דער דייע, צי זאָל ער זאָגן דאָס, וואָס ער האָט איר צו זאָגן. נאָר אויב ער האָט זי ליב און זי האָט אים ליב, דארפן צווישן זיי קיין סודיעס ניט זײַן. דאָס וועט זײַן דער ערשטער אויספּרווו. עס מוזן דאָך זײַן אויספּרוווּן בא די יונגע. און ער האָט באַשלאָסן אויסזאָגן.

— עטעלע, מיר אַלייך איז דאָס דערווידער, נאָר זעסט דאָך, קיין סודיעס פון דיר האָב איך ניט. אייניקע יונגעלײַט, פאַר דעם, ווי זיי האָבן כאַסענע, ווייזן זיי זייערע קאַלעס די טאַגביכער, ווו ס׳איז אַלץ פארשריבן, גאָרנישט ניט דורכגעלאָזט. לעוו טאָלסטאָי האָט געוויזן סאָפיע אנדרייעוונען פאַר דער כאַסענע זײַן טאָגבוך — און דער טאָגבוך האָט אַף איר געמאַכט א שרעקלעכן אײַנדרוק. איך פיר ניט קיין טאָגביכער, נאָר דעם עמעס זאָג איך דיר אזוי... די מאַמע מײַנע, דו ווייסט זי, האָסט זי געזען, כאָטש באַקאַנט האָב איך זי נאָך ניט מיט דיר. דיך קען זי אויך. זי איז זייער א ווילע, די מאַמע מײַנע, נאָר דו ווייסט דאָך, די מאַמעס... זי האָט זיך ארײַנגענומען אין קאָפּ, אז זי האָט פאַר מיר א גוטן שידעך...

— אָט ווו ס׳איז די סיבע. איז זאָל זי דיך שאַדכענען צו יענער, צו דער גוטער...

— עטל, האָב געדולד און הער מיך אויס ביזן סאָף.

— איך הער.

— די מאמע מײַנע איז זייער א קראנקע, זי האָט געהאַט א האַרץ־אַטאַקע, מע טאָר זי ניט נערווירן, פאַרשאַפן האַרצוויטעק. זי האָט געשוואָרן, אַז זי וועט ניט אויסהאַלטן, אויב כ'וועל זי ניט פאָלגן.

— איז פאָלג, אוודאי פאָלג. דײַן מאמע האָט געפונען פאַר דיר א רײַכע קאַלע?

— זאָל זײַן אזוי...

— ניט אַזאַ ווי איך, א פּאַשעטע צייכענערן.

— זי איז א צײַן־דאָקטער.

— צוליב וואָס זשע נאַרסטו מיך און דו זאָגסט, אַז קיין אַנדערע האָסטו ניט?

— קיין אַנדערע האָב איך ניט און כ'וויל ניט האָבן, נאָר דיך, עטל. איך האָב דיך ליב און דו וועסט זײַן מײַן פרוי. ניט קיין אַנדערע, הערסט? — ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך און געקושט. זי האָט אים א לײַכטן שטויס געטאָן פון זיך.

— צוליב וואָס זשע דאַרפסטו א יאָר? און וואָס וועט זײַן נאָכן יאָר?

— איך האָב דיר געזאָגט, — די מאמע איז שטאַרק קראַנק, מע טאָר זי ניט באומרויִקן. דאָס געזונט וועט זיך בא איר פאַרבעסערן, וועל איך דיר ברענגען צו אונדז אין שטוב, דו וועסט דער מאַמען געפעלן ווערן...

— ביסט איבערצײַגט אין דעם? איר איז דאָך געפעלן יענע... מיר דוכט זיך, אַז דו אַליין קווענקלסט זיך, דו ווילסט מיך ניט זען א יאָר, נאָר מער וועלן מיר זיך ניט זען קיינמאָל. — עטל האָט דאָס געזאָגט אָן קאַס, אָן צאָרן. זי האָט געפילט, אַז איר פרייד איז ניט געוואָרן אָן עמעסער טרוים, אָן עמעסע פרייד.

ער האָט זי באַגלייט ביז איר שטוב. בײַסן געזעגענען זיך האָט ער זי געקושט, און ווידער געמורמלט דאָס זעלבע:

— די מאמע וועט בײַטן די מיינונג, וועסט זען. נאָר איצט...

— איצט א גוטע נאַכט... אַף שטענדיק! — האָט זי א זאָג געטאָן און איז מיט האַסטיקע טריט אַרײַן אין הויז, אַרויף צו זיך אַפן צווייטן שטאָק. אַף א גלײַכן אָרט האָט עטל זיך אויסגעגליטשט און געפאַלן. ווען זי האָט זיך אופגעהויבן, האָט בא איר געשווינדלט דער קאָפּ.

4

אכט אַרבעטס־שאָ שטייט עטל באַם קולמאַן, בא דער צייכענונגס־ברעט. ווען מע דאַרף עקסטרע מאכן א צייכענונג, רופט זי צו דער שעף פון קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ אַנדריי קאָנסטאַנטינאָוויטש ליובאָווין, דערקלערט איר די אופגאַבע און פרעגט:

— וועסט קאָנען מאכן?

טייקעף ענטפערט זי ניט. א לענגערע ווײַלע באַטראַכט זי אופמערקזאַם דאָס, וואָס זי האָט צו טאָן, דערנאָך גיט זי צו ווּיסן:

— איך וועל קאָנען.

די פאָרטרעטן אַפן ערן־טאַוול בײַט מען, איר פאָרטרעט גייט פון טאַוול ניט אַראָפּ. דער פאָטאָגראַף פאָטאָגראַפירט זי באַנײַס צום אָקטיאַבער־יאָמטעוו, צום ערשטן מײַ, צו נײַ־יאָר, און דאַן קאָן מען אַפן בילד זען, וויאַזוי דאָס מיידל האָט זיך א ביסעלע געענדערט אין פאַרגלײַך מיט דעם, ווי זי איז געוואָרן אַפן פאַריקן פאָרטרעט. די זעלבע עטל לענאָוויטש, נאָר א ביסל אַנדערש קוקן די אויגן, זיי זײַנען „אויסגעוואַקסן" פאַר די דורכגעגאַנגענע כאַדאָשים, גרעסער זײַנען זיי ניט געוואָרן, נאָר זייער בליק זאָגט: „מיר האָבן אין מעשעך פון אָט דער צײַט עפּעס־וואָס מער געזען". דער קוים־באַמערקבאַרער שמייכל אַף די ליפּן זאָגט: „מע איז עטוואָס קליגער געוואָרן". און דער פרישער פּערמאַנענט פון די געקרײַזלטע האָר, דער סווי־טער אָדער דאָס קאָפּטל אַפן גוט־אויסגעפּורעמטן „ספּאָרטיוון" מיידלשן קערפּער האָט אויך וואָס צו זאָגן: „מע איז קרעפטיקער און שענער געוואָרן".

דרײַ טעג אין וואָך, נאָך דער אַרבעט, פאַרברענגט עטל אַפן סטאַדיאָן, די איבעריקע טעג, אין די אָונטן — אין קלוב. אַפן סטאַדיאָן — טרענירונגען, מאַטשן; אין קלוב — רעפּעטיציעס, אַרויסטרעטונגען. די זאָוואָדישע פרויען־קאָמאַנדע פון באַסקעטבאָל איז צווישן די בעסטע אין שטאָט, און עטל — צווישן די בעסטע שפּילער אין איר קאָמאַנדע.

ניט אזוי אָפט, אָבער ניט זעלטענער, ווי איין מאָל אין צוויי וואָכן קומט שפּילן אַפן סטאַדיאָן א מאַנספּאַרשויך, די הייך — א מעטער מיט אכט און אכציק סאַנטימעטער, לאַנגע עלנ־

בויגנס, ברייטע דלאַניעס, — זיי זײַנען ספּעציעל באַשאַפֿן געוואָרן צו שפּילן אין באַסקעטבאָל, און צו וואָליבאָל. טויגן זיי אויך. ער איז עלטער פֿון די איבעריקע כּעוורע שפּילער, איז א יאָר אַכט און צוואַנציק, עפּשער אפילע א ביסל מער. אים, דעם איינציקן, רופט מען אפֿן סטאַדיאָן ניט לויטן נאָמען, נאָר לויט דער פֿאַמיליע — סעגאַל. רופן אים, ווי מע רופט אפֿן זאַוואָד — וועניאַמין דאַנילאָוויטש — קלינגט דאָ ניט אין טומל און אין אַזאַרט פֿון דער שפּיל; רופן וועניע, וועניקע איז צו פּראָסט בענעגייע א פּאַראַנטוואָרטלעכן טוער, אן אָנגעזע־ענעם ספּעציאַליסט, שעף פֿונעם אָפּטייל פֿון אויסשטאַטונג אפֿן זאַוואָד. „סעגאַל" קײַקלט זיך אַראָפּ פֿון צונג אי גרינג, אי ס'איז פֿאַראַן אין דעם א ביסל כּשיוועס.

עטלען איז קנאַפּ אָנגעגאַנגען, ווער איז ער — א נאַטשאַלניק, צי א פּאַשעטער באַסער־ווע־דאַם, נאָר אין דער צווישנצײַט פֿון דער שפּיל אין איר קאָמאַנדע האָט זי ליב געהאַט איבער־וואַרפֿן זיך מיט דער פּילקע מיט וועמען ס'האָט זיך געמאַכט, — מיט א באָכער, מיט א מיידל. מער ווי מיט עמעצן אַן אַנדערן איז איר געווען געפֿעלן צו שפּילן מיט סעגאַלן, שטיין אַנטקעגן אים, ער פֿון יענער זײַט „סעטקע", זי פֿון דער זײַט. די פּילקע שיקט סעגאַל מיט דער קראַפֿט פֿון א קאַטאַפּולטע, ער טוט זי א זעץ מיט דער דלאַניע מיט אַזאַ גיכקײַט און קויעך, אַז זי מוז אומפֿאַרמײַדלעך פֿאַלן אף דער ערד — אונטערכאַפּן אַזאַ קויל איז אומעגלעך. איין צענטל סעקונדע טוען צוויי הענט, צוויי דלאַניעס א באַריר זיך פֿונויבן, איבער דער „סעטקע", איבער־צוכאַפּן די פּילקע, און עטל איז גליקלעך, ווען דאָס גייט זיך איר אײַן. ס'איז ניטאָ קיין גרע־סערער פֿאַרלאַנג בא די שפּילער, ווי אויסצוגעווינען איינער באַם צווייטן. זיי זײַנען געפּער־לעכע קעגנער!

ווען סעגאַל שפּילט, האָט ער אפֿן סטאַדיאָן צווישן די צושויער איינע א שטענדיקע „ווײַ־טעקערן" — א מיידל אין עלטער פֿון פֿיר און צוואַנציק יאָר. זי ווייטעקט ניט פֿאַר דער קאָ־מאַנדע, זי ווייטעקט נאָר פֿאַר סעגאַלן, ער זאָל זיך אויסצייכענען. זי זיצט אף א ווײַטערער באַנק, די פּילקע זאָל זי ניט טרעפֿן, און זי נעמט ניט אַראָפּ די פֿאַרליבטע אויגן פֿון סעגאַלן. מע רופט זי פֿלאָרא. זי איז א יוריסקאָנסולט אין דער זאַוואָד־דירעקציע. פֿלאָרא האָט א שאַרפֿן מויעך, אן אײַזערנע לאָגיק און א נאַריש האַרץ, וואָס קאָן גאָרניט מאַכן מיט זיך. זי געווינט איניאָנים אין אַרביטראַזש־געריכט, קלאָרט אויס קעגנזײַטיקע אָנקלאָגעס, מאַכט שאָלעם בא פֿאַרשיידענע סיכסוכים צווישן פּאָדריאַדטשיקעס און באַשטעלער, אָבער דעם סיכסעך און דעם פּלאָנטער מיט זיך אַליין קאָן זי ניט אויספּלאָנטערן, דעם אייגענעם מאָזל געווינט זי ניט. נאָך דער שפּיל אפֿן סטאַדיאָן גייט מען אין א קאָמפּאַניע אַהיים. דאָס ערשטע הויז איז עטלס, און זי פֿאַרקערעוועט צו אים. צוויי אָדער דרײַ מאָל האָט סעגאַל ניט באַמערקט, ווי זי איז פֿאַרשוווּנדן, אָבער אין איינעם אַן אָפּדערנאַכט, ווען עטל האָט זיך אָפּגעשיידט, שויך באַ־וויזן צוגיין צו איר טיר, האָט ער זי א רוף געטאָן:

— דער אָוונט הייבט זיך ערשט אָן, וואָס זשע ביסטו אַנטלאָפֿן? לאָמיר נאָך א ביסל שפּאַצירן.

באַנאַנד מיט אים איז געגאַנגען דער יוריסקאָנסולט, און עטלען איז ניט געווען באַקוועם פֿאַר איר, זי האָט איר ניט געוואָלט שטערן.

— אן אַנדערס מאָל, — זי האָט פֿונדערווײַטנס א פֿאָכע געטאָן צו אים מיט דער האַנט און איז אַרײַן אין שטוב.

ער איז אַוועק ווײַטער מיט דער קאָמפּאַניע, נאָר אין א האַלבער שאָ אַרום האָט ער זיך אומגעקערט און אַרומגעדרייט זיך, ווי א יינגל, אַנטקעגן אירע פֿענצטער, ביז זי האָט אים דערזען און אַרויס צו אים אין דרויסן.

— איר וואַרט דאָ אף עמעצן? — האָט זי געפֿרעגט.

— איך וואַרט אף דיר, — האָט ער פּאַשעט געענטפֿערט.

— און דער יוריסקאָנסולט? — איר פֿראַגע איז אויך געווען פּאַשעט און אָפֿנהאַרציק.

— דער יוריסקאָנסולט איז זייער א ווילער און קלוגער מענטש, זי העלפֿט אַרויסקריכן פֿון פֿאַרשיידענע צאָרעס... מײַן אָפּטייל האָט מער פֿון אַנדערע אָפּטיילן אפֿן זאַוואָד צו טאָן מיט אַרביטראַזש, מע דערגיט ניט, אָדער מע גיט ניט דאָס, וואָס מיר האָבן באַשטעלט, מע פֿילט ניט אויס די אָפּמאַכן, דאַן רוט ניט פֿלאָרא, אונדזערע גערעכטע טײַנעס און פֿאָדערונגען קרעפֿטיקט זי אויסגעצייכנט אונטער מיט פּאַראַגראַפֿן פֿונעם קאָדעקס, און זעלטן טרעפֿט, אַז מיר זאָלן פֿאַרשפּילן. א גלענצנדיקער יוריסט. ערשט ניט לאַנג האָט זי פֿאַרענדיקט דעם יורידישן אינסטיטוט, נאָר זי אַרבעט, ווי א פֿילדערפֿאַרענער אַדוואָקאַט.

עטל האָט געוואָלט, אַז ער זאָל כאָטש די יורידישע מײַלעס נאָך עפּעס זאָגן וועגן פֿלאָרען, נאָר ער האָט געשוויגן, בלויז א קוק געטאָן אף עטלען מיט א בליק, וואָס האָט געזאָלט באַ־טײַטן: „אויב דו ביסט א קלוגע, דאַרפֿסטו ווײַטער אַליין פֿאַרשטיין".

זיי זײַנען געגאַנגען איבער דער לאַנגער און טומלדיקער גאַס, וועלכע מע רופֿט „שאָסיי פֿון די ענטוזיאַסטן", ביז זיי זײַנען צוגעקומען צום קינאָ־טעאַטער „מאַיאַק". זיי האָבן גענומען בילעטן אפֿן לעצטן סעאַנס, וואָס הייבט זיך אָן נײַן אַזייגער. ערטער האָבן זיי געהאַט אין דער אייבערשטער רײ, באַ דער וואַנט, דער קינאָ־אַפּאַראַט האָט געהודזשעט אין די אויערן און זײַנע שטראַלן האָבן באַלויכטן זייערע קעפּ.

דער קינאָפֿילם איז געווען אַ פּאַרפּלאָנטערטער דעטעקטיוו, געהייסן האָט ער „אין די הויכע בערג". נאָכאַנאַנד האָט מען אין די בערג געשאָסן און ס'איז ניט גרינג געווען צו פֿאַרשטיין, ווער איז וועמען שיסט; מע האָט זיך געליבט און מע האָט ניט געוווּסט, ווער וועמען האָט ליב; ס'האָבן דורך טונעלן אין די הויכע בערג געטראָגן זיך צוגן, ס'זײַנען איבער די בארג־שפּיצן געפֿלויגן אַדלערס און אעראָפּלאַנען, עמעצער האָט עמעצן באַגעגנט, עמעצער מיט עמעצן האָט זיך געזעגנט... און עפּשער איז דער פֿילם גאָרניט געווען אַזאַ שלעכטער, נאָר פּאַשעט די פֿאַרלעך, וואָס זײַנען געזעסן אפֿן לעצטן סעאַנס, האָבן ניט אויפֿמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָך די קינאָ־געשעענישן. די הויכע שיסערײַען אין די בערג האָבן ניט געשטערט די שטילע קושערײַען אין זאַל. סעגאַל האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ האַנאָע ניט געהאַט, זיצנדיק אין אַ קינאָ־טעאַטער. ער האָט געהאַלטן אַרומגענומען עטלען, אַזוי ווי ער וואָלט מוירע געהאַט, אַז אין די האַריגעס אפֿן עקראַן קאָן זי, אַן אומשולדיקע, אויך אַרײַנפֿאַלן. ער האָט געטוליעט זײַן האַרטלעכע באַק צו אירער, געקושט די באַק, אויך אַ גאַנווע זיך געטאָן מיט אַ קוש צו אירע ליפּן, און זי האָט די ליפּן ניט אָפּגעווענדט. איר איז אויך געווען גוט, ווי קיינמאָל ניט.

דער שעף פֿונעם אויסשטאַטונגס־אָפּטייל אפֿן זאַוואָד איז געוואָרן אַן אָפּטער אַרײַנגייער אין זאַל פֿון די צייכענער און קאָפּירער. עטלען איז געווען געפֿעלן, וואָס ער באַהאַלט ניט אויס זײַן באַציִונג צו איר, ער פֿרעגט הויך, — אים אַרט ניט, אויב אַנדערע וועלן הערן, — צי איז זי הײַנט אינאָוונט פֿרײַ? אַזויפֿיל מיידלעך, אַזויפֿיל פֿרויען זײַנען פֿאַראַן אפֿן זאַוואָד, וועלכע וואָלטן געווען גליקלעך, ווען זיי הערן פֿון אים אַזאַ פֿראַגע. די דריטע טיר פֿון זײַן קאַבינעט זיצט אין אַ באַזונדער צימערל אַ הויכגעבילדעטע מיידל, אַ יוריסקאָנסולט, וואָס איז פֿאַרליבט אין אים, היט זײַנע טריט, נאָר ער האָט אויסגעקליבן זי, עטלען.

עטל, אַ גרויסע ליבהאָבערן פֿון באַלעכאַיִם, האָט ראַכמאָנעס געקראָגן אַף אַן אַלטער קאַץ, וואָס מע ווייסט ניט, פֿונוואַנען און פֿון ווען אָן האָט זי זיך צוגעגנאַדיעט צום דריטן שטאָק פֿון דער זאַוואָד־פֿאַרוואַלטונג, ווו ס'זײַנען די קאַבינעטן פֿונעם דירעקטאָר, הויפּט־אינזשעניער און אַנדערע אָנפֿירנדיקע טוער. ווי־ז'זעט אויס, אַז עמעצער פֿון זיי, אַ צאַרבאַלעכאַיִמניק, האָט די קאַץ פּראָטעזשירט, אָבער נאָר ביז אַ צײַט. אין אַ שיינעם טאָג האָט מען זי מעשאַלייעך געווען פֿון דאָרטן און זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף אַ שטאָק נידעריקער, צו דער קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ. אַמאָל איז דאָס געווען זייער אַ שיינע קאַץ, קענטלעכע שפּורן פֿון איר געוועזענער שיינקייט האָבן זיך אַ ביסל פֿאַרהיט, — דאָס פֿעלכל אַ זילבערנס, איבערגעשטרײַכט מיט פּאַסיקלעך פֿון קופּער־קאָליר; אַף די פֿיסלעך, אויך אַזעלכע פֿון קופּער־קאָליר, שקאַרפּעטקעס, אַף די פֿאָדערשטע — לענגערע און העלערע, אַף די הינטערשטע — קירצערע און טונקעלערע, מער צוגעברוינט. נו, און די אויגן, — זײַנען דען פֿאַראַן באַ אַ קאַץ, אַ יונגער, אַן אַלטער, מיִעסע אויגן? זיי האָבן געבליצט מיט פֿײַער אין דער יוגנט און בליצן אַזוי אויך איצט, אַף דער עלטער. עטל האָט צוגעלאַשטשעט צו זיך די קאַץ, געגעבן איר אַ נײַעם נאָמען, ווײַל דעם אַלטן האָט קיינער ניט געוווּסט, אָנגערופֿן זי מעדיאַשקע, און מעדיאַשקע האָט שוין פֿון גאַנצפֿרי געוואַרט, אַז עטל זאָל גיכער קומען אַף דער אַרבעט. זי האָט עטלען באַגעגנט באַם אָנהייב פֿון לאַנגן קאָרידאָר, אונטערוועגנס געריבן זיך באַ אירע פֿיס, אַרויסגעגעבן קלאַנגען, וועלכע גייען פֿון בויך און וואָס דריקן אויס די פֿריידיקע זיכערע האָפֿענונג, אַז מע וועט זי באַלד אָנהאָדעווען — געזאָגט געוואָרן אַף אַלע קעץ אַזוי צו ווערן אָנגעהאָדעוועט. עטל האָט איר געגעבן צוביסלעך פֿון אַלץ, וואָס זי האָט געבראַכט פֿון דער היים. מעדיאַשקע, אַן אָנגעזעטיקטע, איז דערנאָך געלעגן צעשפּרייט לעבן עטלס קולמאַן און רויק געדרעמלט.

אין איינעם אַ פֿרימאָרגן איז צו עטלען צוגעגאַנגען וועגן עפּעס אַן איניען דער אינזשעניער אַלעקסאַנדער קאָזלאָווסקי — אַ יונגער מאַן, וואָס האָט פֿאַרלאָזט אפֿן צייג־פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט אַ גרויסן נאָגל — אַ נאָגל קומט אויך צוניץ, מע דאַרף אים אַמאָל האָבן. עפּשער דער דאָזיקער נאָגל און עפּשער די אויסגעפּרעסטע הויזן מיט די נעט, אָנגעצויגענע ווי פּײַען, וועלכע קאָנען לעכערן די אינגעווײדן, און עפּשער דער שאַרפֿער רייעך פֿון גוטאַלין, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון די פֿריש אָנגעוואָקסלטע שיך, נאָר דער קאַץ איז אַלעקסאַנדער קאָזלאָווסקי מיט זײַן הוילעך שטאַרק ניט געפֿעלן געוואָרן פֿון דער ערשטער רגע. זי האָט אַ דראַפּע געטאָן די נעז פֿון זײַנע שיך, דערנאָך אַ שפּרונג געגעבן און אַ הייב זיך געטאָן,

ווי איבער א דראָט, אַף די הויזן, א דראַפּע געטאָן די נעט. קאַזלאָווסקי האָט מיט קרייד א בריקעווע זי געטאָן מיטן פוס, געוואַלט איבערכאַזערן נאָכאַמאָל, נאָר יענע האָט געהאַט סייכל זיך אָפּצוטראָגן, און דעם בריק אין א קנעכל האָט געכאַפּט עטל. א נארישע, אַן אומגעלומ־פּערטע, א קאָמישע און אויך עטוואָס א טרויעריקלעכע געשיכטע. דער שעף פון קאָנסטרוק־טאָר־ביוראָ, א מעיושעוודיקער און כאָשעווער מענטש, האָט געפּאַסקנט, אַז ביידע זײַנען שולדיק: עטל לענאָוויטש דאַרף ניט האַלטן א קאַץ לעבן זיך, און קאַזלאָווסקי דאַרף ניט ברי־קעווען.

— אַזוי ווי קליינע קינדער, — האָט ערביידן געמוסערט. — צעבוצקעט זיך איבער א נאַ־רישקײַט. דערלאַנגט זיך די הענט און בעט זיך איבער, און מער זאָל איך דאָ די קאַץ ניט זען! סעגאַל, ווען ער האָט זיך דערוווּסט אָט די מײַסע, האָט שטאַרק געלאַכט.

— דו ביסט א גוטע, — האָט ער זיך אָנגערופן צו עטלען, — האָסט ליב באַלעכאַים.

— ווען איך בין געווען א קינד, איז געווען מײַן טרוים: איך וועל אויסוואַקסן און אָנקו־מען אַרבעטן אין א זאָאָגאַרטן.

— פאַרוואָס זשע ביסטו אַהין ניט אָנגעקומען? ס'איז אַזא טרוים, וואָס אים איז ניט שווער צו פאַרווירקלעכן. האָסט געפּרוווט און מע האָט דיך ניט גענומען?

— איך האָב ניט געפּרוווט. קינדערשע פאַרלאַנגען גייען דורך, ווען מע ווערט עלטער, אָבער באַלעכאַים האָב איך ליב. און איר האָט דען ניט ליב?

— ביז איצט בין איך געווען צו זיי גלײַכגילטיק, — איז סעגאַל זיך מודיע געווען, — נאָר פון הײַנט אָן וועל איך אויך אָנהייבן זיי ליב האָבן...

5

דרײַ טעג האָט עטל ניט געזען סעגאַלן, ער איז קיין איין מאָל ניט אַרײַן אין דער קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ, זי האָט אים אויך ניט געטראָפן אין קאָרידאָר, ווי דאָס מאַכט זיך צו־פעליק, ווען מע גייט ערגעץ־ווו. אָפּטמאָל האָט זי זיך געכאַפּט באַם געדאַנק, אַז זי קלערט וועגן אים, זי וויל אים זען, ס'בענקט זיך.

אינאָוונט, ווען זי איז געווען אין קלוב, האָט זי אים געזוכט מיט די אויגן — עפּשער האָט ער אַהער פאַרבלאָנדזשעט? אין קלוב איז קיין קאָנצערט ניט געווען, א רעפּעטיציע אויך ניט, — א פוסטער אָוונט. וואָס האָט ער דאָ צו טאָן? ער קומט אַפילע ניט, ווען ס'איז יאָ עפּעס דאָ... פונדעסטוועגן האָט זי זיך נאָך אַרומגעדרייט איבערן ליידיקן, טונקל־באַלויכטענעם פאָיע, געוואַרט, אַרויסגעקוקט. אַף וואָס?

זי האָט זיך אומגעקערט אין שטוב, אָבער דאָ איז געווען נאָך אומעטיקער, און זי האָט פאַרגעלייגט עסטערקען גיין מיט איר א ביסל שפּאַצירן אַפן בולוואַר.

עסטערקע האָט אינעם קליינעם צימערל געגרייט די לימודים, און ס'איז אַוודע געווען אַן אוולע אָפּצורײַסן זי פון דעם. מאָרגן וועט עסטערקע שטיין אין קלאַס באַם טאָוול און ניט וויסן פונדאַנען אַהין, אָבער אַז ס'איז פּאָרט אומעטיק אַליין אַרומצוגיין? אַף א האַלבער שאָ מעג עסטערקע דורכלופטערן דעם מויעך, דערנאָך וועט זי גרינגער באַנעמען דאָס, וואָס זי לערנט. עסטערקע האָט גאַנץ גערן איבערגעלאָזט דעם לערנבוך אַפן צעעפנטן זײַטל, ווו זי האָט געהאַלטן, דעם העפט מיט דער אופגאַבע, וואָס זי האָט ניט פאַרענדיקט לייזן, אויך אי־בערגעלאָזט אַן אָפּנס, אַלס א קלאָרן סימען, אַז זי וועט צו זיי הײַנט זיך נאָך אומקערן און אַז דאָס געוויסן מעג זײַן באַ איר ריין. זי האָט אַפגיך אַרופגעוואָרפן אַף זיך דאָס זומערדיקע רויטע מאַנטעלע, וואָס אין א פינצטערער נאַכט רויטלט עס אויך אין די אויגן, צוגעקעמט זיך און אַרויס מיט עטלען אין דרויסן.

עסטערקע איז געווען פון איר שוועסטער באַגײַסטערט. אָקאָרשט איז עטל געווען פאַר־ליבט אין איינעם, יענער האָט זיך אָפּגעזאָגט, איז זי שוין פאַרליבט אין א צווייטן, זי געפינט זיך ניט קיין אָרט. עס וועט קומען א צײַט און זי, עסטער, וועט אויך זײַן פאַרליבט און ניט קאָנען געפינען זיך קיין אָרט.

— אויב ער וועט אונדז אָנקומען אנטקעגן, — האָט עסטערקע באַוואָרנט עטלען, זי זאָל זײַן רויק, — וועל איך אוועקגיין, ניט צו שטערן אײַך.

— טייקעף אוועקלויפן פּאַסט ניט, — האָט עטל זיך אָפּגערופן. — א ביסל וועסטו גיין מיט אונדז צוזאַמען. כ'וועל דיך מיט אים באַקאַנען.

— וואָס דאַרפֿסטו מיך מיט אים באַקאַנען, איך האָב אים דאָך געזען אויפֿן סטאַדיאָן און אין קלוב.

— אָבער פּערזענלעך זײַט איר דאָך ניט באַקאַנט...

עסטערקע האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף „ניין“, דערנאָך אויף „יאָ“; דאָס האָט געדאַרפֿט, ערשטנס, באַטײַטן, אַז פּערזענלעך איז זי ניט באַקאַנט, און אַז, צווייטנס, זי האָט גאָרניט קעגן יאָ צו זײַן פּערזענלעך באַקאַנט.

אויפֿן ענטוזיאַסטן־שאָסיי האָט עטל אָנגעוויזן אויף איינעם פֿון די מויערן מיט א פּאַסאַד פֿון מירמלשטיין.

— אָט דאָ וווינט ער...

— ס׳איז דאָך גאָר נאָענט פֿון אונדז. דו ביסט געווען בא אים אין שטוב?

— ניין, אין שטוב ניט, נאָר ווען מיר זײַנען געגאַנגען פֿון קינאָ, זײַנען מיר דורך פֿאַרבײַ, און ער האָט מיר געוויזן זײַנע פֿענצטער, — עטל האָט אויפֿגעהויבן א האַנט צו צוויי פֿענצטער אויפֿן פֿערטן שטאָק, און א מאָדנע זאַך, פּונקט אין דער זעלבער רגע איז צו איינעם פֿון די פֿענצטער צוגעגאַנגען עמעצער, פֿאַנאַנדערגענומען א ביסל די צוויי העלפֿטן פֿון דער שטאָרע, אַזוי ווי ער וואָלט דערפֿילט, אַז מע טײַטלט אויף זײַן דירע. א באַלויכטענער פֿון דער ליוסטרע מיט פֿינף לאָמפּן, ווי מיט פֿינף הערנער, געווענדטע אַרופֿצו, צו דער סטעליע, און אויך נאָך באַלויכטן פֿונעם אַנטקעגנדיקן לאַמטערן אין דרויסן, האָבן די מיידלעך זייער גוט באַוויזן אים צו דערזען. אַן עלטערער מענטש מיט וואָנצעס, אין א פּיזשאַמע. צום פֿענצטער איז צוגעגאַנגען א פֿרוי, אויך שוין אַן עלטערע. זי האָט עפּעס געזאָגט צום מאַנספּאַרשוין און דעם פֿאָרהאַנג פֿאַרוקט. עטלען און עסטערקען האָט אויסגעדוכט, אַז דער מאַן און די פֿרוי האָבן געקוקט גלײַך אויף זיי, די מיידלעך האָבן זיך פֿאַרשעמט און זיך אָפּגעקערעוועט.

— זײַנע עלטערן? — האָט עסטערקע שטיל געפֿרעגט, ווי יענע וואָלטן געקאָנט דערהערן.

— ווער דען קאָנען זיי זײַן? — האָט אויך אַזוי שטיל געענטפֿערט עטל. — וואָס שטייען מיר אונטער די פֿענצטער, קום!

זיי זײַנען אַוועק ווײַטער, און דערנאָך פֿאַרקערעוועט אויף דער גאַס, וואָס טראָגט אַן אומהיימלעכן נאָמען „קורסקאַיאַ קאַנאַוואַ“. אויב גיין מיט אָט דער גאַס, שפּאָרט מען אײַן א ביסל וועג צו דער שטוב, אָבער די מיידלעך האָבן איינגיכן כאַראָטע געהאַט, וואָס זיי זײַנען אַוועק אַהער, הינטער זיי האָבן זיך דערהערט טריט, מיט יעדער רגע — אײַלנדיקערע, הילכיקערע, טריט פֿון אַן איינצלנעם מענטשן, וואָס וויל אָניאָגן, אָנגרײַפֿן.

— לאָמיר ניט לויפֿן, מע זאָל ניט מיינען, אַז מיר האָבן מוירע, — האָט געשעפּטשעט עטל צו עסטערקען, נאָר די פֿיס בא עסטערקען האָבן זיך געטראָגן פֿון זיך אַליין, און די דרייסטע עטל, ניט אָפּצושטיין פֿון דער שוועסטער, האָט אויך געמוזט אונטערלויפֿן. דער מענטש, וואָס איז געגאַנגען פֿונהינטן האָט דעריאָגט און זיך אויסגעגלײַכט מיט זיי.

דאָס איז געווען יאַשע.

— עטל, וווּ לויפֿסטו אַזוי? — אַפֿילע אויף דער ניט באַלויכטענער גאַס האָט מען געקאָנט זען, ווי ס׳לויכט און עס שײַנט יאַשעס פּאָנעם פֿון פֿרייד, וואָס ער האָט עטלען באַגעגנט.

עטל האָט זיך געוווּנדערט, וואָס זי איז אַזוי גלײַכגילטיק פֿאַרבליבן צו אָט דער אומגעריכטער באַגעגעניש.

עסטערקע איז אַוועק א ביסל פֿאָרויס, ניט צו שטערן דעם געשפּרעך צווישן יאַשען און איר שוועסטער.

— כ׳זיץ באַם טיש און דער קאָפּ איז ווי א שטיק האָלץ, — איז יאַשע זיך מוידע געווען. — איך דאַרף טראַכטן וועגן דעם, וואָס איך לערן, און איך טראַכט וועגן דיר.

— דאַרפֿסט שוין אויפֿהערן צו טראַכטן.

— פֿאַרוואָס דאַרף איך אויפֿהערן?

— איך בין דאָך ניט קיין שפּילעכל... הײַנט ווילסטו מיך זען, מאָרגן — ווילסטו ניט...

— כ׳פֿאַרשטיי, האָסט זיך באַליידיקט. עפּעס א מעשוגאַס איז מיר דאַן אַרײַן אין קאָפּ. פֿאַרגעס, וועגן וואָס איך האָב דאַן גערעדט.

— איך האָב שוין טאַקע פֿאַרגעסן...

— זייער גוט, און זאָל בא אונדז זײַן סטאַטוס־קוואָ.

— וואָס הייסט עס?

— סטאַטוס־קוואָ הייסט, אַז ס׳דאַרף בלײַבן אַלץ, ווי ס׳איז געווען פֿריער. מיר וועלן זיך טרעפֿן מיט דיר, ווען דו וועסט נאָר וועלן, יעדן אָוונט.

— א דאַנק...

ער האָט ניט אופגעכאַפּט די קאַלטקייַט, מיט וועלכער דער דאַנק איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן, און איז געווען צופרידן, וואָס ס'איז ווידער אַלץ אַזוי גוט צווישן זיי, ווי פריִער.

— איצט איז שוין שפּעטלעך, און דו ביסט מיט דייַן שוועסטערל, איר דאַרפט שוין מיסטאמע גיין אַהיים, — האָט ער געזאָגט, — איז לאָמיר זיך טרעפן מאָרגן, אין אָנהייב אָוונט, זעקס אַזייגער...

— מאָרגן — ניט.

— ביסט מאָרגן פאַרנומען? איז זאָל זייַן איבערמאָרגן.

— איבערמאָרגן — אויך ניט.

— האָסט צוויי אָוונטן נאָכאַנאַנד רעפּעטיציעס? מע מאַטערט דיך מיט רעפּעטיציעס מער ווי מיר, דעם סטודענט, מיט לעקציעס. גוט, אויב מאָרגן און איבערמאָרגן קאָנסטו ניט, איז זאָל זייַן שאַבעס און זונטיק, און ניט פונאָוונט, נאָר פון באַטאָג. ווי נאָר כ'וועל שאַבעס זיך באַפרייַען אין אינסטיטוט, וועלן מיר אַוועקפאָרן אין פּאַרק „סאָקאָלניקי“ און פאַרברענגען דאָרטן, וויפל מיר וועלן וועלן. וואָס זשע שווייַגסטו?

ס'האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ ראַכמאָנעס אָפן באָכער. ער האָט כאַראָטע, וואָס ער איז דעמלט אַזוי נאַריש זיך באַגאַנגען מיט איר. עפּשער האָט ער אין יענעם טאָג ניט אויסגעהאַלטן אין אינסטיטוט אַן עקזאַמען און ער האָט געהאַט באַשלאָסן אַף ווייַטער יאָ אויסהאַלטן די עקזאַמענעס, צוליב דעם דאַרף ער זיצן אין די אָוונטן און לערנען. די מאַמע זייַנע האָט אים נאָך אויך פאַרטומלט דעם קאָפּ מיט אַ רייַכער קאַלע... — עטל האָט געפונען אין איר האַרצן גענוג טרוצים מויכל צו זייַן יאַשען, זי האָט געקוקט אַף אים, ווי אַף אַ ייִנגל, וואָס האָט אַליין גוט פאַרשטאַנען, אַז ער איז געווען אַ נאַר. אַוודע דאַרף מען מויכל זייַן, אָבער...

— וואָס זשע שווייַגסטו? — האָט יאַשע איבערגעפרעגט.

זי האָט געקלערט — אויסזאָגן אָדער ניט? אָבער וואָס, אייגנטלעך, האָט זי יאָ אויסצוזאָגן און ניט אויסצוזאָגן? די נייַע באַקאַנטשאַפט מיט סעגאַלן איז ניט מער ווי אַ באַקאַנטשאַפט, זי ווייסט נאָר, אַז די לעצטע טעג הערט זי ניט אויף צו טראַכטן וועגן אים און זי האָט קיין איין מאָל זיך ניט דערמאָנט וועגן יאַשען.

— עסטערקע! — האָט זי אַ רוף געטאָן די שוועסטער, און עסטערקע, וועלכע איז געגאַנגען מיט אַ דרייַ טריט פאָרויס, האָט זיך אויסגעדרייט און צוגעגאַנגען צו זיי. ס'האָט זי געפרייט, וואָס דער „אינטימער געשפּרעך“ איז פאַרענדיקט. — מיר גייען אַהיים, — האָט עטל געזאָגט צו איר. — דאַרפסט דאָך נאָך הייַנט צוגרייטן אַף מאָרגן די לימודים.

— קומט, מיידלעך, נאָך אַ ביסל שפּאַצירן, — האָט יאַשע געבעטן. — איך וועל אייַך דערנאָך דערפירן ביז דער שטוב.

— מע דאַרף ניט, — האָט עטל דערווידערט. — מיר וועלן גיין זייער גיך, מיר זייַנען אַרויס נאָר אַף אַ האַלבער שאָ. — עטל האָט זיך געזעגנט מיט אים, געגעבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ, עסטערקע האָט אויך אַזוי געטאָן, געגעבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ, זיי האָבן זיך אויסגעקערעוועט און אַוועק. יאַשע איז געבליבן שטיין אַ פאַרוווּנדערטער, אַ פאַרלוירענער, אַ באַליידיקטער. מיט אַ פּאַמעלעכן גאַנג האָט ער זיך געלאָזט צו דער אייַזנבאַן־בריק, וווּ ער האָט באַשלאָסן צופאָרן קיין איליִנקע צו דער מאַמען. עטל האָט זיך אומגעקוקט אַף אים, געזען ניט דייַטלעך זייַן פיגור, וואָס הייבט זיך איבער די טרעפּ פונעם בריק, און וואָס מער ער הייבט זיך אויף העכער, אַלץ ווייניקער זעט מען אים אינדערפינצטער, ער פאַרשווינדט. אָט איז ער שוין אינגאַנצן פאַרשוווּנדן... און זי האָט ווידער דערפילט אַ ראַכמאָנעס צו אים.

נאָכן טונקעלן און ליידיקן געסל האָט דער ענטוזיאַסטן־שאָסיי, אַף וועלכן עטל און עסטערקע זייַנען ווידער אַרופגעטראָטן, אויסגעוויזן זיך ליכטיקער און טומלדיקער און פרייִלעכער, איידער פריִער. די מאַשינעס, אווטאָבוסן, טראָליבוסן, וועלכע האָבן זיך געטראָגן איןביידע ריכטונגען, דער אוילעם, וואָס איז געווען אַזוי גרויס, אַז פאַר אים האָט ניט געקלעקט קיין אָרט אַף די טראָטוארן, און אייניקע פוסגייער האָבן געמוזט אַראָפּרוקן זיך האַרט צום דורכפאָר־וועג, די אַפישעס און רעקלאַמעס, וועלכע זייַנען געווען אופגעקלעפּט ניט נאָר אַף די ספּעציעלע שילדן, נאָר אויך אַף די פּלויטן, וואָס פאַרצאַמען דאָ און דאָרטן ניי־בויונגען אַף דער גאַס, — אַלץ האָט גערעדט וועגן דעם, אַז ס'איז נאָך גאָרניט שפּעט, אַז דער אָוונט הייבט זיך ערשט אָן. די מיידלעך האָבן פאַרלאַנגזאַמט דעם טראָט.

— לאָמיר נאָך אַ ביסל אומגיין, — האָט פאָרגעלייגט עסטערקע.

— איך דערווידער ניט, — איז עטל מאַסקים געווען, — אָבער געדענק, אַז דו דאַרפסט נאָך מאַכן הייַנט די לימודים.

— איך געדענק, איך געדענק...

אַ מאַשין, אַ גרינגע גרינגע „עמקע“ האָט פאַרטאַרמאַזירט און זיך אָפּגעשטעלט באַם טראָ־טואַר, האַרט באַ עטלס און עסטערקעס פּיס. פון דער מאַשין איז אַרויס סעגאַל. ער האָט זיך אַרײַנגעשטעלט צווישן די ביידע מיידלעך, אַרופגעלייגט איין מעכטיקע האַנט זײַנע אַף עטלס אַן אַקסל, די אַנדערע האַנט — אַף עסטערקעס אַן אַקסל.

— דיך, עטל, האָב איך נאָך דערזען פונדערווײַטנס, — האָט ער געזאָגט. — פונוואַנען גייט איר, מיידעלעך? פון קלוב?

— הײַנט איז אין קלוב גאָרניט געווען, — האָט עטל געענטפערט. — און פונוואַנען זײַנט איר אַזוי שפּעט?

— פונוואַנען איך פאָר? ס'איז אַ סאַך צו דערציילן.

עסטערקע האָט ווידער זיך דערפילט איבעריק און אַוועק אַ פּאָר טריט פאָרויס.

— טו זי אַ רוף, — האָט סעגאַל געזאָגט צו עטלען. — מיר וועלן זי אַרײַנזעצן אין דער מאַשין און אָפּפירן אַהיים. און איך מיט דיר וועלן נאָך אַרומפאָרן אַ ביסל. מיר דאַרפן זיך דורכריידן.

„אַ פאַראַנטוואָרטלעכער טוער, — האָט עטל אַ טראַכט געטאָן וועגן אים, ווי וועגן אַ מענטשן, וואָס מע ווייסט שוין זײַנע געוווינשאַפטן און גענג, — אומעטום, אַף דער גאַס, אין דער מאַשין כאַפּט ער דעם מאָמענט דורכצורריידן זיך, קעדיי דערנאָך ניט פאַטערן קיין איי־בעריקע צײַט, ווײַל קיין צײַט האָט ער קיינמאָל ניט“. עטל האָט ניט געקאָנט גענוי אופכאַפּן דעם אויסדרוק פון זײַן פּאָנעם, אַן אויסדרוק סײַ פון צופרידנקײַט, אַפילע פון פרייד און אין דער זעלבער צײַט אויך אַ פאַרזאָרגטקײַט, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: „אַלץ איז גוט, נאָר דעם איניען דאַרף מען נאָך אַלזײַטיק באַטראַכטן“.

אין מעשעך פון עטלעכע מינוט האָט סעגאַל אָפּגעפירט עסטערקען אַהיים. עטל האָט צו־זאַמען מיט איר געוואָלט אַרויס פון דער מאַשין, נאָר ער האָט ניט געלאָזט.

— איך האָב דאָך געזאָגט, אַז מיר דאַרפן זיך דורכריידן.

עטל האָט זייער געוואָלט זיצן מיט אים באַנאַנד אין דער מאַשין, און זאָל ער ריידן, זאָל ער זאָגן דאָס, וואָס ער דאַרף, אָבער ס'איז געווען אַ ביסל אומבאַקוועם פאַר דער שוועסטער, און ביכלאַל... איצט, אַזוי פּלוצעם, נעמען „קאַטײַען“ זיך אַף דער מאַשין. אַנדערס האָט זי ניט געמיינט, אַז ער וויל איר אָנטאָן אַ פאַרגעניגן און „קאַטײַען“.

— מיר וועלן מאָרגן זיך דורכריידן... — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— מאָרגן וועט זײַן באַ מיר אַ מעשוגענער טאָג, יעדע מינוט פאַרנומען. איך פאָר דאָך אַוועק.

אַן איבעראַשטע פונעם „איך פאָר דאָך אַוועק“, איז עטל געבליבן זיצן אין דער מאַשין. סעגאַל האָט אַוועקגעלייגט די האַנט אַפן רעדל, אָבער אין גאַנג האָט ער די מאַשין ניט געלאָזט.

— איך האָב אַרופגעוואָרפן אַף זיך אַזאַ אַרבעט, — האָט ער עטלען דערציילט, — אינגיכן וועל איך שוין ניט זײַן דאָ.

— ווײַט פאָרט איר?

— ווײַטלעך, קיין דאָנבאַס.

— אַף אַ צײַט?

— אַף אַ צײַט. דאָרטן בויט מען אַף אַן אַלטן זאַוואָד אַ נײַעם צעך, וואָס איז גרעסער פונעם זאַוואָד גופע, מע דאַרף אים אויסשטאַטן. און מע האָט מיך רעקאָמענדירט אַהין אַף דער זעלבער שטעלע, וואָס איך פאַרנעם דאָ, נאָר דער מאַסשטאַב איז אַ גרעסערער. נעכטן בין איך געווען אין איין הויפּט־פאַרוואַלטונג אין מיניסטעריום, הײַנט אין נאָך אַ פאַרוואַלטונג... די לעצטע טעג בין איך באַ איין היכן נאַטשאַלניק, באַ אַ צווייטן, דאָ אַף אַ באַראַטונג, דאָרטן אַף אַ זיצונג, אַ קאָנסולטאַציע. מעשוגענע טעג, אַ מינוט ניטאָ אַ פרײַע.

עטל איז אַ מיידל, וואָס איז גענייגט צו ווערן אַנציקט און באַגײַסטערט אַפילע ניט גאָר פון גרויסע זאַכן. זי האָט שטענדיק צו דערהערן גוטע נײַס. זי איז געווען איבעראַשט, וואָס סעגאַלן שיקט מען אַף אַן אַרבעט, וואָס איז נאָך גרעסער פון דער, וועלכע ער טוט איצט. ער וואַקסט, סעגאַל, ער איז אַ מענטש מיט אַ פאַרנעם! ס'איז איר אָבער אויך אומעטיק און טרויעריק געוואָרן, וואָס ער צעשיידט זיך מיט איר, מער וועלן זיי זיך ניט זען, ער פאָרט אַוועק. אַנדערס האָט זי ניט געמיינט, אַז דאָס געזעגנט ער זיך איצט מיט איר. מאָרגן, זאָגט ער, וועט ער ניט האָבן שוין קיין פרײַע מינוט. אַ פריידיקער צאַפּל איז באַ איר דורך איבערן לײַב, ווען זי האָט דערהערט פון אים ווערטער אַנדערע, ניט די, אַף וועלכע זי האָט זיך געריכט:

— ס'וועלן פאָרן מיט מיר נאָך מענטשן, און דו ביסט צווישן זיי. — ער האָט דעם „דו ביסט צווישן זיי“ געזאָגט אַזוי פּאָשעט, ווי דאָס וואָלט געווען אַן אָפּגערעדטע זאַך. הייסט דאָס,

אז ער טראכט וועגן איר, ער וויל זיך ניט צעשיידן מיט איר, ער וויל זי מיטנעמען. אָבער וויאַזוי איז דאָס מעגלעך? אַלס וואָס און אַלס ווער וועט זי מיטפאָרן?

— איך וואָלט מיט פאַרגעניגן געפאָרן, — האָט זי געזאָגט אָפּנהאַרציק דאָס, וואָס זי האָט געטראַכט. — נאָר צוליב וואָס דאַרפט איר מיך? אַ געוויינלעכע צייכענערין, אַ קאָפּירערין וועט איר דאָך גרינג געפינען אויף אָרט. זיי זײַנען פאַראַן אומעטום.

— דאָס איז עמעס, צייכנערנס און קאָפּירערנס זײַנען פאַראַן אומעטום. אָבער ניט אומעטום ביסטו דאָ, דו ביסט איינע.

און ווידער אַ פרייד, נאָך אַ גרעסערע פון דער פריִערדיקער, ווען ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל, זי זאָל פאָרן מיט אים, האָט פול געמאַכט איר האַרץ.

— הערסט, עטעלע, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן... — סעגאַלס הענט זײַנען, ווי פריִער, געלעגן אויף רענדל פון דער מאַשין, דער קאָפּ מיט דער קוטשמע האָר איז געווען אָנגעבויגן צו איר. דאָס שפּיגעלע, וואָס איז בײַ דער מאַשין צוגעפּעסטיקט פון פאָרנט, האָט טונקל געבלישטשעט פון די נאָכאַנאַנד בלינצלענדיקע פּײַערלעך אין אַ זאַוואָדישן קאָרפּוס הינטערן פלויט. אין דער קאַבינע איז אַלע ווײַלע העלער געוואָרן פון אָט די פּײַערלעך און ווידער טונקעלער. אָבער שוין צוגעוווינט אויך צו דער טונקלקייט, האָבן עטל און סעגאַל גוט געזען איינער דעם אַנדערן. — הערסט, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, עטל... עפּשער איז דאָס נאַריש און עפּשער איז דאָס קלוג. ווען כ׳זאָל דאָס זאָגן פרעמדע מענטשן, אָדער אייגענע מענטשן, די אייגענע עלטערן, וואָלטן זיי מיסטאָמע געזאָגט, אַז ס׳איז נאַריש. נאָר איך האָב נאָך פריִער מיט דרײַ יאָר באַשלאָסן, אַז כ׳וועל כאַסענע האָבן פאַר אַ מיידל, וואָס וועט מיר געפעלן ווערן פונעם ערשטן אויגנבליק, אַזוי ווי מע באַשרײַבט אָפּטמאָל אין די ראָמאַנען. כ׳וועל ניט זוכן. גראָד ווען מע זוכט, פאַלט מען אַרײַן. דיך האָב איך ניט געזוכט... כ׳מיין, אַז נאָך פאָרן אַוועקפאָרן דאַרפן מיר כאַסענע האָבן. ניטאָ וואָס אָפּצולייגן.

עטל איז געווען איבעראַשט, צעטומלט, גליקלעך. „מאָדנע באָכערים, — האָט זי געטראַכט, — איינער, מיט וועמען איך האָב שפּאַצירט כאַדאָשימלאַנג, האָט פלוצעם זיך באַקלערט, אַז ער דאַרף מיך ניט זען אַ גאַנץ יאָר, עמעס, הײַנט האָט ער שוין כאַראָטע אויף דעם. אַ צווייטער באָכער, מיט וועמען איך בין איין מאָל געווען אין קינאָ, איין מאָל געשמועסט וועגן אַ קאַץ, וויל שוין טייקעף כאַסענע האָבן פאַר מיר, און קיין בעסערע צײַט און אַ בעסער אָרט, ווו צו זאָגן וועגן דעם, האָט ער ניט געפונען, ווי איצט דאָ, אין דער פינצטער אין דער מאַשין.

— אויב דו ווילסט, איז לאָמיר שוין אַרײַנגיין צו דיר אין שטוב, צו דײַנע עלטערן, — האָט ער פאָרגעלייגט.

„דו ביסט מעשוגע“, — האָט זיך שיר ניט אַרויסגעריסן בײַ איר פון מויל, נאָר זי האָט באַצײַטנס זיך פאַרכאַפּט, געזאָגט האָט זי אײַנגעהאַלטענער, אַזוי ווי געבעטן אַנטשולדיקן:

— ס׳איז שוין שפּעט... אַן אַנדערס מאָל.

— זאָל זײַן אַן אַנדערס מאָל, אָבער ניט שפּעטער, ווי מאָרגן.

— אַזוי גיך, אַזוי אומדערוואַרט... — האָט עטל גערעדט מער צו זיך אַליין, ווי צו אים.

— ס׳איז ניט אַזוי גיך און ניט אַזוי אומדערוואַרט... מיר זײַנען דאָך שוין באַקאַנט אַ צײַט, וויפל מאָל געווען צוזאַמען אויפן סטאַדיִאָן, און דו ביסט מיר שוין פון לאַנג געפעלן, פונעם ערשטן מאָל, ווען כ׳האָב דיך דערזען, נאָר כ׳האָב געוווּסט, אַז דו האָסט אַן אַנדערן.

— איר האָט געוווּסט?

— איך האָב געוווּסט... יאַשע מאָזינען קען איך גוט, זײַן ברודער האָט צוזאַמען מיט מיר געלערנט אין דער „באַומאַנקע“, און איך בין געווען אַן אַרײַנגייער צו זיי אין שטוב און...

— און איר האָט אים ניט געוואָלט שטערן? — האָט זיך בײַ עטלען אַרויסגעכאַפּט.

— שטעל זיך פאָר, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי. איך האָב ניט געוואָלט שטערן. אַנדערע האַלטן ניט אַזוי, נאָר איך האַלט, אַז דאָרטן, ווו עס זײַנען צוויי, איז אַ דריטער איבעריק.

— אָבער אַז מע האָט שטאַרק ליב...

— ווילסט זאָגן, אַז איך האָב דיך ניט שטאַרק ליב געהאַט? איך האָב דיך זייער ליב. — ער האָט אַראָפּגענומען די הענט פונעם רענדל, אויף וועלכן זיי זײַנען די גאַנצע צײַט געלעגן און גערוט, אַרומגענומען עטלען און אָנגעהויבן זי קושן.

— הער אויף, — האָט זי געשעפּטשעט צו אים.

— איך וועל אויפהערן, נאָר דו הער אויף מיך צו אירצן.

— גוט, כ׳וועל מער ניט אירצן. וואָס זשע קושסטו ווידער?..

6

דער פעטער העוול איז נאָך וועטשערע געזעסן באַם טיש און געלייענט א צייַטונג. עטל איז אַרייַנגעקומען צו אים אין צימער. אף איר פּנים איז געווען אזויפיל פרייד, אזויפיל גליק, אז דעם פעטער העוולס אויגן, אייַנגעמידטע פונעם לייענען די גרויסע אַרטיקלען מיט די קליי־נינקע אויסיִעס, האָבן איצט מיט א פאַרגעניגן אָפּגערוט, קוקנדיק אף דער גליקלעכער פּלע־מעניצע.

— דערצייל שוין... איך זע דאָך, אז ס׳איז דיר פריילעך.

זי איז צוגעפאַלן צו אים, א קוש געטאָן די הערעלעך אף דער באַק, — ער גאָלט זיך אינדערפרי, און אינאָוונט שיטן זיך שוין ווידער אַרויס קוים אָנזיכטיקע, אָבער זייער האַרטע הערעלעך. עפּשער זייַנען די הערעלעך דערפאַר נאָך אזוי האַרט, ווייַל זיי זייַנען שוין קימאַט אינגאַנצן גראָוע.

— פעטער... מע האָט מיר פאַרגעלייגט כאַסענע האָבן!

— איז א גוטער שאָ און מיט מאַזל! איצטיקס מאָל האָט מען דיר שוין ניט געזאָגט, אז מע וויל דיך ניט זען א גאַנץ יאָר? — באַם פעטער העוול האָבן די ברעמען הויך זיך אופגע־הויבן אפן גערונצלטן שטערן.

— מע וויל מיך זען יעדע מינוט! און... און מאָרגן קאָן שוין זייַן די כאַסענע. ס׳איז נאָר אָפּהענגיק פון מיר.

— מאַלקע, קום נאָר אַהער! — העוול האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער קיך, ווו מאַל־קע האָט געוואַשן דאָס געפעס. — וואָס זאַמסטו זיך דאָרטן?

— שוין גיי איך... — האָט זיך געהערט איר קאָל. — איך האָב נאָך צו ענדיקן וואַשן א פּאָר טעלער.

— וועסט ענדיקן דערנאָך... די טעלער דייַנע וועט מען סייַווי דאַרפן ברעכן! הער נאָר, וואָס פאַר א נייַס די עלטערע פּלעמעניצע האָט אונדז געבראַכט!

ווישנדיק מיטן פאַרטעך די הענט, איז מאַלקע אַרייַן אין צימער.

— הערסט, וואָס זי זאָגט... — האָט ער אָנגעוויזן אף עטלען. — זי זאָגט, אז זי האָט כאַ־סענע. איך האָב איר שוין אָפּגעגעבן מאַזלטאָוו, איצט גיב דו אָפּ!

— מיט מאַזל, קינד מייַנס... — די מומע האָט אַרומגענומען די פּלעמעניצע, און עטל האָט זיך צוגעטוליעט צו איר און געפּילט זיך ווי א קינד אף דער מאַמעס ברוסט.

עסטערקע איז אַרייַנגעקומען פונעם קליינעם צימערל. יעטווידע האָפענונג, אז זי וועט נאָך הייַנט באַווייַזן זיך צוגרייטן צו די מאָרגנדיקע לימודים איז שוין באַ איר אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. אַן אַנדערע, א מער וויכטיקע זאַך האָט איצט זי אינטערעסירט און פאַרנומען אירע געדאַנקען.

— ער האָט געזאָגט, אז ער האָט דיך ליב? — האָט זי אַרייַנגעשעפּטשעט עטלען אין אויער.

— ער האָט געזאָגט... אוואַדע געזאָגט, — האָט עטל הויך, אף א קאָל געענטפערט.

— ווער איז ער? — האָבן דער פעטער און די מומע געפרעגט צוזאַמען, נאָכדעם ווי זיי זייַנען געקומען א ביסל צו־זיך פון דער ערשטער און גרעסטער נייַס, אז זייער פּלעמעניצע האָט כאַסענע.

— איר, מומע, קענט אים. — האָט עטל געענטפערט. — און איר, פעטער, דאַרפט אים אויך מיסטאָמע קענען. אַלע קענען אים.

— ווער זשע איז דאָס? פון דער קאָמאַנדע באַסקעטבאָליסטן, וואָלייבאָליסטן, פוטבאָליסטן, כאָקיִסטן, אָדער פון די טענצערס, זינגערס, גיטאַריסטן? — האָט דער פעטער געפּרוווט טרעפן.

— ניט קיין לידיקגייער? — האָט א זיפץ געטאָן די מומע.

— א גרויסער לידיקגייער, — האָט עטל געלאַכט.

— זאָג שוין, ווער איז ער, מאַטער ניט! — האָט דער פעטער, אַן אומגעדולדיקער, גע־העכערט דאָס קאָל. באַ דער ייִנגערער פּלעמעניצע האָבן די אייגלעך געבלישטשעט פון פאַר־געניגן. זי האָט גוט געוווּסט, וועגן וועמען ס׳גייט די רייד.

— זייַן פאַמיליע איז סעגאַל, — האָט עטל געמאָלדן.

— איינעם א סעגאַל טראָג איך די פּאָטשט, ער שרייַבט אויס פינף צייַטונגען, אָבער יענער איז שוין אַן אַלטער, — האָט געזאָגט דער פעטער.

— מייַן סעגאַל איז נאָך א יונגער. — האָט עטל דערקלערט.

— איך ראם סעגאַלס קאַבינעט אַפן זאַוואָד, — האָט געגעבן צו וויסן די מומע.

— אַן עק! — האָט דאָס געדולד געפּלאַצט באַם פּעטער. — וואָס סעגאַלן מיר און סעגאַלן, און דו, עטל, זאָגסט קיין וואָרט ניט. ער האָט דאָך אַ נאָמען און ער האָט אַן אַרבעט. זאָג, וויאַזוי רופט מען אים באַם נאָמען און וואָס טוט ער?

— זאָג איך דאָך — סעגאַל.

— סעגאַל איז די פאַמיליע, כ'מיין דעם נאָמען.

עטל איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. דעם נאָמען האָט זי געהערט, אָבער זי אַליין האָט סעגאַלן באַם נאָמען ניט גערופן, איז קיין וווּנדער ניט, אויב דער נאָמען איז באַ איר אַרויס פון קאָפּ.

— אַט האָסטו דיר, די קאַלע, — האָט דער פּעטער געלאַכט. — זי ווייסט ניט דעם נאָמען פונעם כאָסן.

— ער איז אַ נאַטשאַלניק... — האָט עטל נאַרישלעך געשמייכלט.

— און אויב אַ נאַטשאַלניק, האָט ער קיין נאָמען ניט?

—אַפן סטאַדיאָן רופן אים אַלע סעגאַל.

— מיילע, זאָל שוין זיַין, אַז קיין נאָמען האָט ער ניט. אָבער ווער איז ער פאַרט?

— ער איז שעף פונעם זאַוואָדישן אָפּטייל פון אויסשטאַטונג און שטעלפאַרטרעטער פון דירעקטאָר.

דער פּעטער און די מומע זיַינען פאַרווּנדערטע, אַנשוויגן געוואָרן. זיי האָבן אַ וויַילע געקוקט שטומערהייט אויף עטלען. די שטעלע, וועלכע ס'פאַרנעמט דער כאָסנבאָכער, איז באַ־פיירעש אַ הויכע, ער איז טאַקע אַ גרויסער נאַטשאַלניק.

— און דער קאַבינעט, וועלכן איר ראַמט, מומע, אַלע טאָג, איז זיַין קאַבינעט, — האָט עטל געגעבן אַ ריכטיקן סימען פון דעם, וועמען זי מיינט.

— וועניאַמין דאַנילאָוויטש? ער איז דען נאָך אַ באָכער?

— אַ באָכער, — האָט עטל ניט זיכער געענטפערט. — ער איז דאָך נאָך אַ יונגער.

— ער זעט אויס טאַקע נאָך יונג, — האָט די מומע באַשטעטיקט. — אים איז ניט מער פון אַ יאָר...

— פּופּציק. — האָט דער פּעטער אַ לאַך געטאָן.

— שפּאַס ניט! — האָט די מומע שטרענג אַ קוק געטאָן אַפן פּעטער.

— זאָג זשע כאָטשבי, עטעלע, וויפל איז ער אַלט, צי דאָס ווייסטו אויך ניט?

— איך ווייס ניט, און דאָס איז דאָך ניט וויכטיק.

— ער איז אַלט ניט מער פון אַ יאָר דריַיסיק. — האָט באַשטימט מאַלקע, און ער מאַכט דעם איַינדרוק פון אַ ווויַלן און אָנשטענדיקן מענטשן. ער פרעגט מיך אָפּטמאָל, וואָס מאַך איך אין געזונט.

— נאָר ער איינער פרעגט דאָס באַ דיר? דו כאַפּסט, מאַלקע, פון אַלץ קעלבערנע היס־פּיַילעס, — האָט העווּל באַמערקט.

— שטעל זיך פאָר, אַז קיין סאַך פרעגן ניט, מע זעט נאָר באַ מיר דעם בעזעם און די שמאַטע.

— דערפאַר מיַין פאָטשטאַוון בייַטל זעען אַלע און מע טראָגט מיר דעם גוטמאָרגן אַנט־קעגן פאַר אַ מיַיל, — האָט העווּל ניט איַינגעהאַלטן זיך צו אַריַינשטעלן אַ גוט וואָרט וועגן זיַין אַרבעט. ס'איז געווען באַ אים אַ מין שטיקל כאַלאַס, — לויבן זיך אַלס אַ בריוונטרעגער, דערציילן, וויאַזוי מע האָט אים ליב און מע שעצט אים. געוווּנען האָט זיך דאָס, וויַיזט אויס, דערפון, וואָס אין די אויגן פון זיַינע קרוווים האָט ער אויסגעזען זייער בידנע, שאָפל, מע האָט אים באַדויערט, וואָס ער שלעפּט זיך אַרום מיטן שווערן בייַטל צייַטונגען און בריוו, און זיַין אייגן געלט־בייַטעלע איז ליידיק, וויַיל וויפל קריגט אַ בריוונטרעגער?

דער עמעס איז, אַז אָנגעקומען אַרבעטן אויף דער פּאָטשט איז העווּל טאַקע ניט דערפאַר, וויַיל דאָס איז אים געווען געפעלן. געקומען צו פאָרן איז ער פון זיַין שטעטל כמעלניק קיין מאָסקווע נאָך פאַר דער מילכאָמע, און געלעבט באַ אַ שוועסטערקינד, ביז באַ יענעם איז גע־בוירן געוואָרן אַ קינד. ס'איז געוואָרן זייער ענג און ער האָט די שטוב געמוזט פאַרלאָזן. העווּל האָט זיך איַינגעאָרדנט אין אַ פּאָטשט־אָפּטיילונג, ווו מע האָט געדאַרפט דרינגענדיק האָבן בריוונטרעגער. מע האָט אים געגעבן אַ פּיצינק צימערל, אַ קאָמערל אין אַ גרויסער קאָמונאַ־לער דירע. אין אָט דער דירע האָט געלעבט מאַלקע, זי האָט איר קליינטשקן צימער אויך געקראָגן אויף אַן ענלעכן אופן. צווישן די דעפיציטע מעלאָכעס, וועלכע דער מאַשינבוי־זאַוואָד האָט געדאַרפט האָבן, איז די מעלאָכע פון אַן אופראַמערן געווען ניט אַפן לעצטן אָרט. פאַר אַן אופראַמערן האָט מען אויסגעזוכט אַ שטיקל ווינונג, גיכער, ווי פאַר אַן אינזשעניער. און

געטראָפֿן האָט אַזוי, אַז דער נײַער פּאָטשטאָוויק און די נײַע אופּראַמערן האָבן געקראָגן זײערע קעמערלעך אין איין הויז, אין איין קאָמונאַלער דירע. און פֿון דער ערשטער מינוט, ווי מע האָט זיך געטראָפֿן אויף דער אַלגעמיינער קיך, איז מען זיך געפֿעלן געוואָרן איינער דעם אַנדערן. ס'האָט ניט לאַנג געדויערט, און מע האָט כאַסענע געהאַט. ביידע צימערלעך האָט מען פֿאַרייניקט. אַנשטאָט צוויי טישלעך אויף דער קיך האָט מען אַוועקגעשטעלט איין גרעסערן טיש...

העוול האָט זיך צוגעוווינט און אַרײַנגעטאָן זיך אין דער אַרבעט, אַזוי ווי ער וואָלט געבוירן געוואָרן צו טראָגן פּעק בריוו און צײַטונגען, ער האָט זיך דערפֿילט אַ שטיקל יאַכסן אויף דער גאַס און אין די אַרומיקע געסלעך, וועלכע ער באַדינט. מע האָט אים אויף דער פּאָטשט פֿאַרגעלייגט ווערן אַן אָפּעראַטאָר, מע דאַרף ניט אַרומגיין, מע זיצט אויף אַן אָרט, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט:

— איך בין שוין צוגעוווינט צום בײַטל, ס'וועט מיר זײַן אומעטיק אָן אים.

מאַלקע האָט זיך געשעמט, וואָס זי איז אַן אופּראַמערן, אין די בריוו צו איר אַלטיטשקער מאַמע אין שטעטל ליטין האָט זי ניט אָנגעשריבן גענוי וואָס זי טוט, אָפּגעקומען מיט די ווערטער „איך אַרבעט אויפֿן זאַוואָד“, און ווען די מאַמע האָט געבעטן אָנשרײַבן גענויער וועגן דער אַרבעט, פֿאַרפֿינקטלעכן, האָט זי פֿאַרפֿינקטלעכט: „אין דער זאַוואָד־פֿאַרוואַלטונג“. אָבער ביידע, סײַ העוול, סײַ מאַלקע האָבן אין האַרצן געבענטשט דעם אייבערשטן, אויב ער איז נאָר דאָ אויף דער וועלט, וואָס זיי האָבן זיך געטראָפֿן, ווײַל צו וואָס וואָלטן געטויגט אַלע בעסערע שטעלעס און אַלע בעסערע אַרבעטן, ווען זיי וואָלטן זיך ניט געהאַט באַגעגנט און דער גליקלעכער מאַזל זייערער וואָלט זיי אויסגעמיטן? שוין העכער פֿינף און צוואַנציק יאָר, ווי זיי זײַנען מאַן און ווײַב, און האַלעווײַ ווײַטער, קיין שענער און בעסער צוזאַמענלעבן פֿון אַ פּאָרפֿאָלק דאַרף מען זיך ניט ווינטשן. דאָס הייסט אָבער קלאָר ניט, אַז מע האָט זיך קיינמאָל ניט דורכגעוואָרטלט און אַז איינער מיטן אַנדערן זײַנען שטענדיק געווען מאַסקים, דערבײַ איז דער וואָרטזאָגער געווען העוול, פֿאַרט אַ מאַנצבל.

— אַזוי גיך, אַזוי ראַפּטום... — האָט דער פֿעטער העוול ניט געקאָנט פֿאַרשטיין. — אַז מע שלינגט הייסע האַלעשקעס, בריט מען אָפּ די צונג און דעם האַלדז, ליבע פּלעמעניצע מײַנע. וואָס איז אַזוי די אײַלעניש?

— ער פֿאָרט אַוועק.

— ער פֿאָרט אַוועק? אים איז אומעטיק אַליין צו פֿאָרן, דאַרף ער האָבן לעבן זיך אַ יונג מיידל?

— פֿעטער, איר דאַרפֿט ניט ריידן אַזוי.

— העוול, דו רעדסט ניט אַזוי, ווי מע דאַרף, — האָט אונטערגעהאַלטן עטלען די מומע, אָבער די מומע האָט דאָס געזאָגט אַ סאַך שטרענגער פֿון דער פּלעמעניצע. — דערגייט ניט עטלען די יאָרן! — האָט זי פֿאַרענדיקט קימאַט מיט אַן אויסגעשריי.

— איז זאָל ער קומען, דער כאָסנבאָכער, אַהער אין שטוב, צו דײַן פֿעטער מיט דער מומען, וועלן מיר אַ רעד טאָן.

— ער וועט קומען. ער האָט שוין געוואָלט אַרײַנגיין און זיך באַקאַנען... נאָר ס'איז שוין געווען שפּעט.

עסטערקע, וואָס איז געשטאַנען און געשוויגן, האָט באַשלאָסן ווײַזן, אַז זי האָט אַן אייגענע מיינונג.

— עס איז אָפּהענגיק נאָר פֿון זיי ביידן, — האָט זי געזאָגט. — פֿון סעגאַלן און פֿון עטלען.

— הערסט רייד, מאַלקע! די קליינע מישט זיך שוין אויך, זי האָט שוין אויך אַ דייע צו זאָגן!

— וואָס ווילסטו, העוול. און מיט פֿינף און צוואַנציק יאָר צוריק ביסטו דען געקומען מיט מיר צו מײַן מומען פֿאַר אונדזער כאַסענע? „עט, האָסטו געזאָגט, נאַרישקײַטן, דײַן מומע וועט ניט אַנטלויפֿן“.

— אַ גרויסער מענטש איז אַ מײַלע און אַמאָל אויך אַ כיסאָרן, — האָט העוול גענומען פֿילאָסאָפֿירן. — ס'איז שווער צו זײַן, מאַלקעלע, אַ ווײַב פֿון אַ גרויסן מענטשן.

— העוול, וואָס רעדסטו? און דו אַליין ביסט דען ניט קיין גרויסער מענטש, פֿונדעסטוועגן לעב איך דאָך מיט דיר. — אַ סאַך קנייטשעלעך האָבן זיך צוזאַמענגענומען אויף מאַלקעס פּנים. די מומע, אַ געזונט אין איר, קאָן אַמאָל זאָגן אַ כאָכמע, אַרײַנשטעלן אַ וואָרט, פֿון וועלכן מע דאַרף נאָר געבן אַ שמייכל און ס'ווילט זיך אויף דעם ענדיקן דאָס שטיקל וויקועך, אויב אַזאַ איז געווען.

7

אזוי ווי שטענדיק, איז די אופראמערן מאַלקע לענאָוויטש געקומען אַף דער אַרבעט פריער פון אַלעמען אין דער זאַוואָד־פאַרוואַלטונג. זי דאַרף אופראַמען, ווען קיינער איז דאָרטן נאָך ניטאָ. היינט הייבט זי אָן פונעם דירעקטאָרס קאַבינעט, דערנאָך גייט זי אַריבער מיט איר איינפאַכן קליידיזיין צו אַנדערע קאַבינעטן. אין סעגאַלס קאַבינעט איז זי היינט אַריין מיט אַ באַזונדערן געפיל, ווי זי וואָלט שוין דאָ געהאַט אַ שטיקל אייגנס. „מיין קאָמענדיקער קאַ־רעוו" — האָט זי אַ לאַך געטאָן צו זיך. זי האָט אויסגעשאָטן פונעם אַש־בעכער די אָפּשניצלעך פון די פּאַפּיראָסן, דערביי האָט זי אַ טראַכט געטאָן, אַז שפּעטער, ווען זי וועט זיין נעענטער מיט אים באַקאַנט, דאַרף מען אים זאָגן, ער זאָל ניט לאָזן רייכערן בא זיך אין צימער. ער אַליין רייכערט ניט, און ס'הענגט אַף דער וואַנט אַ טאַבליטשקע, אַז רייכערן איז פאַרבאָטן, אָבער אָנגערייכערט איז שטענדיק. אַפן שרייבטיש שטייט אַ שיינע זאַך, וואָס איז מאַלקען געפעלן, — אַ גרויסער בלייער טינטער אין צענטער און צוויי רויטע טינטערלעך בא די זייטן; אַ בראָנזן מאַלעכל האַלט צעשפּרייט די פליגל איבער די טינטערס, אַזוי ווי ער וואָלט גע־וואָלט דעם מענטשן, וועלכער באַנוצט זיך מיט זיי, אויסהיטן פון שרייבן ניט גוטס. טאָן עמעצן מיט דער שרייבערייַ שלעכטס. מאַלקע האָט אויסגעווישט דעם טיש און די מאַכשירים אַף אים, די בענקלעך, דעם אַלטן לעדערנעם דיוואַן, וואָס האָט אַהער אַריבערגעוואַנדערט פו־נעם דירעקטאָרס קאַבינעט, ווו מע האָט אַריינגעשטעלט אַ נייעם דיוואַן. ווען מע זעצט זיך אַפן דיוואַן אַוועק, מע שפּאַרט זיך אָן מיטן רוקן צום וואַנטל, קרעכצן די פּרושינעס שטיל און טרויעריקלעך. אַן אופגערודערטן, אופגערעגטן מענטשן זיינען די דאָזיקע קלאַנגען אַמאָל אַפילע צום האַרצן, זיי שטילן איין עטוואָס די נערוון. מאַלקע האָט זיך גענומען צום לעצטן שטיקל אַרבעט, צום שטויבנצירער, — ריין מאַכן דעם דיל, ווען ס'האָט אין דער טיר זיך אַריינ־געשטעלט דער באַלעבאָס פון קאַבינעט. ער איז געבליבן שטיין אַף דער שוועל און פון דאָרטן אויסגערופן:

— אַ גוטער מאָרגן, מומע מאַלווע! (אַף דער אַרבעט האָט מען דעם נאָמען מאַלקע איבער־געאַנדערשט אַף מאַלווע). — איך וועל אַף די ציפּקעס צוגייען צום טיש. כ'וועל איך ניט שטערן?

— איר וועט ניט שטערן, נאָר איך אוואַדע יאָ. אָט שוין ענדיק איך.

אַזוי פרי קומט ער קיינמאָל ניט. ער איז פאָרזיכטיק דורכגעגאַנגען צום טיש, אַוועקגע־זעצט זיך בא אים, אַרויסגערוקט אַ טישקעסטל, גענומען דורכקוקן פּאַפּירן. מאַלקע האָט פון מאָל צו מאָל געכאַפּט אַף אים אַ קוק. „ווילסט דאָך, אַז איך זאָל ווערן דיינע אַ קרוויווע, — האָט זי געטראַכט. — וואָס זשע מאַכסטו זיך, טייערער כאָסנבאַכער, ניט ווויסנדיק? צי עפּשער האָסטו שוין פאַרגעסן, וועגן וואָס דו האָסט מיט עטלען גערעדט?" זי האָט אומגערן אַ קלאַפּ געטאָן מיטן עמער. סעגאַל האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ, אַ רייב געטאָן מיט דער האַנט די אויגן, ווי דאָס טוט אַ קינד, ווען ס'כאַפּט זיך אויף פון שלאָף. עפּעס קינדערשס איז ווירקלעך געווען אין זיין ניט־אויסגעשלאָפן פּאָנעם.

ער האָט באַמערקט איר בליק און, ווי פאַרענטפערנדיק זיך, וואָס ער איז אַזוי פרי גע־קומען, אַ זאָג געטאָן:

— אינגיכן וועט דאָ זיצן אַן אַנדערער. איך פאָר אוועק.

— איך ווייס, אַז איר פאָרט אוועק.

— איר ווייסט? פונוואַנען ווייסט איר? — האָט ער זיך פאַרוווּנדערט.

— די פּלעמעניצע האָט מיר געזאָגט.

— און פונוואַנען ווייסט די פּלעמעניצע?

— זי אַרבעט אין דער קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ אַלס אַ צייכענערן. זי הייסט עטל לענאָוויטש. איך בין איר מומע.

— איר מומע? זי האָט מיר ניט געזאָגט.

— זי וועט אייך נאָך זאָגן...

— איצט ווייס איך שוין אָן איר. — ער האָט זיך צעלאַכט, און מאַלקע האָט איינגעהאַלטן אויך אַ לאַך געטאָן. ער האָט זיך אופגעהויבן פונעם שטול, צוגעגאַנגען צו איר, ווי וועלנדיק זיך איבערצייגן, אַז דאָס איז זי טאַקע, עטלס מומע. זינט ער אַרבעט דאָ, זעט ער טאָג־אויס, טאָג־איין אָט די עלטערע פרוי מיטן בעזעם, מיטן עמער, מיט דער שמאַטע. ער באַגריסט זיך מיט איר און זי מיט אים, אָבער זעלטן־ווען זעלטן איבעריקע צוויי ווערטער אויסגערעדט איינער מיטן אַנדערן, און אָט נאָ דיר גאָר — אַזאַ אייגענער, נאָענטער מענטש.

— לאָמיר, מומע מאַלווע...
— מאַלקע, — האָט זי אים פאַרריכט. — איך שטוב רופט מען מיך מאַלקע.
— לאָמיר, מומע מאַלקע, א ווײַלע אוועקזעצן זיך אַפן דיוואַן...
מאַלקע האָט אוועקגעלייגט די שמאַטע אין א זײַט, אויסגעווישט די הענט מיטן פאַרטעך, אָבער אוועקגעזעצט זיך האָט זי ניט.
— איר וועט קומען, וועניאַמין דאַנילאָוויטש, צו אונדז צוגאַסט, וועלן מיר דאָן זיצן.
— איך וועל קומען, געוויס וועל איך קומען. זעצט זיך אָבער אַף א רגע צו, — האָט ער זי געבעטן, אַליין ניט וויסנדיק, פאַרוואָס ער דאַרף דאָס אזוי, זי זאָל זיך אוועקזעצן. ניט אַנדערש, אַז דער אַלטער סקריפּענדיקער דיוואַן האָט געזאָלט זײַן א סגולע צו דעם, אַז אַלץ, וואָס מע פאַרלאַנגט און צו וואָס מע שטרעבט, וועט מעקוײַם ווערן, אויב מע וועט אַף אים זיצן.
— בא דיר איז א גוטע מומע, — האָט סעגאַל זיך אָנגערופן צו עטלען, ווען זיי האָבן אינעם זעלבן טאָג, אינאָוונט, זיך באַגעגנט.
עטל האָט א לענגערע ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט זי געזאָגט:
— דאָס איז עמעס. בא מיר איז א גוטע מומע, און דער פעטער איז אויך א גוטער. אויב איך בין גליקלעך, זײַנען זיי אויך גליקלעך. אָבער וואָס וועלן זאָגן אײַערע עלטערן?
— מײַנע עלטערן? עס שפּילט דען א ראָליע?
— זעט איר...
— דערוויילע זע איך גאָרניט. קום אַרײַן, וועלן מיר זען.
— איצט? ס'איז דאָך שוין שפּעט.
— נעכטן, עטעלע, האָסטו מיר ניט געלאָזט אַרײַנגיין צו דײַן פעטער און מומען, ווײַל דיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ס'איז שפּעט. הײַנט, זאָגסטו, איז שפּעט צו מײַנע עלטערן. ס'איז איצט צען אזייגער, דער אָוונט הייבט זיך ערשט אָן. מײַן טאַטע אײַסעקט זיך בא פאַרשיידענע זאַכן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אויב ער האָט ניט וואָס צו טאָן, דיסקוטירט ער מיט דער מאַמען.
— דער טאַטע מיט דער מאַמען דיסקוטירן, — האָט עטל א שמייכל געטאָן. — מיר קאָנען גראָד אַרײַנקומען, ווען די דיסקוסיע וועט זײַן אין רעכטן ברען.
— וועלן מיר זײַן די גוטע מאַלאָכים. זיי וועלן זיך דערפרייען פון אונדזער גוטער בסורע און אופהערן. דער טאַטע וועט זײַן זייער צופרידן, ווען ער וועט דערזען זײַן קומענדיקע שוועגערן.
— ווילסט זאָגן — שנור, — האָט זי אים פאַרריכט.
— יאָ, יאָ, שנור. איך פלאָנטער שנור מיט שוועגערן...
— און שוואָגער מיט שוויגער, — האָט עטל געלאַכט.
ווען זיי האָבן זיך אופגעהויבן אַף די טרעפּ און אָפּגעשטעלט זיך אַפן דריטן שטאָק בא סעגאַלס דירע, האָט מען פון הינטער דער טיר געהערט א געהעכערט מאַנצבאַלשס קאָל און אויך אזא געהעכערט ווײַבערש קאָל. ניט אַנדערש טאַקע, אַז דאָס פאַרפּאָלק דיסקוטירט. עטל האָט פאַרהאַלטן סעגאַלס האַנט, וואָס האָט זיך א צי געטאָן אָנצוקלינגען.
— מע דאַרף ניט, — האָט זי געבעטן, — ס'איז ניט צו דער צײַט. — אָבער סעגאַל האָט שוין איין מאָל און א צווייט מאָל אָנגעדריקט די קנאָפּקע, און אזוי שטאַרק, אַז ס'האָט געקלונגען, ווי אַף א סרייפע.

8

בינימינס טאַטע, דאַניעל סעגאַל, איז געקומען צו פאָרן קיין מאָסקווע פונעם שטעטל רודניע, סמאָלענסקער געגנט, ער האָט זיך אײַנגעאָרדנט אַפן מאַשינבוי־זאַוואָד, ווו ער אַרבעט ביז איצט. די פרוי זײַנע, הינדע, איז פונעם שטעטל מאַלין, אַף אוקראַינע. באַקאַנט האָבן זיי זיך, ווען דאַניעל, דעמלט א באָכער, א שלאָסער פון דריטן ראַזריאַד, האָט זיך צעקלאַפּט א פינגער און געקומען אַפן זאַוואָדישן מעדפּונקט נאָך דרינגענדיקער הילף. אויב א וועלכער־ניט־איז קלאַפּ קאָן ברענגען גליק, איז דער צעבײַלטער פינגער פאַר דאַניעלן און הינדען געווען דער גליקלעכסטער קלאַפּ. פון דעמלט אָן צײַט זיך... שײַעך צו זאָגן, באַקאַנטשאַפט. מיט אייניקע יאָר צוריק האָבן זיי שוין געפּראַוועט די זילבערנע כאַסענע.

די מישפּאָכע סעגאַל איז אַ גוטע מישפּאָכע אין שטוב, אַ גוטע און שיינע אויף דער גאַס, אין אַרבעטזאַמע אויפן זאַוואָד. אויפן מאַשינבוי־זאַוואָד איז פאַראַן אַ דינאַסטיע קאַרפּאָווס, אַ דינאַסטיע מאַרטינאָווס, אַ דינאַסטיע וואַסיליעווס, אַנדערע דינאַסטיעס, און ס׳איז אויך דאָ אַ דינאַסטיע סעגאַלס, ניט אַזאַ אַלטע, ניט אַזאַ דאָר־דורעסדיקע, ווי יענע, און ניט אַזאַ גרויסע, ניט אַזאַ צעצווייַגטע, אַ ביסל אַ קלענערע און שמעלערע, און צייַען ציט זי איר ייִכעס סאַכאַקל אַ דרייַ צענדליק יאָר. אָבער אויב ס׳אַרבעטן די עלטערן און ס׳אַרבעט דער זון זייערער, האָט מען שוין אויף אייך אונטערנעמונג דרייַ נעפּאַשעס, אין אָנהייב איז דאָ.

דער זון, בינימין, האָט אוועקגעשפּאַנט ווייַטער פון די עלטערן. ער פירט אין אויפן זאַוואָד מיט אַ וויכטיקן אָפּטייל — דעם אָפּטייל פון אויסשטאַטונג. דאָס לעבן גייט, די פריִערדיקע אויסשטאַטונג ווערט פאַרעלטערט, מע דאַרף נייַע, מער ראַציאָנעלע, מער צוועקמעסיקע און עקאָנאָמישע אייַנריכטונגען. אין דער לעצטער צייַט האָט בינימינס אָפּטייל אויסגעשטאַט דעם מעכאַנישן צעך מיט אַ נייַעם עלעקטרישן הייבקראַן, דעם טאָקער־צעך — מיט נייַע ווערקשטעלן, דעם מאָנטאַזש־צעך — מיט אַ נייַעם טראַנספּאָרטיאָר.

איצט האָט מען בינימינען רעקאָמענדירט אָנצופירן מיטן אויסשטאַטונגס־אָפּטייל אויף אַן אונטערנעמונג, ווו מע האָט אויסגעבויט אַ נייַעם צעך. דערווייַל איז נאָך דאָרטן דער בנין אַ פּוסט קעסטל, הוילע ווענט, ליידיקער רוים, וואָס מע דאַרף אָנפילן מיט אַלעם נייטיקן. בינימין האָט לאַנג ניט איבערגעקלערט, ער איז מאַסקים געווען און ער קלייַבט זיך אין וועג.

פון אויסגעשפּילטע קינדער האָבן אָפּטמאָל די עלטערן ניט ווינציקער זאָרגן און איבערלעבונגען, ווי פון ניט־אויסגעשפּילטע. בינימין האָט אַ „קאַפּויערן" קאָפּ, אָבער צום גליק ווייַזט זיך דערנאָך אַרויס, אַז די קאַפּויערקייַט איז גאָרניט אַזוי קאַפּויער. ווען בינימין איז אַלט געווען זעכצן יאָר און איז אין צענטן קלאַס אַריבער, איז ער אוועק אַרבעטן אויפן זאַוואָד, ווו ס׳זייַנען באַשעפטיקט די עלטערן. דעם צענטן קלאַס האָט ער פאַרענדיקט אין דער זאַוואָדישער אָוונט־שול. ווען ער האָט אָנגעגעבן אַ מעלדונג אין דער „באַומאַנקע" — טעכנישע הויכשול אויף באַומאַנס נאָמען — האָט ער געהאַט אַ צווייאָריקן אַרבעטס־סטאַזש.

— ער האָט דאָך גאָרניט פאַרשפּילט, נאָר געוווּנען, — האָט דער טאַטע אַליין שוין דערנאָך באַגיטיקט דעם זונס אויפטו. — ער האָט געהאַט אַ פּריווילעגיע!

דער „קאַפּויערער" קאָפּ נעמט ניט קיין פּוטיאָווקע אויף אַ קוראָרט, ער פאָרט אַ „ווילדער", און אַז ער קערט זיך אום אַהיים, פרייען זיך טאַטע־מאַמע:

— ער האָט זיך פאַריכט, ווי ער וואָלט געווען אין בעסטן סאַנאַטאָרי.

אַנומלטן האָט בינימין געמאָלדן, ווען ס׳איז אוועק אַ רייד וועגן כאַסענע האָבן.

— אַז מע זוכט, פאַלט מען אַרייַן. כ׳וועל נעמען אַ מיידל, וואָס וועט מיר געפעלן ווערן פונעם ערשטן אויגנבליק.

האַלעוויי זאָל אָט־די קאַפּויערקייַט אויך אויסלאָזן זיך בא אים ניט קאַפּויער.

דער ערשטער אייַנדרוק, וואָס דאַניעל און הינדע האָבן געהאַט, ווען זייער זון איז שפּעט אינאָוונט אַרייַן אין שטוב צוזאַמען מיט עטלען און זיי האָבן אויף איר געכאַפּט אַ דורכדרינגלעכן קוק, איז געווען — באַם טאַטן: אַ ציג מיט לאַנגע פיס. באַ דער מאַמען איז געווען אַ ווייכערע אָפּשאַצונג: אַ מיידל, ווי אַ מיידל.

בינימין האָט געזען, אַז עטל האָט ניט איבעריקס אויסגענומען, ער האָט שטילערהייט אַ דריק געטאָן עטלען די האַנט און די אירע פון זייַנער ניט אַרויסגעלאָזט. בינימין האָט ניט קיין גוטע טעווע, זי האָט זיך געלאָזט נאָך מערקן באַ אים קינדווייַז און פאַרבליבן ביז איצט. אין אַ מאָמענט, בייס קיין שום גרונט צו שמייכלען איז ניטאָ, לייגט זיך אוועק אויף די ליפּן אַ שמייכל. די דאָזיקע שלימאַזלדיקע געוווינשאַפט ברענגט אים אייניקע מאָל געוויסע אומאָנגענעמלעכקייַטן, מע פרעגט באַ אים דערנאָך: „וואָס האָט איר דאָס אַזוי געשמייכלט?"

בינימין איז צוגעגאַנגען מיטן מיידל צום טיש, און דאָס פּאָרל האָט זיך אוועקגעזעצט. די עלטערן האָבן געטאָן דאָס זעלבע. ס׳איז אויסגעקומען אַ פּאָרל אַנטקעגן אַ פּאָר, אָבער בינימין האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס, וואָס ער האָט צו זאָגן, דאַרף מען זאָגן שטייענדיק, און ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַ צי געטאָן עטלען, זי זאָל זיך אויך אויפהייבן. דאָס מיידל האָט זיך געגעבן אַ שטעל אוועק, ווי אַ סאָלדאַט אינעם פראָנט, און דאַן האָט בינימין מיט אַ נאַרישוואַטן שמייכל ניט נאָר אויף די ליפּן, נאָר אויפן גאַנצן פּאָנעם, געמאָלדן:

— מיר האָבן כאַסענע. ווינטשט אונדז, ליבע עלטערן, אַ גליקלעך לעבן.

— זאָל זייַן אַ גליקלעך לעבן און מיט מאַזל, מיט גרויס מאַזל, — האָט די מאַמע געמורמלט, אַ דערשטוינטע ניט ווינציקער פונעם טאַטן, האָבנדיק דערהערט די אומגעריכטע בסורע־טויווע. זי האָט ביז דער איצטיקער מינוט קיין וואָרט ניט געהערט פונעם זון, אַז ער קלייַבט זיך כאַסענע האָבן, אָבער זי האָט שוין אַזוי געוואָלט, אַז בינימין זאָל ווערן אַ פּאַ־

מיליען־מענטש, אז די נײַס האָט זי אופגענומען מיט פרייד. זי איז געווען גליקלעך, וואָס עס האָלט שוין דערבײַ. אין דער זעלבער רגע, ווי זי האָט דערהערט דעם זונס ווערטער, האָט זי שוין גענומען קוקן אפֿן מיידל, ווי אַף א שנור און אַרײַנגענומען זי אין דער מישפּאָכע סעגאַל.

— זעצט זיך, וואָס שטייט איר? — הינדע האָט זאָרגזאַם צוגערוקט צו עטלען דעם שטול. — און דו, בינאַמינקע, זעץ זיך אויך צו.

דער טאַטע האָט געשטומט. א סאַך קאַשעס זײַנען בא אים געווען צום זון און צו דער „ציג מיט לאַנגע פיס", וועלכע איז אים פֿון דער ערשטער מינוט ניט געפֿעלן געוואָרן. ס'טרעפֿט דאָך אמאָל אזוי — אַן א פּאַרוואָס, אָן א פּאַרוועגן איז א מענטש געפֿעלן און אָן א פּאַרוואָס, אָן א פּאַרוועגן איז א מענטש ניט געפֿעלן. די ערשטע פראַגע האָט געדאַרפט זײַן — פּאַרוואָס אזוי גיך, עס ברענט? אזא קלוגער און באַדאַכטער באָכער, ווי בינאַמין, וועלכער האָט ליב אַלץ אַרומצוטראַכטן, זאָל איין א וויכטיקסטער לעבנס־זאַך מאַכן כאַפּ־לאַפּ, בעכי־פּאַזן, אזוי ווי א ייִנגל, וואָס ווייסט ניט פֿונדאַנען אַהין.

— לאָמיר זיך נעענטער באַקאַנען, — האָט דאַניעל, נאָך דעם ווי די ערשטע איבעראַשונג איז בא אים דורך, געווענדט זיך צום מיידל. — ווי רופט מען אײַך?

— עטל.

— עטעלע, — האָט הינדע מיט צאַרטקייט פאַרקלענערט דעם נאָמען.

— ווו אַרבעט איר אָדער איר לערנט? — האָט ער ווײַטער געפרעגט.

— איך אַרבעט אפֿן מאַשינבוי־זאַוואָד, א צייכענערין.

— אַף אונדזער זאַוואָד?

— יאָ.

— א צײַט?

— אַנדערהאַלבן יאָר.

— איצט פרעג בא איר, וויפֿל קריגט זי א כוידעש, — האָט בינאַמין אונטערגעזאָגט א ביסל מיט א געלעכטער און א ביסל אויך מיט א פּאַרדראָס, וואָס דער טאַטע פרעגט אזוי גענוי אויס.

— טאַקע, דאַניעל, וואָס איז דאָס פאַר אַן אויספרעגענישן, ביסט דאָך ניט קיין אָטדעל קאַדראָוו, — האָט אים אויך געמאַכט א פּאַרוואורף די מאַמע.

— בא מיר אין שטוב בין איך יאָ אַן אָטדעל. איך דאַרף וויסן, ווען מיר נעמען אַרײַן אין שטוב. צי א טאַטע איז שוין גאַרניט... ווי מיינסטו, בינאַמין?

— אין שטוב, טאַטע, דאַרפֿסטו אונדז ניט אַרײַנעמען. נאָך דער כאַסענע פאָרן מיר אוועק. דו ווייסט דאָך, איך האָב דיר געזאָגט, אז אין צוויי וואָכן אַרום דאַרף איך זײַן אפֿן נײַעם אָרט.

— ווען וועל איך באַווײַזן עפּעס צוגרייטן? — האָט די מאַמע אויסגערופֿן.

— ווּעסט, מאַמע, גאַרניט דאַרפֿן גרייטן. ווּעסט מיטן טאַטן זיצן לעבן אונדז באַם טיש אין רעסטאָראַן און מע וועט דיר צוטראָגן, וואָס דו ווּעסט נאָר האָבן באַשטעלט.

— אָבער מע דאַרף דאָך אין שטוב עפּעס אויך. ס'וועלן קומען געסט, ס'וועלן קומען די מעכוטאָנים. וויאַזוי נעמט מען זיך ניט צונויף מיט די מעכוטאָנים כאָטשבי איין מאָל בא יעדערן אין שטוב — בא אונדז און בא זיי? ס'איז גאַרניט, ווי בא לײַטן.

— דײַנע זאָרגן לייג אַף אַף שפּעטער. וואָס טוט אײַער פֿאָטער? — האָט דאַניעל געפרעגט בא עטלען.

— קיין פֿאָטער האָב איך ניט, נאָר א פעטער. ער איז א בריוונטרעגער.

— דו קענסט אים, טאַטע, און דו, מאַמע, קענסט אים אויך. זינט איר וווינט אין מאַסקווע, טראָגט ער אײַך בריוו און צײַטונגען, — האָט בינאַמין דערקלערט.

— לענאָוויטש?

— יאָ, זײַן פאַמיליע איז לענאָוויטש, אזוי ווי מײַנע, — האָט עטל באַשטעטיקט, און בינ־יאַמין האָט צוגעגעבן:

— זעסטו, טאַטע, דו ווייסט אפילע זײַן פאַמיליע. דער מעכוטן דײַנער איז דיר שוין לאַנג באַקאַנט.

— ווער ווייסט דאָס ניט אַף אונדזער גאַס לענאָוויטשן? איך מעשעך פֿון צוואַנציק יאָר האָט ער עפּשער ניט מער ווי צוואַנציק מאָל אַרײַנגעלייגט אין אונדזער פּאָטשט־קעסטל ניט אונדזער צײַטונג, נאָר א פּרעמדע, דאָס מאַכט אויס איין טאָעס אין א יאָר, אַף אַלע טוער געזאָגט געוואָרן אזוי פּינקטלעך אַרבעטן.

— איצט, טאַטע, — האָט בינאַמין געלאַכט, — וועט ער איין מאָל אין יאָר אויך ניט האָבן קיין טאָעס, איר וועט דאָך זײַן מעכוטאָנים.

— זייער ווויל, זייער ווויל...— האָט דער טאַטע געזאָגט, און די אויגן, מיט וועלכע ער האָט געקוקט אויפן זון, האָבן גערעדט וועגן דעם, אַז ס'איז גאָרניט אַזוי ווויל. ביניאָמין איז אַ מענטש מיט אַ כאַראַקטער, און דאַניעל האָט אויך אַ כאַראַקטער. ער האָט אָפן געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געמיינט.

— אויב דו ביסט געקומען פרעגן, ליבער זון מײַנער, וועל איך דיר זאָגן: אַלץ, וואָס עס ווערט געטאָן אין אײַלעניש, מוז האָבן אַ שטיקל כיסאָרן. באַטראַכט זיך בײדע,— האָט ער זיך געווענדט אויך צו עטלען.— קוקט זיך אַרום. דו, ביניאָמין, וועסט אוועקפאָרן... פונדערווײַטנס באַקלערט מען זיך אַמאָל בעסער, ווי פונדערנאָענט.

בײַ עטלען האָט זיך געענדערט די פאַרב אין פּנים. ביניאָמין האָט אַרײַנגענומען איר האַנט אין זײַנער, אַזוי ווי ער האָט דאָס געטאָן, ווען ער איז אַרײַן אין שטוב און דערזען, אַז עטל האָט ניט געמאַכט דעם געהעריקן אײַנדרוק. ער האָט זיך ניט געריכט אויפן טאַטן, אַז ער וועט זײַן אַזוי האַרב, אַזוי אָפן אַרויסװײַזן זײַן ניט־באַוויליקונג. אָבער אין כּעס איז ער אויף אים ניט געווען. ביניאָמין איז געווען אין אַזאַ צושטאַנד, ווען מע קאָן אין כּעס און דערצאָרנט ניט זײַן. אַזוי ווי אַ פֿײַערל, וואָס ברענט רויִק און וואָס דאַרף, מע זאָל אונטערוואַרפן אַ פּאָר טרוקענע שפענדלעך, קעדיי עס זאָל זיך צעפלאַמען שטאַרקער, האָט ביניאָמין איצט נאָך מער דערפילט און זיך איבערצײַגט, אַז ער האָט עטלען ליב, אַז ער האָט ניט קיין טאָעס אין זײַן אויסוואַל. ס'האָט אים פאַרקלעמט דאָס האַרץ, זעענדיק, ווי זי איז בלייך געוואָרן און גלײַכצײַטיק איז אויך גרינג און פריידיק געווען אויף דער נשמה. ער האָט דעם טאַטן ניט דערווידערט מיט קיין וואָרט, נאָר די אויגן האָבן געקוקט מיט אַ שטומען פאַרוואורף, אַז ער האָט ניט געדאַרפט אַזוי ריידן. ביניאָמין האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז די מאַמע איז קלייגער פונעם טאַטן, זי האָט אַ קליגער האַרץ, מע זעט, אַז זי האַלט שוין עטלען פאַר אַן אייגן קינד.

— וואָס זיץ איך, ווי אַ פּריצע,— האָט הינדע אַ הייב אויף זיך געגעבן פונעם בענקל,— איך דאַרף דאָך דערלאַנגען צום טיש.

— אַ דאַנק, איך וועל שוין גיין,— האָט עטל זיך אָפּגערופן.

— נײן, עטעלע... אָט שוין דערלאַנג איך. ביניאָמין האָט קיין ווטשערע ניט געגעסן, און דו, קינד מײַנס, אַוודאי אויך ניט. בײדע זײַנט איר הונגעריק.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק...— האָט עטל זיך אָפּגעזאָגט.— ווטשערע האָב איך שוין געגעסן אין דער היים.— זי האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש און גלײַך נאָך איר האָט זיך אויפגעהויבן אויך ביניאָמין.

ווען דאָס פּאָרל איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס, האָט עטל מיט אַ געפּאַלן קאָל געזאָגט צו ביניאָמינען, דערבײַ האָט זי אים ניט געקרצט, ווי פריִער, נאָר אַריבער אויף „דו“, ווײַזט אויס, קעדיי די ווערטער זאָלן בעסער דערגיין, אָדער עפּשער האָט דער „דו“ אומגערן זיך אַרײַנגעריסן אין די רייד:

— דײַן טאַטע איז גערעכט. איך בין דיר ניט קיין פּאָר. מײַן פעטער האָט דאָס זעלבע מיר געזאָגט.

— מײַן טאַטע און דײַן פעטער האָבן געזאָגט אַ נאַרישקייט, כאָטש זי ניט איבער,— האָט ביניאָמין געבעטן.— ווען כ'זאָל געוועזן וויסן, אַז אַזוי וועט זיך באַקומען און אַז דו וועסט האָבן הארצווייטעק און איבערלעבן דערפון, צי מײַן טאַטע וועט יאָ ווערן אָדער ניט וועלן, מיר זאָלן כאַסענע האָבן, וואָלט איך ביכלאַל אים ניט געזאָגט קיין וואָרט איצט, זאָל ער זיך דערוויסן נאָכדעם, שפּעטער.

— מיר וועלן ניט זײַן גליקלעך אין די גוטע ווונטשן זײַנע. אין גאָט גלייב איך ניט, נאָר אין אַ טאַטן גלייב איך.

— איך גלייב אויך. דער טאַטע מײַנער, אַז ער זאָגט ניט קיין ריכטיק וואָרט, האָט ער דערנאָך כאַראָטע. וויפל מאָל זאָגט ער, אַז ס'איז בײַ זײַן זון אַ קאַפּויערער קאָפּ, דערנאָך איז ער זיך מוידע, אַז ער האָט געהאַט אַ טאָעס, דער קאָפּ איז אַ גוטער, אַ ריכטיקער קאָפּ באַם זון, דאָס הייסט, בײַ מיר. איך בין זיכער, ער וועט דיך בעסער דערקענען, וועט ער דיך ליב באַקומען. די מאַמע האָט דיך טייקעף ליב געקראָגן. צום טאַטן וועט די ליבשאַפט קומען אַ ביסל שפּעטער.

— אָבער ער איז דאָך גערעכט, אויב ער האַלט, אַז איך בין דיר ניט קיין פּאָר. איך דאַרף נאָך אַזויפיל לערנען אויסצוגלײַכן זיך מיט דיר, איך דאַרף נאָך אַזויפיל דערגרייכן...

— דאָס איז עמעס,— לערנען דאַרפסטו נאָך, און דו וועסט זיך לערנען, און דערגרייכן וועסטו אויך אַלץ, אָבער ניט צוליב אויסגלײַכן זיך מיט מיר. מיט מיר האָסטו ניט וואָס אויסצוגלײַכן זיך, מיר זײַנען שוין איצט גלײַך. בילדונג, עטעלע, איז גוט, אַ הויכע שטעלע

איז גוט, אַן אָרט אין דער געזעלשאַפֿט איז זייער גוט, אָבער וואָס איז דאָס אַלץ אָן דיר, אָן אונדז ביידן צוזאַמען? ווען דער טאַטע האָט געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט ניט געדאַרפֿט זאָגן, האָב איך אויף אים ראַכמאָנעס געהאַט, פֿאַרוואָס ער פֿאַרשטייט מיך ניט. איך האָב דיך זייער ליב... און דו... דו מיך דען ניט? — זײַן פּנים האָט געקראָגן אַ דערשראָקענעם אויסזען, ווי ער וואָלט ניט געווען זיכער אין דעם, וואָס זי קאָן אים דערויף ענטפֿערן.

— ווייסט דאָך... — האָט זי געענטפֿערט, און ער האָט גרינג אָפּגעעטעמט, אַזוי ווי ער וואָלט אָקאָרשט געשטאַנען פֿאַר אַן אָפּגרונט אַראָפּצוקײַקלען זיך און מע האָט אים געראַטעוועט.

9

די כאַסענע איז פֿאָרגעקומען אין איינעם פֿון די זאַלן פֿון דער גאָרקיך־פֿאַבריק באַם מאָשינבוי־זאַוואָד. ס'איז אַ פֿאַבריק, וווּ עס שפּײַזן זיך טאָגטעגלעך באַ אַ צען טויזנט מענטשן, זי האָט פֿאַרשיידענע זאַלן — אַלגעמיינע, דיעטישע. איינציקע מאָל אינאָוונט ווערט דער אָדער יענער געווינלעכער עס־זאַל פֿאַרוואַנדלט אין אַ סימכע־זאַל, מע פּראַוועט דאָרטן אַ יוביליי, אַ כאַסענע. ביניאָמינס און עטלס כאַסענע איז פֿאָרגעקומען אויפֿן דריטן שטאָק פֿון דער גאָרקיך, אין אַ זאַל אויף זעכציק פּערזאָן. אויבנאָן זײַנען געזעסן כאָסן־קאַלע און די מעכוטאָנים. ס'זײַנען אַראָפּגעקומען עטלס ברידער — מאָטל — פֿון גאָרקי, בערל — פֿון ניקאָלײַעוו, ס'איז געווען עסטערקע, זי האָט ניט געדאַרפֿט קומען צו פֿאָרן פֿון ערגעץ, זי האָט געוווינט צוזאַמען מיט דער שוועסטער, נאָר דינע איז ניט געווען. זי האָט פֿון וואָסיוטינסק צוגעשיקט אַ לאַנגע טעלעגראַם מיט אַ סאַך גוטע ווונטשן. דער פֿאָטאָגראַף פֿון דער זאַוואָדישער צײַטונג, וועלכער כוץ דעם פֿאַרדינסט אין דער פֿילטיראַזשקע, פֿאַרדינט ער באַ אַ געלעגנהײַט צו אויף אַזעלכע־אָ צוזאַמענקומענישן, האָט פֿיל מאָל פֿאָטאָגראַפֿירט אַלעמען צוזאַמען באַם געדעקטן טיש, און גרופּעסווײַז, און פֿאָרווײַז, און יעדערן באַזונדער. און ס'איז טאַקע געווען, וועמען צו פֿאָטאָגראַפֿירן אויך. פֿון ביניאָמינס צאַד, כוץ די עלטערן און קרויווים, זײַנען באַם טיש געזעסן דער דירעקטאָר פֿון מאַשינבוי־זאַוואָד, דער הויפּט־אינזשעניער, די שעפֿן פֿון אַ סאַך אָפּטיילן פֿון דער זאַוואָד־פֿאַרוואַלטונג און פֿון איינציקע צעכן. פֿינף געסט זײַנען געווען פֿונעם אָפּטייל, מיט וועלכן ס'פֿירט אָן דער באַלסימכע.

ווי ס'דאַרף זײַן אויף אַ כאַסענע, איז געווען פֿריילעך. מע האָט געטרונקען בראָנפֿן און געשריִען „גאָרקאָ“ („ביטער“), מע האָט געטרונקען ווײַן און געשריִען „מאַזלטאָוו“, מע האָט געזונגען לידער אַלטע און גאָר אַלטע, נײַע און גאָר נײַע. דער פֿעטער העווול האָט נאָכן פֿערטן גלעזל פֿאַרצויגן אַ ליד, אַ זייכער פֿון יענער צײַט, ווען די פּאָטשט און פּאַסאַזשירן פֿלעגט מען איבערפֿירן אויף פֿערד, — „יאַמשטשיק ניע גאָני לאָשאַדיי“. אין דער יוגנט האָט העווול פֿאַרמאָגט אַ גאַנץ נישקאָשעדיקע זינגענדיקע „קיילע“, איצט איז זי שוין געווען פֿיל שוואַכער. ווען ער האָט גענומען אַ העכערע נאָטע, איז ער געוואָרן רויט, ווי ער וואָלט די פֿור מיט דער פּאָטשט אַרויפֿגעוואָרפֿן צו זיך אויפֿן רוקן. די פּלעמעניצעס זײַנע, עטל און עסטערקע, האָבן אים דאָן אַרויסגעהאָלפֿן, די דאָזיקע ליד גייט אַרײַן אין רעפּערטואַר, מיט וועלכן זיי טרעטן אַרויס אין קלוב און זי נעמט שטענדיק שטאַרק אויס באַם אוילעם. ביניאָמינס טאַטע, דאַניִעל, האָט זיך דערמאָנט די ליד „קירפּיטשיקי“, וואָס מע האָט געזונגען אינמיטן פֿון די צוואַנציקער יאָרן, ווען ס'זײַנען געווען אַרבעטס־בירזשעס, ווו מענטשן פֿלעגן אין די פֿרימאָרגנס קומען מיט דער האָפֿענונג, אַז מע וועט זיי שיקן אויף אַרבעט. באַם טיש האָט מען זיך געוווּנדערט, וויִאַזוי דאַניִעל האָט ביז איצט פֿאַרגעדענקט אַלע ווערטער פֿון דער ליד, נאָר אין איין אָרט אַ ביסל זיך פֿאַרהאַקט, און קיינער האָט אים ניט געקאָנט אַרויסהעלפֿן, — פֿאַר די יונגע איז דאָס געווען אַ ליד פֿון פֿאַרצײַטנס, און די עלטערע, וועלכע האָבן זי יאָ אַמאָל געהערט, האָבן באַוויזן זי צו פֿאַרגעסן.

אין דער זעלבער צײַט, אין דער זעלבער גאָרקיך־פֿאַבריק, נאָר אין אַ צווייטן זאַל, ווו ס'איז קיין סימכע ניט געווען און דער אוילעם האָט זיך באַנוגנט מיט אַ געווינלעכער וועטשערע, איז באַ אַ טישל, ניט ווײַט פֿון דער טיר, געזעסן יאַשע מאָזין. ער האָט אויסגעטרונקען אַ פֿערטעלע בראָנפֿן און צוויי פֿלעשלעך ביר. פֿאַר אים, דעם ניט־טרינקער, איז דאָס געווען גענוג, אַז אין קאָפּ זאָל שטאַרק הודזשען און ער זאָל זיך פֿילן העפֿקערדיק־פֿרײַ. דאָרטן,

אינעם שכיינעסדיקן זאַל, הייבט מען טאָסטן, זינגט מען לידער, ס׳זיצט דאָרטן לעבן עטלען ניט ער, יאשע מאָזין, נאָר אן אנדערער. וויאַזוי קאָן דאָס זייַן? ער האָט זיך אופגעהויבן פונעם אָרט און צוגעגאנגען צו יענעם זאַל, אָפּגעשטעלט זיך באַם אריַינגאנג און געקוקט צום אויבנאָן פון טיש, ווו ס׳זיצט כאָסן־קאַלע.

קיין שום אויסערגעוויינלעכס, וואָס א מענטש שטייט און קוקט, ווי מע איז זיך מעסאמייעך אף א כאַסענע, איז ניט פאראַן, ער קוקט — זאָל ער קוקן געזונטערהייט, דער אוילעם האָט אים ניט באַמערקט, אָבער עטל האָט אים דערזען. זי האָט א ריר געטאָן ביניאָמינען בא דער האַנט און ער האָט אויך א קוק געטאָן אף אים. צוויי פּאָר אויגן האָבן זיך געטראָפן מיט א דריטער פּאָר. יאשע האָט שיקער געשמייכלט צו עטלען און ביניאָמינען, גערופן זיי מיט דער האַנט, זיי זאָלן צוגיין צו אים. זיי האָבן אָפּגעווענדט פון אים די אויגן, ניט געקוקט אין זייַן זייַט. די אָפיציאַנטן מיט די מייַכאָלים אף די טאצן האָבן יאשען יעדן מאָל א שטויס געטאָן. עמעצער פון די פּאָרלעך, וואָס האָבן שוין געטאנצט אין זאַל, איז אים ארופגעטראָטן אף א פוס, אָבער דאָס האָט אים ניט געארט, ער איז ניט אוועק פון דער טיר.

ביניאָמין האָט אף א ווייַלע פארלאָזט די קאַלע און צוגעגאנגען צו יאשען.

— וואָס שטייסטו בא דער שוועל? — האָט ער בא אים געפרעגט. — אויב דו ביסט געקומען, איז זייַ א גאַסט און זעץ זיך צום טיש מיט אַלעמען.

— איך זיץ אין יענעם זאַל. — יאשע האָט מיט דער האַנט אָנגעוויזן אַפהינטן. — כ׳וועל באַלד אהין אוועקגיין, כ׳וויל נאָר זאָגן א פּאָר ווערטער עטלען, רוף זי צו.

— גיי, יאשע, אהיים, ניכטער זיך אויס.

— רוף צו די קאַלע! — האָט יאשע הויך געפּאָדערט.

— עטלען לאָז צורו. — האָט ביניאָמין, ניט העכערנדיק דעם קאָל, שטרענג געזאָגט.

עטל האָט פון איר אָרט, מיט אומרו, נאָכגעשפּירט נאָך יאשען. ס׳איז געווען אַן אומגעלומפּערטע, א ווילדע זאַך זייַן אראָפּקומען אהער, אָבער ס׳האָט אין הארצן אויך א ברי געטאָן: „ער האָט מיך ליב, ער האָט מיך זייער ליב“. זי האָט ניט געקאָנט, זי האָט ניט געדארפט, ניט געטאָרט איצט, אָט־דאָ אין זאַל באַם געדעקטן טיש, אינעם סאמע קאָך פון דער כאַסענע, אָנהייבן פארטיפערן זיך אין די געפילן, צי האָט זי יאשען איצט אויך נאָך ליב, און צוזאמען מיט דער דערצאָרנטקייַט אף אים, מיט דער כארפּע, וואָס ער פירט זיך אזוי נאריש, איז אויך געווען אף אים א ראכמאָנעס. זי האָט זיך ניט געפילט שולדיק פאר אים, ער אליין האָט זי אָפּגעשטויסן. אָבער פונדעסטוועגן, פונדעסטוועגן... ביניאָמינס געשפּרעך מיט יאשען האָט זיך פארצויגן, באביידן זייַנען די פּנעמער געווען אָנגעשטרענגטע און בייזע. מער פעלט ניט, באַלד וועלן זיי דאָ זיך צעשלאָגן! זי האָט באַשלאָסן צוגיין צו זיי.

זי האָט זיך אופגעהויבן פון איר אָרט און מיט א גרינגן טראָט, אין איר לאַנגער בלענדיקווייַסער כאַסענע־קלייד, אין די ווייַסע טופלקעס, וואָס שוועבן איבערן אָנגעוועקסלטן פּארקעט, האָט זי זיך געלאָזט א ליכטיקע, א שטראַלנדיקע צו ביניאָמינען און יאשען.

— א גוטנאָוונט, יאשע! — האָט זי פראָסט געזאָגט, ווי מע באַגריסט זיך מיט א געוויינלעכן באַקאַנטן.

— א גוטנאָוונט, עטל... איך באַגריס דיך... איך בין געקומען דיך באַגריסן... — ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר זיך פארהאַקט, שוואַך א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און מיט א וואַקלענדיקן טראָט, אזוי ווי א וואַנזיניקער, אוועק ווידער אין יענעם זאַל, ווו ער איז פריִער געזעסן.

10

די שטאָט ראָגאָווסק, וווהין דאָס יונגע פּאָרפאָלק איז אוועקגעפאָרן נאָך דער כאַסענע, איז א שטאָט ניט קיין יונגע, זי איז ניט אופגעקומען אף די אויגן פון איין דאָר, אזוי ווי קאָמסאָמאָלסק, אָדער מאַגניטאָגאָרסק, זי איז נאָך געגרינדעט געוואָרן בייס דער הערשאַפט פון יעקאַטערינע דער צווייטער, דאָס הייסט מיט א צוויי יאָרהונדערט צוריק, אָבער אזוי ווי יענע, די נייַע שטעט, געבוירענע אין ערשטן דריטל פון אונדזער יאָרהונדערט, האָט ראָגאָווסק געקראָגן א גרויסן פארנעם און איז ברייט באַוווּסט געוואָרן, ווען מע האָט דאָרטן, אין אָנהייב פון די דרייַסיקער יאָרן, אויסגעבויט א זאַוואָד, וועלכער איז ניט אף א סאַך קלענער פונעם באַרימטן מאַגניטאָגאָרסקער.

אף דער צענטראַלער קאַלינין־גאַס אין ראַגאָווסק איז פאַראַן אַן אַלטער האָטעל „עלאַ־דאָס". דאָס מאַזל פון „עלאַדאָס" איז געווען ווי אַמאָל. בא יעטווידער ווענזנטלעכער ענדערונג אין לעבן פון דער שטאָט האָט גרינטלעך אויך זיך געענדערט דאָס לעבן אין האָטעל. די שילד „עלאַדאָס" פלעגט איבערבלײַבן אַפן פראָנטאָן פון דער דרײַשטאָקיקער געבײַדע, דערבײַ אָבער זײַנען בא א זײַט פון דער פאַראַדנער טיר צוגעקלאַפּט געוואָרן נײַע שילדלעך, וואָס האָבן אָנגעוויזן אַף אירע נײַע אײַנוווינער און נײַע פונקציעס. בייסן בירגערקריג איז עטלעכע טעג אַפילע געהאַנגען א ברעטל „שטאַב פון באַטקאַ מאַכנאָ". פונדאַנען זײַנען די מאַכנאָווצעס גע־גאַנגען הוליען מיט פּאָגראָמען איבער דער שטאָט. דערנאָך איז א גאַנץ יאָר געווען צוגע־קלאַפּט א שילדל מיט אַן אומבאַקאַנט וואָרט „קאָלעקטאָר". אין די נומערן פון האָטעל זײַנען דאַן געשטאַנען בעטלעך פאַר פאַרוואָרלאָזטע קינדער, וועלכע מע האָט צוזאַמענגענומען פון דער גאַס. שפּעטער, בייסן ערשטן פינפיאָר, האָט באַם אַרײַנגאַנג אין האָטעל, פון אויבן ביז אונטן, געבלאַנקט א גאַנץ צענדליק שילדן פון פאַרשיידענע בוי־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן דאָ צײַטווײַליק זיך באַזעצט. „ראַגאָווסקסטאַלסטראַי", „ראַגאָווסקסטראַימאָנטאַזש", „ראַגאָווסקזשיל־סטראַי"... בימיי היטלער האָט בא דער טיר געשוואַרצט א שילד פון געסטאַפּאָ.

נאָך דער מילכאָמע איז דער האָטעל געוואָרן דאָס, וואָס ער דאַרף זײַן — א צײַטווײַליקע וווינונג פאַר מענטשן, וועלכע קומען אַף עטלעכע טעג צו פאָרן אין שטאָט און דאַרפן האָבן, ווו זיך אָפּצורוען און ווו איבערצונעכטיקן. אָבער ס'טרעפט, אז מע קלײַבט זיך אהער אַרײַן אַף א לענגערן טערמין. ביניאַמין און עטל האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין „עלאַדאָס", ביז זיי וועלן קריגן א דירע. זיי זײַנען געווען צופרידן — א גוטער צימער מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן, אין צענטער שטאָט.

ביניאַמין איז שוין אָפּמאָרגן צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. עטלען האָט ער געייצעט:

— רו זיך נאָך אַפּ א ביסל. ביסט דאָך נאָך היינטיקס יאָר אין אורלויב ניט געווען.

— און דו ביסט געווען?

— מײַן אורלויב וועט איצט שוין זײַן א סאַך שפּעטער. אָבער דו... האַרבסט־צײַט וועסטו אָנקומען זיך לערנען... דערוויס זיך, וועלכע לערן־אַנשטאַלטן זײַנען אין ראַגאָווסק פאַראַן, און דאַן וועלן מיר באַשליסן, וווהין דו וועסט אָנקומען. און ביכלאַל — באַקאַן זיך מיט דער שטאָט... שפּאַציר...

— אַליין שפּאַצירן איז אומעטיק.

— באַטאָג — אַליין. אינאָוונט וועלן מיר שפּאַצירן צוזאַמען.

אַזוי איז געבליבן. ער — אַרבעט, זי רוט דערווײַל.

קעדיי דער קאַזיאָנער צימער פון האָטעל זאָל ווערן געמיטלעכער, קריגן א היימישן אויס־זען, האָט עטל אוועקגעשטעלט א בוקעט בלומען אין דער וואַזע אַפן טיש, אויסגעשפּרייט א שיין בלוי סערוועטל אַף דער טומבאָטשקע באַם בעט, אופגעהאַנגען אַף א וואַנט א יאַפּ־פיי־זאַזש. די שטאָט איז איר געפעלן געווען. זי איז אומגעגאַנגען איבער די שטילערע גאַסן מיט די ניט־הויכע מויערן — דער העכסטער מויער אין דעם אַלטן טייל פון דער שטאָט האַלט ניט מער פון דרײַ שטאָק. די קאַלינין־גאַס, ווו ס'געפינט זיך דער האָטעל, איז אַזוי ווי א גרינער קאָרידאָר, — די צווײַגן פון דיביימער בא איין זײַט טראָטואַר פלעכטן זיך פונויבן איבער מיט די צווײַגן פון די ביימער אין די פּאַליסאַדניקעס בא דער אַנדערער זײַט פון טראָטואַר. אין די היצן איז קיל, אין א ווינטיקן טאָג פילט מען ניט דעם ווינט. גוט איז צו זיצן און אָפּרוען אַף א באַנק אין שטאָטישן פּאַרק, באַם באַרג־אַפּריס, — אונטן, אין טאָל, צווישן קוס־טעס שיפּאָווניק, פליסט א טײַכל, און הינטער אים, אַף א דערווײַטערטן מעהאַלעך, שפּרייט זיך דער זאַוואָד, וועלכן מע האָט אויסגעבויט מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, און דער בײַער קאָרפּוס זײַנער, וואָס איז אָקאָרשט פאַרטיק געוואָרן. דער נײַער צעך איז אָפּגערוקט פון די אַנדערע זאַוואָדישע קאָרפּוסן א ביסל אין א זײַט, זיי פאַרשטעלן אים ניט, מע זעט אים אין דער גאַנצער לענג, ער ציט זיך אַוועק אַף א קילאָמעטער. אין אָט דעם קאָרפּוס איז ביניאַמין באַשעפטיקט, דאָרטן ווערט ער „פאַרפאַלן" ביז שפּעט אינאָוונט.

עטלען איז אַלץ אומעטיקער געוואָרן אומצוגיין ליידיק. זי האָט קוים זיך דערוואַרט ביז האַרבסט און דאַן איז זי אָנגעקומען לערנען. אין ראַגאָווסק זײַנען געווען א פּעדשול און א בוי־טעכניקום. זי איז אָנגעקומען אין טעכניקום אַפן אָפּטייל פון אײַזנבעטאָן־קאָנסטרוקציעס.

— אין אונדזער צײַט איז דער וויכטיקסטער בוי־מאַטעריאַל — אײַזנבעטאָן, — האָט ביני־יאַמין געזאָגט.

— איך וועל זײַן אַן אײַזנבעטאָנענע ווייב, — האָט זי געלאַכט.

דער דירעקטאָר פון טעכניקום איז געווען צופרידן, וואָס די פּרוי פונעם שעף פון זאַוואָ־דישן אויסשטאַטונגס־אָפּטייל ווערט זײַנע א סטודענטקע. מיט וואָס איר מאַן וועט אים קאָנען

העלפֿן, האָט ער גענוי ניט געוווּסט, אָבער אַז מיט עפּעס־וואָס וועט ער קאָנען, — אין דעם איז ער געווען זיכער. דער טעכניקום נייטיקט זיך אין אַ סך זאַכן, — פֿאַרברייטערן די וואַר־שטאַטן, באַרייַכערן די אויסשטאַטונג פֿון דער לערן־לאַבאָראַטאָריע... דער דירעקטאָר האָט מוירע געהאַט, אַז עטל סעגאַל וועט ניט אויסהאַלטן די עקזאַמענעס אַנצוקומען גלייַך אַפֿן דריטן קורס, ווי זי פֿאַרלאַנגט, און ער האָט אין דער שטיל געגעבן צו וויסן דעם און יענעם עקזאַ־מענאַטאָר, ווער זי איז. ער האָט זיי גאָרניט געהייסן, גאָרניט באַוואָרנט, גאָרניט פֿאַרויסבאַ־שטימט, נאָר אָנגעוויזן, אַז צו שטרענג דאַרף מען ניט זייַן. דער קאָנקורס איז ניט קיין גרוי־סער און ס'קאָנען דערנאָך אַפֿילו פֿעלן אַביטוריענטן. אָבער עטל האָט „קאָשער" אויסגעהאַלטן די עקזאַמענעס, אָן דעם דירעקטאָרס פּראָטעקציע. זי האָט נאָך ניט באַוויזן צו פֿאַרגעסן אַלץ, וואָס זי האָט אין שול געלערנט.

פֿונעם האָטעל האָבן ביניאָמין און עטל אַרויסגעקליבן זיך אין אַ באַזונדער שטיבל — צווי צימערלעך מיט אַ וועראַנדע, און ס'איז פֿאַראַן אַ סעדל אין הויף. אינעם צימער פֿון האָ־טעל איז, אַדאַנק עטלס באַמיִונגען, געווען געמיטלעך, און דאָ, אין שטוב, נאָך געמיטלעכער. זי האָט אוועקגעשטעלט אין פֿאָדערשטן צימער אַן אַקוואַריום, זייער שיין אים דעקאָרירט מיט וואַסער־געוויקסן, אויסגעלייגט דעם דעק מיט מויערקעפּלעך און שטיינדלעך, אויסגעמייַסטערט וועט אַפֿילו אַ מין הייל, אַ גראָט — די גאָלדענע און זילבערנע פֿישעלעך שווימען אין אים אַרייַן, און ווען זיי שווימען פֿון דאָרטן אַרויס, צאַפּלען זיי פֿון פֿרייד, וואָס זיי זעען ווידער די וועלט אין דער ליכטיק און ניט אין דער פֿינצטער. צווי ווענט אין צימער האָט עטל באַ־פּוצט מיט בילדער פֿון כייעס און פֿייגל — אַ וועווערקע אַף אַ בוים; אַ סטייַע בושלען אין הימל; אַ בער קריכט אַרויס נאָכן לאַנגן ווינטערדיקן שלאָף פֿון זייַן באַרגעבעניש. ער קוקט זיך אַרום, באַטראַכט, וואָס ער האָט ווייַטער צו טאָן.

— ס'איז בא דיר אַזוי ווי אין אַ קאָנטקענטעניש־מוזיי, — זאָגן די יינגלעך און מיידלעך פֿון טעכניקום, וועלכע זייַנען געוואָרן אַרייַנגייער צו איר אין שטוב. עטל האָט אייַנגעשאַפֿט אַ סאַמאָוואַר און יעדעס מאָל שטעלט עמעצער אַן אַנדערער פֿון די געסט אים אופֿזידן. מע טרינקט „סאַמאָוואַרנע" טיי, מע רעדט, מע שפּאַסט; מע קאָן לאַנגע מינוטן שטיין באַם אַק־וואַריום, אָפּטמאָל לאָזט מען זיך אַ ביסל שפּאַצירן איבער דער גאַס, און אויב ס'איז אַ הייסער טאָג, גייט מען צום טייַך זיך באָדן.

לודמילע סעמיאָנאָוונע, די פֿרוי פֿונעם הויפּט־מעכאַניקער פֿון זאַוואָד, האָט געשאָקלט מיטן גוידערל און גערעדט צו עטלען, באַמיִענדיק זיך איבערצוגעבן די דערפֿאַרונג פֿון אַן עלטערער דאַמע אַ יונגער פֿרוי, וועלכע דאַרף, אייגנטלעך, ערשט ווערן אַ דאַמע:

— איר זייַנט, טייַערע מייַנע, נאָך גאָר ווי אַ מיידעלע, אַזוי ווי איר וואָלט גאָר קיין מאַן ניט געהאַט. איך מוז אייַך זאָגן... איך אַליין האָב פֿריִער ניט געוווּסט, וואָס עס הייסט ברענען אַף דער אַרבעט. כ'האָב געמיינט, אַז דאָס זייַנען פּוסטע ווערטער. איצט ווייס איך, וואָס דאָס איז אַזוינס. מייַן מאַן ברענט אויך, די גאַנצע מעכאַניק פֿון זאַוואָד ליגט אַף אים, מוז ער ברענען פֿון אינדערפֿרי ביז באַנאַכט. אָבער אַז ער קומט אַהיים, איז פֿאַר אים אַלץ אָנגעגרייט — צום עסן, צום רוען, צום שלאָפֿן. אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך מיש זיך אַרייַן. איר קאָכט יעדן טאָג וואַרמעס?

— יעדן טאָג ניט, באַטאָג עסט ביניאָמין אין סטאָלאָוועַ, ער קומט צו וועטשערע. מיטיק קאָך איך שאַבעס און זונטיק.

לודמילע סעמיאָנאָוונע האָט געשטוינט.

— איך שטיי אויף, — האָט זי דערציילט, — זעקס אַזייגער. פֿאַרוואָס אַזוי פֿרי? ווייַל שפּע־טער טאָר מען ניט. וואָלאָד (אַזוי האָט זי גערופֿן איר מאַן, וואָלאָדימירן) שטייט אויף האַלב אַכט. כ'וויס פֿון פֿריִער אַלץ, וואָס ער קאָן דאַרפֿן, וואָס ער קאָן זוכן, וואָס ער קאָן בעטן און וואָס ער קאָן פֿאָדערן. אַנטשולדיקט מיר ווידער, וואָס איך מיש זיך אַרייַן, נאָר ווען איך זע, ווי־אַזוי וועניאַמין דאַנילאָוויטש לויפֿט אינדערפֿרי אַרויס פֿון שטוב, דאָס מאַנטל ניט פֿאַרשפּי־ליעט, דוכט זיך מיר דאָן, אַז ער איז אוועק ניט געפֿרישטיקט, איר האָט דעם פֿרישטיק ניט דערלאַנגט צו דער צייַט... מע מעג דען אַזוי? פֿון דער שפּייַז אין סטאָלאָוועַ וועט ער קריגן אַ מאָגן־קראַנקייַט. — בא לודמילע סעמיאָנאָוונע זייַנען שיינע גרויע אויגן, באַלד וועלן זיי ווערן פֿייַכט און ס'וועט זיך פֿון זיי אַרויסקייַקלען אַ טרער, אָבער די אויגן זייַנען טרוקן, קיין טרער קייַקלט זיך ניט, זי העכערט נאָר דאָס קאָל:

— פֿאָלגט מיך, וואַרפֿט דעם בעטאָנענעם טעכניקום, ס'איז אַ נאָנסענס! איר וועט פֿאַר־לירן וועניאַמין דאַנילאָוויטשן און איר אַליין וועט זייַן שולדיק אין דעם.

עטל קאָן ניט אַריבערטראָגן לודמילע סעמיאָנאָוונען, נאָר אין זיך טראַכט זי, אַז יענע איז אַ ביסל גערעכט. ביניאָמין האָט טאַקע ניט דעם געהעריקן אופֿזיכט. נאָר וואָס קאָן זי דאָ

טאָן? זי זעט אים ניט דעם גאַנצן טאָג. ער קומט אײַנאָוונט א מידער, א האַלבע שאָ זיצט ער מיט איר באַם טיש באַ דער וועטשערע, דערנאָך זעצן זיי זיך ביידע צום טעלעוויזאָר, אויב מע באַווײַזט אַן אינטערעסאַנטן מאַטש. אָבער ס'איז ניטאָ דער אָוונט, ווען ער זאָל אויך נאָך דעם זיך ניט פאַרנעמען מיט זײַנע איניאַנים, וועלכע ער האָט ניט באַוויזן אָפּצוטאָן באַטאָג אַף דער ארבעט. ער נעמט ארויס פון פּאַרטפעל א גרינע פּאַפּקע, א בלויע פּאַפּקע און א רויטע פּאַפּקע. אין איין פּאַפּקע ליגן פּאַרטיקע צייכענונגען, אין דער צווייטער עסקיזן, אין דער דריטער — פאַרשיידענע אַנדערע פּאַפּירן. ער זיצט איבער די פּאַפּירן, צייכנט, רעכנט, שרײַבט, מעקט אַזוי לאַנג, ביז ס'נעמען באַ אים זיך קלעפּן די אויגן. די לעצטע צײַט האָט ער אָנגעהויבן ארומפּאָרן — אין איין קאָמאַנדירונג, אין א צווייטער, אַלץ נעגייע דער אויסשטאַטונג פון נײַעם צעך. א וואָך אין סווערדלאָווסק אַפן „אוראַלמאַש"־זאַוואָד, א וואָך אין כאַרקאָוו אַפן טורבינען־זאַוואָד, א וואָך און מער אין קראַמאַטאָרסק אַפן זאַוואָד פון שווערער מאַשינבויונג.

עטל האָט דערציילט ביניאָמינען וועגן דעם, וועגן וואָס לודמילע סעמיאָנאָוונע האָט גערעדט מיט איר, דערבײַ האָט עטל אויך ניט פאַרגעסן צו פרעגן באַ אים, וואָס איז דאָס אַזוינס נאָנסענס.

— נאָנסענס באַטײַט — אומגעלומפּערטקײַט, קאַפּויערקײַט, מעשוגאַס, — האָט ער דערקלערט און זי א קוש געטאָן. — דו ביסט מײַן נאָנסענס!

II

דער צעך איז שוין אויסגעשטאַט מיט אַלעם נייטיקן, וואָס ער באַדאַרף. ביניאָמין האָט גוט דורכגעפירט אָט די גרויסע, וויכטיקע ארבעט, מע האָט געזען, אַז ער איז אַן אויסגעצייכנטער ספּעציאַליסט און אָרגאַניזאַטאָר, און מע האָט אים פאַרגעלייגט א נײַע, העכערע שטעלע. איצט האָט ער אָנגעפירט מיט א קאָמבינאַט, וואָס האָט געהייסן „בויונג פון פּראָדוציר־אונטערנעמונגען". ס'איז געווען א גרויסע ווירטשאַפט פון געהילפס־אונטערנעמונגען, וועלכע דאַרפן באַזאָרגן דעם מעטאַלורגישן גיגאַנט מיט בוי־מאַטעריאַלן, וואָס ער דאַרף שטענדיק האָבן.

עטל האָט פאַרענדיקט דעם טעכניקום, זי איז ווידער געשטאַנען באַם קולמאַן, איצט שוין ניט אַלס א פּאָשעטע צייכענערין, נאָר ווי א יונגער קאָנסטרוקטאָר. אָבער אײַנגיכן איז זי פון דער ארבעט אַוועק. ס'איז געבוירן געוואָרן א קינד און זי, די מאַמע, האָט געהאַט א יאָר אורלויב, דערנאָך איז זי געזעסן אין שטוב נאָך א יאָר, און נאָך א יאָר. ס'איז געווען צו באַוונדערן, וויאַזוי איין ברעקל קינד, דאָס פּיצל מיידעלע, וואָס הייסט וואַליע, וואַליעטשקע, נעמט אָפּ דעם גאַנצן טאָג און ניט זעלטן אויך די נאַכט באַ דער מאַמען און יעדע פרײַע מינוט באַם טאַטן, ווען ער איז אין שטוב. אָבער אַלץ, וואָס אָנבאַלאַנגט וואַליעטשקען, טוט דער טאַטע מיט פאַרגעניגן. ער האָט געהאַט א פאַרגעניגן צו לויפן גאַנצפרי, פאַר דער ארבעט, אין דער קינדערשער מילך־קיך, ברענגען דאָס פלעשעלע מילך און דאָס ביסל לויזע קאַשע־געמישעכץ און קוקן, וויאַזוי וואַליעטשקע זויגט עס זשעדנע מיט די ראָזעווע פולע ליפעלעך. ווען ער קומט פון דער ארבעט און דאָס קינד שלאָפט שוין, שטייט ער א לענגערע ווײַלע אָנגעבויגן איבערן בעטל און קוויקט זיך, אײַנהאַלטנדיק די אנציקונג אין זיך, האָט מוירע העכער א ביסל אַן אָטעם צו טאָן. א גליקלעכער גייט ער דערנאָך ארײַן אין גרעסערן צימער, טוט א וואָרף מיט אַן אויג אַפן טעלעפאָן — ער פאַרלאַנגט דאַן נאָר איין זאַך, אַז דער טעלעפאָן זאָל זיך ניט צעקלינגען און מע זאָל אים עקסטרע ניט ארויסרופן, אָדער ס'זאָל ניט געשען נאָך ערגערס, — מע זאָל אופוועקן דאָס קינד.

באַ עטלען האָט איר פריִערדיקע ארבעט, איר אָנטייל אין דער קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט, וואָס זי האָט אַזוי ליב געהאַט, די שפּיל אין וואָלייבאָל, מיטן שטענדיקן טרוים, אַז איר קאָמאַנדע זאָל פאַרנעמען א הויך אָרט, — דאָס אַלץ האָט באַ איר איצט אויסגעזען ווײַט־ווײַט אין דער פאַרגאַנגענהײַט. ס'האָט זיך צומאָל געבענקט נאָך דעם, אָבער טוט נאָר דאָס טעכטערל א מאַך א האַווײַעלע, ס'גיט א לאַך, א וויק, ס'וויל עפּעס, ס'פּאָדערט, — און די בענקשאַפט ווערט פאַרגעסן, ווערט פאַרטריבן, ווי א פּוסטע זאַך. דאָס וויכטיקסטע, דאָס פרײַדיקסטע, דאָס בעסטע, דאָס שענסטע איז דאָס, וואָס זי איז א מאַמע. מע האָט זיך אומגעקוקט אַף דער שיינער יונגער מאַמען, ווען זי האָט געפירט דאָס וויגעלע מיטן קינד, מע האָט זיך

אומגעקוקט אף איר, ווען דאָס קינד איז אונטערגעוואַקסן און זי האָט געפּירט וואַליעטשקען פאַרן הענטל. אינאַונט, ווען וואַליעטשקע איז איינגעשלאָפן, האָט זי געהאַט געגנג שטוב־אַרבעט, אָבער זי איז געווען גליקלעך, וואָס דער טאָג איז דורך גוט, און פריער פון אַלץ איז ער אַ גוטער דאָן, אויב דאָס קינד איז געזונט. אין אַ פרייער אָונט־שאָ לייענט זי אַ ביכל, וואָס זי האָט גענומען אין ביבליאָטעק. ביכער, וואָס זיינען אין דער מאָדע און אַף וועלכע ס'איז גרויס דער נאָכפרעג, איז אין ביבליאָטעק אַף די פּאָליצעס ניטאָ און זי נעמט ביכער פון וויניקער פּאָפּולערע אווטאָרן, און אָפטמאָל נאַרט זי זיך ניט אָפּ. לעמאָשל, דאָס בוך „טויזנט בושלען" פונעם יאַפּאַנישן שרייבער קאוואבאטא יאסונארי האָט זי איבערגעלייענט מיט פאַרגעניגן, זי האָט ווידער גענומען אַ יאַפּאַנישן בוך פון דער שרייבערן מיאַמאָטאָ יוריקאָ „צווי הייזער" און ס'איז איר אויך זייער געפעלן געוואָרן. זי האָט זיך צוגערירט צו אַ פרעמד לעבן, מיט זיינע מינהאָגים, מיט זיין אויסקומעניש, מיט זיין פרייד, מיט זיינע צאָרעס. ס'האָט זי געוווּנדערט, וואָס אַזעלכע גוטע ביכער זיינען דאַפּקע יאָ פריי געשטאַנען אַף דער פּאָליצע. מיט באַרימטע וועלט־שרייבער האָט עטל זיך נאָך באַקאַנט, ווען זי האָט געלערנט אין שול. זי האָט שוין לאַנג איבערגעלייענט פלאָבערס „מאַדאַם באָוואַרי", באַלזאַקס „פאַרלוירענע איר־ליוזיעס", „דער גלאַנץ און די אָרעמקייט פון די קורטיזאַנקעס", מאָפּאַסאַנס „ליבער פריינט", „מאָנט־אָריאָל", זי איז געווען צופרידן, ווען זי האָט אין דער ביבליאָטעק געפונען זייערן אַ בוך, וועלכן זי האָט ניט געלייענט. אין איינעם אַן אָוונט, ווען זי האָט געלייענט עמיל זאָליאַס „נאַנאַ", האָט זי זיך אַזוי פאַרטיפט אינעם ראָמאַן, אַז זי האָט ניט דערזען בינימינען, בייס ער איז דורכגעגאַנגען פאַרביי דעם פענצטער. זי פאַרהענגט בעקיוון ניט דעם פענצטער, קעדיי צו דערזען אין דער אָוונטיקער בלויקייט די פיגור זיינע, זיין טונקעלן סילועט, פון וועלכן ס'ווערט איר ליכטיק אַפן האַרצן. ווי זי זאָל ניט זיין פאַרכאַלעמט און פאַרטראַגן, באַמערקט זי אים גלייך. געקומען איז ער דאָס מאָל ניט פרי און ניט שפּעט, אין דער „נאָרמאַלער" צייט, ווי ער קומט שטענדיק, דאָס הייסט אין אַ שאָ־צווי אַרום נאָכן אַרבעטס־טאָג.

— וואָס לייענסטו? — האָט ער געפרעגט.

— „נאַנאַ".

— ס'איז אינטערעסאַנט?

— זייער. האָסט דען ניט געלייענט „נאַנאַ"?

— איך האָב געלייענט, נאָר שוין פאַרגעסן. הער בעסער אַן אַנדער אינטערעסאַנטע זאַך. ווייסטו, ווער ס'איז היינט באַ מיר געווען?

— ווער?

— וועסט ניט טרעפן. יאַשע מאַזין.

— יאַשע מאַזין? מע האָט אים אַהער געשיקט אַרבעטן?

— ער אַרבעט שוין. אַ האַלב יאָר איז ער שוין דאָ... צען קילאָמעטער פון ראַגאָווסק איז פאַראַן אַן עלעקטראָסטאַנציע, און ער איז דאָרטן אַן ענערגעטיקער. ער האָט דאָך פאַרענדיקט דעם ענערגעטישן אינסטיטוט.

עטל איז געווען איבעראַשט, פאַרוווּנדערט, אַזוי ווי דאָן, ווען ער איז אומגעריכט געקומען אַף איר כאַסענע. זי האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ער אַליין האָט, מיסטאָמע, געבעטן, מע זאָל אים שיקן ניט ווייט פון ראַגאָווסק. פאַרוואָס איז ער אַזוי נאַריש און פאַרשטייט ניט, אַז דאָס, וואָס ס'וואָלט געקאָנט אַמאָל יאָ זיין, איז איצט אויסגעשלאָסן, אַפּילע לעכערלעך צו קלערן וועגן דעם. און ניט פאַרשטענדלעך איז אויך געווען דאָס, וואָס ווײַבאַלד ער איז שוין אַ האַלב יאָר אַזוי נאָענט פון ראַגאָווסק, פאַרוואָס האָט ער ביז איצט ניט געלאָזט הערן פון זיך, קיין איין מאָל ניט באַוויזן זיך? זי האָט געוואָלט אויספרעגן באַ בינימינען גענויער, וואָס יאַשע האָט אים דערציילט, אָבער אַ פרעג געטאָן האָט זי מיט אַ קלוימערשטער גלייכ־גילטיקייט, אַליין ניט ווילנדיק, צוליב וואָס זי דאַרף אַזאַ גלייכגילט אַרופּציִען אַף זיך:

— נאָך וואָס איז ער געקומען צו דיר?

— ער איז געקומען מיט אַן ערנסטן איניען. אַף דער עלעקטראָסטאַנציע איז געווען אַן אוואַריע, ניט קיין שרעקלעכע, ניט קיין קאַטאַסטראָפע, אָבער אַז אַ טורבינע אַנטזאָגט אַפּילע אַף גאָר אַ קורצער צייט, פאַרלירט מען הונדערטער טויזנטער קילאָוואַט־שאָען עלעקטראָענער־גיע, און שולדיק אין ניט אויספילן דעם איינגעשטעלטן רעזשים פון דער מאַשין...

— ער איז שולדיק? — באַ עטלען האָט זיך איינגעפּרעסט דאָס האַרץ.

— ניט ער אַליין, נאָר ער אויך. מע האָט אים אַראָפּגענומען פון דער שטעלע, געגעבן אַ קלענערע. ער זעט אויס זייער דערשלאָגן. ער וויל אוועקגיין פון דער סטאַנציע. ער זאָגט,

אז אף די טורבינעס קאָן ער ניט קוקן. א פסיכישע טראוומע. ביכלאַל, ווייסטו אים דאָך, ער איז א מענטש מיט שרײַפּעלעך אין קאָפּ.

— בא אַלעמען זײַנען שרײַפּעלעך, — האָט עטל באמערקט.

— אָבער בא אים זײַנען זיי שלעכט פארדרייט. דער קאָפּ איז, מיסטאמע, געווען פארנומען בא אים, דער רועך ווייסט מיט וואָס. פארברעכערישע נאכלעסיקײַט.

עטלען האָט פארדראָסן, פארוואָס ער רעדט אזוי הארב.

— ביניאָמין, וואַרף זיך ניט מיט קיין ווערטער. ס'איז גענוג, אויב ס'איז געווען נאָר נאכלעסיקײַט, אָן פארברעכן, — האָט זי געפרווווט פארוויכערן יאשעס שולד.

— זאָל זײַן אזוי.

— האָסט אים אײַנגעלאַדן צו אונדז צוגאסט? — האָט זיך ארויסגעריסן בא איר.

— אויב דו ווילסט אים זען, וועסטו אים זען, — ער האָט זיך אופגעהויבן און אוועק אין אנדערן צימער, צום קינדס בעטעלע.

עטל איז געבליבן זיצן אַף אַן אָרט. עפשער צום ערשטן מאָל האָט געטראָפן, אז זי זאָל זײַן מיט גאָרניט פארנומען און אז וועז דער מאַן גייט צו צום בעטל, זאָל זי אויך ניט צוגיין. זי האָט זיך אַליין געוווּנדערט, ווי נאָענט צום הארצן זי האָט גענומען יאשעס צאָרע. דערנאָך אין שטוב, אין גאס איז איר יאשע בא איר ניט ארויס פון קאָפּ. שפּאַצירנדיק מיט וואַליעטשקען, האָט זי זיך אומגעקוקט אין די זײַטן און אפהינטן ווי עמעצער וואָלט זי געדארפט אָניאָגן און זאָגן: „אָט בין איך!" זי האָט געהאַט א פארדראָס אַף זיך, פארוואָס זי טראכט אזויפיל וועגן אים. „לאָמיך אים שוין זען, דעם שלימאַזל, — האָט זי געקלערט, — און דאַן וועט ער ארויס בא מיר פון קאָפּ".

סאָפקאָלסאָף האָט זי אים דערזען — ניט אַף דער גאס, נאָר בא זיך אין שטוב. ס'איז געווען זונטיק, ער האָט, ווײַזט אויס, דאָס ערשטע מאָל געוואָלט קומען דאַן, ווען ביניאָמין איז אויך דאָ. די ערשטע מינוט האָט זי זיך פארלוירן, ווען ער איז ארײַן, אָבער גלײַך זיך באַהערשט און אופגענומען דעם גאסט, אזוי ווי מע דארף אופנעמען א גוטן באקאנטן, — מיט א רויקן פרײַנטלעכן שמייכל. אויסגעזען האָט יאשע ניט אזוי שלעכט, ווי ביניאָמין האָט אים פאָרגעשטעלט און ווי זי אַליין האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז ער דארף אויסזען נאָך דער אוואַריע. די באקן — ניט אײַנגעפאַלן און ניט בלאַס, נאָר פולבלעך און רויטלעך, אויסגעפוצט, ווי א כאָסנבאָכער, אין א נײַעם שווארצן אָנצוג, אין אַן אויבערהעמד מיט א בלענדיק־ווײַסן הארט־אָנגעקראָכמאַלעטן קראגן און מיט א ברייטן שניפס. די פײַן פארקעמטע האָר אפן קאָפּ האָבן פײַכט געגלאנצט און ס'האָט געשמעקט פון זיי מיט א דינעם רייעך פון טײַערן פארפום. ווײַזט אויס, אז דער באַכער איז אָקאָרשט ארויס פון א שערערײַ. הויך און מונטער האָט ער אויסגערופן, ווען ער איז ארײַנגעקומען: „אָט ווו איר האָט זיך פארקליבן, מײַנע ליבע פרײַנט, ס'איז בא אײַך א גאנײדן־ווינקל!", אָבער עטל האָט גוט דערזען, אז די אויגן זײַנען בא אים אומעטיקע און אז די מונטערקײַט איז א געמאכטע.

עטל האָט געדעקט דעם טיש, און אינדערײַען האָט מען צוגעביסן און פרײַנטלעך געשמועסט. עטל האָט געשפּאַסט, אז זי וועט ווערן א שאדכנטע און אויסשאדכענען פאר יאשען אזא ווײַב, וואָס וועט אים אויסהיטן פון אַלע אוואַריעס אַף דער ארבעט און אין שטוב.

— וועגן יענער אוואַריע האָט מען שוין פארגעסן בא אונדז אַף דער סטאנציע, — האָט יאשע זיך אָפּגערופן, — נאָר ווען־ניט־איז, אין א באריכט אָדער א פּאַרטראָג וועגן דער אָפּגעטאָנענער ארבעט, דערמאָנט מען מיך נאָך צווישן אנדערע ניט צום גוטן. אָבער איך האָב געהאט נאָך אַן אוואַריע...

עטל האָט אים געוויזן איר לעבעדיקן „אינווענטאר" — דעם אקוואַריום מיט די פישעלעך.

— זיי איז בעסער פון מיר, — האָט ער צו איר געשעפּטשעט, ווען זיי זײַנען אינצווייען געשטאנען אָנגעבויגן איבערן אקוואַריום, — זיי זעען דיך יעדן טאָג.

לאַנג האָט ער זיך ניט פארהאַלטן אין שטוב, נאָר אפמאָרגן האָט ער קלוימערשט צופעליק ווידער געטראָפן זיך מיט איר. ער איז אומגעגאנגען אין דער נאָענט פון איר גאס א שאָ אַ באַ דערהאַלבן, ביז זי איז ארויס מיט וואַליעטשקען שפּאַצירן. זי האָט זיך אויסגעדרייט צום קינד, וואָס האָט זיך פארקוקט און געבליבן שטיין פונהינטן, און פּאָנעם־צו־פּאָנעם צוזאמענגעשטויסן זיך מיט יאשען.

זיי זײַנען ארײַן אין סקווער, ער האָט אויסגעקליבן א ווײַטערע באנק און זיי האָבן אַף איר זיך אוועקגעזעצט. וואַליעטשקע האָט זיך געשפּילט לעבן זיי, געווען פארטאָן מיט דער ליאַלקע אינעם וועגעלע און מיט די באבעלעך, וואָס האָבן געפלאַטערט איבערן גראָז.

— אָך, עטל, עטל, האָב איך אָפּגעטאָן מיט זיך א שפּיצל, — האָט יאשע געזאָגט.

— שוין צײַט צו פארגעסן.

— ס'פאַרגעסט זיך ניט, ס'וויל זיך ניט פאַרגעסן. בא דיר איז אַלץ גוט?

— בא מיר איז גוט.

— און בא מיר ניט. איך האָב דיך פאַרלאָרן... איך האָב דיך אַזוי ליב און דו האָסט דאָך מיך אויך ליב געהאַט... זינט דו ביסט אוועקגעפאָרן, איז ניט געווען דער טאָג, די שאָ, איך זאָל ניט טראַכטן וועגן דיר. כ'האָב געקאָנט פאָרן אין אַן אַנדער אָרט אָף אַרבעט, נאָר געבעטן אהער...

— אַזוי האָב איך געמיינט... אָבער צוליב וואָס טוסטו דאָס, קאָן איך ניט פאַרשטיין.

— איין נאַרישקייט, עטל, שלעפּט נאָך זיך די צווייטע. איך קאָן אויך ניט פאַרשטיין, נאָר ס'האָט מיך געצויגן אהער, איך האָב געמוזט דיך זען.

עטלען האָבן גערעגט און געפרייט, און אַריינגעבראַכט אין אַן אומרו אָט די ווערטער זיינע. זי האָט א גוטן, זייער א גוטן מאַן, אָבער ס'איז געווען פיינלעך־פרידיק, וואָס ס'איז פאַראַן נאָך א מענטש, וועלכער האָט זי אַזוי ליב, און עפּשער נאָך מער פונעם מאַן.

— דו ביסט שוין דאָ א האַלב יאָר. פאַרוואָס זשע האָבן מיר דיך ניט געזען? — האָט זי געפרעגט.

— איך האָב געוואָלט... געפּרוווט פאַרגעסן, פונקט ווי דו האָסט מיך פאַרגעסן...

— און פאַרגעס טאַקע, פאַרגעס! — האָט זי אים געבעטן.

— אָבער אַריינקומען מעג איך צו דיר?

— אַריינקומען? פאַרוואָס ניט? וועסט זיין א גאַסט.

ער האָט אָנגעהויבן אַריינקומען. אין איינעם א טאָג האָט ער געבראַכט א מאַטאָנע — דריי פישעלעך פאַרן אַקוואַריום, איינס שענער פונעם אַנדערן. — א באַרבוס מיט טונקל־רויטע פאַסיקלעך אַפן גרוילעך־רויטן קערפּער, א קוראַמי, וואָס איז בלוי און איז אויסגעשטערנט מיט פינקלענדיקע שטערנדלעך, אַזוי ווי א לויטערער הימל באַנאַכט. און אַן אָראַנזש־רויט פישעלע, וואָס הייסט שלייערעק. דער עק אירער זעט אויס, ווי א שלייער און איז גרעסער גופע פונעם פיש. יאשע האָט זיי אַרויסגעפּיעסקעט פונעם סלאָיִקל, וואָס ער האָט אַפן מאַרק איינגעהאַנדלט צוזאַמען מיט די פישלעך, און יענע האָבן אָטכייעט זייערע נעשאָמעלעך, געגומען דרייען זיך אין קאַראַהאָד צוזאַמען מיט די פריִערדיקע אַקוואַריום־איינוווינער. עטל איז געווען אַזוי באַגייסטערט פון דער מאַטאָנע, אַז זי האָט אַרומגעכאַפּט יאשען און אים א קוש געטאָן אין באַק. יאשע האָט אופגעלויכטן — ער האָט געקראָגן א באַלוינונג, אָף וועלכער ער האָט זיך ניט געריכט.

זי האָט אים דערלאַנגט א גלאָז טיי און זיך אויך גענומען א גלאָז.

— אויב דו וועסט אויסוואַרטן, ביז בינִיאָמין וועט קומען... ער דאַרף שוין באַלד קומען, וועלן מיר צוזאַמען אָפּעסן.

יאשע האָט געוווּסט, אַז א צייט דאַרף ער ניט זיצן. מיט בינִיאָמינען האָט ער ניט געוואָלט זיך זען, אָבער אופהייבן זיך און אוועקגיין, איז אים געווען נאָך שווערער, ווי איבערצובלייבן.

— איך גלייב אין א שיקזאַל, אין גורל, — האָט ער גערעדט צו עטלען אַזוי ווי אין א פיבער. — איך גלייב, אַז אויב איין מענטש האָט ליב א מענטשן אַזוי שטאַרק, אַז ער קאָן אָן אים ניט לעבן, איז וואָס ס'זאָל ניט געהאַט געטראָפן צווישן זיי, א וועלכע צעשיידונג ס'זאָל ניט האָבן פאָרגעקומען, וועלן זיי זיך ווידער באַגעגענען, ווידער זיך צונויפקומען. איך האָב דיך געהאַט, דו ביסט געווען צוליב מיינע, און צוליב מיינער אַן אומגעלומפּערטער נאַרישקייט האָבן מיר איינע די אַנדערע פאַרלאָרן. אָבער מיר וועלן זיך ווידער געפינען. איך האָב דיך געפונען, און דו וועסט מיך אויך געפינען. — ער האָט זי אַרומגענומען און געקושט, זי האָט זיך דערפילט אָפּגעשוואַכט אין זיינע אָרעמס, זי האָט אָבער געפונען קויעך אים אָפּצושטויסן פון זיך.

זי האָט אים אַרויסבאַגלייט ביז צו דער קאַליטקע און אומגעקערט זיך צוריק, אָבער אין שטוב איז זי ניט אַריין, אומגעגאַנגען א ביסל איבערן הויף און ווידער צו צום טויער, געגעבן א קוק אַרויס אָף דער גאַס, אין ביידע זייטן. ס'זיינען געגאַנגען מענטשן, נאָר יאשען צווישן זיי האָט מען ניט געזען. ס'האָט זי געוווּנדערט: אַזוי גיך איז ער ניט געוואָרן. ער גייט אַזוי האַסטיק? וווּ איילט ער, וווּ האָט ער צו איילן?

אינאָוונט, ווען בינִיאָמין איז געקומען פון דער אַרבעט, האָט זי אים אַזוי ווי דערעכאַגעוו געזאָגט, אַז ס'איז געווען א גאַסט אין שטוב — יאשע מאַזין. בינִיאָמין האָט אופמערקזאַם געקוקט אָף איר.

— האָסט אים ליב, — האָט ער געזאָגט ניט הויך און אַזוי ווי גלייכגילטיק.

— איך האָב אים ליב? — דאָס גאַנצע בלוט איז בײַ איר אַרײַן אין פּנים, די באַקן האָבן זיך באַדעקט מיט אַ העלער רויטקייט. — איך האָב פּשוט אַף אים רחמנות.

בּיניאָמין האָט זיך צעלאַכט, אַזוי ווי ער קען זיך צעלאַכן גראָד אין אַ מאָמענט, ווען קיין סיבה צום געלעכטער איז ניט פֿאַראַן.

— ער איז פֿרײַ און דו ביסט פֿרײַ, — האָט ער ווײַטער גערעדט מיטן זעלבן קלוימערשט גלײַכגילטיקן טאָן. — כ'ווייס דאָך, וואָס עס הייסט רחמנות האָבן אַף אַ יונגן געזונטן מאַנצביל. ס'איז גוט, וואָס ס'איז אַזוי און ניט פֿאַרקערט. ווען ער וואָלט געווען אַ דירעקטאָר, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז דו האָסט רחמנות ניט אַף אים, נאָר אַף דער וויכטיקער און שווערער שטעלע, וואָס ער פֿאַרנעמט.

זײַן האַרבקייט, זײַן אָפּשפּעטערישקייט האָבן זי טיף באַליידיקט. אַזאַ האָט זי אים געזען צום ערשטן מאָל. בּיניאָמין האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. ער האָט אַרופֿגעלייגט אַ האַנט צו איר אַף אַן אַקסל און געזאָגט שוין מיט אַן אַנדערן, פֿיל ווייכערן קאָל:

— האָסט אַ גוט האַרץ און דו האָסט אַף אַלעמען רחמנות, אָבער פֿאָלג מיך, זאָל ער אופֿהערן גיין צו אונדז, דער שלימזל. אויב דו קאָנסט, איז אייצע אים, ער זאָל ביכלאָל אוועקפֿאָרן וואָס ווײַטער פֿונדאַנען. כ'געדענק ניט, ווער ס'האָט געשריבן, דוכט זיך, מאַקסים גאָרקי, אַז שטאַרקער פֿון טויט איז ליבע, און איך זאָג, אַז שטאַרקער פֿון ליבע... — ער האָט אויסגעהאַלטן אַ קורצע האַפּסקע און פֿאַרענדיקט, — שטאַרקער פֿון ליבע איז דעם מענטשנס נאַרישקייט.

„ער רעדט מיט מיר, ווי מיט אַ קינד", — האָט עטל געקלערט וועגן בּיניאָמינען. — „ער האָט זיך פֿאַרליבט אין מיר, זאָגט ער, פֿונעם ערשטן אויגנבליק, איצט האַלט ער עפּשער, אַז דער אויגנבליק האָט אים אָפּגענאַרט, נאָר ער וויל זיך ניט מודה זײַן. דער איינציקער מענטש, וועלכער האָט אַף אַן עמעס מיך ליב געהאַט אַמאָל און האָט אויך איצט ליב, איז יאַשע".

וואַליעטשקע איז נאָך ניט געשלאָפֿן. בּיניאָמין האָט זי גענומען אַף די הענט און אָנגעהויבן אַרומטאַנצן מיט איר פֿון איין צימער אינעם אַנדערן. עטל האָט געקוקט אַף זיי און זי האָט אופֿגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס עס האָט זי באַאומרויִקט מיט אַ מינוט צוריק.

אָנגעשפּילט זיך מיטן קינד, האָט בּיניאָמין גענומען קלינגען אין טעלעפֿאָן צו פֿאַרשיידענע מענטשן וועגן פֿאַרשיידענע איניאָנים, אַזוי ווי דער אַרבעטס־טאָג וואָלט בײַ אים נאָך ניט געהאַט זיך פֿאַרענדיקט. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען פֿון פּאָרטפֿעל און צעלייגט בײַ זיך אַפֿן שרײַבטיש אַ גרויס פּעקל מעלדונגען, דורכגעקוקט זיי, פֿאַרצייכנט וועגן יעדער מעלדונג צו זיך אין אַ גרויסן בלאָקנאָט. מאָרגן איז בײַ אים אַן אופֿנאַם־טאָג, מע קומט מיט אַלע שווערע הערצער, ער דאַרף אויסהערן און ווי ווײַט מעגלעך קומען צוהילף. ער איז געווען אַזוי פֿאַרטאָן, אַז דעם גאַנצן אָוונט האָט ער מער ניט אויסגערעדט מיט עטלען אַ וואָרט. זי האָט געוווּסט, אַז ער איז פֿאַרנומען מיט זייער אַ וויכטיקער אַרבעט, אָבער איר איז געווען אומעטיק, קעגן איר ווילן איז איר ווידער געקומען אַפֿן געדאַנק יאַשע. ער איז איינער אַליין, לעבט אין אַ צוזאַמענוווינונג, קיינער זאָרגט ניט וועגן אים, אָבער צו מיר דאַרף ער מער ניט קומען, — האָט זי געקלערט. — ער טאָר ניט קומען...

נאָך איין מאָל איז ער פֿונדעסטוועגן יאָ געקומען צו איר אין שטוב און איין מאָל האָבן זיי זיך געטראָפֿן אין גאַס, מער ניט. ער איז אַוועקגעפֿאָרן פֿון דער נאָענטער עלעקטראָסטאַנציע אַף אַ ווײַטערער און מער האָט זי אים ניט געזען. ער איז פֿאַרשוווּנדן. און אַ מאָדנע זאַך, — זי בענקט נאָך אים, זי בענקט ביז איצט, זי וויל אים זען. ס'איז אַפֿילע לעכערלעך, נאָר אויך איצט, אין יאָרן אַרום, ווען זי פֿאָרט צו דער שוועסטער דינען, וועלכע האָט זי אַרויסגערופֿן מיט אַן עקסטרער טעלעגראַם, איז בײַ איר ווידער געדאַנקלעך געווען פֿאַר די אויגן דער עפּיזאָד, וויִאַזוי זי זיצט מיט יאַשען אין סקווער און זי בעט אים, ער זאָל זי פֿאַרגעסן, און נאָך אַן עפּיזאָד — בײַם אַקוואַריום, ווען זי האָט אים אַ קוש געטאָן אין באַק, דערנאָך האָט ער זי געקושט. „אַ סאָף, אַ סאָף, — האָט זי, שטייענדיק אַף דעם אויבערדעק פֿון דער שיף און קוקנדיק אַף די גרוי־גרינבלעכע כוואַליעס פֿונעם טײַך אָב, גערעדט צו זיך אַליין, — גענוג צו טראַכטן וועגן נאַרישקייטן, ס'איז דאָ וואָס צו קלערן וועגן ביסלכערע זאַכן".

די מיזינקע עסטער

1

די ייִנגסטע שוועסטער, די מיזינקע עסטער, האָט איבערגעלייענט דינעס טעלעגראַם, ווען זי האָט זיך אומגעקערט פון הינטער דער שטאָט, ווו זי איז געווען אַ גאַנצן טאָג אין פּיאָנערן־לאַגער באַ איר צוועלפיאָריקן זון סיאָמען. זונטיק, ווען ס'קומען די עלטערן צו די קינדער אין לאַגער, האָט זי געהאַט באַ זיך אין שטוב אומגעריכטע געסט און ניט געקאָנט קומען צו אים. איז זי געקומען היינט, אין אַ וואָכיקן טאָג, און געבעטן די פּיאָנער־אָנפירערן מאַכן פאַר איר אַן אויסנאַם און דערלויבן איר פאַרברענגען מיטן ייִנגל. אַ מידע, אָבער אַ צופרידענע, האָט זי זיך אומגעקערט אַהיים. דער מאַן, כאַצקל, האָט איר געלאָזט רויִק אָפּעסן וועטשערע, דערנאָך געוויזן די טעלעגראַם.

— איך וועל מאָרגן אינדערפרי צולויפן אַף דער אַרבעט, מע זאָל מיר געבן אַף צוויי וואָכן אורלויב, — האָט זי געזאָגט צו כאַצקלען, — דערנאָך וועלן מיר ביידע גיין אַפּן אַעראָדראָם. ס'איז גוט, וואָס דו ביסט היינטיקע וואָך דער צווייטער וואַכטע, אינדערפרי באַוויַזט מען אין שטוב אופּטאָן מער, ווי אינאָוונט.

זי האָט געגנוי אָנגעזאָגט אים, וואָס ער האָט צו טאָן, ניט פאַרגעסן יעדע קלייניקייט.

באַצייטנס האָט זי איינגעפּאַקעוועט אַ קליינעם טשעמאָדאַן, אַריינגעלייגט אַהין די נייטיקע זאַכן צום וועג. ס'איז שוין געווען האַלבע נאַכט, ווען זי האָט פאַרענדיקט מיט נאָך אַנדערע קלענערע אַרבעטן, וועלכע דער מאַן וועט ניט קאָנען אָפּטאָן פאַר איר. די טאָכטער, ליוסיען, האָט זי ניט געוואָלט מיט גאָרניט באַלעסטיקן. באַ ליוסיען איז איצט אַ הייסע צייט, זי האָט די עקזאַמענעס אין אינסטיטוט, איז שוין גענוג דאָס, וואָס די מאַמע מוז אוועקפאָרן. מער קענטעניש אין קאָפּ קאָן אַ מאַמע ניט אַריינגעבן, קיין מאָזל אַרויסצוציִען אַ צעטל מיט גרינגע פראַגעס — אויך ניט, אָבער צוגרייטן און אונטערקרעפטיקן מיט אַ זאַטן און געשמאַקן פרישטיק, איידער די סטודענטקע גייט אַוועק אינדערפרי אין אינסטיטוט, — דאָס קאָן זי און דאָס טוט זי. דאַרף די מאַמע עקסטרע אַוועקפליִען.

איינגעשלאָפן איז עסטער מיט אַ טיפן שלאָף פון אַ געזונטן מענטשן, באַ וועמען, וואָס ס'זאָל ניט האָבן פּאַסירט, איז דער שלאָף אַ שלאָף.

אינדערפרי איז זי אַוועקגעלאָפן אַף דער אַרבעט, זי איז אַ בוכהאַלטער אין דער מאָסקווער בוימאַנטאַוש־פאַרוואַלטונג — „סמו" נומער 352. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין אָט די טעג הייבט זיך גראָד אָן אין „סמו" אַ רעוויזיע, און אַ קלאָרע זאַך — בייס אַ רעוויזיע דאַרף אַ בוכהאַלטער בייַזיַין, אָן אים איז די רעוויזיע קיין רעוויזיע ניט.

דער הויפּט־בוכהאַלטער פּאַוועל אַנדרייעוויטש וויסאָקאָלאָבאָוו האָט זייער אופמערקזאַם איבערגעלייענט די טעלעגראַם, וואָס עסטער האָט אים באַוויזן, וויסאָקאָלאָבאָוו האָט אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט:

— פּאַרט, עספּיר גריגאָריעוונאַ. די רעוויזיע איז ניט קיין אויסעראָרדנטלעכע, נאָר אַ געוויינלעכע, און באַ אונדז איז, דוכט, אַלץ, ווי ס'באַדאַרף צו זיַין. די ביכער זייַנען אין אָרדענונג. טאָמער וואָס, אַנטלויפן מיר דאָך ניט, ווען איר וועט זיך אומקערן, וועט מען דאַן נעמען אַפּן צימבל.

פּאַוועל אַנדרייעוויטש האָט געשפּאַסט. באַ אים איז געווען אַ גוטע שטימונג. ער איז עפּשער דער איינציקער בוכהאַלטער אין דער וועלט, וואָס ניט נאָר ער שרעקט זיך ניט, נאָר ער האָט ליב רעוויזיעס. ער האָט ליב, ווען מע קאָנטראָלירט אים. אַדרעבאַבע, זאָל מען געפינען באַ אים עפּעס אַ בלויז, אַ ניט־ריכטיקע ציפער, אַ ניט־פאַרעגיסטרירטע קוויטאַנציע, אַ ניט־ביַיגעלייגטן פּאַסאַזשיר־בילעט צו עמעצנס אַ כעזשבן. אין מעשעך פון די פיל יאָרן, וואָס ער זיצט באַ זיַין גרויסן בוכהאַלטער־טיש, האָט ער מיט איין פּאַפּירל ניט געזינדיקט, ניט מיסברויכט, קיין איין איבעריקע קאָפּעקע ניט אויסגענוצט צוליב זיך און צוליב אָן אַנדערן. אין זיַין אַרבעטס־ביכל זייַנען פאַרצייכנט זעקס ערטער, ווו ער האָט געאַרבעט און פון וועלכע ער איז אַוועק צוליב זיַין פּעדאַנטישקייַט און איַינגעשפּאַרטקייַט. אין דער בוימאַנטאַוש־פאַרוואַלטונג נומ. 352 אַרבעט ער סאַכאַקל דריַי יאָר, און אויך דאָ שוין געהאַט דריַי רעוויזיעס. אַזויווי אַן אַלטער דערפאַרענער קאַוואַלעריסט, וואָס האָט אויסגעהאַלטן אין פיל אַנדערע שלאַכטן, איז ער געווען זיכער באַ זיך, אַז ער וועט אויך דאָס מאָל אויסהאַלטן, ער האָט נאָר

פאַרלאַנגט, אַז בא זײַן טריומף זאָל בײַזײַן די גאַנצע בוכהאַלטעריע. אָבער וואָס קאָן מען מאַכן, אַז עסטער גריגאָריעװנע מוז עקסטרע אוועקפאָרן?

א בילעט אַף א נאָענטן רעיס איז ניט געווען, עסטער האָט באַוויזן די טעלעגראַם א דעזשורנע פון אַעראָוואָקזאַל, נאָר ס'האָט ניט געהאָלפן.

— פּרוביר אין דער קאַסע, וואָס איז פאַר העלדן און דעפּוטאַטן, — האָט זי געײַצעט כאַצקלען.

סאָפאָקלאָסאָף, פּופּיק מינוט פאַרן אָפּפליִען, איז א בילעט געקראָגן געוואָרן, און פּונקט אַזוי, ווי דער ברודער מאָטל פון גאָרקי, בערל פון ניקאָלײַעוו, עטל פון ראָגאַטשאָווסק, אַזוי האָט עסטער פון מאָסקווער אַעראָדראָם אין דאָמאָדעדאָווא, אוועקגעטראָגן זיך אין איר ווײַטער נעסיִע, און אויך אַזוי, ווי זיי, אין לאַנגן וועג, האָט זי געהאַט אַף וואָס אַרומצוקוקן זיך און וואָס צו באַטראַכטן.

2

עסטערן האָט אָפּגעגליקט אין לעבן ווייניקער פון איר שוועסטער עטל, — אַזוי האַלט זי, עסטער, און אין האַרצן איז זי עטלען א ביסל מעקאַנע. עטלס מאַן, בינ'אָמין, איז א גרויסער טוער אַף א גרויסן זאַוואָד, א מענטש אָן אָנגעזועטער, מיט א פּאַרנעם, די בילדונג איז בא אים א הויכע, און קליגער פון זײַן שוואָגער כאַצקלען איז ער אויך. מע דאַרף קוקן דעם עמעס אין די אויגן, כאָטש כאַצקל איז אויך ניט קיין נאַר, און ניט קיין שלעכטער מענטש און ער פאַרדינט, טראָגט ארײַן אין שטוב, אָבער מיט בינ'אָמינען קאָן מען אים ניט פאַרגלײַכן.

באַקאַנט האָט זיך עסטער מיט איר באַשערטן ניט אַזוי, ווי עס מאַכט זיך, אַז דאָס מיידל אַליין וויל, טרוימט צו באַקאַנען זיך מיטן באָכער, וועלכן זי האָט באַגעגנט, און ער האָט אויסגענומען בא איר מיט זײַן שיינקײַט, פלינקײַט, מײַסטערשאַפט, כאָכמע. אַזא פאַרלאַנג, ווען זי האָט צום ערשטן מאָל געזען כאַצקלען, איז בא איר ניט געווען, גאָר פאַרקערט.

אין א זונטיקדיקן טאָג, ווינטער, איז צוזאַמען מיט א טוריסטישער גרופּע, וועלכע דאַרף דורכמאַכן אַף לײַזשעס צוואַנציק קילאָמעטער, געגאַנגען א באָכער א לוי־יוצלעך. בא יעטווידן אַרוף־בערגל און אַראָפּ־בערגל האָט מיט אים געטראָפן א צאָרע. צום סאָף האָט בא אים צעברעכן זיך א לײַזשע און ער האָט געמוזט קריכן אָן די לײַזשעס אין טיפן שניי. א גליק, וואָס צו דער אײַזנבאַן־סטאַנציע איז געווען שוין ניט ווײַט. די אָנפירערן פון דער גרופּע האָט דערנאָך געזאָגט צו אים:

— דעם קומענדיקן זונטיק רוט זיך אָפּ. פאַרט דערווײַל אַף לײַזשעס לעבן דער שטוב, לערנט זיך אונטער.

די אָנפירערן פון יענעם לײַזשע־מאַרש איז געווען זי, עסטער לענאָוויטש. זי איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט איר געפאָלגט און איז דעם אַנדערן זונטיק ניט געקומען. אָבער גאָר אומגעריכט האָט זי אים ווידער געטראָפן — ניט אין וואַלד, נאָר אין אַן אַנדער אָרט, וווּ זי איז ביז דעמאָלט קיינמאָל ניט געווען, ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל.

דער פּעטער העווזל און די מומע מאַלקע זײַנען ניט קיין פרומע, נאָר מאַצע אַף פּייסעך קויפן זיי יעדן יאָר, און אין איינעם א פרימאָרגן האָט עסטער געהערט, ווי זיי ריידן זיך דורך צווישן זיך, אַז ס'איז שוין סאָף מאַרט, ניט ווײַט צו פּייסעך, און קיין מאַצע האָבן זיי נאָך ניט, מע דאַרף גיין נאָך איר אינדערפרי, ווען זיי בײדע זײַנען אַף דער אַרבעט. בא עסטערן איז דער פרימאָרגן געווען א פרײַער און זי האָט געזאָגט, אַז זי קאָן צוגיין.

— וועסט טרעפן אַהין? — האָט די מומע געפרעגט.

— אַז זי פאַרבלאָנדזשעט ניט אין וואַלד, וועט זי אין שטאָט אויך טרעפן, — האָט פאַר איר געענטפערט דער פּעטער.

עסטער איז אוועק קויפן מאַצע.

אין צענטער פון מאָסקווע, אין נאָענטער שכײנעשאַפט מיטן נאָגין־פּלאַץ און דזערזשינסקי־פּלאַץ, געפינט זיך די אַרכיפּאָוו־גאַס, זי טראָגט דעם נאָמען פונעם פּאָלקס־קינסטלער אַבראַם יעפימאָוויטש אַרכיפּאָוו, וואָס האָט דאָ אַמאָל געלעבט אין איינעם פון די אַלטע מויערן. די גאַס איז ניט קיין גרויסע, ס'איז אייגנטלעך א געסל, מע קאָן זי דורכגיין פון אָנהייב ביזן סאָף אין עטלעכע מינוט. פון איין זײַט גייט זי אַרויס צו דער טשערנישעווסקי־גאַס, פון דער אַנדערער — אַף סאָליאַנקע־גאַס. אויב מע וויל וויסן, ווי:אַזוי מאָסקווע האָט אויסגעזען מיט א

האַלבן יאָרהונדערט און מער צוריק, איידער ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די רעקאָנסטרוקציעס פון דער הויפּטשטאָט, דאַרף מען זיך דורכגיין איבער אָט די אַלטע שמאָלע גאַסן מיט די ניט הויכע שטיינערנע מויערן.

אינמיטן פון דער באַרגיקער אַרכיפּאָוו־גאַס, דאָרטן, ווו די געבערגלטקײַט דערגרייכט איר הויכפּונקט, שטייט א בינין, אַן אַלטער, ווי די איבעריקע ביניאָנים אין גאַסל, און עפּ־שער איז ער נאָך א ביסל עלטער. דאָס איז די מאָסקווער קאָרשול מיט אירע מאַסיווע ווײַסע קאָלאָנעס באַם ברייטן ארײַנגאַנג. אינווייניק שײַנען מיט זייערע פּילפאַרביקע קאָלירן די שײַבלעך אין הויכן סופיט, ס'פינקלען די מענוירעס מיט די אַנצאָליקע עלעקטרישע ליכטלעך. אין גרויסן וועסטיביול הענגען אָף די ווענט פאָטאָגראַפיעס — מאָסקווער ייִדן בא א סיידער פּייסעך־צונאַכטס; א ייִדישע כאַסענע; בילדער פון די דענקמאָלן־מעמאָריאַלן די קאָרבאָנעס פון פאַשיזם אין פאַרשיידענע שטעט.

ס'איז נאָך ווינטער אין דרויסן, און איבערן גאַסל פאָרן שוין לאַסטמאַשינעס מיט מאַצע און מאַצע־מעל, אײַנגעפּאַקעוועטע אין פּעקלעך, מיט א שטעמפּל אָף יעדן פּעקל „כשר לפּסח“. דער שאַמעס אין שול טראָגט אין די הענט א בינטל לוכעס: ייִדן, ווער וויל א פרישן לוח, נאַרוואַס ארויס פון טיפּאָגראַפיע.

און ייִדן נעמען — איין לוח, און א פּאָר, — פּאָר זיך און פּאָר א באַקאַנטן.

אָט דאָ, באַם אײַנקויפן מאַצע, האָט עסטער, נאָך כאַצקלס ניט־געלונגענעם לײזשע־מאַרש, ווידער געטראָפן זיך מיט אים. זיי האָבן ביידע א ביסל זיך דערפרייט, ווען מע האָט זיך דער־זען. צווישן א סאַך אומבאַקאַנטע איז אָנגענעם צו טרעפן כאָטשבי א וועלכן־ניט־איז באַקאַנטן. כוץ דעם, זײַנען זיי צווישן אוילעם, ווו די מערהײַט זײַנען באַיאָרטע מענטשן, געווען די צוויי ייִנגסטע. זיי האָבן זיך אווועקגעזעצט אין טונקעלן גרויסן זאַל אָף צוויי „שטעט“, אויס־וואַרטנדיק, ביז די ריי זייערע וועט דערגיין צו דער קאַסע. ער האָט בא איר געפרעגט, צי וועט זי פּייסעך זײַן אין שול.

— אין שול? ניין. — האָט זי געענטפערט. — איך גיי קיינמאָל ניט אהין. דער פּעטער גייט אמאָל.

— קומט צו גיין, — האָט ער זי געבעטן. — איך וועל אויך זײַן.

זי איז פּייסעך ניט געקומען. ערשט אין צוויי יאָר ארום, סימכאַסטוירע, ווען דער פּעטער העוול און די מומע הינדע האָבן זי גערופן, אַז זי זאָל גיין מיט זיי א קוק טאָן, ווי מע איז זיך דאָרט מעסאַמייעך, ווי מע זינגט און מע טאַנצט, איז עסטער געגאַנגען א „קוק“ טאָן, און דעמלט האָט זי געטראָפן כאַצקלען צום דריטן מאָל...

3

ווען מע זאָל צווישן דער מאָסקווער ייִדישער באַפעלקערונג דורכפירן אַן אַנקעטע, ווער פונוואַנען ס'איז געקומען, וואָלט מען געוויס פעסטגעשטעלט, אַז מיט גאָר קליינע אויסנאַמען איז מען אהער געקומען פונעם געוועזענעם טכום־האַמוישעוו — פון די אַמאָליקע „ייִדישע“ שטעט און שטעטלעך. ס'איז ניטאָ אזא שטאָט און אזא שטעטל אין רוסלאַנד, אין אוקראַיִנע, אין ווײַסרוסלאַנד, מאָלדאַוויע, אין די רעפּובליקן און געגנטן, וועלכע זײַנען געוואָרן סאָוועט־טישע שפּעטער, — ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד, די מיירעוו־געביטן באַם דניעסטער, בא די קאַרפּאַטן און הינטער־קאַרפּאַטן־בערג, וואָס זאָל ניט האָבן, זאָל זײַן גאָר א קליינינקע, לאַנדסמאַנשאַפט אין מאָסקווע. לאַנדסלײַט אומאַניער, לאַנדסלײַט ווינניצער, בערדיטשעווער, פּערעיאַסלעווער, מאָנאַסטירישטשער, כמעלניקער, יאַמפּאָלער, וואַפּניאַרקער, ליובאַרער, שאַרגאָ־ראָדער, טשערנאָבילער, רודניער, ראָהאַטשאָווער, קאַפּוליער, כיסלאַוויטשער, באָריסאָווער, אָר־שער, סמאָרגאָנער, מאָלאָדעטשנער, קאָוונער, שאַוולער, שאַדאָווער, קראָקער, ווילישקישער, מאַ־ריאַמפּאָלער, דווינסקער, נאַרוואַער, סאָראָקער, ראַשקאָווער, בעלצער, סטאַניסלאַווער, מוקאַטשעוו־ווער און נאָך און נאָך און נאָך אָן א צאָל. אין יאָמים־נויראָים און פּייסעך וועט איר לעבן דער קאָרשול אין אַרכיפּאָוו־גאַסל זען ייִדן, אויב ניט פון די אַלע מעקוימעס, איז פון א סאַך פון זיי. בא די עלטערע מענטשן, וועלכע געדענקען, פונוואַנען זיי שטאַמען, צעפינקלען זיך די אויגן — מע האָט דערזען א בען־איר! מע כאַפּט זיך ארום און מע קושט זיך. א סאַך מענטשן קומען טאַקע אהערצו, קעדיי צו טרעפן לאַנדסלײַט. מאָסקווע איז ניט קיין שטעטל, ווו מע קאָן זיך פאַרגינען אָפט גיין צוגאַסט, מע איז פאַרטאָן, מע איז פאַרטראָגן, ס'איז ווײַט צו פאָרן

אײנעם צום צווײטן, און װען מע זעט זיך — איז א פרײדיקע געשעעניש. צוזאמען מיטן אַלט־
באַקאַנטן „זעמליאַק" דערזעט מען אין געדאַנק די שטאָט, דאָס שטעטל, דאָס שטעטעלע, פֿונ־
װאַנען מע שטאַמט.

אויב דער יאָמטעװ פֿאַלט אויס אַף שאַבעס און זונטיק, װען מע אַרבעט ניט, איז אין שול פֿול און אין גאַס — נאָך פֿולער. געפֿינען דאָ עמעצן, איז ניט קײן גרינגע מעלאָכע. בײַשײַ־נעס מיט דער שול איז די געבײַדע פֿון דער רעדאַקציע פֿון דער צײַטונג „סאָװעטסקי ספּאָרט", האָט מען א סימען, װוּ מע װעט שטײן און װאַרטן — באַם טויער פֿון „סאָװעטסקי ספּאָרט". אַנטקעגן איז א פּאָליקליניק, — איז פֿאַראַן א צװײטער אַדרעס: „באַם פּלויט פֿון דער פּאָ־ליקליניק".

עסטער איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט צום טויער פֿון „סאָװעטסקי ספּאָרט". זי איז געקומען אַהער מיטן פֿעטער העװל און מיט דער מומען מאַלקע. זײ האָבן איר אָנגעזאָגט, זי זאָל שטײן און װאַרטן, אין ערגעץ ניט אַװעקגײן, זײ װעלן אַף א װײַלע אַרײַן אינעװײניק אין שול, די מומע װעט זיך אופֿהײבן אינדערהײך, אַף דער שאַלקע, דער פֿעטער האָט אַף דער שאַלקע ניט װאָס צו טאָן, צװישן די װײַבער, ער װעט זײַן אונטן, װוּ ס'זײַנען נאָר מאַנצבילן. עסטער האָט געקוקט אַפֿן טאַנצנדיקן, זינגענדיקן, פֿרײלעכן אוילעם אין גאַס. לעבן איר האָט מען זיך געדרײט אין א קאַראַהאָד, טאַטעס האָבן געטראָגן קינדער אַף די אַקסלען, געטאַנצט מיט זײ, אַן עלטערער מענטש, װײַזט אויס, שוין א זײדע, האָט זיך געהעפּקעט מיט א יונגעלע אַף דער פּלײצע.

לעבן עסטערן האָט מיטאַמאָל געגעבן זיך א שטעל אַװעק כאַצקל.

— גוט יאָמטעװ! — האָט ער זי באַגריסט.

— א גוטער יאָמטעװ! — האָט זי געענטפֿערט.

— איר זײַנט דאָ אַלײן? — האָט ער װײַטער געפֿרעגט.

— נײן, מיטן פֿעטער און מיט דער מומען... זײ האָבן מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל דאָ שטײן און װאַרטן, אַניט װעלן מיר זיך פֿאַרלירן.

— אָבער אײַך האָב איך געפֿונען, — איז ער געװען צופֿרידן.

א הויכער, א מאָגערלעכער, מיט שאַרפֿלעכע קינבאַקן און אויך א שאַרפֿלעכער שפּיץ נאָז, די העלע גלאַטע האָר פֿון קאָפּ פֿאַרכאַפּן דעם ברײטן, אָבער ניט הויכן שטערן, די אויגן קוקן האַרבלעך און דורכדרינגלעך. כאַצקל איז אַן אַרבעטער אין „מאָסטונעלסטראָי" — אַן אָרגאַניזאַציע, װעלכע בויט אין מאָסקװע אונטערערדישע אַרויסגאַנג פֿון אײן זײַט גאַס צו דער אַנדערער, קעדײ צו באַפֿרײַען דעם טראַנספּאָרט און די פֿוסגײער פֿון איבעריקע זאָרגן און געפֿאַרן. בײַסן בויען אַזעלכע טונעלן, דאַרף מען די מויערן, װעלכע געפֿינען זיך בײַשײַ־נעס, באַשיצן, פֿאַרפֿעסטיקן זײערע פֿונדאַמענטן, זײ זאָלן ניט װערן באַשעדיקט. דערמיט זײַ־נען באַשעפֿטיקט ספּעציִעלע בריגאַדעס, און כאַצקל איז אין אײנער פֿון זײ. ער אַרבעט אין דרײַ װאַכטעס, — א װאָך פֿון אינדערפֿרי, א װאָך — פֿון באַטאָג און א װאָך באַנאַכט. הײַנט האָט ער געדאַרפֿט אַרבעטן באַנאַכט, און ער איז געװען צופֿרידן, װאָס דער אָװנט איז נאָך ניט אַװעק און ביז האַלב־נאַכט איז נאָך דאָ גענוג צײַט.

א מיטליאָריקער מאַן, װאָס האָט, װײַזט אויס, א ברײטע האַרץ און א ברײטע קעשענע, האָט אַװעקגעשטעלט אַפֿן טראָטואַר א קעסטל מיט פֿלעשער שאַמפּאַניער װײַן, אײן פֿלאַש נאָך דער אַנדערער געעפֿנט מיט א שאָס, און מעכאַבעד געװען דעם אוילעם. כאַצקל האָט אויך גענומען א גלאָז װײַן און זי אָפּגעגעבן עסטערן.

— טרינקט!

עסטער האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן און א האַלבע גלאָז אויסגעטרונקען, די אַנדערע העלפֿט האָט אויסגעטרונקען כאַצקל. בײדן איז פֿרײלעך געװאָרן, װי זײ װאָלטן אויסגעטרונ־קען א גאַנצע פֿלאַש.

עס זײַנען צוגעגאַנגען דער פֿעטער העװל און די מומע מאַלקע. זײ האָבן אופֿמערקזאַם א קוק געטאָן אַפֿן באָכער, װאָס באַ דער גאַנצער אַרומיקער ענגשאַפֿט, שטײט ער פֿונדעסטװעגן צוגערוקט צו זײער פּלעמעניצע שוין צו ענג, און מיט די כושים פֿון א געטרײַען פֿעטער און א געטרײַער מומען, האָבן זײ דערפֿילט, אַז עסטער איז אים געפֿעלן.

דערנאָך האָט שוין אַזוי געטראָפֿן, אָדער, מעגלעך, אַז כאַצקל און עסטער האָבן דאָס גע־טאָן בעקיװן, נאָר נאָך דעם, װי זײ האָבן א טאַנץ געטאָן צװישן אוילעם אין אײן קאַראַהאָד, אין א צװײטן, האָבן זײ ניט געקאָנט געפֿינען דעם פֿעטער העװל און די מומע מאַלקע. דאָס פּאָרל איז אַרויף אַפֿן שטילן און פּוסטלעכן דערבײַיִקן פּלאַץ, אַװעקגעזעצט זיך אין סקװער אַף א באַנק אַנטקעגן דעם דענקמאָל די העלדן פֿון דער שלאַכט אין פּלעװנע. װען זײ האָבן צו־ריק זיך אומגעקערט אין גאַס, איז שוין דאָרטן אויך, װי אין סקװער, געװען טונקל, א טײל

עלעקטרישע לאָמפּן — אויסגעלאָשן. די לעצטע ייִדן זײַנען מיט א פּאַמעלעכן טראָט אראָפּ־געגאנגען פון די שול־טרעפּ, אײַנטעמענדיק נאָך דער הייסער לופט אין ביניען די קילע לופט אין דרויסן.

— ווו ביסטו דאָס פאַרפאַלן געוואָרן? — האָט דער פעטער העוול געפרעגט עסטערן, ווען זי איז צוזאמען מיט כאַצקלען צוגעגאנגען צום טויער פון „סאָוועטסקי ספּאָרט“. — מיר דאַרפן דאָך שוין גיין אהיים.

די מומע מאַלקע האָט אים א צי געטאָן באַם ארבל, ער זאָל ניט שטעלן קיין קאַשעס און ניט האַלטן טײַנעס.

— קומט אריַין צו אונדז צוגאַסט, — האָט זי פרײַנטלעך אײַנגעלאַדן דעם באָכער, און דער פעטער העוול האָט זי אונטערגעהאַלטן:

— קומט אריַין... קומט אריַין...

ער האָט אָנגעהויבן אריַינקומען, און אין קומענדיקן יאָר, אין די יאָמטעוודיקע מיי־טעג, איז געווען די כאַסענע. און ווען ס׳איז עסטערן גוט אפן הארצן, זי איז צופרידן מיט איר מאַן, דאַן קלערט זי, אַז זי האָט זייער וויל געטאָן, וואָס זי האָט געפאָלגט דעם פעטער מיט דער מומען און געגאנגען סימכאַס־טוירע „א קוק טאָן“ אין ארכיפּאָוו־געסל. אויב ס׳איז ניט גוט, — ס׳טרעפט פאַרשיידנס אין פאַמיליען־לעבן, און כאַצקל איז ניט קיין מאַלעך, ניט בעסער פון אנדערע מאַנצבילן, דעמלט זאָגט זי צו אים:

— סימכאַס־טוירע איז טאַקע פריילעך, אָבער פאַר מיר ביסטו א קנאַפּע סימכע...

איצט, פאָרנדיק צו דער שוועסטער דינען, האָט עסטער געטראַכט מיט הארצווייטעק וועגן דינעס איינזאַמקײַט. יענע איז אַלע אירע יאָרן אליין, און עפּשער איז זי, עסטער, שולדיק, וואָס זי איז ניט באַשטאַנען און ניט גענוג אײַנגערעדט די עלטערע שוועסטער צו פאַרלאָזן דאָס פאַרוואָרפענע ווינקל אירס. „לאָמיך נאָר טרעפן זי אין א צושטאַנד, זי זאָל קאָנען פאָרן, — האָט עסטער געטראַכט, — דאַן וועל איך זי נעמען צו זיך קיין מאָסקווע“.

אַלע — צוזאמען

1

ווער פריִער א ביסל, ווער א ביסל שפּעטער, זײַנען דינעס ברידער און שוועסטער צוזאַמענגעקומען זיך אין וואַסיוטינסק. זיי זײַנען געווען פריידיק איבעראַשט, ווען אָנשטאָט צו טרעפן א טויט־געפערלעכן כוילע, וועמענס שאָען און מינוטן זײַנען געציילטע און צו וועמען מע האָט געײַלט ניט צו פאַרשפּעטיקן צו דער טרויעריקער געזעגענונג, האָט מען דערזען דינען מיט פאַרקאַשערטע ארבל, א פאַרטאָגענע אין צוגרייטן מײַכאָלים, אזוי ווי מע גרייט זיך צו א סימכע. אין שטוב איז געווען ריין אופגעראַמט, די דילן — אויסגעוואַשן, דער טיש אין גרעסערן צימער איז געווען פאַרשפּרייט מיטן יאָמטעוודיקן טישטעך מיט די געלע פרענד־זעלעך, אף די פענצטער — בלאַנקענדיק־ווײַסע פאָרהענגלעך.

מע האָט זיך געקושט — ס׳האָט אזש איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. און דערנאָך, נאָך די ערשטע קורצע אויספרעגענישן, וויאזוי מע איז דערפאָרן, און וואָס ס׳הערט זיך אין שטוב, צי אַלע זײַנען געזונט, האָט דינע, ווי אמאָל, ווען זי איז געווען די ניאַנקע און די מאַמע, געגעבן דערווײַל די „קינדער“ עפּעס־וואָס צובײַסן, אויסטרינקען א גלאָז טיי, די גרעסערע סודע וועט זײַן שפּעטער. ס׳איז געווען אויסערגעוויינלעך אָנגענעם צו הערן און צו אויספילן דינעס „קאָמאַנדעס“.

— מאָטעלע, ברענג פון ברונעם אן עמער וואַסער. האָסט ניט פאַרגעסן, ווו ס׳געפינט זיך דער ברונעם?

— עטעלע, טו א קוק אין דער דוכאָווקע, צי ס׳האָט ניט צוגעברענט. מאַך עטוואָס קלע־נער דאָס פײַער.

— בערל, כ׳האָב מוירע, ס׳וועט ניט קלעקן קיין ברויט. איינס און צוויי — גיכער אין מאַגאַזין, ביזוואַנען נאַסטיע האָט אים ניט פאַרמאַכט.

— עסטערקע, טראָג עפעס ארויס דעם הונט. זאָל ער אויך וויסן, אז בא מיר זייַנען גוטע געסט.

און מאָטל האָט געבראכט צוויי פולע עמער וואסער פון ברונעם, און בערל האָט געבראכט א לאבן ברויט פון מאגאזין, און עטל האָט געהיט, אז דאָס געבעקס זאָל ניט צוגעברענט ווערן אין דוכאָווקע, און עסטער האָט עפעס ארויסגעטראָגן דעם הונט, ער זאָל וויסן, אז די געסט זייַנען גוטע.

מע האָט זיך אויסגעזעצט באם געדעקטן טיש. יעדערער, ווער וויפל עס האָט געמעגט, האָט אויסגעטרונקען. דינע האָט נאָר א שמעק געטאָן איר בעכערל. די צינגער בא די געסט האָבן זיך פאנאנדערגעבונדן. בא יעדן איז געווען א סאך וועגן וואָס צו דערציילן און וועגן וואָס אויסצופרעגן, מע האָט זיך דאָך נישט נאָר ניט געזען מיט דינען, נאָר אויך איינער מיטן אנדערן ווער ווייסט שוין וויפל צייַט — מע לעבט באזונדער, אין פארשיידענע שטעט... אָבער די לענגערע שמועסן, דאָס גענויערע אויסדערציילן און אויספרעגן האָט מען אָפגעלייגט אף שפעטער. איצט האָט מען גערעדט קורץ, אָן א סיידער, אזוויווי געוויינלעך בא אן עס־טיש — קורצע רעפליקעס, קורצווייַליקע ווענדונגען איינער צום צווייטן, אָפגעהאקטע ווערטער.

— אף דער ארבעט האָב איך צו טאָן מיט פייַערלעשער־באלאָנען, — האָט געזאָגט מאָטל, — און בא מיר אין שטוב ברענט.

— וואָס ברענט בא דיר?

— ס'ברענט א „זשיגולי“.

— און בא מיר ברענען עקזאמענעס, — האָט זיך אָפגערופן בערל. — א גאנצן קורס האָב איך געדארפט עקזאמענירן. די סטודענטן זייַנען עפשער צופרידן, אָבער אין דעקאנאט טוט זיך כווישער.

— א שאָד, — האָט א לאך געטאָן עטל, — וואָס מייַן טאָכטער לערנט ניט בא דיר. בא איר איז גראָד דער עקזאמענאטאָר אפן אָרט. און איך בין אוועקגעפאָרן, ניטאָ, ווער עס זאָל זי אונטערקרעפטיקן פאר און נאָך דער שוויצבאָד.

— און בא מיר אין „סמו“ איז א רעוויזיע, — האָט געגעבן צו וויסן עסטער.

דינע האָט געזאָגט:

— איך בין באגאנגען א פארברעכן, וואָס כ'האָב אייַך אלעמען פלוצעם אזוי אופגערודערט, אָפגעריסן יעדערן פון דער ארבעט, פון דער שטוב. ס'מאכט זיך, א מענטש פארלירט דעם קאָפ, גייט אראָפ פון די געדאנקען... ווי נאָר איך בין ארייַן אין שטוב נאָך דעם, ווי איך האָב געשיקט די טעלעגראם, האָב איך שוין כאראָטע געהאט, געפרוווט אפילע כאפן צוריק. כ'האָב אָנגעקלונגען אפן טעלעגראף און געבעטן, אז מע זאָל די דעפעשעס פארהאלטן, אויב מע האָט זיי נאָך ניט אוועקגעשיקט. „שוין אוועקגעשיקט“, — האָט די טעלעגראפיסטקע געענטפערט. איך האָב דעמלט געהאט אף זיך א שטארקן פארדראָס, אָבער איצט, טייַערע מייַנע, ווען איך זע אייַך אלעמען, פארדריסט מיר שוין ניט, די טעג, וואָס איר וועט זייַן דאָ בא מיר, וועלן זייַן די גליקלעכסטע טעג אין מייַן לעבן...

פונעם טיש האָבן זיך געטראָגן אויסרופן:

— האָסט געטאָן, ווי א כאכאָמע. אניט וואָלטן מיר דען אמאָל אלע צוזאמען געקומען?

— געמיינט, כאָלילע, ווער ווייסט וואָס, אָבער מיר זייַנען דיר מויכל...

— קיין שום מאטאָנע אפילע ניט געבראכט. אז מע האָט אזוי געייַלט...

דינע האָט געהאט אן ארבעט: צוגרייטן פיר געלעגערס. ס'האָבן איר געהאָלפן עטל און עסטער. אין האלבער נאכט האָט מען זיך צעשיידט. די מאנצבלען — אין איין צימער, די פרויען צוזאמען מיט דינען — אינעם אנדערן. א ביסל האָט מען זיך נאָך דורכגערעדט דורך דער וואנט. דינע האָט זיך נאָכגעפרעגט בא מאָטלען און בערלען, צי ס'איז ניט הארט צו ליגן, זי קאָן ברענגען א מאנטל, א וואטניק אונטערצולייגן.

— ס'איז גוט, ס'איז ווייך, — האָבן די ברידער געענטפערט.

די ווענט פונעם אלטן הויז האָבן אייַנגעהיט אין זיך די רייכעס, באקאנטע פון אמאָל. און די קלאנגען זייַנען אויך געווען באקאנטע. מע האָט געהערט דעם רויש פונעם נאָענטן טייַגע־וואלד.

אף מאָרגן, נאָכן פרישטיק, זייַנען די געסט ארויס דורכשפאצירן זיך א ביסל איבער וואסיוטינסק. פארבייַגייער האָבן זיך אייַנגעקוקט אין זיי און געשעפטשעט צווישן זיך:

— דינע לענאָוויטשעס מישפאָכע.

נעענטערע באקאנטע האָבן זיך אָפגעשטעלט, און דינע האָט זיי מיט פארגעניגן דערקלערט וועגן יעדן פון איר הויזגעזינד.

— מייַן עלטערער ברודער מאטוויי גריגאָריעוויטש, ער לעבט אין גאָרקי. אן אינזשעניער.

— עטל גריגאָריעוונע, זי וווינט אין ראַגאָווסק, דאָרטן, ווו ס'איז דער גרויסער מאַשינ־בוי־זאַוואָד.

— באָריס גריגאָריעוויטש... א שיפּבויער אין ניקאָלייַעוו.

— עספיר גריגאָריעוונע — א בוכהאַלטער אין מאָסקווע.

— זיי האָבן זיך צעשפּרייט אומעטום, נאָר דו איינע, דינע גריגאָריעוונע, ביסט געבליבן אין וואַסיוטינסק, צי עפּשער קלייַבסטו זיך אויך אוועקפאָרן? — האָבן די באַקאַנטע געפרעגט בא איר.

— ניין, איך קלייַב זיך ניט. כ'בין אַזוי ווי א קאַץ. כ'וואָלט צוגעוווינט צו אן אָרט, קאָן איך פון אים זיך ניט אָפּרייַסן, — האָט זי געענטפערט.

2

אין אונדזער סיפּער־האַמייַסע ווערט ניט איין מאָל איבערגעכאַזערט דאָס וואָרט „גראָד". גראָד דעמלט, ווען בא מאָטלען (מאַטוויי גריגאָריעוויטשן) איז געווען אַזאַ וויכטיקע אַרבעט אפן זאַוואָד — דער אויספּרווו פון א נייַער וויכטיקער דערפינדונג; גראָד דאַן, ווען דער לעקטאָר פון ניקאָלייַעווער שיפּבוי־אינסטיטוט בערל (באָריס גריגאָריעוויטש) האָט געדאַרפט עקזאַמענירן זייַנע סטודענטן און ווען אפן שיפּבוי־זאַוואָד האָט מען געהאַלטן באַם אַראָפּלאָזן אפן וואַסער א נייַע שיף און ער האָט אומבאַדינגט געדאַרפט זייַן דערבייַ; גראָד דאַן, ווען בא דער בוכהאַלטערשע עסטער (עספיר גריגאָריעוונע) איז א רעוויזיע אין איר בוי־פאַרוואַלטונג... און גראָד דאַן, ווען אַלע זייַנען נאָך אַזויפיל יאָרן צעשיידונג צוזאַמענגעקומען זיך און ווען זי, דינע, האָט אַזוי געגאַרט צו פאַרברענגען מיט די ברידער און שוועסטער, זייַן כאָטשבי צוזאַמען איין וואָך, — גראָד דאַן איז געקומען צו פליִען קיין וואַסיוטינסק א צופעליקער אַראָפּלאַן, וועלכער האָט דאָ געהאַט א דרינגענדיקע אופגאַבע און וואָס פליט טייקעף אף צוריק.
עס האָט זיך געשאַפן א מעגלעכקייַט, אַז דינעס ליבע געסט זאָלן קאָנען אוועקפליִען אף אים. געוויס איז דאָס א סאַך בעסער, ווי צו שלעפּן זיך אפן קאַטיערל, אפן אַזויגערופענעם פּאַוואָק ביז קאַרגאַסאָק, דערנאָך מיט א גרעסערער שיף ביז נאָוואָסיבירסק, און ערשט פון דאָרטן איבערזעצן זיך אף אן אַעראָפּלאַן אָדער אף א צוג. אַלע זייַנען אַזעלכע פאַרנומענע מענטשן, — מע קוקט אף יעדן אַרויס, ער זאָל זיך גיכער אומקערן. ס'איז געווען טרויעריקלעך, וואָס אַזוי גיך צעשיידט מען זיך און מע איז אויך געווען צופרידן, וואָס עס האָט צוגעשפּילט מיטן אַעראָפּלאַן.

באַם אַעראָפּלאַן, אפן ווינטיקן פעלד, האָט מען זיך געזעגנט.

...און ווידער איז פּוסט און שטיל געוואָרן בא דינען אין שטוב. אין איינעם אן אָוונט איז איר געוואָרן ניט גוט. אַלע וויסטע קרענק, וואָס האָבן געדרעמלט אין איר, האָבן, מיטאַמאָל געגעבן צו וויסן וועגן זיך. „דאָס איז שוין מייַן סאָף" — האָט זי געזאָגט צו זיך און זי האָט א טראַכט געטאָן, אַז שיקן טעלעגראַמעס דאַרף זי שוין איצט ניט, די רעכט אף זיי האָט זי שוין אויסגענוצט פריִער... דאָ, אין וואַסיוטינסק, האָט זי גענוג באַקאַנטע און פרייַנט, וואָס ווען מע וועט דאָס באַדאַרפן, וועלן זיי זי באַגלייטן אין איר לעצטן וועג...

איבערזעצונגען

מאַרינע פּאָפּאָוויטש

אין נומער 5 פון „סאָוועטיש היימלאַנד פאַרן 1981, האָבן מיר פאַרעפנטלעכט די פאַרצייכענונג „קריסטאַלן אַף דער דלאָניע״ — וועגן דעם פינפמאָליקן וועלט־רעקאָרדסמען פון אוויאַציע־ספּאָרט מאַרינע פּאָפּאָוויטש. די באַרימטע פליִערן איז אויך אַ פּאָעטעסע. מיר ברענגען דאָ אין דער ייִדישער איבערזעצונג מאַרינע פּאָפּאָוויטשעס אַ לידער־ציקל פון איר בוך „די פליגל קרעפטיקן זיך אין פלוג״.

אַף דער ערד און אין הימל

סיבירער פראָסט

די פראָסט, וואָס רופן זיך סיבירער,
בלויז צינדן אָן זיך אין סיביר.
איך שטיי שוין לאַנג מיט דיר, פאַרפירער,
לעם דער בערעזע, לעבן איר.

אַך, זינט אין גאַרניזאָן דאָ לעב איך,
ניטאָ פון וואַלד קיין וועג צוריק,
ווײַל כ׳קאָן ניט אָנטרינקען זיך, נעבעך,
מיט ריינער בלויקייט פון דײַן בליק.

פון קאַלטן וועטער מיך באַשיצט ער,
און דו אַ סאָד זאָגסט אויס מיר פראָסט:
מיט טראָפּנס פון אַפּרעל שוין איצטער,
פּונקט ווי אַ פּיקהאָלץ, קלאַפּט דער פראָסט.

די מוטער

פון דער מילכאָמע איז אַ קאַלטער שניי
אַף דײַנע שוואַרצע צעפּ אַראָפּגעפאַלן.
די אויגן — גרוי, נאָר ליכטיק ווערט אין זיי,
ווען אַף דער האַנט דו נעמסט דײַנע מעדאַלן.

דערמאָנסט זיך, ווי עס האָבן זיך צעשיידט
די מענטשן אַפן ראַנד פון די גראַנגלען,
ווען פון פאַרשטילטע דערפער קינד־און־קייט
זײַנען אין טיפן וואַלד אוועקגעגאַנגען.

געדראַט האָבן די זומפּן אײַך מיט טויט,
און איר פון זומפּן פלעגט מיט פײַער דראָען.

געציטערט אפן סוינע האָט די הויט,
ווען פּאַרטיזאַנער פלעגן צוגיין נאָענט.

און איצט דעם אייניק דײַנעם זאַגסטו שטיל,
פאַרשפּיליענדיק אים די שינעל די גרויע:
„דעם וואַלד, דעם זומפּ,
די רויטע קווייטן כ׳וויל
אף ווײַטער דיר פון האַנט צו האַנט פאַרטרויען“.

דער ערשטער ארופּלי

מיר ווערן צוגעוווינט טאָגטעגלעך
אַמאָל צו היץ, אַמאָל צו פראָסט,
נאָר איינס איז קלאָר: עס איז ניט מעגלעך
זיך צוגעוווינען אָט צו וואָס —

צו דעם, וואָס אָפּט עס האָט קיין זין
באַ דעם, באַ יענעם אין די אויגן,

צום ערשטן פלי אין דער מאַשין,
וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט געפלויגן.

ווי שיין עס איז אָט די מינוט,
ווי שטאַרק עס זײַנען די געפילן,
ווען דער מאָטאָר — ער אַרבעט גוט
אף ברענשטאָף פון דײַן שטאַרקן ווילן.

* * *

ס׳רעדט אַ קאָל אין שלעמאַפאָן,
וועלכער איז שוין פאַרשפּיליעט,
דעם פּילאָט זאָגט מען אָן
די קאָמאַנדע צום פליִען — «На вылет!»

באַ דעם בויגן די פּיל
זיך פאַרהאַלט אף אַ קורצינקער רגע,
דער פּילאָט ווערט דערווײַל
באַ דעם האַרץ אַ דערלויבעניש פרעגן.

דער אַספאַלטענער וועג
וויקלט אויף זיך מיט אומגעדולד פרײַען,
און אין הימל אָן שרעק
אַלע פייגל אַ וויוואַטל שרײַען.

און דער אעראָפּלאַן
ווערט פון עפּעס אַ טאַרמאָז געגעזן,
און אין אים איז פאַראַן
אַלץ, וואָס לעבט אין אַ לעבעדיק וועזן.

און די כײַעס מיט קאַס
נעמען אויף דעם געוווי פון מאָטאָרן,
דער פּילאָט טוט אַ שפּאַס:
— היידאַ, סוסים, אין הימל אין קלאָרן!

אײַנעם הימל ער ווערט
אײַנגעשטילט און געלאָסן באַם פליִען,
און צי גוט ס׳איז, צי שלעכט,
נאָר דאָס האַרץ צו דער ערד נעמט אים ציִען.

פון דאָרף ביז דאָרף

פון מײַן דאָרף און ביז דײַן דאָרף
גייך אַ שאָ, ניט מער, איך דאָרף.

נאָר אין פרײַען פעלד — אוי, ווי —
איז דער וועג פאַרשנייט מיט שניי.

און קיין סטעזשקע איז ניטאָ.
כ׳גיי אַ שאָ און נאָך אַ שאָ,

כאַפּ די וויאָרסטן באַ דעם עק,
שטופּ אַראָפּ זיי פון דעם וועג.

און די ליבע שטייט
און שרײַט
באַ דײַן גאַנעק אײַנדערווײַט.

ייִדיש — אַרן ווערגעליס

מענטשן — זייער צייט און זייער גורל

לעוו דאַווידאָוו

דאָקטאָר פון פילאָסאָפישע וויסנשאַפטן

דער סטאַרט פונעם העלד

צווישן די לײַדנשאַפטן, וואָס זײַנען מיר
פון אלע הויכגעשעצט,
צווישן די פארלאנגען, שטארקע
פון לאנגע צײַטן,
איין פארלאנג — זײַן טאָמיד
אין דער ארבעט —
געגליכן איז צו ליבע
און עפשער נאָך שטארקער.

לעוו אַזעראָוו

— פאר מיר פערזענלעך זײַנען נייטיק, צו־ליב מײַן דערציִערישער ארבעט, אזעלכע ווערק, וואָס זאָלן לערנען גויווער זײַן שווערקײַטן און דערציִען דעם ווילן. פאדייעווס ראָמאן „יונגע גווארדיע" און פאָלעוואָיס „דער עכטער מענטש", ווי אויך דזשעק לאָנדאָנס ווערק בעט איך ניט אָנרופן...

די דאָזיקע ווערטער זײַנען ארויסגעזאָגט געוואָרן שטרענג, מיט א הארטן טאָן, אָפן, אומיטלבאר. עס האָט זיי ארויסגעזאָגט אף א לייענער־קאָנפערענץ, ווענדנדיק זיך צום שרײַ־בער יורי גערמאן, א צוהערער פון לעניגראַ־דער קורסן פאר העכערן די קוואליפיקאציע פון פילאָטן פונעם ציווילן לופטפלאָט.

יורי פּאווּלאָוויטש, וועלכער איז שוין געווען ברייט באוווּסט מיט זײַנע ווערק וועגן מענטשן מיט ריינעם געוויסן, מיט הויכער ערלעכקײַט און עמעסער מאָראלישקײַט, האָט געענטפערט גיך און פעסט:

— לייענט דעם בוך „דורך אָנזעבארע באַ־ריערן" («Через невидимые барьеры»)

— וועמענס בוך איז עס? ווער איז דער אווטאָר? רופט אָן די פאמיליע פונעם שרײַ־בער! — האָבן זיך א שאָט געטאָן פראגעס פון אלע זײַטן.

— דער אווטאָר איז ניט קיין שרײַבער, ער איז א יִער קאָלעגע לויט דער פּראָפעסיע, מארק גאלײַ...

דעמלט, אף דער דערמאָנטער קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען מיט צוואנציק יאָר צו־ריק, האָט דעם רעקאָמענדירטן בוך וויניק ווער געוווּסט. „דורך אָנזעבארע באריערן" איז נאָר־וואָס דערשינען. באם אווטאָר איז עס געווען אָן ערשטלינג, די פּראָבע פון דער פען. ער האָט זיך, אגעוו, ניט געקליבן ווערן א פּראָפעסיאָנע־לער ליטעראטאָר, בײַטן די פּראָפעסיע. זײַן ארבעט האָט ער ליב געהאט און זי אויסגעקליבן אפן גאנצן לעבן. ער האָט זי ליב געהאט שטאר־קער, איידער דאָס לעבן, כאָטש זי איז געווען פארבונדן מיט שטענדיקן ריסק, מיט אומפאר־מײַדלעכע געפארן, מיט דער העכסטער אָנ־שטרענגונג פון אלע אינטעלעקטועלע און פיזי־שע קויכעס, מיט גרייטקײַט צו העלדנטאט.

מארק לאזארעוויטש גאלײַ איז געקרוינט מיטן טיטל העלד פון סאָוועטנפארבאנד, ער איז אן אינזשעניער, א דאָקטאָר פון טעכנישע וויסנ־שאפטן, מע ווייסט אים ווי א קאָמוניסט, א פּאָ־פּולערער שרײַבער, וועמענס ביכער פארליגן זיך ניט אף די פּאָליצעס, אין די ביבליִאָטעקן, זיי זײַנען פּאָפּולער און באליבט בא גרויס און קליין.

אלץ, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, איז וועגן דער אוויִאציע, וועגן זײַן זאך, וועגן זיך און וועגן זײַנע כאוויירים — פרײַנט. ער האָט אלץ געשילדערט נאטירלעך, מיט אלע איינצלהײַטן — ניט נאָר זײַן אייגענעם גורל, נאָר וויִאזוי ער איז אף שטענדיק צונויפגעגאָסן מיטן שיקזאל פונעם היימלאנד.

וויִאזוי זשע איז געווען, לויטן טרעפלעכן אויסדרוק פון גאלײַען אליין, — וויִאזוי איז

העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד מארק גאַלײַ

פאַרגעקומען דער סטאַרט אַף זײַן וועג, וועלכער האָט אים געפירט צו פאַרדינטער ערע און רום?

דאָקטוירים באַהויפּטן: אויב דעם קינד כאַלעמט זיך, אז ער פליט, הייסט עס, אז ער וואַקסט. ווײַזט אויס, אז אין דער קינדהײַט איז מארק געפלויגן, אורטיילנדיק לויט זײַן הויכן גוואַרדייִשן וווּקס, א סאַך אָפטער, איידער אַנדערע קינדער. נאָר ניט אין כאַלעם — אין דער ווירקלעכקײַט. אין דער מישפּאָכע איז ניט געווען קיין באַזונדער גרונט, מע זאָל אָפט ריידן וועגן אוויִאַציע. דער טאַטע — אַן עקאָנאָמיסט, די מוטער אַן עסטראַדע־אַקטריסע: געלייענט די רוסישע קלאַסיקער. לאָמיר א ביסל טיפער א גראָב טאָן די וואָרצלען — איין זיידע א פאַרמאַצעווט, דער צווייטער האָט זיך אויך ניט אָפּגעריסן פון דער ערד, אַן אגראָנאָם. ניין, אוויִאַציע איז בא מארקן ניט געווען קיין יערושעדיקער באַרוף, קיין דינאַסטישע טראַדיציע.

אָבער די לענינגראַדער מיטלשול, דער פּיִאָנערן־קלוב, דאָס קאָמיוגישע קעמערל ערעוו דעם ערשטן פינפיאָר — זיי האָבן אָנגעלאָדן די כעוורע מיט דער ראָמאַנטיק פון דער צײַט, און אין זייערע הערצער האָט געלעבט דער טרוים וועגן אוויִאַציע. מארק גאַלײַ איז ניט געווען קיין אויסנאַם. ער איז שוין דאַן צווישן די איניציִאַטאָרן פון א שילערישן אוויִאַמאָדעלקרײַז. אין דער פרײַער צײַט בויט ער מאָדעלן פון עראָפּלאַנען, ס׳האָבן אים פאַרכאַפּט און באַגײַסטערט געוואַגטע פּלענער. זיי האָבן אים אזוי באַפליגלט, אז ער האָט אפילע ניט באַמערקט, ווי עס זײַנען דורכגעפלויגן די שוליאָרן...

— איצט הייסט עס „כאָבי“, — זאָגט מיר מארק לאַזאַרעוויטש, דערמאָנענדיק זיך וועגן יענע אופטוען אין זײַן קאָמיוגישער יוגנט. — ס׳זײַנען דעמלט געווען פּאָפּולער פאַרשיידענע קרײַזלעך, וועלכע האָבן געהאַלטן שעפטום איבערן יונגן סאָוועטישן פלאָט. יאָ, דער לופטפלאָט פון דער ערשטער סאָציִאַליסטישער מעלוכע האָט אין די צוואַנציקער יאָרן געמאַכט די ערשטע שריט, ער איז מאַמעש געשאַפן געוואָרן פאַר אונדזערע אויגן...

דאָס איז דער ריינער עמעס. ניט פון עמעצנס ווערטער ווייס איך עס, ניט פון ביכער אָדער ארכיוו־קוואַלן. אין מײַן אייגענער יוגנט האָב איך אַליין אָנגעטראָפן אפן ראָמאַנטישן אופשווונג פון אונדזער אוויִאַציע. ביז הײַנטיקן טאָג איז פאַרבליבן אין זיקאָרן די ליד «Заседание друзей» („די זיצונג פון די פרײַנט“) פונעם באַוווּסטן לענינגראַדער פּאָעט ניקאָלײַ טיכאָנאָוון, גאַלײַס לאַנדסמאַן. זי איז שטענדיק געווען אין רעפּערטואַר אַף אונדזערע אָוונטן פון קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט. אין איר שטרײַטן די יונגע כעוורע: וועמענס וועג איז בעסער? דער מאַטראָס לויבט דעם יאַם, די מוטיקײַט פון יאַמלײַט. דער פּילאָט ענטפערט מיט ווירדע: „דער פליִער דאַרף זיך ניט באַרימען מיט זײַן מוט, נאָר אויב ס׳איז נייטיק, איז ער מעכוייעוו אוועקזעצן זײַן עראָפּלאַן... אפילע אין א קאַליוזשע. נאָר אויב דו האָסט זיך פאַרדרייט אין שטאָפּאָר, דו קאָנסט ניט מאַכן דעם נייטיקן קרײַז, דאַן, פאַרשטענדלעך, איז געקומען דיר דער סאָף, אָן א פּאַראַשוט איז שלעכט. און פונדעסטוועגן איז דער הימל — די בעסטע לײַדנשאַפט“...

פאַר מארק גאַלײַען איז די גרעסטע לײַדנשאַפט פון אַלע דעמלט עקזיסטירנדיקע אַף דער וועלט געוואָרן דער הימל. צי הייסט עס, אז דער ווײַטערדיקער וועג איז שוין אינגאַנצן קלאָר? ניט אינגאַנצן. די אוויִאַציע איז דערווײַל נאָך ניט קיין פאַרווירקלעכטער טרוים. ס׳איז פריש גאַלײַס עלטער — אינגאַנצן 16 יאָר. ער באַשטימט זײַן דאַרט, ווו ס׳איז אַמערסטן נייטיק, וווּהין עס רופט דער קאָמסאָמאָל. „דאַיאָש דעם פינפיאָר אין פיר יאָר!“ — אזא איז דער לאָזונג, און ער גייט אוועק אַף פאַרשיידענע אַרבעטן. אינגיכן ווערט ער א טאָקער אפן זאַוואָד „רויטער אָקטיאַבער“.

מיר האָבן געדאַרפט זיך אויסלערנען אַרבעטן אַף געקויפטע פאַר גאָלד מאַשינעס — קיין אייגענע האָבן מיר דערווײַל נאָך ניט געהאַט. געמאַכט האָט דער זאַוואָד דעטאַלן פאַר טראַקטאָרן. די קאָמיוגיסטן האָבן פרײַוויליק זיך פאַרפּליכטעט אויסערן פּלאַן אוועקשטעלן די פּראָדוקציע פון מאָטאָציקלען. גענומען אזא פאַרפּליכטונג, און זי אויסגעפילט! די ליכטיקע אויגן פון מײַן מיטשמועסער באַפאַרבן זיך מיט א העלער בלויקײַט, זיי ווערן נאָך ליכטיקער. אַפן פּאָנעם צעגיסט זיך א גוטמוטיקער שמייכל, ער ווערט ייִנגער. די שטים, א ווייכע און שטילע, פאַרשטאַרקט זיך דעמלט, ווען ער דערמאָנט

זיך וועגן די מוטיקע כאראקטער־שטריכן פון דער יוגנט פון יענער הייסער צײַט, פון דער צײַט פון די ערשטע פינפיאָרן...

אין 1932, שוין א קוואליפיצירטער טאָקער אפן זאוואָד „רויטער אָקטיאבער“, פארלאָזט ער דעם מעכאנישן צעך און קומט אָן אין ציווילן אוויִא־אינסטיטוט. פון דאָרט פירט ער זיך איבער אין פּאָליטעכנישן, ווּו זײַנע באליבטע געגנשטאנדן זײַנען אעראָדינאמיק און קאָנסטרוקציע פון אעראָפּלאנען, וועלכע עס אונטעריכטעט דער דאָקטאָר פון טעכנישע וויסנשאפטן, פּראָפעסאָר לעוו געראסימאָוויטש לויציִאנסקי.

„מײַן ערשטער לערער אין דער אוויִאציע“ — מיט א געפיל פון טיפער דאנקבארקײַט פאר זײַן איידלקײַט און מענטשלעכקײַט, מיט א ליוב פאר זײַן פּעדאגאָגישן טאלאנט פון א פּראָפעסאָר, רופט זיך וועגן אים אָפּ זײַן געוועזענער דערצויגלינג.

נאָך אין אינסטיטוט האָט מארק ליב געקראָגן גוויִאספּאָרט. ער פלעג אין אעראָקלוב פליִען אף פּלאנערן. „פאר דעם — א גרויסן דאנק ראָסטיסלאוו אָנדרייעוויטש סטאסעוויטשן — ער האָט מיך אויסגעלערנט אָנפירן מיט א פלי־אַפּאראט“. אויסלערנענדיק זיך שפּרינגען מיט א פּאראשוט, ווערט ער מיט דער צײַט אַן אינסטרוקטאָר — לערנט שפּרינגען אנדערע. אינגיכן ווערט ער א פליִער־אינסטרוקטאָר.

זײַענדיק א סטודענט, פארטראכט זיך גאליי ערנסט, וויִאזוי צו פאראייניקן צוויי פארשיידענע ספּעציִאליטעטן אין איינער. אָנטיילנעמען אין שאפן די מאשין און אליין זי אויספּרוּוון! איינצײַטיק זײַן אַן אינזשעניער און א פליִער! פליִען און טראכטן וועגן דעם, וויִאזוי צו פארבעסערן דאָס, אף וואָס דו פליסט!

די פרײַנט, וועמען ער האָט וועגן דעם דערציילט, האָבן גוטמוטיק אונטערגעשמייכלט:

— אין איין וואָגן קאָן מען ניט אײַנשפּאנען א פערד און א גראציִעזן הירש...

וואָס איז שײַעך דעם פערד און דעם הירש, איז ער מאסקים געווען. פּושקין איז פולקאָם גערעכט. אָבער אַן אינזשעניער און א פליִער אין איין געשפּאַן, ריכטיקער, אין איין פּערזאָן, איז פּאָשעט נייטיק. וויפל נאָך קאָנסטרוקטיווע אופגאבעס אין דער אוויִאציע קאָן מען ניט לייזן באם פולמאן און אפילע אין דער אעראָדינאמישער טרויב, אויב מע ברענגט ניט אראָפּ די דאָזיקע לייזונג פונעם הימל! גופע אין דעם פליִען זײַנען פארבאָרגן א סאך ענטפערס...

— אָבער אף דערוף איז מען א פליִער־אויספּרוּוולער, — האָבן די כאווירים אים דערווידערט.

נאָר אויב צו דער דערפארונג, מוטיקײַט, מײַסטערשאפט, אינטויִציע, צו די פארשיידענע האשאָרעס, באאָבאכטונגען צוגעבן אינזשעניערוויסן, קענטעניש, וועט די ארבעט פונעם פליִער־אויספּרוּוולער נאָך אין א גרעסערער מאָס ווערן א פאָרזעצונג פון די קאָנסטרוקטאָרישע זוכונגען!

זײַן פאנאטישע איבערצײַגעוודיקײַט האָט פארשטאנען איינער פון זײַנע לערער — ל. ג. לויציִאנסקי. ער איז געווען ניט גלײַכגילטיק צו די פּלענער פונעם יונגן אינזשעניער. אדאנק דער אווטאָריטעטער רעקאָמענדאציע פונעם פּראָפעסאָר, האָט גאליי ניט דורכגעמאכט די סטודענטישע פארדיפּלאָם־פּראקטיק, נאָר אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט ארײַנגעפלויגן אין צאגי, אף דער אויספּרוּוו־סטאנציע.

פון דער דאָזיקער סטאנציע, וועלכע איז פארוואנדלט געוואָרן אין א פלי־פאָרשערישן אינסטיטוט (זיך אָפּגעטיילט פון צאגי), איז דער יונגער אינזשעניער גלײַך אוועק זיך שלאָגן קעגן דער ארמאדע פון די פאשיסטישע באָמבארדיר־אעראָפּלאנען, פארטיידיקנדיק דעם הימל פון מאָסקווע. אָבער וועגן דעם שפּעטער.

דאָ דארף מען באמערקן, אז גאלײַען, ווי ער אליין פארזיכערט, האָט אָפּגעגליקט מיט גוטע לערער. וועגן צוויי פון זיי האָב איך שוין דערמאָנט. דער דריטער איז געווען איוואן פּאוולאָוויטש קאָזלאָוו, דער שטעלפארטרעטער פונעם שעף פון דער אויספּרוּוו־סטאנציע. א פּיִאָנער אין געביט פון שאפן אינזשעניער־קאדרען אין דער סוויווע פון פליִער־אויספּרוּוולער, האָט ער אָנגעהויבן דערפון, וואָס ער האָט אויסגעלערנט דרײַ אינזשעניערן פליִען און פירן די אויספּרוּוון. ער האָט זיי געלערנט מאכן די ערשטע טריט. גאליי איז געווען צווישן זײַנע ערשטע שילער. זיי האָבן שוין פארמאָגט א געוויסן פליִער־סטאזש און האָבן אפילע געהאט דאָס רעכט צו לערנען אנדערע, נאָר ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זיי דארפן זיך נאָך אליין לערנען פליִען, אויב זיי ווילן זײַןווירקלעכע אויספּרוּוולער. און זיי האָבן זיך פלײַסיק געלערנט, און דורכגעגאנגען קאָזלאָווס אויסגעצייכנטע שול.

צום באדויערן, איז מיר ניט אויסגעקומען צו שמועסן מיט קיין איינעם פון גאלײַס לערער. נאָר אָן שום סאָפעק האלטן זיי, אז ס'האָט זיי אָפּגעגליקט מיט גוטע שילער, און בא א געלעגנהײַט ברענגען זיי מיט שטאָלץ אלס א בײַשפּיל מארק גאלײַען.

און ער אליין האָט אויך דערצויגן א גאנצע גרופּע פליִער־אויספּרוּוולער מיט הויכער אינזשעניער־בילדונג.

אַן אעראָפּלאן, לויט דער ריכטיקער דעפיניציע פונעם בארימטן אוויִאטאָר ק. ק. קאָקינאקי, „איז געוואָרן א פליִענדיקע לאבאָראטאָריע“. „אַן אויספּרוּוולער דארף זײַן מיט אלע מײַלעס: סײַ א גוטער ראדיסט, סײַ א דערפארענער עלעקטריקער. ער דארף האָבן גוטן וויסן אין אעראָדינאמיק... און גאָט ווייסט, וואָס נאָך ער דארף קענען!“ — רופט אויס קאָנסטאנטין קאָנסטאנטינאָוויטש קאָקינאקי, פילנדיק, אז ער האָט נאָך ניט אויסגערעכנט אלץ, וואָס איז נייטיק.

נאָר לאָמיר זיך א ווענדע טאָן צו די ווײַטע פון אונדז פארמילכאָמעדיקע דרײַסיקער יאָרן, ווען גאלײַען איז פאָרגעשטאנען צו באשטימען זײַן גוירל. לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַן ארויסלאָזניק פון א הויכשול, א יונגן ספּעציִאליסט מיט א זייער גוטער אטעסטאציע פון די פּראָפעסאָרן. פאר אים איז פון פריִער צוגעגרייט א פּערס־

ספעקטיוו אין אַלע הינזיכטן: דאָס אָרט אין א קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ, א געמיטלעכער ארבעטצימער, היימלעכקײַט אין שטוב־שטייגער. און ער, דער שטורמישער, ווארפט אָפּ אַלע ערדישע פריידן און גליקן, וואָס מע לייגט אים פאָר, און קלײַבט אויס דעם ברעגלאָזן הימלשן פינפטן אָקעאַן, פול מיט געפארן. עס שרעקט אים ניט, וואָס דאָרט איז אַלץ ניט זיכער, וואַקלענדיק, שוואך. אויב דו האָסט זיך צופעליק ספּאָטיקעט — פאַלסטו. פאַלנדיק האָסטו ניט אין וואָס זיך אָנכאַפּן, אין וואָס זיך אָנהאַלטן. ס'איז געוועזן גאָרניט פראָסט, ריכטיקער, אומגעהייער שווער, צומאָל פּאָשעט אומעגלעך ארויסצוקלײַבן זיך פונעם עראָפּלאַן בעשאסן פליִען, קאָנען אויסנוצן דעם פּאַראַשוט. קיין קאַטאַפּולטירונג האָט נאָך ניט עקזיסטירט.

פארשטייט זיך, סײַ דעמלט, סײַ איצט איז גילטיק די וואָרענונג פון אונדזער אָנגעזעענעם אוויִאַטאָר גריגאָרי אַלעקסאַנדראָוויטש סעדאָוון: „אויב א פליִער־אויספּרווּוער פארן פלוג האַלט, אז ער גייט אף א העלדנטאַט, הייסט עס, אז ער איז צום פלוג ניט גרייט“, אָבער, פון דער צווייטער זײַט, דארף ער שטענדיק זײַן גרייט צו באגיין א העלדנטאַט.

צי דען איז ניט געווען קיין העלדנטאַט די אַלזײַטיקע אויספּרווּון, וועלכע גאַלײַ האָט דורכגעפירט איבערן עראָפּלאַן פונעם קאָנסטרוקטאָר איגאָר אַלעקסאַנדראָוויטש טאָלסטיך (אין אָט דעם עראָפּלאַן האָט דאָס ערשטע מאָל זיך באוויזן די פאָדערשטע ראָד). בײַס די אויספּרווּון זײַנען געשאַפן געוואָרן די נייטיקע פאַר די קאָנסטרוקטאָרס אָפּטימאַלע כאראַקטעריסטיקעס פאַר אַזעלכע מאַשינעס. מיט זיי האָט מען זיך באַנוצט פיר צענדליק יאָר, ביז דער לעצטער צײַט.

ווי אַנדערש, אויב ניט ווי א העלדנטאַט קאָן מען אָפּשאַצן דעם פאַקט, וועגן וועלכן ס'האָט מיטגעטיילט מ. ארלאַזאָראָוו אין זײַן בוך וועגן דעם קאָנסטרוקטאָר ארטיאָם מיקאָיאַן: דער פליִער־אויספּרווּוער אַלעקסיי גרינטשיק איז אומגעקומען באַם אויספּרווּון דעם „מיג־9“. די אוואַריע־קאָמיסיע האָט ניט געקענט פעסטשטעלן, פארוואָס עס האָט זיך אָפּגעריסן בא דער מאַשין דער עלעראָן, און זי האָט באַשטימט פאָרזעצן די אויספּרווּון. גאַלײַ האָט זיך גענומען אף א צווייטן עקזעמפּליאַר דערווײַזן די לעבנספייִקײַט פון דער מאַשין און פעסטשטעלן די סיבע פונעם אומקום פון זײַן פרײַנט.

„מיג־9“ אין פלוג. דער אַפּאַראַטור גיט זיך איַין פארעגיסטרירן זײַן אויפירונג אף פארשיידענע שנעלקײַטן. פלוצעם האָט גאַלײַ דערפילט א שטאַרקן קלאַפּ. „ווי עמעצער אָן אָנזעבאַרער וואָלט ארויסגעריסן בא מיר דאָס הענטל און מיט אַן אומדערלאָזבארער קראַפט בא אַזא שנעלקײַט א ריס געטאָן דעם רול ארויף, — דערקלערט מארק לאַזאַרעוויטש, — די מאַשין האָט אַזא ציטער געטאָן, אז אַלץ פאַר מײַנע אויגן האָט פארלוירן די געווינלעכע שארפקײַט פון די קאָנטורן (ווי ס'איז שפּעטער קלאָר געוואָרן, זײַנען די ווײַזערס פון אייניקע מאכשירים אינגאַנצן אַראָפּגעפאַלן). דער עראָפּלאַן האָט זיך א ריס געטאָן ארויף צו די וואָלקנס. איך האָב קוים באוויזן א טראַכט טאָן: „גוט, וואָס ניט אף אונטן!“. הינטער דער פּלייצע פונעם זיך־אָרט אין פיוזעליאַזש האָט עפּעס געקראַכט. מיך האָט ענערגיש צוגעדריקט אָט צו איינעם, אָט צום צווייטן באָרט פון דער קאַבינע... דאָס הענטל האָט זיך פארקלעמט: ניט געקוקט אף אַלע מײַנע אָנשטרענגונגען, האָט עס זיך ניט אָפּגעווײַכט ניט פאָרויס, ניט צוריק, אָנפירן מיטן אויפשטײַג, מיט דער נידערונג און שנעלקײַט פונעם פלוג איז ניט געווען מיט וואָס. דאָס סאַמע ערגסטע אין א פלוג איז, אז דער אָנפיר־אַפּאַראַט זאָגט אָפּ. איך האָב זיך באַמיט, אף וויפל עס איז געווען מעגלעך, ארומקוקן זיך און באטראַכטן דעם עראָפּלאַן. כ'האָב ניט געגלייבט מײַנע אויגן. פון איין זײַט, האָט די האָריזאָנטאַלע אָנפירונג — דער סטאַביליזאַטאָר, דער רול פון דער הויכקײַט — זיך געפונען אין א מאָדנער אויסגעדרייטער לאַגע. פון דער צווייטער זײַט, אויב ס'האָט זיך מיר ניט אויסגעדאַכט — זײַנען זיי... אינגאַנצן ניט געווען!“.

דער שרײַבער און אוויִאַציע־אינזשעניער אַדלאַזאָראָוו האָט נאָך צוגעגעבן צו גאַלײַס דערקלערונג: קעראָסין האָט אָנגעהויבן פארגיסן די קאַבינע, און ס'איז געבליבן נאָר שפּרינגען. אָבער גאַלײַ האָט ניט געקאָנט זיך דאָס דערלויבן. פארוואָס? „קעגן דעם, — זאָגט דער ספּעציאַליסט, — האָבן זיך קעגנגעשטעלט אי דער פּראָפעסיאָנעלער כויוו, אי דער בירגערלעכער כויוו, אי דער מענטשלעכער געוויסן, און פונקט אָט די אייגנשאַפטן ווערן זייער הויך געשעצט אין דער אויספּרווּוו־ארבעט“.

גאַלײַ האָט אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט געראַטעוועט דעם „מיג־9“, ס'האָט זיך אים אײַנגעגעבן אוועקזעצן דעם עראָפּלאַן, דאָס האָט געהאָלפן אויפדעקן די שוואַכקײַטן פון דער קאָנסטרוקציע פון „מיג־9“, וועלכער איז איינגיכן ארײַן אין דער אוויִאַציע.

פאַר א פילפאַכיקן העלדנטאַט דארף מען רעכענען די אויסגעפילטע מיצאַד מארק לאַזאַרעוויטשן סעריע „אויספּרווּון אף פלאַטער פונעם עראָפּלאַן“, דעם סאַמע שרעקלעכן מין וויבראַציע פון א סאַך באַוווסטע אין דער אוויִאַציע. אינעם גאַנג פון די אויספּרווּון איז איינמאָל אנטשטאַנען אָט דער פארניכטנדיקער פלאַטער. פארשטייט זיך, ס'איז געווען א נויטווענדיקײַט זיך באַנוצן מיט דער „רעזערוו־צײַט“, וועלכע מע גיט דעם פליִער (דאָס הייסט, מיט די געציילטע רעגעס, אָנהייבנדיק פון דער אוואַריע פון דער מאַשין און ביז דעם אויפרײַס אָדער דעם פאַלן), קעדיי זי פארלאָזן און זיך ראַטעווען. ער האָט דאָס ניט אויסגענוצט, ער האָט דערשלעפּט די צערויִנירטע מאַשין מיט צונויפגעדרייטע אין א קנויל פליגל אַפן עראָדראָם. אַזוי האָט ער זיך אויפגעפירט אין אַנדערע ענלעכע קריטישע אומשטענדן. דער געפיל פון כויוו, פאראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דער זאַך, דיקטירט אים, וויִאַזוי זיך אויפירן — פארטויבט, פארלעשט אין אים די שרעק פארן אייגענעם

לעבן. אזוי ווערט געבוירן דאָס, וואָס הייסט ווונדער. אזעלכע ווונדער־העלדנטאַטן זײַנען באַ גאַלײַען פאַראַן ניט ווייניק. צווישן זיי דאַרף מען, פאַרשטייט זיך, פאַרעכענען יענע, וועלכע ער האָט באַוויזן אין דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. וועגן איינעם אזא ווונדער־העלדנטאַט דערציילט דער העלד אליין אין זײַן אינטערעסאַנטער דערציילונג „די ערשטע שלאַכט האָבן מיר געוווּנען". איך וועל ניט איבערדערציילן דעם סוזשעט. ווער ס'האָט די דערציילונג ניט געלייענט, רעקאָמענדיר איך: באַקאַנט זיך מיט איר! גאַלײַ גיט אַ מערקווירדיק בילד וועגן דער ערשטער לופט־שלאַכט אין יול כוידעש, באַנאַכט, אין מאָסקווער הימל, מיט די פאַשיסטישע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען. 220 זײַנען זיי געווען. אומגעריכט, אונטערגאַנווענענדיק זיך צו אונדזער הויפּטשטאָט, האָבן זיי געוואָלט זי צערוינירן און פאַרברענען, אזויווי זיי האָבן צעראַבעוועט און פאַרברענט די הויפּטשטעט פון אַנדערע מעלוכעס. געוואָלט האָבן זיי, טאַקע געוואָלט, אָבער ניט געקענט, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס אין אָנהייב פון דער מילכאָמע האָבן זיי אונדז איבערגעשטיגן סײַ אין צאָל, סײַ אין דער קוואַליטעט, זיי האָבן אויך געהאַט אַ גרויסע דערפאַרונג אין לופט־אָנפאַליען אף אַ סאַך שטעט פון אייראָפּע. אויסער דעם, איז דער אָנפאַל אף מאָסקווע געווען ווי אַ סטיכיישער אומגליק, וועלכן די מאָסקווער איינוווינער האָבן ניט דערוואַרט.

קיינער האָט ניט דערוואַרט דעם אָנפאַל? ניין! די סאָוועטישע הויפּטשטאָט האָט בוכשטעבלעך פאַר צוויי־דרײַ וואָכן באַוויזן אפגיך צו שאַפן אַן אַקטיווע סיסטעם פון קעגנלופט־פאַרטיידיקונג (ПВО) און מאַרק גאַלײַ, וועלכער האָט ביז דאַן ניט געהאַט קיין דערפאַרונג פון נאַכט־פליגן, איז אין אָט דער נאַכט געשטאַנען אף דער וואַכטע אַפן הינטערמאָסקווער עראָדראָם. ער איז דעמאָלט אַרײַן אין באַשטאַנד פון נאָרוואָס אָרגאַניזירטער, פון פליִער־אויספּרוווּלער, באַנאַכטיקער פאַרניכטלער־עסקאַדריליע. לויטן אַליאַרעם־סיגנאַל איז ער אַרויסגעפלויגן אף אַ נײַעם, נאָך ניט אויסגעפּרובירטן פאַרניכטלער — גלײַך אין שלאַכט. און ער האָט אַראָפּגעשאָסן אַ צווײמאָטאָריקן פאַשיסטישן באָמבאַרדיר־עראָפּלאַן!

מעסירעסנעפּעשדיק האָבן זיך אופגעפירט די פאַרטיידיקער פונעם מאָסקווער הימל. אין דער ערשטער שלאַכט האָבן זיי געזיגט. פון צוויי הונדערט מיט צוואַנציק האָבן זיך דורכגעריסן קיין מאָסקווע אומגעפער 40 פאַשיסטישע מאַשינעס. נאָר אַראָפּוואַרפן דעם טויטפּראַכט אין די אָנגעמערקטע צילן האָט זיך זיי ניט אײַנגעגעבן. די אויסשליסלעכע העלדישקײַט און געוואַגטקײַט פון אונדזערע פליִער און פּ.וו.אָ.־קוויכעס האָבן אײַנגעהיט מאָסקווע פון גרויסע סרייפעס און ערנסטע צעשטערונגען.

פונוואַנען האָט זיך גענומען אזא מוטיקײַט און געוואַגטקײַט? אַן ענטפער אף דער פראַגע האָט געגעבן גאַלײַ אין זײַן אויבנדערמאָנטער דערציילונג.

„צופליִענדיק אין יענער אומפאַרגעסלעכער נאַכט צו מאָסקווע, האָב איך נאָך ניט געוווּסט, וויאַזוי עס זעען אויס די ברענענדיקע זאַזשיגאַלקעס. איך האָב געזען אַ סאַך העלע פײַערדיקע קנוילן, וואָס האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין אָפּשײַן פון אַ דורכויסיקן פלאַם. אין קאָפּ איז אַדורך אַן אַסאָציִאַציע מיט יענער ערשטער פּאַטערלענדישער מילכאָמע פון 1812 יאָר, ווען ס'האָט זיך צעפלאַקערט די מאָסקווער סרייפע. נאָר דאָס איז געווען אַן אַנדער סרייפע! און אַן אַנדער מאָסקווע!

דער אויסזען פון דער ברענענדיקער הויפּטשטאָט האָט מיך אין אויגנבליק אַרײַנגעבראַכט אין אזא מין גײַסטיקן צושטאַנד, מיט וועלכן פליִער גייען אף אַ טאַראַן.

דאָס זעלבע, און דערבײַ אין ענלעכע אויסדרוקן, האָבן געזאָגט דערנאָך מײַנע כאַווירים, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דער שלאַכט: באַיקאַלאָוו, אַקימאָוו, שעווטשענקאָ, פּיאַדאַראָוו. איך כאַזער איבער: ס'איז שווער אָנצורופן אַן אַנדער צײַט, ווען די געדאַנקען, די שטרעבונגען און דער ווילן זאָלן אזוי צונויפּאַלן באַ פאַרשיידענע מענטשן, ווי בעשאַס דער מילכאָמע".

די ערשטע אויסגעשפּילטע שלאַכט האָט צוגעגעבן גאַלײַען זיכערקײַט, פאַרפעסטיקט זײַן שלאַכט־כאַראַקטער. ער האָט באַקומען דעם ערשטן פון זײַנע נײַן אָרדענס — דעם אָרדען פון דער רויטער שלאַכטפאָן. די דאָזיקע באַלוינונג האָט אים צוגעפעסטיקט צו דער גימנאַסטיאָרקע דער אַלפאַרבאַנדישער סטאַראָסטע מיכאַל איוואַנאָוויטש קאַלינין.

האַרבסט 1941. מע מוז אײַליק אַרויספירן פון מאָסקווע, וועלכע איז געוואָרן אַ פראָנט, אין הינטערלאַנד די אויספּרוווּ־ און עקספּערימענטאַלע עראָפּלאַנען. די פאַשיסטישע אוויאַציע שמײַעט אַרום, זי האָט די אויבערהאַנט אין דער לופט. די עקספּערימענטאַלע לופטמאַשינעס האָבן אַ וויכטיקע באַדײַטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונדזער פּאַטערלענדישער אוויאַציע־טעכניק. און דערצו זײַנען זיי ניט באַוואָפנט, הילפלאָז קעגן אַ באַליביקן פײַנטלעכן אָנגריף. מיר האָבן זיי אַריבערגעוואָרפן דורך דער וואָלגע, און ווײַטער, נישט געקוקט אף גאָרניט, און מיר האָבן זיך געפרייט, אויב ס'איז ניט געווען קיין פלי־וועטער.

— וואָס איז דאָס געווען? — פרעג איך באַ מאַרק לאַזאַרעוויטש, — אַ מיליטערישע, צי אַ פרידלעכע אופגאַבע?

— אורטיילט אליין. — ענטפערט ער, באַהאַלטנדיק דעם שמייכל. — נאָר גלייבט מיר, אַז איך וואָלט בעסער זיך באַגעגנט אין אַן אָפענער שלאַכט מיט אַ שטאַרק באַוואָפנטן סוינע, איידער פאַרזיכטיק פליִען אין הינטערלאַנד...

אים איז נאָך פאַרגעשטאַנען אַ סאַך מאָל זיך באַגעגענען מיטן סוינע אין די שלאַכטן.

עס קומט אוף אַ נויטווענדיקײַט צו פאַרפולן די רייען פון די אוויאַ־טיילן אַפן קאַלינינער פראָנט. דאָ האָבן זיך אונדזערע אַרמיי־טיילן ענערגיש באַוועגט אף מײַרעוו. גאַלײַען שיקט מען אָפּ אַהין, און עס קומט אים אויס, ווי אַנ־

נאָכן איבערגעבן דעם אָרדען. מ. אי. קאַלינין מיט א גרופּע באַלוינטע. אין דער צווייטער ריי (אין צענטער) — מ. גאַלײַ. 1941

די מישפּאָכע גאַלײַ (פון לינקס אַף רעכטס): דער זיידע א. לעווינסאָן, די מוטער זעלדע, דער פאָ־טער לייזער, מארק גאַלײַ. 1936

פון רעכטס אַף לינקס: דער אַרטיסט מארק בערנעס, קאָסמאָנאַווט גערמאַן טיטאָוו, מארק גאַלײַ. 1962

דערע פּליִער, צו מאכן צוויי־דרײַ ארויספּליִען אין מעסלעס. די אָנגעשטרענגטקײַט פון די שלאכטן ווערט נישט פארשטילט — ניט אַף דער ערד, ניט אין הימל.

ווּעסנע 1942. מע רופט אָפּ גאלײַען אַף פלוג־אויספּרוּוון. ס'גייט א שנעלע מאָדיפיקאציע, א פארפולקומונג פון אונדזערע שלאכט־מאשינעס. די פּראָגראם פון די אויספּרוּוון איז מאקסימאל דערנעענטערט צו די באדינגונגען פון די רעאלע שלאכטן.

אין א האלב יאָר ארום, אין אָנהייב דרײַ־און־פערציקסטן, — ווידער דער פראָנט. דער 890־טער אוויִא־פּאָלק פאר ווײַטע אָפּעראציעס. די שלאכטן אַף דעם קורסקער בויגן. באָמבארדיר־קלעפּ איבער דעם פײַנטלעכן הינטערלאנד. איינמאָל האָט דער עראָפּלאן „פּע־8", אַף וועלכן ס'איז געפלויגן גאלײַ, אויסגעפילט אַן אָפּעראטיווע אופגאבע, לעבן בריאנסק, און איז ארײַנגעפאלן אין א שטארק זעניט־פײַער. דער עראָפּלאן האָט זיך אָנגעצונדן. אראָפּשלאָגן דעם פלאם גיט זיך ניט אײַן, צום עראָדראָם איז ווײַט, אפילע צו דער פראָנט־ליניע איז ניט מעגלעך דערציִען — מערער ווי הונדערט פופציק קילאָמעטער. די ברענענדיקע מאשין איז געווענדט אין דער זײַט פון די בריאנסקער וועלדער, און ווען דער פלאם, ארײַנדרינגענדיק אין דער קאבינע, הייבט אָן בריִען גאלײַען די הענט, פארלאָזט ער די מאשין.

דער ווינט האָט אָפּגעטראָגן גאלײַען אין דער געדיכטעניש פונעם וואלד. דאָרט האָט ער באגעגנט דעם שטורמאן, קאפּיטאן דאָרדעיעוון. געאָרגי ניקיטיטש איז שוין דאָס דריטע מאָל ארײַנגעפאלן אין הינטערלאנד פונעם פײַנט. צוויי מאָל האָט ער בעשאָלעם דורכגעשניטן די פראָנט־ליניע און זיך אומגעקערט צו אונדזערע. און אָט, דאָס דריטע מאָל...

א גאנצע וואָך האָבן זיי זיך געשלעפּט מיט די וועלדער, אויסמײַדנדיק פארשיידענע סאקאָנעס. אָפּן אכטן מעסלעס זײַנען זיי אָנגעקומען אין א פּארטיזאנישער בריגאדע, מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט איוואן איוואנאָוויטש מוראל, דער שעף פונעם שטאב איז געווען נאום סאלאָמאנאָוויטש פערקין, איצט א באוווּסטער קריטיקער און ליטעראטור־פאָרשער אין ווײַסרוסלאנד.

דרײַ וואָכן בא די פּארטיזאנער און מיט די פּארטיזאנער אין געוואגטע, דרייסטע אָפּעראציעס אינעם הינטערלאנד באם סוינע. א צוריקפלי אַף איינעם פון די עראָפּלאנען, וואָס האָבן אונטערגעהאלטן א שטענדיקע פארבינדונג פון אונדזער מיליטער מיט דער בריגאדע. א קורצע צײַט אין שפּיטאָל: געהיילט די ווּונדן און די קלעפּ, וועלכע ער האָט באקומען באם אראָפּפאלן מיטן פּאראשוט אין וואלד. און נאָכאמאָל — א באפעל זיך אומקערן אַף אויספּרוּוואַרבעט, אַף טאָגטעגלעכע העלדנטאטן, אַף באגעגענישן מיט די אומזעבארע און אומבאווּסטע סאָנים.

אַן אויספּרוּווּלער איז, אָן גוזמע, שטענדיק אין שלאכט, ער דארף בײַקומען אַן אומופהערלעכע קייט פון באריערן. זיי אנטשטייען אָפּן וועג צו דערגרייכן א גרעסערע ווײַטקײַט, א שטארקערע שנעלקײַט, א גרעסערע הייך. ס'איז נאָך פאראן דער „וואָרעמקײַט־באריער" — געפערלעכע איבערוואַרעמונג פון דער קאָנסטרוקציע. און ס'איז נאָך דאָ, כ'האָב שוין דערמאָנט, וויבראציעס, וואָס צעשטערן די מאשין, ווען דער עראָפּלאן פארלירט די שטאנדהאפטיקײַט, די אָנפירערשאפט, באזונדערס בא דער דערנעענטערונג צו דער שנעלקײַט פונעם קלאנג. און נאָך אנדערע אומגליקן זײַנען פאראן, אזעלכע, מיט וועלכע מע איז ניט באקאנט.

ריזיקאל? געפערלעך? יאָ! נאָר ניט ווייניקער ראָמאנטיש. און איבערהויפּט און דעריקער — וויסנשאפטלעך, טעכניש, קלוג און כאראקטעריסטיש מיט דער אויסשליסלעכער מאָראלישער ריינקײַט און הויכער שטופע פון געוויסנהאפטיקײַט. דאָס איז וויכטיקער פון אלץ — דער מענטשלעכער געוויסן און די ערלעכקײַט, אופריכטיקײַט און איבערגעגעבנקײַט דעם כויוו, די באוווּסטזיניקע פאראנטוואָרטלעכקײַט פארן לעבן פון די מענטשן, וואָס, טרויענדיק דיר, וועלן פליִען אַף די מאשינעס, וועלכע דו האָסט אויסגעפּרוּווּט, און אויב עס וועט אויסקומען, זיך ווארפן אין טויט־געפעכט מיט די, וואָס קלײַבן זיך צעשטערן די רו פון אונדזער פרידלעכן הימל.

מיר דוכט, אז כ'דערמאָן דאָס ערשטע מאָל וועגן דער פארבינדונג פון א פליִער־אויספּרוּווּלער מיט דער וויסנשאפט. גאלײַ און זײַנע כאווערים האָבן דערוויזן, אז אזא פארבינדונג איז נייטיק און נוצלעך. אויב אַן עראָפּלאן איז, לויט דער אווטאָריטעטער מיינונג פון קאָנסטאנטין קאָנסטאנטינאָוויטש קאָקינאקי, געוואָרן א לאבאָראטאָריע, דארף זי האָבן ניט קיין אינזשעניער, נאָר אַן אויספאָרשער. מארק לאזארעוויטש האָט מיט זײַנע פאָרשונגען ארײַנגעטראָגן א וואָגיקן צושטײַער אין דער אוויִאציע־וויסנשאפט. ער האָט אלזײַטיק אויסגעפאָרשט די זײַטנשטאנדהאפטיקײַט פון אַן עראָפּלאן. פאר דער דיסערטאציע אַף דער דאָזיקער טעמע האָט ער באקומען דעם טיטל קאנדידאט פון טעכנישע וויסנשאפטן. זײַנע פאָרשלאָגן און באָאבאכטונגען ווערן פּראקטיש אויסגענוצט אין דער אוויִא־אינדוסטריע. די צווייטע וויסנשאפטלעכע ארבעט זײַנע — „פּראָבלעמען פון קעגנזײַטיקער ווירקונג פון א פליִענדיקער מאשין און דעם מענטשן, וועלכער פירט מיט איר אָן" — האָבן הויך אָפּגעשאצט ספּעציִאליסטן.

אין דער מיט פון די פופציקער יאָרן שאפט גאלײַ א קורס לעקציעס „די באזונדערקײַטן פון עראָדינאמיק און פּילאָטירונג פון רעאקטיווע עראָפּלאנען". ער לייענט אָט דעם קורס אין דער אקאדעמיע פון ציווילער אוויִאציע, אַף דער זעלבער טעמע האָט ער אָנגעשריבן א הילפסבוך. ביז איצט נוצן זיך די סטודענטן פון ספּעציִעלע טעכניקומען און הויכשולן מיט גאלײַס א צווייטן הילפסבוך — „דער פלוג פון אַן עראָפּלאן מיט ניט קיין פולער און אסימעטרישער ארײַנציִונג".

אין 1971 יאָר באַקומט מאַרק לאַזאַרעוויטש גאַלײַ דעם וויסנשאַפטלעכן טיטל דאָקטאָר פון טעכנישע וויסנשאַפטן.

גאַלײַ האָט אויסגעפּרוּווט 124 טיפּן פון אַעראָפּלאַנען. ער איז איינער פון די, וועמען מ'האָט פאַרטרויט „געבן א פּוטיאָווקע" דעם ערשטן סאָוועטישן רעאַקטיוון פאַרניכטלער, א גאַנצער ריי שווערע פּילמאָטאָריקע באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַנען און דעם סטראַטעגישן רעאַקטיוון באָמבאַרדירער פון מיאַסישטשעווס קאָנסטרוקציע.

נאָך דעם, ווי די דאָקטוירים האָבן אים קאַטעגאָריש פאַרבאָטן זײַן אַן אויספּרוּווער, דינט מאַרק לאַזאַרעוויטש א סאַך יאָרן דער אַוויִאַציע אַף דער ערד. און ניט צופעליק איז ער געוואָרן אַן אינסטרוקטאָר־מעטאָדיסט בא די ערשטע קאָסמאָנאַווטן — געלערנט זיי די קונסט פון פּילאָטירן א קאָסמישע שיף. גאַלײַ זאָגט וועגן דעם מיט דער פאַר אים אייגנטימלעכער דינער איראָניע:

— כ'מיין, אַז אין דער געשיכטע פון אַלערליי און פאַרשיידענע אינסטרוקטאַזשן איז דאָס דער ערשטער פאַל, ווען דער אינסטרוקטירנדיקער, אין רעזולטאַט פון געוויסע אומשטענדן, איז געצוווּנגען לערנען אַנדערע דאָס, וואָס אַליין האָט ער ניט אויסגעפּרוּווט. קיין אַנדער אויסוועג איז ניט געווען, — גיט ער ערנסט צו. — מענטשן, וועלכע זאָלן האָבן דערפאַרונג פון קאָסמישע פלוג־צייגן, האָבן נאָך ניט עקזיסטירט אַף דער וועלט...

איז עפשער האָט ער ניט געדאַרפט לערנען יורי גאַגאַרינען, גערמאַן טיטאָוון, אַנדריִאַן ניקאַלײַעוון און אַנדערע?

אין זײַן אינטערעסאַנטער און שטרענג־דאָקומענטירטער דערציילונג „מיט מענטשן אַפן באָרט" האָט גאַלײַ געניט באַוויזן, וויִאַזוי מע האָט געפירט די צוגרייטונג פון די קאָסמאָנאַווטן. ער האָט דערקלערט, פאַרוואָס מ'האָט פאַרטרויט דעם אינסטרוקטאַזש פון די קאָסמאָנאַווטן דעם פליִער־אויספּרוּוולער. דער פליִער־אויספּרוּוולער שטעלט זיך נאָך פאָר אַף דער ערד, וואָס עס קאָן פאָרקומען אָדער וועט פאָרקומען מיטן עקזאַמענירנדיקן, וועלכער הייבט זיך אויף דאָס ערשטע מאָל מיטן אַפּאַראַט אין דער הייך. אַפילע גייענדיק אַף א געפערלעכן ריסק, זעט דער אויספּרוּוולער פאָרויס די מעגלעכע פאָלגן און גרייט זיך צו זיי. זײַן ריסק דאַרף זײַן באַרעכטיקט און צוועקמעסיק. דאָס הייסט, אַז ער זעט אַלץ פאָרויס סײַ אַף דער ערד, סײַ אין הימל.

ווער זשע האָט געקאָנט זיך פאָרשטעלן אַלע ניואַנסן פון אָנפירן מיט א ראַקעטע, ווען מ'האָט זיך ערשט געקליבן בײַקומען מיט איר די גראַוויטאַציע?

פאַרוואָס מ'האָט אויסגעקליבן אַף אָט די אויספּרוּוון גאַלײַען, וועגן דעם האָט מען געדאַרפט פרעגן סערגיי פּאַוולאָוויטש קאָראָליאָוון — דאָס איז זײַן אויסוואַל. מאַרק לאַזאַרעוויטש דערמאָנט וועגן דעם פאַרבײַלויפיק. וועגן זיך און זײַן אַרבעט זאָגט ער גאָרניט. אים איז אייגנטימלעך שטרענגע באַשיידנקײַט.

מיר איז אויסגעקומען צו זען אין גאַלײַס דירע א סאַך פאָטאָגראַפיעס פון קאָסמאָנאַווטן, סוּווענירן, ביכער, געשענקטע אים.

אָט איז טיטאָוו „צווישן צוויי מאַרקן" — דעם פליִער מאַרק גאַלײַ און דעם זינגער מאַרק בערנעס. טרעפלעך איז אויפגעכאַפּט די באַגעגעניש פון דער קאָסמאָנאַווטיק, דעם 12 אַפּרעל 1962 יאָר. און אָט איז יורי גאַגאַרין, אַנדריִאַן ניקאָלײַעוו...

איך בעט א דערלויבעניש א קוק צו טאָן אַף דער צווייטער זײַט פון איינער א פאָטאָגראַפיע, כ'לייען איבער: „אין אָנדענק וועגן דעם פלוג פון דער שיף „וואָסטאָק־5" מיט דאַנקבאַרקײַט פאַר דער לערע און פאַר דעם וועג אין לעבן, באַזונדערס פאַרן פלוג! וואַלערי ביקאָווסקי. יאָר 1.2.64". און אָט איז א צווייטער אויפשריפט: „מיט אַכטונג און דאַנקבאַרקײַט פאַר דער צוגרייטונג צום פלוג. וו. קאָמאַראָוו, פעאָקטיסטאָוו, יעגאָראָוו". און נאָך און נאָך... „אין אָנדענק וועגן די באַקומענע פון אײַך נוצלעכע יעדיִעס וועגן פליִען" — אַזוי האָט אָנגעשריבן אַף זײַן סוּווּעניר דער פליִער־אויספּרוּוולער אַנאַטאָלי ליפּקאָ. אָדער פּאָשעט: „דעם טײַערן מענטשן און גוטן שרײַבער. פרײַנטלעך..." — האָט אָנגעשריבן אַף דער טיטל־זײַט פון זײַן בוך אַלעקסיי לעאָנאָוו.

— איך זע פאָר די אַרבעט אין דער אַוויִאַציע, — האָט געזאָגט גאַלײַ אין איינעם פון אונדזערע שמועסן, ווען כ'האָב באַזוכט מאַרק לאַזאַרעוויטשן אין זײַן געמיטלעכן קאַבינעט באַם שרײַבטיש. ער האָט געהאַלטן באַם פאַרענדיקן א רעצענזיע פאַרן זשורנאַל „נאָווי מיר" וועגן דעם בוך פון א. אי. מאָלאָדטשי „די אַעראָפּלאַנען גייען אַוועק אין דער נאַכט".

— אַלעקסאַנדער איגנאַטיעוויטש האָט דורכגעפירט העכער דרײַ הונדערט שלאַכט־פלוגן. אים האָט מען דעם ערשטן אין דער וועלט־פליִענדיקער אַוויִאַציע צוגעטיילט דעם טיטל צוויי — מאָל העלד. די מילכאָמע מאָלט ער רעאַליסטיש. די דורכפאַלן פאַרבאָרגט ער ניט, נאָר אַנאַליזירט זיי טיף. איך סטאַרע זיך, — זאָגט ער באַם געזעגענען זיך, — גאָרניט דורכלאָזן, איך רוף זיך אָפּ אַף אַלץ, וואָס עס שרײַבן מײַנע קאָלעגן...

צווישן גאַלײַס קאָלעגן זײַנען די פליִער, וועלכע מע רופט עליטע פון דער סאָוועטישער אַוויִאַציע. מיט זיי איז ער גליקלעך דורכגעגאַנגען א גרויסן, העלדישן וועג. און אין האַרצן זעצט ער אויך איצט פאָר צוזאַמען מיט זיי אַלע צו פאַרווירקלעכן זײַנע פאַרטראַכטן, — די פאַרטייִשע, געזעלשאַפטלעכע און שעפערישע טעטיקײַט. ער איז שטענדיק פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, „וועלכע איז געגליכן צו ליבע, און עפשער נאָך שטאַרקער פון איר".

ס'איז געבליבן צו דערקלערן דעם לייענער, וואָס עס האָט מיך א צי געטאָן צו גאַלײַען, וואָס פאַר א „ווירוס" האָט דערוועקט אין מיר די שטרעבונג צו שרײַבן וועגן א מענטשן, וועלכער שרײַבט אַליין ניט ערגער וועגן דעם, וויִאַזוי ער האָט אָנגעפירט מיטן אַעראָפּלאַן.

כ'דארף אײַך זאָגן, אַז ניט קיין קרויוועשאפט אָדער פרײַנטשאפט, ניט די באגעגענישן אפן פליפעלד, אָדער אין קרײַז פון די מאָסקווער שרײַבער, נאָר פּאָשעט א צופאל האָט מיך א צי געטאָן צו אים, ווי א מאגניט.

די רעדאקציע פון א מאָסקווער זשורנאל האָט מיך געבעטן אָנשרײַבן א רעצענזיע אפן יאָרבוך „די וועגן פון רוסלאנד“, וועלכער איז געווידמעט דעם ניט־שווארצערדישן ראיאָן פון דער. רעפובליק. אין דעם דאָזיקן בוך איז צווישן אנדערע ווערק פאראן א פּאָלעמיש ארטיקל פונעם פובליציסט יורי טשערניטשענקאָ „וועגן קארטאָפל“. ער דעקט אויף אייניקע פעלערן אינעם שעפּטום פון דער שטאָט איבערן דאָרף. דער אווטאָר פונעם ארטיקל ברענגט מארק גאלײַס א בריוו, וואָס יענער האָט אים צוגעשיקט, אַף צו באשטעטיקן זײַנע ארויסזאָגונגען. וועגן וואָס איז דער בריוו? וועגן א נײַעם אעראָפלאַן פאר דער לאנדווירטשאפט? וועגן אקטיוו צוציִען די אוויִאציע צו די פארזייען און צו דער פארטיידיקונג פון די געוויקסן? ס'הייבט זיך ניט אָן! דער בריוו קאָמענטירט אַן עסיי, וועלכער איז פובליקירט אין דער וואָכנשריפט „ניעדיעליא“ — וועגן דעם, וויִאזוי די מיטארבעטער פונעם ראיאָנעם שפּיטאָל און פון דער עפּידעמסטאנציע האָבן אויסגעגראָבן צען העקטאר קארטאָפל אינעם ווײַנטרויבן־סאָווירט בעשאס א שאבעסניק. מיט זיי האָט אָנגעפירט דער הויפּט־דאָקטער, אַן אינוואליד פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. ניט געקוקט אַף זײַן שלעכטן געזונט־צושטאנד, האָט ער געארבעט ענטוזיִאסטיש און בוכשטעבלעך באגײַסטערט זײַנע מיטארבעטער. אזוי איז די זאך באשריבן אין עסיי.

מיסטאמע האָבן די לייענער זיך צו דעם פאקט באצויגן פארשיידן. אייניקע — מיט אנציקונג (א דאָקטער — אַן אינוואליד האָט געגראָבן קארטאָפל, און נאָך וויִאזוי! ער האָט באגײַסטערט דעם שפּיטאָל־פּערסאָנאל); אנדערע — מיט צווייפל — דער סאָווירט איז דאָך א פּאָרויסגעשריטענער (צוליב וואָס דארף ווארפן א דאָקטער דעם שפּיטאָל, פאָרן צו די ווײַנציכטלער. ניט אַף קיין דיספאנסעריזאציע, נאָר מיט „גיכער הילף“ אין א געביט, וווּ זיי זײַנען אליין גוטע ספּעציִאליסטן).

און אָט האָט איר גאלײַס באציִונג. ער הייבט אויף זײַן פּראָטעסט־שטים, ער פארשארפט די אופמערקזאמקייט פון דעם פובליציסט אַף דעם זינלאָזן פאקט!

איך מיין, אַז עס וועט זײַן נוצלעך ברענגען גאלײַס בריוו, וועלכער שפּיגלט אָפּ זײַן כאראקטער.

„די מענטשהייט האָט שוין לאנג פעסטגעשטעלט, אַז די פאנאנדערטיילונג און די ספּעציאליזאציע פון ארבעט איז א פּראָגרעסיווע דערשײַנונג. פארשטייט זיך, ווען ס'איז א סרייפע, קאָן פּאָמפּען וואסער אן אקאדעמיקער, וואָס געפינט זיך צופעליק נאָענט פונעם אָרט. אָט אין אזא „סרייפע“־פאָקוס נעם איך אויף די אײַנגעשטעלטע בא אונדז פּראקטיק פון ארבעטס־הילף פון די שטאָט־אײַנוווינער דער דאָרפישער באפעלקערונג... לויט ווי מיר זעען אין דעם אָטשערק „שנעלע באוועגונג“, גייט אָבער די ארבעט אין דעם ווײַנטרויבן־סאָווירט גלענצנד. עס ווערן אויסגעפילט און איבערגעפילט די פּלענער, די ארבעטער פונעם סאָווירט פארדינען גוט, האלעווײַ געזאָגט געוואָרן אַף א פּראָפעסאָר פון א הויכשול (און דאנקען גאָט, וואָס זיי פארדינען גוט). מיט איין וואָרט, זיי זײַנען ניט ענלעך אַף קיין מענטשן, וואָס נייטיקן זיך אין הילף פון די ארומיקע. און פונדעסטוועגן בעטן זיי די דאָזיקע הילף, נוצן זי אומפארשעמט און ציניש אויס (קיין אנדער וואָרט קאָן איך ניט אונטערקלײַבן), קלאפּן איבער דער פּלייצע דעם הויפּט־דאָקטער, דעם אינוואליד, וועלכער, אָנשטאָט דעם נייטיקן פאר אים (און אומדירעקט פאר זײַנע פּאציִענטן) אָפּרו, האָרעוועט אפן שאבעסניק! איך מיין, אַז מיט אזא סיטואציע דארף מען זיך ניט בארימען, נאָר שעמען זיך“.

דער דאָזיקער בריוו איז אַן אויסגעצייכנטער בײַשפּיל פון אקטיווער לעבנס־פּאָזיציע. א פּליִער־אויספּרוּווער, א לערער פון קאָסמאָנאַווטן, איז אים ווייניק נאָר זײַן אייגענער אינטערעס. איך האָב געזען אַף זײַן טיש עטלעכע נאָך ניט קיין דורכגעלייענטע ביכער, די דיסערטאציע. אים איז נאָך פאָרגעשטאנען צו אָנשרײַבן בריוו די לייענער, וועלכע האָבן געווארט אַף אַן ענטפער. און די אייגענע שעפערישע פּלענער זײַנען נאָך אויך ווײַט ניט אויסגעשעפּט. נאָר ער האָט אלץ אָפּגעלייגט, ניט געוואָלט פארבײַגיין דאָס, וואָס שטערט אונדז אין לעבן, קעגן וואָס עס פּראָטעסטירט דער געוויסן. און ער האָט אין געגעבענעם פאל ארויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכן בירגער־מוט.

גאלײַס בירגערלעכער מוט האָט מיך אָנגערעגט, כ'זאָל וועגן אים דערציילן, כאָטש קיין פּאסיקע געלעגנהייט צוליב דעם האָט זיך ניט געפונען — ס'איז ניט דערשינען זײַנער א נײַער בוך, צום אָרדנטלעכן יובילײַ זײַנעם איז ווײַט עטלעכע יאָר. מארק לאזארעוויטש איז געבוירן געוואָרן אין אפּרעל 1914, ערעוו דער ערשטער וועלט־מילכאָמע. איצט ווײַזט זיך מיר אויס, אַז ער איז ספּעציעל געבוירן געוואָרן, קעדײַ העלדיש פארטיידיקן אונדזער פאָטערלאנד אין דער צווייטער מילכאָמע, דער פאָטערלענדישער, און טאָן אלץ, וואָס מעגלעך, ס'זאָל קיינמאָל ניט זײַן קיין דריטע.

אַף די שפּורן
פֿון נעכטן

לייב פּייגינס גרויסע שטוב

ס׳זײַנען פֿאַראַן פּעדאַגאָגן, וועמען די שילער געדענקען דאָס גאַנצע לעבן. צו אָט די אומפֿאַרגעסלעכע מענטשן־פֿרײַנט געהער לייב פּייגין. דאָ ניט לאַנג האָט די געזעלשאַפֿטלעכקײַט פֿון דער שטאָט קאָקאַנד אָפּגעמערקט זײַן הונדערטיאָריקן געבורטסטאָג. עס האָט אים געווידמעט אַרטיקלען די צענטראַלע אוזבעקישע פּרעסע, וועגן זײַן אופּטו האָט דערציילט די רעפּובליקאַנישע ראַדיאָ.

א קאָקאַנדער טוישעוו איז פּייגין געוואָרן אין 1915, נאָך דעם, ווי ס׳איז אים געלונגען אויסהאַלטן עקסטערן די עקזאַמענעס אַף די קורסן פֿון רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור אין גראָדנע און דאָרט אָפּאַרבעטן א שטיק צײַט אין א שול. ביזן סאָף פֿון זײַן לעבן איז שוין פֿאַרבליבן קאָקאַנד די היימשטאָט זײַנע.

די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע באַגעגנט דער יונגער לערער מיט ענטוזיאַזם, ער פֿאַרשטייט גלײַך, אַז ס׳איז געקומען א נײַע טקופֿע, די סאָציאַליסטישע אָרדענונג וועט גרינטלעך ענדערן דאָס פּאָנעם פֿון מיטלאַזיע, סע שטייט פֿאַר אַן אופּבלי אין דער קולטור און עקאָנאָמיק. זײַנע פֿאָרגעפֿילן האָבן אים ניט אָפּגענאַרט.

אפֿילע אין די שווערע יאָרן פֿונעם בירגערקריג, בייסן הונגער, טראָץ דער רויִנירונג, זאָרגן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די סאָוועטנמאַכט וועגן דעם קולטור־אופּשטײַג פֿון די מיטלאַזיִאַטישע פֿעלקער. לויט לענינס אָנווײַזונג ווערן געגרינדעט אינטערנאַטן און קינדערהיימען פֿאַר די יעסוימים פֿון די אומגעקומענע אין דער ערשטער וועלט־מילכאָמע און אינעם בירגערקריג.

אין קאָקאַנד אָרגאַניזירט דעם קינדערהיים נומער דרײַ אַף קאַרל מאַרקס׳ נאָמען לייב פּייגין. אײַנצײַטיק עפֿנט מען באַם קינדערהיים א זיבניאָריקע שול.

ס׳איז געווען גאָר ניט קיין לײַכטע זאַך אָנפֿירן מיט אָט די צוויי אַנשטאַלטן — פֿאַרפֿעסטיקן די עקאָנאָמישע באַזע זייערע, שאַפֿן אַן אַרבעטספֿייִקן קאָלעקטיוו פֿון לערער און דערציִער. פּייגין אָבער איז געווען א ביז גאָר ענערגישער מענטש. צוערשט האָט זיך אים אײַנגעגעבן צונויפֿזאַמלען א היפּשע גרופּע קוואַליפֿיצירטע דערציִער. אין „דריטן קינדערהיים“ און אין דער „פֿערצנטער שול“ — אַזוי האָט מען גערופֿן די אַנשטאַלטן — זײַנען געווען טעטיק אַזעלכע אויסגעצייכנטע פּעדאַגאָגן, ווי יע. מאַווערינסקאַיאַ, וועמען מע האָט שפּעטער צוגעייגנט דעם טיטל פֿאַרדינסטפֿולע לערערן פֿון אוזבעקיסטאַן, ט. אָקונצאָוואַ, א באַלוינטע אין די קומענדיקע יאָרן מיט א לענין־אָרדען, ע. רובינאָוו, איצט א פּראָפֿעסאָר־אָרדענטרעגער, דאָקטאָר פֿון טעכנישע וויסנשאַפֿטן, כ. לאָבאַטש, א דאָצענט, דעקאַן פֿונעם טאַשקענטער אוניווערסיטעט, און פֿיל אַנדערע.

די דערצויגלינגען פֿונעם קינדערהיים זײַנען געווען קײַלעכיקע יעסוימים — היימלאָזע, פֿאַרוואָרלאָזטע, ניט ווייניק צווישן זיי — מינדעריעריקע רעכטפֿאַרברעכער. די כאַראַקטערן זייערע האָבן זיך מיט קיין גוטס ניט אויסגעצייכנט, איינִיקע זײַנען געווען באַרויִגעז אַפֿן אייגענעם גוירל, אַנדערע — אין קאַס אַף אַלץ, וואָס רינגלט זיי אַרום, געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געזוכט גרינגע וועגן אינעם לעבן. אַלע האָבן זיי זיך שווער אונטערגעגעבן דער דערציִונג.

לייב פּייגין האָט ניט דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז עס זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע קינדער, וועלכע מע קאָן ניט איבערדערציִען. ער פֿאָדערט פֿון די פּעדאַגאָגן, זיי זאָלן אָפּגעבן די קינדער אַלע זייערע קויכעס, און אַרבעטן זאָלן זיי, באַזירנדיק זיך אַף אָפּטימיסטישע יעסוידעס.

לויט פּייגינס מיינונג, פֿאַרוואַנדלען זיך אין „שווערע“ יענע קינדער, וועלכע ווייסן ניט, ווּהין אַהינצוטאָן זייער ענערגיע. דעריבער לייגט ער אַזויפֿיל אַכט אַף דער אַרבעטס־דערציִונג און אַף די עסטעטישע לימודים. לייב פּייגין פֿלעגט אָפֿט דערמאָנען נ. ק. קרופּסקאַיאַס אַרויסזאָגונג וועגן דעם, אַז אַף זוכן אידעאַלע מענטשן לוינט ניט פֿאַטערן קיין צײַט, מע דאַרף יעדערן דערציִען, נעמען באַ יעדן דאָס בעסטע, שטעלן אים אין אַזעלכע באַדינגונגען, אַז אָט דאָס בעסטע אין אים זאָל זיך אַנטוויקלען. פּייגין האָט זיך געסטאַרעט שאַפֿן אין קינדערהיים אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס זאָלן געבן א מעגלעכקײַט אַנטוויקלען באַ יעדן זײַנע גוטע אייגנשאַפֿטן און אָפּשאַפֿן דאָס שלעכטס, דאָס נעגאַטיווס אין זײַן כאַראַקטער און אופֿירונג.

אין דעם דריטן קינדערהיים זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן איינע פֿון די ערשטע אין דער רעפּובליק פּיִאָנערישע און קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציעס. אין 1925, צום ערשטן יאָרצײַט פֿון וולאַדימיר איליטש לענינען, איז געמאָלדן געוואָרן א רוף אַרײַנצוטרעטן אין די רייען פֿון קאָמיוג.

פּייגינס פּעדאַגאָגישע מעטאָדיק איז געווען א פּראָגרעסיווע. זי האָט זיך קוידעמקאָל באַזירט

לייב פייגין

אַף צוטריטלעכקייַט, אינהאַלטספולקייַט און אָנשווילעכקייַט פונעם לערן־מאַטעריאַל.

אין דער פּראַקטיק פון אָנפירן מיט די לערן־אַנשטאַלטן האָט פייגין ריכטיק באַנומען און דורכגעפירט אין לעבן וו. אי. לענינס אָנווייַזונג וועגן פּאָליטעכנישער לער. אין דעם דריטן קינדערהיים האָט ער געגרינדעט עטלעכע וואַרשטאַטן: אַן אייַנבינדערישן, אַ סטאָליערישן, אַ שוסטערייַ, אַ ניי־וואַרשטאַט. ער האָט זיך אין אָט דעם געביט באַזירט אַף די מעטאָדן פונעם אָנגעזעענעם סאָוועטישן פּעדאַגאָג אַ. ס. מאַקאַרענקאָ. די דערצויגלינגען פונעם קינדערהיים פלעגן אין מעשעך פון 4—5 יאָר באַהערשן עטלעכע פאַכן. די וואַרשטאַטן פלעגן אויספילן אויך באַשטעלונגען פון אַנדערע קינדערהיימען.

די דערצויגלינגען פונעם דריטן קינדערהיים פלעגן אָנטיילנעמען אין פיל געזעלשאַפטלעכע מאָסמיטלען. זיי האָבן געהאַלטן שעפטום איבער עטלעכע קאָלווירטן. באַם קינדערהיים איז געווען אַ שפּייַז־ווירטשאַפט, אין וועלכער ס'האָבן געאַרבעט די קינדער אַליין.

אינטערעסאַנט אָפּצומערקן, אַז אין קינדערהיים זייַנען פּראַקטיקירט געוואָרן די פּרינציפּן פון זעלבסטבאַדינונג און זעלבסטפאַרוואַלטונג.

לייב פייגין איז אין פּערזענלעכן לעבן געווען אַן אויסערגעוויינלעך באַשיידענער מענטש. ער האָט געוווינט מיט זייַן מישפּאָכע אין איין צימער, אינעם קינדערהיים. דער דאָזיקער צימער האָט אים געדינט אויך פאַר אַן אַרבעטס־קאַבינעט.

געווען איז פייגין אַן ערודירטער מענטש, ער האָט ליב געהאַט מוזיק, ליטעראַטור, קונסט, ניט שלעכט געשפּילט אַף אַ פידל. אויך בא יעדן פון די דערצויגלינגען פלעגט ער זיך שטאַרען אויסזוכן ספּעציפישע נייגונגען און אינטערעסן. ער האָט אָרגאַניזירט אַ גוטן כאָר, אַן אָרקעסטער. אין קינדערהיים האָט פונקציאָנירט אַ דראַמאַטיש קרייַזל, אַ „בלויע בלוזע“, אַ „לעבעדיקע צייַטונג“. צוויי מאָל אין כוידעש פלעגט דערשייַנען אַ וואַנטצייַטונג. איין מאָל אין כוידעש — אַ פילשפּראַכיקער איליוסטרירטער זשורנאַל, וועלכער האָט זיך גערופן „אינטערנאַציאָנאַל“.

ל. פייגין האָט ליב געהאַט זייַנע פילצאָליקע קינדער, ער איז ניט מיד געוואָרן נאָכצושפּירן נאָך זייער אַנטוויקלונג. די דערפאָלגן פון די דערצויגלינגען האָבן אים געפרייט, אויב עס פלעגט זיי עפּעס ניט געלונגען, האָט עס אים פאַרביטערט.

פייגין פלעגט קיינמאָל ניט באַליידיקן קיינעם. אין מעשעך פון אַכצן יאָר, ביזן סאַמע לעצטן טאָג פון זייַן לעבן, איז ער געווען דער פאַרוואַלטער פונעם דריטן קינדערהיים. אויך איצט פונקציאָנירט דער דאָזיקער אַנשטאַלט — אַ גוטער דענקמאָל לייב פייגינען. דער קינדערהיים נומער דרייַ האָט דערצויגן ערלעכע, געטרייַע בירגער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, עכטע אינטערנאַציאָנאַליסטן. צווישן זיי זעען מיר פיל באַוווּסטע מענטשן, לעמאָשל — דעם דעפּוטאַט פון אויבער־סאָוועט ז. קוראַיעוואַ, די קונסטקענערן ק. אַלימבאַיעוואַ, דעם קאָמפּאָזיטאָר ס. יודאַקאָוו, דעם שרייַבער יאַ. כאַימאָוו, די דאָצענטן ל. אַבראַמאָוואַ און מ. אַבראַמאָוו. אַ גרויסע צאָל דערצויגלינגען פונעם דריטן קינדערהיים האָבן געקעמפט אַף די פראָנטן פון דער אַנטיהיטלערישער מילכאָמע.

אין 1932 איז ל. פייגינען צוגעטייגנט געוואָרן דער טיטל „העלד פון מי“.

דאַוויד ניזאַאָוו,
טאַשקענט

■ ■ ■

א יִדיש יִינגעלע אין פײַער פונעם קריג

עטלעכע שאָ נאָכאַנאַנד זיץ איך שוין אין אָט דער צווייצימערדיקער דירע אַף דער קיראָוואָ־גאַס באַ אונדז אין שטעטל פּאָלאָגע. אינײַנעם מיט וואָלאָדיאַס פרוי, אָקסאַנע גריגאָריעוונא, און זײַן טאָכטער טאַניע — זי האָט האַיאָר פאַר־ענדיקט די מיטלשול און טרוימט ווערן א לע־רערן — הערן מיר (איך — שוין דאָס צווייטע מאָל, זיי — נאָכאַמאָל און אָבעראַמאָל), ווי זייער מאַן און טאַטע דערציילט וועגן דעם טראַגישן גורל אין די מילכאָמע־איבעראַנאַנדן פון זײַנע עלטערן און פון דעם ייִנגערן ברודער יאַנעק, וועגן זײַנע אייגענע וואָגלעניש און אויסקומע־נישן פון יענער צײַט.

אַפן וואַנט הענגט א פּאָרטרעט. פון מאָל צו מאָל טרעפן זיך מײַנע אויגן מיט דעם אופמערק־זאַמען, אָנגעשטרענגטן בליק פון דער יונגער, אינטערעסאַנטער פרוי אַפן בילד — וואָלאָדיאַס מוטער, און עס דוכט זיך מיר, אַז דאָ אין צימער זיצן מיר ניט אינפירן, אַז טעמע דאַווידאָוונע, א פאַרשטילטע אינעם פּאָרטרעט, הערט זיך אויך צו, באַגלײַך מיט אונדז, צו די דערמאָנונגען פון איר עלטערן זון, דעם איצטיקן וואָלאָדיע, וועלכן זי האָט, ווען ער איז געבוירן געוואָרן, אָנגע־רופן דאַוויד. זי הערט זיך צו שווײַגנדיק צו דעם, וואָס עס דערציילט איר בכאָר, מישט זיך ניט אַרײַן אין זײַנע זיכרוינעס בלויז דערפאַר, ווײַל אַלץ אין די דערינערונגען איז עמעס. אַלץ האָט ריכטיק פאַרגעדענקט איר פאַרבליבענער אין 1942 אַליין, אָן איר, אַכטיאָריקער זון, אַלץ מאָלט ער אופריכטיק...

דאָס געזינד פון די דופּײַנס — אזא איז וואָ־לאָדיאַס (דאַווידקעס) פאַמיליע, צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע ייִדישע מישפּאָכעס, איז סאָף זומער 1942 אַרײַנגעפאַלן צו די פאַשיסטן אין סטאַוראָפּאָל, דעמלט וואָראָשילאָווסק, אַף צאָפן־קאַווקאַז. די דופּײַנס האָבן זיך עוואַקוירט פון זייער היימשטאָט זאַפּאָראָזשיע צוערשט קיין ראָסטאָוו, דערנאָך קיין סטאַוראָפּאָל. אזוי איז געשען, אַז פאַרלאָזן צו דער צײַט אָט די שטאָט איז זיי, ווי פיל אַנדערע, ניט געלונגען. דעם וועג אַף צו ראַטעווען זיך האָבן פאַרשטעלט פאַ־שיסטישע דעסאַנטן.

אין דרײַ טעג אַרום נאָך דער אָקופּאַציע איז סטאַוראָפּאָל פאַרקלעפּט געוואָרן מיט מודאָעס, וואָס האָבן געפאָדערט, אַז אַלע ייִדן זאָלן זיך צונויפקלײַבן אַפן פּלאַץ לעבן דעם וואָקזאַל, פונוואַנען מע וועט זיי איבערשיקן אַף אוקראַי־נע.

ווען די מענטשן זײַנען זיך צונויפגעקומען, האָט מען זיי פּלוצעם פעסט אַרומגערינגלט. באַ־וואָפנטע פאַשיסטן און פּאָליצײַען האָבן אַלעמען אַרײַנגעשטופּט אין גרויסע אויטאָמאָבילן, זאָגנ־דיק דערבײַ, אַז מע פירט זיי אין באָד אַרײַן.

אינדערעמעסן אָבער האָט מען זיי אַרײַנגעזעצט אין די אַלטע אַנגאַרן פונעם פליפעלד. אַפן אַעראָדראָם איז דער אוילעם איבערגעסאָרטירט געוואָרן: די מענער באַזונדער פון די פרויען מיט די קליינע קינדער. דער צווייאָריקער יאַ־נעק איז געבליבן מיט דער מוטער, דאַווידקע — מיטן שטיף־פאָטער.

אינגיכן זײַנען אָנגעקומען געדעקטע אויטאָ־מאָבילן.

— אַצינד וועלן מיר שוין אײַך טאַקע אָפּעק־פירן אין באָד אַרײַן, — האָט מיט פאַרבאָרגענער רישעס אַרויסגעבראַכט א פּאָליצײַ, דראָענדיק מיט דער ביקס.

די אַסירים האָבן זיך גענומען אָנשטויסן, אַז זיי שטייען פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט די גאַז־קאַ־מערן אַף רעדער, מיט די דושעגובקעס. דאַוויד־קע האָט אָנגעהויבן שרײַען, רופן די מאַמע. ער האָט זיך אַרויסגעריסן פונעם שטיף־טאַטנס הענט און אַנטלאָפן צום אַנגאַר, ווו עס האָבן געוואַרט אַף זייער שיקזאַל די פרויען.

— ווען די מאַמע האָט מיך דערזען, — באַ־מערקט שטיל וואָלאָדיע, איבערפירנדיק דעם בליק אַפן בילד פון טעמע דאַווידאָוונע און גלײַך ווידער אַרײַנקוקנדיק מיר אין די אויגן, — ווען די מאַמע האָט מיך דערזען, איז זי דער־שראָקן געוואָרן. די פרויען זײַנען געזעסן הינ־טערן אַנגאַר האַלב הוילע, בלויז אין די העמ־דער. קיין קינדער זײַנען שוין מיט זיי ניט גע־ווען. כ׳געדענק גוט, ווי די מאַמע האָט אויס־געשריגן צו מיר: „אַנטלויף, זונעלע, גיכער אַנט־לויף פונדאַנען, זיי וועלן דיך דערשטיקן ווי יאַנעקן. זאָג זיי, אַז דו ביסט א רוס, אַז דײַן פאַמיליע איז טימאָשענקאָ!"

דאַווידקע האָט דער מאַמעס רייד פאַרשטאַ־נען... ער איז צוגעלאָפן צו די דײַטשישע סאָל־דאַטן און צו די פּאָליצײַען, וועלכע זײַנען מיט קלײַזײַען געשטאַנען דערנעבן, און יאָמערנדיק געטענײַעט:

— איך בין א רוס, מע רופט מיך טימאָ־שענקאָ, א רוס בין איך, לאָזט מיך אָפּ!

א דײַטש, וועמען ס׳איז געווען באַקאַנט רו־סיש, האָט א שטורך געטאָן דאַווידקען מיטן שטיוול און איראָניש זיך אָפּגערופן:

— עפשער ביסטו דעם מאַרשאַלס זון?

נאָר די איבעריקע האָבן, ווײַזט אויס, גע־גלייבט דאַווידקען. איינער אַן איבערזעצער האָט אים געייצעט: „לויף!" — און מיט א ווונק אָנגע־וויזן אַפן וועלדל, וואָס איז נאָענט געווען צום אַעראָדראָם.

דאַווידקע איז ניט געלאָפן — ער איז פײַל־אויסן־בויגן געפלויגן, פאַלנדיק און אופהייבנדיק זיך טײַקעף ווידער. אים האָט נאָכגעיאָגט אַן אויטאָמאַטן־שיסערײַ. עפשער איז עס געווען באַ די פאַשיסטן א פאַרווײַלונגס־שפּיל, עפשער

האָבן די מערדער פאָשעט ניט געטראָפן אין אים, נאָר ער איז א לעבעדיקער דערלאָפן צו א טיפער באַלקע. וואָס טוט מען ווײַטער? וווהין גיין? צו וועמען זיך ווענדן? און דאָווידקע קערט זיך אום אין דער שטוב, פונוואַנען די דופּײַנס זײַנען אוועק אין זייער שרעקלעכן וועג צום וואָקזאַל־פּלאַץ.

אף מאָרגן אָבער איז דאָווידקע אפסנײַ אַרײַנגעפאלן אין די הענט פון די פאשיסטן. אָט פירט מען אים שוין צו דער עקזעקוציע. און נאָכאַמאָל גיט זיך אים אײַן אָפּנארן די מערדער: ער איז א רוס, זײַנע עלטערן זײַנען אומגעקומען בייס א באָמבארדירונג.

נאָכדעם באַהאַלט זיך דאָווידקע אויס בא א לערערן, וועלכע איז געווען באקאנט מיט דער מישפּאָכע דופּײַן. די לערערן קריגט פאר אים שיך, נײַע מאלבושים. „דיך רופט מען וואָלאָדיע, וואָווע, פארשטייסט, צי ניין?! אזוי דארף מען", — רעדט זי אים אײַן. אין א שטיקל צײַט ארום פירט זי אים איבער אין דאָרף בלאַגאָדאטנאָיע צו אירע קרויווים. זיי טוען אלץ, קעדיי ראטעווען דאָווידקען. צוליב דעם קרייצט מען אים אפילע אין קלויסטער, און אויס דאָווידקע — ער הייסט שוין אנדערש. ער ווערט א פאסטעך, פיטערט שאָף, לערנט זיך אויס רײַטן אף א פערד.

נאָר א פארעטער מאסערט דאָס פאסטעכל. די פּאָליצײַען, וועלכע זוכן פארטיזאנער, סאָוועטישע אקטיוויסטן, ייִדן, פארהאלטן אים. אויך דאָס מאָל אנטלויפט ער.

ווען אין יאנואר 1943 ווערט באפרײַט זײַן דאָרף, לאָזט זיך אוועק דאָס צעניאָריק ייִנגל איבער צאָפן־קאווקאז, ביזוואנען ער קומט אָן אין א קינדערהיים.

זײַן טרוים איז — זיך דערקלײַבן צום פראָנט, צו דער רויטער ארמיי, ער וויל נעקאָמע נעמען אין די טאליאָנים. און ווידעראַמאָל הייבט זיך אָן א לעבן אף די וועגן פון אוקראַיִנע. עס גייט שוין דאָס 1944 יאָר.

די צײַטונג „קראסנאיא זוועזדא" האָט דעם 25 אָקטיאבער 1971 געשריבן: „ווו איז איצט וואָווע?.. אין קאלטן, אף דורך און דורך דורכגעבלאָזענעם מיט ווינטן מארט כוידעש 1944 איז אָט דאָס ייִנגעלע צוגעגאנגען צו אונדזער עשעלאָן אף דער סטאנציע קריוואָיראָג, א באָרוועסער, א הונגעריקער, אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן. מיר האָבן אַרײַנגענומען וואָווע טימאָשענקאָ אין באטאליאָן, אָנגעהאָדוועט אים, באקליידט. דער ערשטער שמייכל זײַנער האָט דערפרייט אלעמען. פאר מיר איז ער געוואָרן א זון, אַן אייגן קינד. לעבן דער אונגארישער אָזערע באלאטאָן ביז איך געווען געצוווּנגען זיך צעשיידן מיט אים. פון דעמלט אָן האָב איך פארלאָרן וואָלאָדיען..."

וולאדימיר טימאָשענקאָ מיט זײַן פראָנט־מאמע יעוודאָקיִע איוואנאָוונא נאָווצעווא

די נאָטיץ האָט אָנגעשריבן א געוועזענע מעדיצינישע שוועסטער פונעם דריטן אוקראַיִנישן פראָנט — יעוודאָקיִע איוואנאָוונא נאָווצעווא (לויטן מאנס פאמיליע — קאָרעצקאיא). זי האָט געבעטן, מע זאָל איר העלפן געפינען דאָס ייִדישע ייִנגעלע וואָווע טימאָשענקאָ. און ער האָט זיך טאקע אָפּגעזוכט. וואָוועס פאָטאָגראפיע, אין א מיליטערישן אָנצוג, וועלכע די צײַטונג „קראסנאיא זוועזדא" האָט אָפּגעדרוקט איניינעם מיט דער נאָטיץ, האָט געהאָלפן, אז די פרוי זאָל אין 26 יאָר ארום ווידער דערוווערבן דעם זון. יעוודאָקיִע איוואנאָוונא און וואָלאָדיע פלעגן אין די ווײַטערדיקע יאָרן זיך אָפט באגעגענען אין פּאָלאָנע און אין איר געבורט־שטאָט מארגאנעץ, דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנט. אין 1977 איז יעוודאָקיִע איוואנאָוונא געשטאָרבן. אין איינעם א בריוו, וועלכער ווערט פארהיט אין וואָלאָדיעס מישפּאָכע־ארכיוו, זײַנען פאראַן אזעלכע שורעס: „מײַן טײַערער זון וואָווע! לאנגע יאָרן האָב איך דיך געזוכט. באקומענדיק דײַן בריוו, האָב איך לאנג און זיס געוויינט. כ'בין גליקלעך, וואָס דו ביסט דאָ. צי געדענקסטו, זון מײַנער, ווי אין מאָלדאוויע בין איך קראנק געוואָרן מיט א לונגען־אָנצינדונג, ביסטו געזעסן דערנעבן און געוויינט. דערנאָך האָסטו ערגעץ געקראָגן מילך, געבראכט מיר א פולע קאסקע און געבעטן, כ'זאָל אויסטרינקען: „שטארב ניט, מאמע, גיי ניט אוועק"... באנאכט ביסטו פונדעסטוועגן אײַנגעשלאָפן, קאָפּ צו קאָפּ מיט מיר"...

אין מעשעך פון א יאָר צײַט איז וואָלאָדיע געווען א זון פונעם פּאָלק, א קליינינקער סאָלדאט, זײַנע פראָנט־וועגן האָבן אים געפירט דורך אוקראַיִנע, מאָלדאוויע, רומעניע, בולגאריע, יוגאָסלאוויע, אונגארן... ביז דעם 1947 איז ער געווען א דערצויגלינג פון א קינדערהיים.

פרײַ האָט וואָלאָדיע אָנגעהויבן ארבעטן. אָפּגעדינט אין דער ארמיי, קיין פּאָלאָנע זיך אומגעקערט אין 1957. פון דעמלט אָן ארבעט ער אפן זאוואָד פון קינסטלערישער קעראמיק. ער איז א קאָמוניסט, א הויכגעשעצטער מענטש.

כוץ דער טאָכטער טאניע, האָט ער א זון גריגאָרי. ביידע קינדער זײַנען ענלעך אף דער באָבען, אף טעמע דאווידאָווען.

ס. בענציאנאָוו, פּאָלאָנע

אווראָם גאָנטאַר

פון דער שעפערישער יערושע

אין צירק

כ'האָב מוירע גיין אין צירק —
איך בין דאָך א שלימאזל,
ניט געבן כ'זאָל, כאָלילע, קיין גוט־אויג.
דער קונצנמאכער כאפט ארויס פון וואזע
א הון, א קאץ, א הינטל און א טויב.

פאר זייַנע קונצן בין איך זיכער —
ער וועט אונדז אָפּנארן — ער איז געניט.
די פלינקע פינגער לויפן גיכער, גיכער
פון דעם פארטרוילעך־אופגערעגטן בליק.

כ'בין רויִק אויך פארן ציגייַנער,
וואָס טאנצט אייניינעם מיטן בער.
ניט ער וועט הייַנט די פאָרשטעלונג באשייַנען,
ניט צוליב אים דער אוילעם לויפט אהער.

דו זעסט, ווי ס'וויגט זיך די טראפעציע —
א מיידל — נאָך א קינד — אין שטראל פון שייַן,
וואָס קלעטערט אפן לייטערל — אָט וועט זי
באלד אפן העכסטן שטאפל זייַן.

די דינע הענט, ווי צאפלדיקע פליגל,
זיי האָבן אינדערלופטן זיך צעשפרייט,
פונקט ווי א מעווע.
זי נעמט זיך שטארקער וויגן,
אָ, גאָט מייַנער, פון שרעק דאָס הארץ פארגייט!

די שאָטנס ברעכן זיך,
עס שוויַיגט דער צירק דערשראָקן,
איך קוק פארטייַעט און דערשטוינט.
מיט פאלשע שטיינער אין די בלאָנדע לאָקן
עס איז איר שטאָלצער קאָפּ געקרוינט.

און ס'דוכט מיר פלוצעם אויס —
זי טוט צו מיר א שמייכל:
— דו זעסט דען ניט, ווי איינפאך ס'איז און גרינג?
א ביסעלע געוואגטקייַט און א טראָפּן סייכל...
זי כאפט זיך פארן שטריק און גליטשט אראָפּ זיך פלינק.

פון צופיל פרייד און גליק
פארבלײַב איך א פארשעמטער,
ווי אויסגעמיטן כ'וואָלט א גרויס געפאר.
פונקט ווי אף א כאסענע א פרעמדער,
איך שטיי דערשראָקן, ווי א נאר.

5/7־79

דאָס שטיבל

(א דערמאָנונג)

אויסגעקאַלכט מיט לײם דאָס שטיבל,
שטייט עס — א קאַרטינקע.

כאָטש עס איז, ווי פריער, פארבליבן
אין דער ערד פארזונקען.

אויסגעוואשן שײַן די דילן
און זיך אויסגעבאָדן.
ס'זאָל די היץ זיך שטארק ניט פילן,
מאכט מען צו די לאָדן.

דער בוריאַן איז ביז די דעכער —
ווי א וואלד צעוואקסן
און פון מיר שוין צוויי מאָל העכער,
ביז דעם טאטנס אקסל.

ס'זאָל דער שטויב צו דר'ערד זיך זעצן,
כליופּעט אויס די מאמע
צוואנציק עמער אף באנעצן
אינעם הויף, מיסטאמע.

ווען דער טאטע קומט אין אָוונט
צאנקען שוין די שטערן,

ס'ליגט דער הימל נאָענט, נאָענט,
אפן דאך, כ'וואָלט שווערן.

אף דער פריזבע זיצט דערשראָקן
מעניע, אונדזער שכיינע,
און זי שטריקט פון בײַוול זאָקן,
לאנגע, גרויסע, קליינע.

אוי, זי טראָגט שוין צוועלף כאדאָשים!
(זי געדענקט דעם סיידער).
נאָר די מאמע, אף כידושים,
לאכט זי אויס קעסיידער:

— א יונגאטש און ניט קיין לאָשעק
ווערסטו אונדז געבירן,
און דעם זון ווערסט מיט דײַן יאָסען
צו דער כופּע פירן.

קיל און לינד עס ווערט ארומעט,
ערגעץ ציקלען גרילן,
און א בענקעניש, אַן אומעט
שוועבט אין אָוונט שטילן.

דאָס געסעלע

(פאָלקס־מאָטיוו)

אין אָט דעם געסעלע,
אין אָט דעם ליקעלע,
וואָס קליין און שטיל איז,
עס קנוילט און וויקלט זיך,
עס פלעכט און שטריקלט זיך
א קנויל פון דאַליעס.
אין אָט דעם געסעלע
די לײַדן מערן זיך
אין יעדער שטיבל.
ווו זאָלסט ניט ווענדן זיך,
ווו זאָלסט ניט קערן זיך,
מע שפּילט אין ליבע.

אוי, מאמע־הארצעניו,
כ'וועל שרײַען, טײַערע,
וואָס זאָל איך מאכן?
איך האָב געקעכלט אים,
איך האָב געליובעט אים,
איצט קער ער לאכן...
באגראָבן לעבעדיק
איך וואָלט גערן זיך
אין טײַך געוואָרפן.
אוי, צאָרעס, מאמעניו,
זיי וואקסן, מערן זיך —
ער איז אנטלאָפן...

איך וואָלט אים מוחל זײַן,
עס איז פאַרפאַלן שוין,
שוין אויס בעמײַלע.
ווען זי זאָל קליגער זײַן,
ווען זי זאָל שענער זײַן,
דעם קאָוועלס בײַלע.

מיט קאַסע אייגעלעך,
ווי בא א טאַטערקע,
מיט פיס מיט גראָבע,

די ברעמען — בייגעלעך,
ווי בא די פייגעלעך
פאַרדרייט דער שנאָבל.

ניטאָ דאָס געסעלע,
ניטאָ דאָס ליקעלע,
ס'איז אָבער טײַער.
אוועק דאָס שטיבעלע,
דאָס קינדער־וויגעלע
איז מיטן פײַער.

* * *

די זון אפילע קאָן אויך ברענגען שאָדן,
און ביז אצינד כ'בין ניט גענוג געניט.
כ'האָב ברייט צעפּראַלט די טירן און די לאָדן
און האָב זיך אָפּגעבריט.

די הענט, דאָס אויג, די ליפּן און די פינגער —
זיי בענקען און זיי מאָנען זייער רעכט.
דער טאָג פאַרבייט די נאַכט,
און קיינער ווערט ניט יינגער,
בא דער פאַרגאַנגענהײַט פאַרבלײַבט מען בלויז א קנעכט.

און איך בין אויכעט פונקט דער זעלבער כאָכעם,
פאַרבלענדט און אונטערטעניק דער מינוט,
זי פירט אוועק מיך אָפט אַף פאַלשע דראָכים,
און רייצט דאָס אָפּגעקילטע בלוט.

25/7—77

* * *

אומזיסט דו קלערסט, כ'האָב אַלץ פאַרגעסן,
ניין, ניט פאַרגעסן, ווייס.
די צײַן פאַרשליסן און פאַרפרעסן
דאָס גוטס, דאָס שלעכטס און בייזס.

דער גלײַכגילט האָט מיך ניט געבונדן,
איך שווײַג — איך האָב געדולד.
פאַר אַלע יאַטרענדיקע ווונדן
איך ווייס, ווער ס'טראָגט די שולד.

21/8—77

די וועלט וואָלט זיך געענדערט

ווען איך וואָלט זעען זיך אַליין,
ווי דו געזוגן האָסט שטענדיק,
ווען כ'וואָלט פאַרשטיין דײַן שטומען מיין —
די וועלט וואָלט זיך געענדערט.

די זון עס וואָלט געשײַנט באַנאַכט,
באַטאָג וואָלטן די שטערן
זיך דורכגעווווּנקען און געלאַכט
פון זען און הערן.

נאָר כ'וואָלט אַלציינס באַדאַרפט געווען
דיך פאָלגן שטענדיק.
כ'האָב אָבער אַנדערש אַלץ געזען —
האָסטו מיט מיר פאַרענדיקט.

22/6—78

דער קאטאָרזשאַן

אַלץ איז פאַראַנען
באַ אונדז אַף די פּיסקעס:
שאַדכאָנים, באַטלאָנים
און שיינע מאָדיסטקעס,
פאַרזעסענע קאַלעס
און יונגע אַלמאָנעס,
און אויך קאַטאָרזשאַנעס
פאַראַן, בענעמאָנעס.

אַ הונט, ווי אַ קעלבל,
מיט מעשענע פלעקן —
דער מאַלעכהאַמאָוועס
וואָלט אויך זיך דערשרעקן.
ער שמייַעט אַרומעט
אין גאָרטן, דער קייַסן,
ער קאָן, אָט דער שטומער,
אַף שטיקער צערייַסן.

אַ שטריק אינעם הויף,
אַף אַ רינג מיט אַ קייטל,
דער קעלעוו — ער לויפט
פון איין פּלויט צו דעם צווייטן.

זאָל פרוון אַ פרעמדער,
וואָס איז ניט פאַרבעטן,
די פּירטקע פון באַנדער
אַליין איבערטרעטן,
ער וועט שוין די איינעקלעך
זייַנע פאַרזאָגן,
עס זאָל זיי דער טייַוול
אַהינצו ניט טראָגן.

נאָר איינמאָל באַגינען
אין סאָד, לעבן ברונעם,
דעם הונט מ׳האָט דערשאָסן
אַ טויטן געפונען.
די ערד און די ביימער
דער שניי האָט פאַרשאָטן,
דער פראָסט האָט די לאַפּעס
פון יעלן געבראָטן.

געוואָן איז דער הימל
נאָך כוישעכדיק־פינצטער,
ווען סטיאָפּע איז נאַקעט אַרויס
דורכן פענצטער.
די וואַרעמע פעל
פון זייַן היטער דעם פלינקן,
אַ גלעט געטאָן שנעל
האָט ער צאַרט מיט פינגער.

אַ טרער האָט געשטיקט אים
געוואָרגן אוואַדע,
ווען סטיאָפּע אַוועק איז
אַדורך דער לעוואַדע.

עס זייַנען די פּיסקעס
געשמאַק נאָך געשלאָפן.
דער קאַטאָרזשניק סטיאָפּע
איז האַסטיק געלאָפן.
די נאַכט האָט אַ שאָס
און אַ צווייטער צעריסן,
נאָר סטיאָפּע איז פלינק,
און אומזיסט איז דאָס שיסן.

ער פליט און ער פליט ניט
די נאַקעטע פּיאַטעס.
ער פליט און ער זעט
פאַר די אויגן שוין גראַטעס.

זאָל בעסער דער פראָסט אים
די ביינער צעפרעסן,
ער קען די אָסטראָגן —
ניט איין מאָל געזעסן.

אָט נעמט שוין דער הימל
אַלץ ליכטיקער ווערן,
און עמעצער קאָן
אַף די פּיסקעס דערהערן...

אַ סקריפּ טוט אַ טירל —
מע כאַפּט פאַר אַ האַנט אים.
סטעפּאַן לאָזט זיך פירן —
געוויס אַ באַקאַנטער...

דער שניי איז אַ ווייכער
און הערט ניט אויף שיטן.
די טריט פון אַ פרעמדן
וועט ער שוין פאַרהיטן.

און אויב מע וועט פרעגן,
מע ווייסט, וואָס צו זאָגן...
אַף מיזרעך דער הימל
הייבט אָן שוין צו טאָגן.

אין ווייַטן סיבירער,
אין דאָרף אין פאַרוויטן,
איז אויכעט אַ פראָסט
און עס קלינגען דאָרט קייטן.

פון דאָרטן, פון דאָרטן
סטעפּאַן איז אַנטלאָפן...
און אויך אַף די פּיסקעס
ניט רויִק געשלאָפן.

אין סאָד, וווּ דער הונט
האָט געדינט פאַר אַ שומער,
אין הויף צווישן בלייִקע
עפּל און פלוימען

פֿלעגט סטיאָפּע דער בלאָנדער
פֿאַרהאַלטן זיך שפּעטלעך,
געדינט פּאַר א באַנדער —
געדרוקט אָבער בלעטלעך...

זאָל פּרוּוון א פֿרעמדער,
וואָס איז ניט פֿאַרבעטן,
די פּירטקע פֿון באַנדער
אַליין איבערטרעטן,

וועט ער שווין די אייניקלעך
זײַנע פֿאַרזאָגן.
עס זאָל זיי דער טײַוול
אַהינצו ניט טראָגן.
— — — — — — — — —

אין שטיינערנע גריבער —
אין טיפֿע קאַריערן,
די וואָך רופֿט זיך איבער,
מע זאָל זי דערהערן:
„היי, סלושײַ!״

און ס'הערן די שטעט
און די רוסישע פֿעלדער,
די יעלן, וואָס ציִען
צום הימל די העלדזער.

עס הערן זיך אײַן
אינעם רוף דעם סיבירער,
די באַנדערס און שמידן
און אַלע מאַרטירער.

עס הערן זיך אײַן
אויך די אָרעמע פּיסקעס,
די שוסטערס און שנײַדערס,
די יונגע מאַדיסטקעס.

אקאָסטא

ס'איז אויסגעלאָשן שוין אין זאָל די שײַן,
און די פּראָזשעקטאָרס פֿילקאָליריק שפּילן.
ניט אין דער בינע כ'קוק זיך אײַן,
נאָר אין דעם אַלטיטשקן דעם שטילן.

וואָס זיצט פֿאַרטראָגן אין דער לעצטער ריי —
אין טונקעלן ווינקל אײַנגעמאָסטעט.
זײַן שווער געמיט, זײַן אומרו איך פֿאַרשטיי —
ער האָט אַליין אַמאָל געשפּילט אקאָסטאַן.

געווען איז דאָס מיט טויזנט יאָר צוריק,
נאָר אייביק וועט ער דאָס געדענקען.
פֿאַרגעסן קאָן מען אַלץ, נאָר ניט קיין גליק,
נאָך גליק מע קאָן נאָר בענקען, בענקען.

דער פֿאָרהאַנג הייבט זיך אויף.
אקאָסטא שטייט
אין קרײַז פֿון שוואַרצע מענער, ווי די שאָטנס.
באַם אַלטן שווישפּילער דאָס האַרץ אין קראַמף פֿאַרגייט,
ווי טראָפּנס צווײ איז ער אין אים געראָטן.

ער איז געווען דעמלט יונג און שלאַנק,
זײַן קאָל האָט פּונקט אַזוי פֿון אופּרעגונג געציטערט.
ס'איז נעכטן ערשט געווען, אָט ערשט ניט לאַנג...
דער אַלטער איז דערשטוינט, דערשיטערט.

דעם שטאָלצן קאָפּ, אָט פּונקט אַזוי ווי דער,
ער פֿלעגט פֿאַרײַסן און פֿאַרנייגן,
נאָר ווער געדענקט עס דען, און ווער
וועט אין דעם מײַסעלע איצט גלייבן.

א הייסער קנויל עס שטעלט זיך אים אין האַלדז,
און אין די אויגן הייסע טרערן ברענען.
געווען, געווען אַמאָל, געווען איז אַלץ,
נאָר טאָמיד איז די וואָר דאָך שענער.

12/7—79

ווערק פון די צוהערער פון דער ידישער אָפּטיילונג
באַ די העכסטע ליטעראַרישע קורסן

(אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאַרענדיקן דאָס ערשטע לערנֿיאָר)

באָריס סאַנדלער

דרײַ נאָוועלן

אווראָם דער צווייטער

ארטור איז נעכטן אלט געוואָרן א וואָך (הייסט עס, אז הײַנט איז ער שוין אלט א וואָך מיט א טאָג). נאָכן עסן האָט ער שוין פון לאנג געדארפט שלאָפן — אזוי שטייט געשריבן אין דעם ביכל „פאר די יונגע עלטערן". אָבער וועגן דעם ווייסט בלויז זײַן מאמע, ארטורן אליין ארט עס ניט, ער וויל ניט שלאָפן. ער גוואלדעוועט אזוי, אז די גאנצע שטוב גייט כאָדאָראָם.

ווען א קינד וויינט, געפינט מען זיך ניט קיין אָרט!

ארטורס טאטע דרייט זיך אף דער קיך אהין און אהער, רייכערט איין סיגארעט נאָך אן אנ־דערן. „ווען ער זאָגט כאָטש א וואָרט, — טראכט זיך דער יונגער טאטע, — וואָלט שוין געווען א ביסל גרינגער. וואָס קאָן מען פארשטיין פון זײַן וויינען?".

דער זיידע זיצט בא זיך אין צימער אפן די־וואן און קוקט דעם טעלעוויזאָר. יעדן פארנאכט, נײַן אזייגער (ס'זאָל דונערן און בליצן) קוקט ער די פּראָגראם, וועלכע רופט זיך „די צײַט". איצט האָט דער אייניק זײַנער איבערגעשריגן אפילע דעם טעלעוויזאָר. „אזא ברעקל זאָל אזוי גוואלדעווען, — בייזערט ער זיך, — אן עמעס אקסעלעראטל!".

פון יענער זײַט וואנט, בישכיינעס מיטן צע־רודערטן זיידן, דרייט זיך ארום איבערן צימער די באָבע. דעם אײַנגעוויקלטן אין א קאָלדרעכל ארטורן האלט זי אף די הענט.

— א־א־הא־א! א־א־אהא־א! — פּרוּווט זי אים באַרוּיקן, נאָר דאָס העלפט ווינציק וואָס.

טראָט נאָך טראָט גייט איר נאָך די יונגע מאמע. טרערן שטייען שוין אין אירע אויגן.

— אָט דאָ שרײַבט זיך, — צעעפנט זי דעם בוך „פאר די יונגע עלטערן", — אז גוט איז צו געבן דעם קינד פארן שלאָף דרײַ־פיר טראָפּנס וואלעריאנקע...

— וואלעריאנקע־שמאלעריאנקע, דײַן מאן איז אויסגעוואקסן בא מיר אָן וואלעריאנקע... אז מע האָדעוועט א קינד, דארף מען זיך היטן מיט א ביסן.

— גיי ווייס, — פארענטפערט זיך די שנור, — אז פון איין מאראנץ קאָן ווערן אזא אומגליק, — און זי צעוויינט זיך.

— נו, נו, דאָס איז שוין איבעריק, — באַ־רוּיקט זי די שוויגער, — אימירצעשעם, ס'וועט גאָרנישט ניט זײַן...

די באָבע דרייט זיך מיטן קינד ווײַטער... א־א־אהא־א!.. ארטורס מאמע גייט איר נאָך, ווישט די אויגן און בלעטערט דאָס ביכל.

— וואָס וויינט ער אזוי? — הערט זיך א שטיל קאָל.

ניט צו דער באָבען, ניט צו דער מאמען דערגייט עס נישט. ארטור שלאָפט ניט! ארטור קוויטשעט! אין צימער שטעלט זיך ארײַן דער טאטע:

— עפשער טוט אים עפּעם וויי? ער קאָן עס פּאָשעט ניט ארויסזאָגן...

— יאָ, יאָ, דאָס בײַכעלע מיסטאמע, — האלט אים אונטער דאָס ווײַב, — דאָ שרײַבט זיך, אז ס'איז גוט קעגן דעם קריפּ־וואסער...

— דײַן מאַן איז אופגעוואקסן בא מיר אָן קריפ־וואסער... גייט בעסער בײדע ארויס פונדאנען... בארוּקט זיך... איר מיינט, אז קינדער קומען אָן אזוי גרינג?

די באָבע בלײַבט מיטן אייניקל, זי זינגט זיך אירס, ער — זײַנס...

— וואָס וויינט ער אזוי? — הערט זיך ווידעראמאָל דאָס שטילע קאָל.

די באָבע טוט א שטופּ די טיר פונעם דריטן צימער — דאָרט וויינט איר אכציקיאָריקע שוויגער, ארטורס אורבאָבע. זי איז שוין גרייט געווען זיך לייגן שלאָפן, אָבער דאָס אומרוּקע אורייניקל מיט זײַן קוויטשערײַ לאָזט עס איר ניט טאָן.

— וואָס וויינט ער אזוי, פרעג איך דיך?

— איך ווייס אליין ניט! עפּשער טוט אים ווײ דאָס בײַכעלע, און עפּשער... — זאָגט די באָבע, — עפּשער האָט מען אים געגעבן א גוט־אויג.

— וואָס גאָר פּלוצעם א גוט־אויג? גיב מיר בעסער אהער דײַן גראַגער.

די באָבע גייט צו צו דער שוויגער, גיט איר פּאַוואָלינקע איבער דאָס אײַנגעוויקלטע אוּיצערל אירס און פארמאכט נאָך זיך די טיר.

— נו, וואָס האָסטו זיך אזוי צעקוויטשעט? וועמען ווילסטו אָנשרעקן? זע, דו ביסט שוין רויט ווי א בורעק. אף אן אלטער באָבען שרײַט מען אזוי? פע, ניט שיין. ווייסטו וואָס, איך וועל דיר בעסער זינגען אן אלט לידעלע. דײַן טאטן האָב איך עס אויך געזונגען. הער זשע, ײִנגעלע, הער:

אונטער אורעמעלעס וויגעלע
שטייט א גאָלדן ציגעלע,
דאָס ציגעלע איז געפאָרן האנדלען
ראָזשינקעס מיט מאנדלען...

א ליד דארף האָבן א קאָל און א נעשאָמע. קיין קאָל האָט ארטורס אלטע באָבע ניט געהאט, האָט זי די ליד געזונגען בלויז מיט דער נעשאָמע. די אויגן אירע האָבן געקוקט אף די צוויי קופּערנע לײַכטערס, וואָס זײַנען עלנט געשטאנען אין ווינקל. קיין ליכט האָט די ײִדענע שוין פון לאנג ניט געבענטשט, און נאָר איין מאָל אין יאָר, אין דעם טאָג פון איר מאנס יאָרצײַט, צינדט זי אָן אין די אלטע לײַכטער צוויי ליכט.

די נעשאָמע זינגט, און די אויגן רעדן:

„נו, אָט, אוורהאָם, איז שוין דאָ נאָך דיר א נאָמען. פארוואָס זשע, וועסטו פרעגן, הייסט ער גאָר ארטור און ניט אוורהאָם? איז הײַנט אזא מאָדע: מע צעגיט קלינגענדיקע נעמען. דו דארפסט זיך ניט באליידיקן. אבי ער זאָל נאָר זײַן געזונט ביז הונדערט און צוואנציק יאָר. דו ווייסט, ער איז סײַוויסײַ געראָטן אין דיר. קוק נאָר אָן דאָס נעזעלע און דאָס פּיסקעלע, מיר פאר זײַנע ביינער. און אן אקשן איז ער, פּונקט ווי דו, מײַנע רייד זאָלן דיר ניט שאטן. אָט זעסטו, מײַן לידל איז אים טאקע געפעלן געוואָרן. ער שווײַגט שוין. ווען דו קאָנסט איצט כאָטש מיט איין אויג א קוק טאָן, ווי כיינעוודיק ער שמייכלט“...

בא דער צעעפנטער טיר האָט זיך ארויסגעשטעלט די גאנצע מישפּאָכע. מע קוקט אף דער אלטער באָבען, אף איר אורייניקל און מע וווּנדערט זיך: וואָס איז אזוינס פאָרגעקומען?..

שאט! אוורהאָם דער צווייטער שלאָפט!

אין א זומערדיקן זונטיק

אין א זומערדיקן זונטיק האָבן מיר זיך מיט מײַן דרײַיאָריקן זון ארקאשען אוועקגעלאָזט אין א רײַזע. דער וועג אונדזערער איז געווען ניט קיין ווײַטער. מיר האָבן זיך נאָר אראָפּגעלאָזט פון א הויכן בארג, און אָט זײַנען מיר שוין אין גרויסן, שיינעם באָטאנישן פּארק.

ס'איז ערשט נײַן אזייגער אינדערפרי, און די זון בארימט זיך שוין מיטן טאלאנט אירן: „עס וועט נאָך זײַן... עס וועט נאָך זײַן...“ — און קיצלט מיט די שטראלן אונדזערע שווארצאפּלען. מיר זשמורען די אויגן, ניט, כאָלילע, פון קאס אף דער זון, פארקערט, פון האנאָע.

אין פּארק איז גוט, אין פּארק איז קיל. די געדיכטע קרוינען לאָזן ניט דורך קיין הייסע זון־שטראלן. בלויז אייניקע, די סאמע אקשאָנעסדיקע, שלאָגן זיך דורך. „...זאָל זײַן ווי דו ווילסט, אבי שיין!“

מיר האָבן געפונען א שאָטנדיק אָרט, זיך צוגעלייגט. דאָס איז אונדזער ערשטער אָפּרו.

איך קוק זיך ארום. פון איין זײַט — א קוסט, ענלעך אף א גרויסן צעעפנטן שירעם. דער קוסט־שירעם איז אינגאנצן באשאָטן מיט פּיצינקע בלימעלעך. א רײ הויכע יאָדלעס שטייען פון דער אנדערער זײַט און האלטן אונטער מיט זייערע האָריקע טונקל־גרינע לאפּעס דעם ברייטן בלויען הימל...

ארקאשע אָבער קאָן קיין מינוט ניט אײַנזיצן אף אן אָרט. ער האָט זיך שוין געפונען אן ארבעט: קלײַבט צונויף די פאראיאָריקע שישקעס, וועלכע שימערן ארויס פון אונטער דעם זאפטיקן גראָז. אלע מאָל כאַפּט ארקאשע אן אנדער שישקע און לויפט צו צו מיר מיט א גדולע:

— זע, טאטע! א מין גרויסע פּיפּקע...

דאָס וואָרט „שישקע“ באקומט זיך נאָך ניט בא אים ריכטיק, שרײַט ער „פּיפּקע“ און לייגט זיי צונויף אין א קופּע. דאָס ווײַסע קאפּעליושל זיצט שוין בא אים אף דער נאָז, נאָר ער בא-

מערקט עס אפילע ניט. ער איז פארנומען מיט זײַן ארבעט. די קופּע וואַקסט, ארקאשע טראָגט נאָך און נאָך שישקעס, נאָר ס׳איז אים אַלץ ווינ־ציק. ער טוט אַ קוק אַף מיר:

— ס׳וועט אויסוואַקסן אַ באַרג פון פּיפּקעס. ביזן הימל, יאָ?

גיי זאָג אים, אַז ניין, וועט ער דען גלייבן? אַלע קינדער ציִען זיך צו הויכקייט, צום הימל, אָט ווי די יאָדלעס. טו איך אַ שאָקל מיטן קאָפּ אַף יאָ. פּלוצעם בלײַבט ארקאשע שטיין. זײַן בליק שטויסט זיך אָן אין עפּעס, וואָס לאָזט אים ניט ווײַטער בויען זײַן באַוול־טורעם. אינטער־רעסאַנט, וואָס האָט ער עס אַזוינס דערזען? גיי איך צו. אַף אַ ברייט בלעטל, ווי אַף אַ דלאָניע, זיצט זיך אַ ווײַס פּאַרדרייט שטיבעלע, אַ מויער־קעפּל. ארקאשע פירט איבער אַף מיר דעם פּאַרכידעשטן בליק.

— קוק, ארקאשע, און הער: „ראַווליק־פּאַוו־ליק, באַווײַז דײַנע הערנערלעך. „ראַווליק־פּאַוו־ליק״, — הייב איך אָן זינגען אַ לידעלע, ווי איך האָב עס געזונגען אין מײַן קינדהייט. פונעם ווײַסן שטיבעלע נעמען פּאַמעלעך זיך ארויס־שטופּן אַ פּאָר דינינקע הערנערלעך. פּאַר אַר־קאַשעס אויגן געשעט איצט אַ נעס, די אייגעלעך זײַנע שײַנען פון היספּײַלעס. ער כאַפּט אונטער מײַן לידעלע און מיר כאָזרען שוין אײנײנעם איבער די קישעף־ווערטער: „ראַווליק־פּאַווליק, באַווײַז דײַנע הערנערלעך״...

ארקאשע האָט שוין פאַרגעסן וועגן די שיש־קעס און, דאַכט זיך, וועגן אַלץ אַף דער וועלט.

— טאַטע, עמעס, אונדזער ראַווליק־פּאַוו־ליק איז גראַאָטן אין אַ טעלעוויזיע־אַנטענע? — ער טוט אַ טאָרע מיטן פינגערל די שפּיץ הער־נערלעך, און זיי באַהאַלטן זיך טייקעף. דאָס מויערקעפּל אַליין ציט זיך ארײַן אין זײַן ווײַס פּאַרדרייט שטיבעלע: אהיים! ארקאשע באַהאַלט די האַנט, גלײַך ווי ס׳וואָלט אים אַ שטאָך גע־טאָן.

„אַ מאָדנע זאַך, — טראַכט איך, — וועגן אַ טעלעוויזיע־אַנטענע האָט זיך ארקאשע דערוווסט פריער, איידער וועגן אַ פּאַשעט בוקאַשקעלע...״ מיר גייען ווײַטער, די נעסיע זעצט זיך פאָר. אָן אַקוראַטע סטעזשקע פירט אונדז פאַרבײַ פאַרשיידענע ביימער, קוסטעס. דאָ און דאָרט שטעקן ארויס פון דער ערד קליינע פּירעקיקע ברעטעלעך. אַף זיי איז אָנגעשריבן, וואָס פאַר אַ געוויקסן זײַנען דאָס, פונוואַנען האָבן זיי זיך גענומען אהער. אָט דער שטאָלצער צעדערבוים איז פונעם ווײַטן מיזרעך, דאָס דינינקע בערעז־קעלע — פון מיטן־רוסלאַנד, דער הויכער שטאָלטנער טאָפּאָל — פון אוקראַיִנע. אַלע האָבן זיי געלאָזט טיפע וואָרצלען אין אונדזער מאָל־דאַווישער ערד. זיי האָבן זיך צוזאַמענגעלעבט, ווי אַ גוטע מישפּאָכע.

ארקאשע האָט שוין געפונען ערגעץ אַ שטעקן, און באַלד טראַכט ער צו אַ נײַע שפּיל: וואַרפט איבער אַ פוס אַפן שטעקן און פאַרט רײַטנדיק.

— טאַטע, ווער בין איך?

— אַ רויטאַרמייער, מיסטאָמע...

— ניין! איך בין אַ קאָסמאָנאַווט, און דאָס איז מײַן ראַקעטע!

אין מײַן קינדהייט פלעגן מיר זיך פאַר־שטעלן פאַר רויטאַרמייער. דאָס וואָרט „קאָס־מאָנאַווט״ האָבן מיר ניט געוווסט. ס׳איז דורכ־געגאַנגען בלויז פינף און צוואַנציק יאָר, און אָט — „קאָסמאָנאַווט״ איז שוין געוואָרן אַ גע־ווײנלעך וואָרט, ווי „פּילאָט״, „אינזשעניער״, „דאָקטער״.

אונטער אַ הויכן פּלאַטאַן שפּילן זיך צוויי יינגלעך. ארקאשע האָט זיי אַוודע טייקעף באַ־מערקט.

— נו, ארקאשע, ווילסט זיך מיט זיי באַ־קאַנען?

ער טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ.

— וואָס זשע שטייסטו?

אַ צופרידענער, לויפט ארקאשע צו זיי צו, שטעלט זיך אָפּ אַנטקעגן קלענערן און, אָנ־ווײַזנדיק אַפן ייִנגעלעס ווײַס העמדל, ווו ס׳איז עפּעס אָנגעמאָלט, פרעגט ער:

— דאָס איז אַ הונט באַ דיר? האַוו! האַוו!..

— ניין, דאָס איז אַ קאַץ! מיאַו! מיאַו!

— אַ קאַץ? פאַרוואָס זשע האָט זי נאָר אַ קאָפּ, און ווו איז דער עק?

דעם עק האָט אָפּגעביסן אַ הונט, — מישט זיך ארײַן דאָס עלטערע ייִנגל מיט אַ פּאָטאָ־אַפּאַראַט אַף דער זײַט, — וויאַזוי הייסטו?

— ארקאדי!

— ארקאַשקע, הייסט עס, און איך בין איגאָר, און אָט ער איז מײַן ברודער, עדיק.

— וויפל ביסטו אַלט? — טוט אַ פרעג עדיק.

ארקאשע פאַרבייגט דרײַ פינגער:

— אָט וויפל!

— און מיר איז פינף... אינגיכן, און איגאָר איז שוין אַלט גאַנצע צוועלף! דער טאַטע זאָגט, אַז ער איז באַ אונדז קימאַט אַ זיידע...

— נו, גענוג צו פּלאַפּלען! — רײַסט אים איבער דער ברודער, — אָט זעט, דאָרטן האָט עמעצער אָנגעהויבן שטעלן אַ שאַלאַש. הײַדאַ, כעווורע, לאָמיר פאַרענדיקן בויען!

אונטער אַן אַלטן דעמב זײַנען טאַקע גע־שטאַנען צונויפגעפּלאָכטענע אין אַ קאַרקאַס טרוקענע דרענגלעך.

— מע דאַרף איבערדעקן די שטעקנס מיט אָט דעם גראָז, — לייגט פאָר איגאָר.

ארום און ארום האָט זיך געוואָלגערט פרישד־אויסגעקאָסעט גראָז. דאָס קליינוואַרג האָט עס אָנגעהויבן גיך צונויפזאַמלען און איבערגעבן איגאָרן. ער, דער „הויפּט־בויער״, צעלייגט עס ווהין מע דאַרף, פאַרשטעקט די לעכער...

— נו אָט, פּאַרטיק! קריכט ארײַן!

אַ גוטן כאַנוקאַס־האַבאַיִס אײַך, קינדערלעך. פונעם שאַלאַש דערטראָגן זיך קולעס. איך הער זיך צו.

— ארקאשע, דו וואָלסט געקאָנט איינער אַליין וווינען אָט אין אַזאַ מין שאַלאַש?

— איינער אַליין? אָן דער מאַמען און אָן דעם טאַטן?

— נו, יאָ, ווי ראָבינזאָן קרוזאָ...

— וואָס פאַר אַ קוקורוזאָ?

— ניט קוקורוזאָ, נאָר קרוזאָ...

איך האָב זיך ארומגעדרייט איינער אליין, טאקע ווי ראָבינזאָן אף זײַן אינדזל. ענדלעך זײַנען זיי ארויסגעקראָכן.

— שטייט סמירנאָ! — גיט איגאָר א קאָמאנדע, — באלד פאָטאָגראפיר איך אײַך. — ער שטעלט אף זיי אָן דעם אפּאראט. — נו אָט, פארטיק! איך א וואָך ארום וועלן זײַן די פאָטאָגראפיעס. זײַ געזונט, ארקאשע... ביזן קומענדיקן זונטיק.

מיר שפּאצירן ווײַטער. ארקאשע איז געבליבן צופרידן פון זײַנע נײַע כאווירים.

די זון האָט געהאלטן וואָרט, געבראָטן אומראכמאָנעסדיק, און מיר האָבן געמוזט זיך באהאלטן אונטער א בליִענדיקן קאשטאַן. ארקאשע איז טייקעף צוגעפאלן צום פלעשל מיט וואסער און האָט מיט האנאָע געסמאָטשקעט.

דער צעוואקסענער קאשטאַן, ווי איך האָב זיך דערוווּסט פונעם אָנווײַזער, איז אין איין עלטער מיט מיר. הייסט עס, דרײַסיק יאָר. און פלוצעם האָב איך א טראכט געטאָן: סײַ דער שיינער בליִענדיקער קאשטאַן, סײַ איך — ביידע זײַנען מיר דער נאטורס קינדער. אויב אזוי, האָט, ווער ווייסט, עפּשער מיט דרײַסיק יאָר צוריק די נאטור (קאָן זײַן צופעליק, קאָן זײַן פּאָשעט אין א שפּאס) מיך באשאפן פאר א מענטשן און דעם בוים — פאר א קאשטאַן... עפּשער וואָלט אלץ גאָר געדארפט זײַן פארקערט? כ׳האָב זיך אפילע שוין פאָרגעשטעלט, ווי איך בין א הויכער, שיינער, בליִענדיקער בוים, און דער קאשטאַן...

— טאטע, טאטע, דו שלאָפסט?

— ניין! איך טראכט...

— מיט פארמאכטע אויגן קאָן מען ניט טראכטן!

צוויי פארשיידנפארביקע זומער־פייגעלעך דרייען זיך ארום ארקאשעס קאָפּ, ווי זיי וואָלטן אים פאָרגעלייגט: „פלי מיט אונדז... פלי מיט אונדז...“ ער רײַסט זיך ארויס פון מײַן האנט, לויפט פאָרויס. זײַן הילכיק קעלעכל קלינגט איבערן גאנצן פּארק, גיסט זיך צונויף מיט די אנדערע לעבעדיקע קוילעס...

— פארוואָס?

— מע זעט ניט, וועגן וואָס מע טראכט...

זונעלע, קליין כאָכעמל מײַנס, ס׳איז דאָך גוט, וואָס מיט דרײַסיק יאָר צוריק האָט די נאטור אזוי פריילעך געטריבן קאטאָוועס...

— ווייסטו וואָס, ארקאשע, לאָמיר שפּילן מיט דיר אין אזא שפּיל! — אין ארקאשעס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן נײַגעריקע פײַערלעך. — דו זעסט די שוועבנדיקע וואָלקן? מיינסטו, מיסטאמע, אז זיי זײַנען בלויז וואָלקן?

ארקאשע האָט פארריסן דאָס קעפּל ארויף און באלד אין פארלעגנהײַט א וואָרף געטאָן דעם בליק אף מיר.

— קוק זיך גוט צו! אָט זעסטו, דאָס שוועבט א ווײַסער קעמל... עטוואָס אין א זײַט — א ווײַסער בער... טייקעף נאָך אים אײַלט א ווײַס פערדל מיט א צעשויבערטער גריווע...

ארקאשע שטייט א ווײַלע מיט א צעעפנט מויל און שפּרינגט פלוצעם אונטער מיט א גדולע:

— אוי, קוק אָט דאָרטן! א פוקס! עמעס, טאטע, א פוקס?

די וואָלקן זײַנען רויִק געשווומען איבערן פּארק, פאמעלעך ענדערנדיק זייער פאָרם. דער ווײַסער בער האָט זיך צעצויגן אין דער לענג און איז שוין מער געווען ענלעך אף א קראָקאָדיל. ארקאשעס „פוקס“ איז ביכלאל פארשוווּנדן.

די זון איז שוין אין זעניט. מיר גייען אהיים. די זונטיקדיקע נעסיִע גייט צום סאָף, די פייגעלעך געזעגענען זיך מיט אונדז אף קאָלערלייי קוילעס. דער פּיקהאָלץ קלאפּט אין זײַן פּויק: טררר... טררר... דער קוקאווקעס פײַפל כאזערט איבער אירס: קו־קו...

א בילד

זיי זײַנען געזעסן איינער אנטקעגן דעם אנדערן: דער קינסטלער און זײַן מאָדעל. איינער האָט געמאָלט, דער אנדערער — פּאָזירט. דער, וואָס האָט פּאָזירט, איז געווען א מענטש שוין אין טיפן עלטער, א זאָקן, וואָס איז דורכגעגאנגען, ווי מע זאָגט, דעם גאנצן לעבנס־קרײַז. די אײַנגעפאלענע באקן האָבן געמאכט זײַן פּאָנעם קליין, ווי מע וואָלט עס צונויפגעפלעטשט פון ביידע זײַטן. די נאָז האָט זיך פארלענגערט און זיך שיר ניט באגעגנט מיטן שפּיציק־ארויסגערוקטן קין. דער זאָקן איז געזעסן אומבאוועגלעך, מיט פארמאכטע אויגן, אזוי ווי דער קינסטלער האָט אים אוועקגעזעצט. און אפילע די פליג, וואָס האָט איצט געפּויזעט איבער זײַן צעקנייטשט פּאָנעם, האָט אים אויך ניט געקאָנט צווינגען זיך א ריר טאָן.

דער קינסטלער האָט געארבעט באגײַסטערט — געמאכט איין עסקיז נאָכן אנדערן. דער דיל איז געווען פארוואלגערט מיט בויגנס. א וועלט מיט בויגנס, א וועלט מיט עסקיזן. ער אָבער האָט עס ווי ניט באמערקט. די האנט מיטן שווארצן בלײַער האָט ניט באוויזן זיך אָפּרײַסן פונעם געמעל, ווי די אנדער האנט האָט זיך שוין געצויגן נאָך א פרישן קלאָר־ווײַסן שטיק פּאפּיר. ער איז איצט געווען ענלעך אף א מענטשן, וועלכער איז ארויס פונעם מידבער, דערזען א קוואל און גיריק צוגעפאלן צו אים,

גרייט דערטרונקען צו ווערן אין דער קאַלטער דורכזיכטיקער וואַסער...

ער האָט ניט געקאָנט אָפּרייַסן דאָס אויג פון דעם זאַקן. נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל אים באַטראַכט און ווי פּרעפּאַרירט אים מיט זייַן שאַרפן בליק. ער האָט ניט דורכגעלאָזט קיין אָדערל, באַטאַפּט יעדעס ביינדעלע, יעדעס גריבעלע. יאָ, ווי אַ קינסטלער האָט ער געמעגט זייַן צופרידן פון דער הייַנטיקער אַרבעט. ס'האָט זיך באַ אים באַקומען.

נאָר וואָס מער ער האָט זיך אייַנגעקוקט אין דעם אַלטן, אין די טיפע קנייטשן אָף זייַן פּאָנעם, אין די צעפלאָסענע בלויע ליפּן, אין די צונויפגעשלאָסענע ביינערדיקע הענט, וואָס האָבן געררוט אָף זייַן בויך, ווי פאַריגלט מיט זיך דעם הור־הא פונעם לעבן, אַלץ מער האָט אים באַהערשט אַ טעמפּער ווייטעק: „און אָט די שלאַבעריקע אַלטקייַט רופט באַ מיר אַרויס אַנציקונג?!“

ער האָט פּלוצעם אַ שלייַדער געטאָן דעם בלייַער אין אַ זייַט. די פרייד פון שאַפן, וואָס האָט נאָך מיט אַ רעגע פריִער אַזוי געקוועלט אין אים, דער כיישעק צו מאָלן, וועלכער האָט ביז אַהער מיט אַזאַ אימפּעט געפירט זייַן האַנט איבער דער ווייַסער בלאַט פּאַפּיר, — דאָס אַלץ איז מיטאַמאָל פאַרביטן געוואָרן מיט אַ געפיל פון סאָפעק...

ער האָט ווי געהערט צוויי שטימען, וואָס אַמפּערן זיך און ריידן צו אים:

— נו, וואָס לאָזט דיך ניט רוען? דו האָסט הייַנט גוט געאַרבעט...

— גוט? אָן אַ שיר עסקיזן, און אַלע — ווי פון אַ מעס געמאָלט.

— ס'איז ניט דייַן שולד, דו האָסט געמאָלט דאָס, וואָס דייַנע אויגן האָבן געזען...

— אַ קינסטלער דאַרף דען מאָלן בלויז דאָס, וואָס עס זעען די אויגן?

— און וואָס קאָנסטו נאָך מאָלן, כוץ דעם, וואָס דו זעסט?

— דאָס הייסט דען קונסט?

— קונסט, קונסט, אַ שיין וואָרט, ניט מער! קוק זיך בעסער אייַן אין דייַן מאָדעל. דו זעסט פאַר זיך דעם סאָף פון אַ מענטשן. און וואָס קאָנסטו מיט דייַן קונסט אופטאָן קעגן דער נאַטור?

דער קינסטלער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אָפן דיל צווישן די צעוואָרפענע בויגנס, אופגעהויבן איין עסקיז נאָכן אַנדערן. זיי זייַנען אים אַלע געוואָרן פרעמד און איבעריק...

— וואָס מאַטערט אייַך, מייַן יונגער פרייַנט? — האָט ער דערהערט אַ שטילע, נאָר אַ לעבעדיקע שטים.

ער האָט אַ פאַרכידעשטער אַ קוק געטאָן אין דער זייַט, פונוואַנען ס'האָט זיך דערטראָגן דאָס אומבאַקאַנטע קאָל. ס'האָט זיך אים ניט געגלייבט, אַז דאָס קאָן ריידן צו אים די מאָדעל. זינט ער אַרבעט מיט אָט דעם זאָקן, האָט ער, דאַכט זיך, ניט געהערט פון אים קיין לעבעדיק וואָרט. אָן אַנדערש מאָל פלעגט זיך אים אַפילע אויסוויַיזן, אַז ער איז אין אַטעליע דער אייַנציקער לעבעדיקער מענטש, און דער זאָקן, וואָס פּאָזירט אים, איז ניט מער ווי אַ סטאַטוע פון גיפּס.

— איר האָט, מינאַסטאַם, געמיינט, אַז איך שלאָף? — האָט נאָכאַמאָל געפרעגט דער זאָקן.

— וואָס זשע דען טוט איר? — האָט אייַליק אַ פרעג געטאָן דער קינסטלער, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט צו פאַרשפּעטיקן מיט זייַן פראַגע.

דער זאָקן האָט געשוויגן. ער איז ווידער געזעסן פאַרטייַעט, קאָן זייַן, אַליין זיך געפרעגט: „וואָס זשע טאַקע טוט ער, ווען ער פּאָזירט?“ ס'זייַנען דורכגעגאַן עטלעכע לאַנגע רעגעס ביז דער קינסטלער האָט דערהערט די פליסטערנדיקע שטים פונעם אַלטן:

— ניין, מייַן ליבער יונגער פרייַנט, איך שלאָף ניט, איך זינק אין מייַנע דערמאָנונגען.

— וועגן וואָס?

— קינסטלער, האָסט דען געוואָלט מאָלן אַ שלאַבעריקן קערפּער? איך וועל באַלד ווידער פאַרמאַכן די אויגן. קוק אַרייַן הינטער די לעפּלעך פון מייַנע אויגן...

דער קינסטלער איז געשטאַנען באַ זייַן מאָלבערט. דאָס פּענדזל אין זייַן האַנט האָט זיך באַוועגט פון דעם לייַוונט צו די פאַרבן, וואָס האָבן שעמערירט אָף דער פּאַליטרע, און צוריק. אויסוואַלגערנדיק זיך אין די פאַרבן, איז דאָס פּענדזל געפלויגן צו דעם מאָלבערט און דאָרט גענומען שפּרינגען און טאַנצן, אָפּגעבנדיק דעם לייַוונט די באַקומענע קאָלירן. ער איז געווען אַזוי פאַרכאַפּט מיט זייַן אַרבעט, אַז ער האָט אַפילע ניט באַמערקט, ווי דער זאָקן האָט אופגעמאַכט די אויגן און אַ וואָרף געטאָן דעם בליק אָף אים, וואָס ער מאָלט אים.

איבער דער גאַנצער אַטעליע האָט זיך צעגאָסן אַ דינער אַראָמאַט פון פיִאַלקעס.

דאָס שנירעלע פון צײַט

קאַווקאַז

אף ברעגן פלאַכע פון דעם בוג,
אין שטעטעלע, בא שטילער וואַסער,
האָט מיר דערציילט אַן אַלטער בוך
וועגן די הויכע בערג קאַווקאַזער.

עס האָט צעפלאַקערט זיך מײַן טרוים,
און פאַר די אויגן ניט פאַרגייען
די בארג־טײַכן, באדעקט מיט שוים,
די בארג־שפּיצן, געקרוינט מיט שנייען.

איך הער זיך אײַן, ווי הילכיק־שטײַף
האָבן די בארג־לופט דורכגעשניטן
מיט א געפּילדער, מיט א פײַף
אין זאָטלען הייסע — די דזשיגיטן.

און נאָר געענדיקט דעם גאַלאָפּ —
אזוינע סטאַטנע, שלאַנקע, פלינקע, —
אף ד'ערערד זיי ווארפן זיך אראָפּ
אין דעם געווימל פון לעזגינקע.

ווײַזט אויס, די בערג האָבן דערפילט
מײַן טרוים,
און צוגעשטעלט אַן אַקסל.
און ס'לאַנד, וואָס האָט אין מיר געשפּילט,
איז פאַר די אויגן אויסגעוואַקסן...

עס לויפן יאָרן אומבאַמערקט.
אָ, קינדער־טרוים, איך וויל דיך בענטשן,
ווײַל אין די הייכן פון די בערג
געפונען כ'האָב די הייך פון מענטשן.

מײַן אַאול

ס'איז ווי א קליינינק שטעטל דער אַאול,
נאָר גאַנץ קאַווקאַז אונדז זעט פון ווײַטסטע ווײַטן:
סײַ מיך — דעם לערער פון דער מיטלשול,
סײַ מײַנע שילער — וועווערקעס פארשײַטע.

ס'איז ווי א קליינינק שטעטל מײַן אַאול,
און וואָס א יאָר ווערט אין די בערג מיר גרוימער.
ס'איז מײַן נעשאָמע אזוי יונג און פול:
איך בין דאָך איינס מיט מײַנע יונגע טרוימער!

איך שווים מיט זיי אין טיף פון אָקעאַן,
איך בוי די שטעט און טראָג זיך צו די שטערן,
כ'באַציר מיט סעדער אונדזער דאַגעסטאַן,
ער זאָל נאָך רײַכער און נאָך שענער ווערן.

און אַלע יאָר, ווי אָדלערס פון א נעסט,
צעפליִען כעוורע זיך מיט אַטעסטאַטן
און קומען שוין דערנאָך ווי מײַנע געסט,
און ס'לויפן בריוועלעך צו מיר פון אַלע זײַטן.

און יעדעס בריוול כ'לייַן דאָס צענטע מאָל.
מיט ברייטע שפּאַן איך מעסט און מעסט מײַן צימער.
און ס'הערן בערג, ווי קרעפטיק ווערט מײַן קאָל,
און ווערן צאַרט, באַצירט מיט זונען־שימער...

דער זייגער און דאָס הארץ

עס ליגט די נאכט,
פארשטומט און שווארץ.
און נאָר דער זייגער און דאָס הארץ:
טיק־טאַק, טיק־טאַק.

דאָס הארץ — עס ווארט,
דער זייגער — וואכט
און שטופּט פּאמעלעך אָפּ די נאכט:
טיק־טאַק, טיק־טאַק.

דורך אנגסטן, פינצטערניש און שרעק
זיי קלאַפּן זייערס אָן אַן עק:
טיק־טאַק, טיק־טאַק.

זיי יאָגן צו דער העלער וואָר,
צום פרישן, לוסטיקן קאַיאָר:
טיק־טאַק, טיק־טאַק.

אין מענטשן־ווײַט, אין מענטשן־שטרײַט
זיך ציט דאָס שנירעלע פון צײַט:
טיק־טאַק, טיק־טאַק.

און אויב דאָס הארץ גייט פּלוצעם אויס
מיט לעצטן פיבערדיקן שטויס:
טיק־טאַק —
אין הערצער אנדערע צעהעלט,
עס בלײַבט דער זייגער פון דער וועלט:
טיק־טאַק, טיק־טאַק...

נעקאָמע

ער האָט די פלאנצונגען גענומען אָפּן אקסל —
אז אָפּ א פּוסטקע זאָלן ביימער וואקסן.

נאָר לאנג דער וועג איז, און די לאסט ווערט שווערער,
שוין הייסע טראָפּנס טריפן פונעם שטערן.

די זון — זי פּארעט, האָט ניט קיין ראכמאָנעס,
די פּיס־פּאָדעשוועס ברענען — א סאקאָנעס!

דער רוקן נאָגט. דעם אקסל — ניט צו פילן.
און בא דעם מענטשן עקט זיך שוין דער ווילן...

ער וויל טאָן גוטס... נאָר ס'שרעקן אים די צאָרעס...
און פּלוצעם זאָגט ער: „כ'דארף עס אָפּ קאפּאָרעס!"

און מיט די ווערטער שלײַדערט ער אנידער
די פלאנצונגען...
א כיעס אין די גלידער

דערפילט ער באלד. ווי וויל איז איצט דעם אקסל!
נאָר אָפּ דער פּוסטקע וועט שוין זײַנס ניט וואקסן...

און די נאטור וועט נעמען שוין נעקאָמע:
ס'וועט ווערן פּוסט א מענטשלעכע נעשאָמע...

דער מײַסטער

מײַן שאָכן איז א יונגער יוועליר,
נאָר אין זײַן פאך שוין א געניטער מײַסטער.
דאָס שטיינדעלע ער טוט א לײַכטן ריר —
און וווּנדער גאָר באזונדערן באווײַזט ער.

ער הויכט אין דעם ארײַן א ביסל שײַן,
ער פּאסט אין דעם ארײַן א שטיקל הימל —
און פון דעם שטיינדל ווערט א צויבער־בלימל,
וואָס שפּילט מיט שטראַלן לעבעדיק און פײַן.

פארוואָס זשע איז דער יוועליר אליין
אזוי באטריבט, פארומערט און פארביטערט?
ווײַל פאר דעם מיידל עס איז שוואך און קליין
און ניט געניט דער מײַסטער דער געניטער...

ליבע

די ליבע איז א שפּיל —
ביזוואַנען ס׳שפּילט זיך.
די ליבע איז א מיל —
ביזוואַנען ס׳מילט זיך.
די ליבע איז א וועל,
וואָס קאָן דיך איבער קאָפּ פאַרדעקן,
און וועסט זיך עקן,
און וועסט זיך מאַטערן,
דאָס האַרץ וועט פּלאַטערן
און טיפער, טיפער זינקען...
און איבער דיר
א קאָל וועט זינגען:
איך בין די סיבע
פון שפּיל,
פון מיל,
פון וועל,
פון וועלט,
ווײַל איך בין —
ליבע.

* * *

ס׳איז דאָ אין קורצוויַיליקן גליק
דער טאַם פון זומערדיקן רעגן,
די פרייד פון וועג
און דאָס אַנטיק
פון פליִען,
זוכן,
קלאַפּן,
פרעגן...
ס׳איז אומענדלעך די וועלט,
נאָר מיר —
מיר דאַרפן צו דער וועלט נאָך קומען,
פון קורצן גליק
און גרויסן אומעט —
צו אירע אויצרעס אָן א שיר.

בראָניק

טוריסטישע מאַרשרוטן פאַר דער יוגנט

„ספּוטניק. ביוראָ פונעם צווישנפעלקערלעכן יוגנט־לעכן טוריזם" — אזא שילדל קאָן מען זען אַף איינעם פון די קאַבינעטן אין דעם בירא̇בידזשאַנער געגנט־קאָם פון קאָמיוג. וועגן דער טעטיקײַט פון דער ביו־ראָ, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן מיט העכער פינף יאָר צוריק, גייט א רייד אינעם אינטערוויו מיטן פאָרזיצער פונעם אנשטאַלט נאַטאַליע לאַווראָ.

— וועלכע זײַנען די גרונט־ריכטונגען אין דער אַרבעט פון אײַער ביוראָ?

— דרײַ זײַנען זיי. ערשטנס, דאָס אָרגאַניזירן דעם אָפּרו פון דער יוגנט אין די צווישנפעלקערלעכע יוגנטלעכע טוריסטישע לאַגערס און צענטערס, וועל־כע געפינען זיך בא אונדז אין לאַנד, דעריקער אין פרימאָריע, ווײַסרוסלאַנד, הינטערמאָסקווע און טראַנסקאַרפּאַטיע. צווייטנס, דאָס אָרגאַניזירן פאַר דער יוגנט פון דער געגנט עקסקורסיעס צו די ערטער פון קאַמפּס־ און אַרבעטס־רום. און דריטנס — דאָס דורכ־פירן רײַזעס לויט טוריסטישע פּוטיאָווקעס קיין אויס־לאַנד.

— וועלכע טוריסטישע מאַרשרוטן לייגט איר פאָר דער בירא̇בידזשאַנער יוגנט?

— אַלע מאַרשרוטן איז אומעגלעך אָנצורופן. בא דער ביוראָ „ספּוטניק" זײַנען פאַראַן העכער הונדערט. צווישן זיי — קיין לענינגראַד און מאָסקווע, קיין וואָלגאָגראַד, קיין קיִעוו און קעשענעוו. בא אונדז אין לאַנד פונקציאָנירן, ווי באַוווּסט, צוואַנציק צווישנ־פעלקערלעכע יוגנטלעכע לאַגערס און טוריסטן־צענ־טערס, וועלכע געפינען זיך אין אַזעלכע מאָלערישע נאַטור־ווינקעלעך, ווי הינטערמאָסקווע, קרים, בײַ־וואָלגע, בײַבאַלטיק.

די ביוראָ „ספּוטניק" לייגט פאָר אויך רײַזעס קיין אונגאַרן, בולגאַריע, קרויזן איבערן מיטללענדישן יאַם פאַרבײַ ציפּערן, מאַלטע, סיריע, גריכנלאַנד.

צוויי מאָל אין יאָר אָרגאַניזירט די ביוראָ „ספּוט־ניק" א טוריסטישן צוג לויטן מאַרשרוט „בירא̇ביד־זשאַן — וואָלאָטשײַעווקע", צו די ערטער פון רעוואָ־ליוציאָנערן רום, מיט ביוואַקן אַף די סטאַנציעס אין, אָלגאָכטע און אַנדערע.

— וואָס דערוואַרט די ליבהאָבער פון טוריזם אינעם לויפנדיקן יאָר?

— אין 1982 מערקט אָן די ביוראָ „ספּוטניק" צו עפענען נײַע מאַרשרוטן איבערן ווײַטן מיזרעך. עס ווערן פּלאַנירט עקסקורסיעס קיין כאַבאַראָווסק, קאָמ־סאָמאָלסק־אַפן־אַמור, וולאַדיוואָסטאָק, א רײַזע איבערן אַמור און אַנדערע. ס׳וועט זיך פאַרגרעסערן די צאָל טוריסטישע פּוטיאָווקעס אין די צווישנפעלקערלעכע יוגנטלעכע לאַגערן פון אונדזער לאַנד און די צאָל רײַזעס קיין אויסלאַנד.

פון יאָר צו יאָר פעסטיקן זיך די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען פון דער יוגנט פון אונדזער געגנט.

אַלעקסאַנדער בראָדסקי

באַגעגענישן אין וועג

אין שפּעטן האַרבסט פון 1789 האָט ניקאָלײַ מיכײַלאָוויטש קאַראַמזין, אַ ניט רײַכער סימבירסקער גוטבאַזיצער פון אַ יאָר צוויי און צוואַנציק, לויט די איבערצײַגונגען אַ טיף רעליגיעזער מענטש, אַ נאָענטער צו די מאַסאָנען, זיך געזעגנט מיט זײַנע פילצאָליקע פרײַנט און, לויטן „מינהעג פון פילבאַרע הערצער", פאַרגאָסן דערבײַ פיל טרערן, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעזעצט אויף אַ טרייסלענדיקער דראָזשקע און דורך דעם אַרויספאָר, וואָס האָט זיך גערופן „טווערסקאַיאַ זאַסטאַווע", פאַרלאָזט די אַלטע רוסישע הויפּטשטאָט.

ערגעץ ווײַט אין דער צוקונפט, הינטער דעם נעפּל פון קומענדיקע יאָרצענדליקער, שוין נאָך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס האָט אויפגעטרייסלט אייראָפּע, נאָך דער פאָטערלענדישער מילכאָמע פון 1812, נאָך דעם וויכערדיקן אויפשטאַנד אויפן סענאַטן־פּלאַץ, איז אים פאָרגעשטאַנען בעשאָלעם זיך געזעגענען מיטן לעבן אויף דער שטעלע פון דעם הויף־היסטאָריאָגראַף בײַ ניקאָלײַ דעם ערשטן. עס האָט געוואַרט אויף אים נאָכן טויט דער רום פון אַ באַנײַער פון דער רוסישער ליטעראַרישער שפּראַך, וואָס עס האָט געעפנט דעם וועג פאַר פּושקינען, דעם רום פון דעם גרונטלייגער פונעם ראָמאַנטישן סענטימענטאַליזם אין רוסלאַנד, און צום סאָף, דער שעם פון דעם טאַלאַנטפולסטן היסטאָריקער, וועמענס פילבענדיקע „געשיכטע פון דער רוסלענדישער מעלוכע" וועט פּושקין כאַראַקטעריזירן „ניט נאָר ווי די שאַפונג פון אַ גרויסן שרײַבער, נאָר אויך ווי אַ העלדנטאַט פון אַן ערלעכן מענטשן".

דאָס אַלץ האָט, פאַרשטייט זיך, דער יונגער קאַראַמזין נאָך ניט געקאָנט וויסן. ער האָט געהאַט אַ באַגער זיך אָפּשטעלן אין דײַטשלאַנד און אין דער שווייץ און דערנאָך, אונטערוועגנס באַזוכנדיק פראַנקרײַך און ענגלאַנד, זיך אומקערן אַהיים. פּאַשעטער פון אַלץ וואָלט געווען „פאָרן מיטן וואַסער קיין דאַנציג, שטעטין אָדער קיין ליובעק". איז אָבער אין דער רוסישער ביוראָקראַטישער מאַשין עפּעס קאַליע געוואָרן, די אַדמיראַלטייסטווע אין פּעטערבורג האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערשרײַבן דעם פּאַס, און קאַראַמזינען איז אויסגעקומען פאָרן מיט דער יאַבאָשע דורך ריגע און קעניגסבערג. איצט, אין צוויי יאָרהונדערטער אַרום, קאָנען מיר דאַנקבאַר זײַן די וואַכזאַמע טשינאָווניקעס פון דעם יאַמאַמט. דאָס זײַנען זיי אין אַ געוויסער מאָס שול־

דיק אין דעם, וואָס אין „די בריוו פון אַ רוסישן רײַזנדער" האָט דעם 19 יוני 1789 זיך באַוויזן אַזאַ נאָטיץ: „נעכטן טאַקע נאָך מיטאָג בין איך געווען בײַ דעם באַרימטן קאַנט, בײַ דעם טיפזיניקן, נאָבעלן מעטאַפיזיקער, וועלכער האָט קעגנגעשטעלט זײַן פילאָסאָפיע מאַלעבראַנשן און לײַבניצן, יומען און באָנעטן; די סיסטעמען בײַ דעם, וועמען דער ייִדישער סאָקראַט, דער פאַרשטאָרבענער מענדעלסאָן, האָט אַנדערש ניט גערופן, ווי alles zermalmende Kant, ד. ה. דער אַלץ צעשטערנדיקער קאַנט. איך האָב ניט געהאַט צו אים קיין בריוו, נאָר דרייסטקײַט באַזיגט אַלץ, — און פאַר מיר האָבן זיך געעפנט די טירן פון זײַן קאַבינעט..."

(דעם 17 יוני פון דעם זעלבן יאָר, אַ טאָג פאַר דער דאָזיקער באַגעגעניש, האָבן אין פּאַריזש די פאָרשטייער פון דריטן שטאַנד געמאָלדן זיך אַלס נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג און אַזוי אַרום גענומען די רעכט צו רעדן אין נאָמען פון דער פראַנצויזישער נאַציע, פון דעם גאַנצן פאָלק. ווייניקער פון אַ כוידעש בלײַבט ביזן 14 יולי, ווען די אויפגעשטאַנענע פּאַריזשאַנער וועלן מיט שטורעם אײַנעמען די באַסטיליע, און דאָס וועט ווערן אַן אַנטשיידענער קער אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט).

קעניגסבערג איז דאַן געווען דאָס „בערנווינקל" פון מײַרעוו־אייראָפּע. דאָס לעבן פונעם פּרײַסישן קיניגרײַך איז געפלאָסן שטיל און אָנשטענדיק, אָן קיין מערקבאַרע אויפטרייסלונגען. און האָגאָם קאַראַמזין שטרײַכט אונטער מיט אַ געוויסער אויפגערייצטקײַט אין דער זעלבער נאָטיץ, אַז „אומעטום קומען אויף די אויגן מונדירן", דאָך שטערט עס אים ניט אין מעשך פון דרײַ שאָ מיט קאָוועד אויסהערן די פילאָסאָפישע און עסטעטישע מיינונגען פון דעם „אַלץ צעשטערנדיקן קאַנט". קעדיי שפּעטער, איבערגעבנדיק אין טאָגבוך דעם אינהאַלט פון זײַן שמועס מיטן מעכאַבער פון דער „קריטיק פון ריינעם געוויסן", פאַרענדיקן מיט אַ לײַכטן שמייכל: „אַלץ איז פּאַשעט, אַכוץ... זײַן מעטאַפיזיק".

ניט געקוקט אויף זײַנע יונגע יאָרן, איז קאַראַמזין שוין געווען גאַנץ באַהאַוונט אין דער ליטעראַטור, פילאָסאָפיע און זשורנאַליסטיק. ער האָט געהערט דעם באַיאָרטן מאַן מיט אָפּשײַ, נאָר אָן היספּײַלעס און פּיעטעט פון אַן אָנפאַנגער. אין 1783 האָט דער זעכצניאָריקער ליטעראַט שוין פאַרעפנטלעכט (און דאָס איז געווען

זײַן ערשטע פּובליקאַציע) אַן איבערזעצונג פון דער אידיליע פון דעם שווייצאַרער פּאָעט און קינסטלער סאַלאָמאָן געסנער „דער הילצערנער פוס". אין דרײַ יאָר אַרום האָט ער זיך אַקטיוו איבערגעשריבן מיט לאַפאַטערן, וועלכער איז דאַן געווען באַוווּסט ווי אַ פילאָסאָף און טעאָלאָג. קאַראַמזין האָט גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין נאָוויקאָווס האַסקאַלע־אויסגאַבעס. אין 1787 איז דערשינען אין קאַראַמזינס איבערזעצונג שעקספּירס טראַגעדיע „יולי צעזאַר", און אין פאָלגנדיקן יאָר האָט ער איבערגעזעצט „עמיליע גאַלאָטי" פון גאָטהאָלד עפראַים לעסינגן, דעם שעפער פון „נאַטאַן דעם כאַכעם" און „לאַאָקאָאָן". אין „עמיליע גאַלאָטי", לויט דער מיינונג פון קאַראַמזינען, „רעדט דער אוטאָר מיט דער שפּראַך פון קאַטאָנען וועגן פרײַהייט פון גײַסט און שטראָפט „די בלוטזויגער די טיראַנען, וועלכע אונטערדריקן די אומשולדיקייט".

אָף הונדערט און צוואַנציק זײַטלעך פון די „בריוו פון אַ רוסישן רײַזנדער", געווידמעט דער צײַט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דײַטשלאַנד, ווערט פיל מאָל דערמאָנט דער נאָמען פון מוישע מענדעלסאָנען (לויט דער דעמלטיקער טראַנסקריפּציע — מענדעלזאָן). דערבײַ ווײַזט ער אַרויס אַ גאַנץ באַדײַטנדיקע באַקאַנטשאַפט מיט די ווערק פון אָט דעם אָנגעזעענעם דענקער. שוין אין דער ערשטער נאָטיץ, ווי מיר האָבן אָנגעוויזן, רופט ער אָן מענדעלסאָנען „דער יידישער סאָקראַט". דאָס איז פאַרבונדן ניט נאָר מיט מענדעלסאָנס גרויסן מאָראַלישן אויטאָריטעט פון אַ בערלינער מאַסקיל, נאָר אויך מיט זײַן ווערק „פעדאָן, אָדער וועגן דער אומשטערבלעכקייט פון דער נעשאָמע", וואָס האָט דאַן געמאַכט אַ רווישעם. די זאַך איז אין דעם, וואָס מיט דעם נאָמען „פעדאָן" רופט זיך אויך אָן איינער פון די וויכטיקסטע דיאַלאָגן פון פּלאַטאָנען, ווו דער הויפּט־מיטשפּרעכער איז געווען סאָקראַט.

נאָר אין 1763, ווען מענדעלסאָן האָט אַנאָנים רעצענזירט דעם פּראָספּעקט פון קאַנטס לעקציעס „דאָס שעקערלעכע קליגן זיך אין די פיר פיגורן פון סילאָגיזמען", האָט ער אָנגערופן קאַנטן „דער דרייסטער מענטש, וועלכער דראָעט די דײַטשישע אַקאַדעמיעס מיט אַ שרעקלעכער רעוואָליוציע". די רעצענזיע איז געווען אַ סאַמע גינסטיקע פאַר דעם אוטאָר פון די לעקציעס.[1]

דער גורל האָט ניט איין מאָל צונויפגעפירט די שפּעטערישע וועגן פון מענדעלסאָנען און קאַנטן, האַגאַם אין לעבן האָבן זיי זיך פּערזענלעך באַגעגנט נאָר איין מאָל.

מוישע מענדעלסאָן איז געבוירן אין 1729, געשטאָרבן אין 1786. זײַן דערציִונג איז געווען אַן אויסגעשפּראָכן רעליגיעזע, נאָר שוין אין עלטער פון 14 יאָר איז ער אַריבערגעפאָרן פון דעסאַו קיין בערלין, קעדיי צו באַקומען וועלטלעכע בילדונג. באַם אַרײַנפאָר אין דער הויפּטשטאָט פון פּרייסן איז אים אויסגעקומען צו באַצאָלן אַ באַזונדערן שטײַער, אָן וועלכן מע פלעג קיין יידן ניט אַרײַנלאָזן אין דער שטאָט. דאָרט האָט ער שטודירט מאַטעמאַטיק, לאַטײַן, אַנדערע שפּראַכן. דערנאָך איז ער געוואָרן אַ לערער, שפּעטער — אַ כעזשבנפירער און אין אַ צײַט אַרום — אַ פאַרוואַלטער באַ אַן אייגנטימער פון אַ רײַכער מאַנופאַקטור.

אין 1762 האָט די פּרײַסישע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע געמאָלדן אַ קאָנקורס. מע האָט אײַנגעלאַדן זיך באַטייליקן אין אים די געלערנטע פון אַלע לענדער (אַכוץ די מיטגלידער פון דער אַקאַדעמיע, וועלכע זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין זשורי). די אויפגאַבע פון דעם קאָנקורס איז באַשטאַנען אין דעם, מע זאָל אויסקלאָרן, צי אַנטהאַלטן אין זיך די פילאָסאָפישע פעסטשטעלונגען, און באַזונדערס די גרונט־באַגריפן פון טעאָלאָגיע און מאָראַל, די זעלבע מעגלעכקייטן פון אָנשוילעכע דערווייזונגען, וועלכע עס האָבן די פעסטשטעלונגען פון געאָמעטריע; אין דעם פאַל, ווען אַזעלכע מעגלעכקייטן עקזיסטירן ניט, דאַרף מען אויסקלאָרן, אין וואָס באַשטייט די נאַטור פון די דאָזיקע גרונט־באַגריפן, אָף וויפל לאָזן זיי זיך צו באַשטעטיקן, און צי קאָן מען ביכלאַל זיי איבערצײַגעוודיק באַשטעטיקן. דער קאָנקורס איז געווען אַן אַנאָנימער: די אוטאָרן האָט מען געבעטן זייערע נעמען ניט אָנווײַזן, נאָר מיטיילן זיי אין אַ באַזונדערן פאַרכאַסמעטן קאָנווערט, ווי עס פאָדערט זיך ביכלאַל בעשאַס אַזעלכע קאָנקורסן. דעם 31 מײַ 1763 איז אָף דער באַראַטונג פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע באַשטימט געוואָרן, וועלכע אַרבעט האָט פאַרדינט די ערשטע פּרעמיע — אַ גאָלדענע אָנדענק־מעדאַל פון 50 דוקאַטן די ווערט. נאָך דעם, ווי מע האָט אויפגעעפנט דעם פאַרכאַסמעטן קאָנווערט, האָט מען פעסטגעשטעלט, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן אין דער אָפיציעלער מיטיילונג, אַז „דער אָרטיקער ייד מוישע, דער זון פון מענדלען, איז דער אוטאָר פון דער פּרעמירטער אַרבעט אונטער דעם דעוויז:

> נאָר אַפילע די שפּורן, וועלכע איך האָב דאָ קוים אָנגעמערקט, איז גענוג,
> אַז דו זאָלסט מיט דײַן פילבאַרן זינען דערשפירן דאָס איבעריקע, —

וואָס עס איז קימאַט גלײַך צו דער פאַרפאַסונג פון דעם געלערנטן יידן, וועלכער האָט דעראָבערט דעם ניצאָכן". (גראַד מיט אָט די צוויי לאַטײַנישע שורעס פון לוקרעציס פּאָעמע „וועגן דער נאַטור פון די זאַכן" האָט קאַנט פאַרשפּיריִרט זײַן טראַקטאַט „די אויספאָרשונג פון דער אָנשוילעכקייט פון די פּרינציפּן פון דער נאַטירלעכער טעאָלאָגיע און מאָראַל").

לאָמיר זיך איצט ווענדן צו דער צווייטער נאָטיץ אין קאַראַמזינס טאָגבוך, וועלכע האָט אַ שײַכעס צו מענדעלסאָנען. זי איז פון דעם 13 יולי (ערעוו דעם שטורעם פון דער באַסטיליע).

[1] פאַר די דאָזיקע און אַנדערע ידיעות וועגן קאַנטן, וואָס ווערן דאָ געבראַכט, זײַנען מיר דאַנקבאַר דעם אוטאָר פון זײַן וויסנשאַפטלעכער ביאָגראַפיע א. גוליגאַ.

קאַראַמזין שרײַבט: „איך האָב געזען אומעטום ווײַזן, גליק און שאַלעם; פֿייגעלעך, וועלכע האָבן געשוועבט און געשוואומען אין דער ריינער לופֿט איבער מײַן קאָפּ, האָבן אויסגעדריקט פֿאַר מיר פֿריילעכקייט און זאָרגלאָזיקייט... יעדער פּויער, וואָס האָט געשפּרײַזט איבער דער לאַנקע, האָט אויסגעזען, ווי א גאָטס באַשעפֿעניש, וואָס לעבט אין וווילשטאַנד און האָט מיט שעפֿע אַלץ, אין וואָס עס נייטיקט זיך א מענטש". (ניט לאַנג פֿאַר דעם האָבן די דערנעענטערטע צו דער קיניגן מאַריע־אַנטואַנעטע איבערגעגעבן, אַז „די פּויערים בונטעווען — ס'איז בא זיי ניטאָ קיין ברויט", און די קיניגן האָט געענטפֿערט: „זאָלן זיי עסן לעקעך!".

„איך האָב זיך צוגעזעצט באַם וועג, — שרײַבט ווײַטער קאַראַמזין, — און זיך דערוואַרט, ביז עס איז אָנגעקומען די פּאָטשט־קאַליאַסקע. מיט מיר זײַנען געווען גענוג כאַווירים. צווישן אַנדערע א מאַגיסטער, אָדער א דאָרפֿס־פּריידיקער, אין א געלן פֿראַק, און צוויי יונגע סטודענטן, א לײַפּציגער און א פּראַגער, וועלכער איז געזעסן לעבן מיר און באַלד טאַקע פֿאַרפֿירט א שמועס: „וועגן וואָס טראַכט איר?" „וועגן מענדעלסאָנס „פֿעדאָן", וועגן דער נעשאָמע און דעם קערפּער", „פֿעדאָן, — זאָגט ער, — איז, מעגלעך, די סאַמע שאַרפֿזיניקע פֿילאָסאָפֿישע פֿאַרפֿאַסונג; אָבער אַלע זײַנע דערווײַזונגען פֿון אונדזער אומשטערבלעכקייט פֿירט ער אַרויס נאָר אָפֿן גרונט פֿון איין היפּאָטעזע. פֿיל וואַרשײַנלעכקייטן, נאָר ס'איז ניטאָ קיין איבערצײַגונג; און גיכער פֿון אַלץ ווילן מיר זיי אומזיסט זוכן אין די שאַפֿונגען פֿון די אַלטע און נײַע פֿילאָסאָפֿן". — „מע דאַרף זיי זוכן אין האַרצן", — האָב איך געזאָגט. — „אָ, מײַן הער! — האָט מיר דערווידערט דער סטודענט, — די האַרצלעכע איבערצײַגעוודיקייט האָט ניט קיין שײַכעס צו דער פֿילאָסאָפֿישער איבערצײַגעוודיקייט: מע קאָן זיך אַף איר ניט פֿאַרלאָזן; איצט פֿילט איר זי, נאָר אין א מינוט אַרום ווערט זי פֿאַרשוווּנדן, און איר וועט ניט געפֿינען איר אָרט. מע דאַרף, אַז די איבערצײַגעוודיקייט זאָל זיך אָנשפּאַרן אַף באַגרינדונגען, און די באַגרינדונגען — אַף יענע אײַנגעבוירענע באַגריפֿן פֿון ריינעם פֿאַרשטאַנד, אין וועלכע עס אַנטהאַלטן זיך אַלע אייביקע, אומבאַזיניקטע עמעסן. גראַד די דאָזיקע איבערצײַגעוודיקייט זוכט דער מעטאַפֿיזיקער אין דער אָפּגעזונדערטקייט, אין דעם כאַשכעס פֿון דער נאַכט, בא דער שוואַכער שײַן פֿון דער לאַמפּאַדע, פֿאַרגעסנדיק פֿון שלאָף און רו. ווען מיר קאָנען זיך דערווײַזן פּינקטלעך, וואָס עס איז אויגנס די נעשאָמע אין זיך אַליין, וואָלט זיך אונדז אַלץ געעפֿנט, נאָר..."

קימאַט מיט הונדערט יאָר שפּעטער וועט דער רומענישער פּאָעט מיכײַ עמינעסקו, אַרײַנדרינגענדיק אין די טהאָמען פֿון קאַנטס טיפֿזיניקייט, פֿאַרשטעלן אונדז אָט דעם פֿילאָסאָף מיט פֿאָלגנדע שורעס (מאַכנדיק געדיכטער, צוליב קאָנטראַסט, די פֿאַרבן):

...דאָרטן, זע, דער אַלטער זאָקן רײַבט זיך אויס
די עלנבויגנס...
און אָן עק די מענגע ציפֿערן גייט אַדורך פֿאַר
זײַנע אויגן.
ס'איז אים קאַלט, און ער פֿאַרהילט זיך אין דעם
אַלטינקן כאַלאַט,
ציט דעם האַלדז אַרײַן אין קאָלנער, אין די אויערן
שטופּט ער וואַטע.
דאַר און קוואַר און אײַנגעשרומפּן: וועסט ניט
אָפּשטעלן דאָס וועלקל.
נאָר אַפֿילע אין קליינפֿינגער האָט ער אײַנגעפּאַקט
די וועלטן,
די פֿאַרגאַנגענהייט און צוקונפֿט נעמט אַרום זײַן
קלאָרן מויעך,
און די אייביקייט אין ציפֿערן איז ער אויסדריקן
בעקויעך.
ווי אַטלאַס אַף זיך געהאַלטן האָט אַמאָל דער
הימל־ראַנד, —
האַלט דער זאָקן אַף כּעזשבוינעס צײַט און רוים
מיט שוואַכער האַנט.

(ייִדיש — מ. פּענס)

אַליזאַ, דער פּראַגער סטודענט און דער רוסישער רײַזנדער, ביידע יונגע מענטשן, פֿירן א וויכּוח אַף דעם דאָרפֿישן וועג צווישן דרעזדען און לײַפּציג וועגן אומשטערבלעכקייט פֿון דער נעשאָמע. דער פּראַגער צווייפֿלט אין דעם, אַרויסגייענדיק פֿון קאַנטס „ריינעם פֿאַרשטאַנד", און דער רוסישער, אין די בעסטע טראַדיציעס פֿון דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור, אָנהייבנדיק פֿון דעם פּראָטאָפּאָפּ אַוואַקום ביז דעם גראַף טאָלסטאָי, לײַגט אים פֿאַר „וועגן דער נעשאָמע א טראַכט טאָן". נאָר, אייגנטלעך, וועגן וועלכער מענדעלסאָנס האַשאָרע גייט דאָ א רייד? אין זײַן דערקלערונג פֿון גאָטס „זײַן" און דער אומשטערבלעכקייט פֿון דער נעשאָמע האָט מענדעלסאָן צוגעגעבן צו די אַרגומענטן פֿון פּלאַטאָנען און לײַבניצן א מאָראַל־טעאָלאָגישע דערווײַזונג. אין „פֿעדאָן" האָט ער, באַזונדערס, באַשטעטיקט די אומשטערבלעכקייט, אָנשפּאַרנדיק זיך אַף דער פּאָשעטקייט, אַנדערש געזאָגט, אַף דער עלעמענטאַרישקייט, אומטיילבאַרקייט פֿון דער נעשאָמע. דער טויט, האָט ער געהאַלטן, איז א פֿאַרשווינדונג, נאָר דאָס, וואָס טיילט זיך ניט, קאָן ניט ווערן קלענער, אַלזאָ, פֿאַרשווינדן. קאַנט האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער צווייטער אויסגאַבע פֿון זײַן פֿונדאַמענטאַל ווערק „די קריטיק פֿון ריינעם פֿאַרשטאַנד" א ספּעציעלן אָפּטייל „די האַקכאָשע פֿון מענדעלסאָנס דערווײַזונג פֿון דער באַשטענדיקייט פֿון דער נעשאָמע". אין דעם אָפּטייל ווײַזט ער אָן, אַז פֿאַרקלענערונג קאָן פֿאָרקומען ניט נאָר ווי א פֿאַרענדערונג פֿון דער גרייס, דה. עקסטענסיוו, נאָר אויך ווי אַן ענדערונג פֿון דער ווירקלעכקייט, דה. אינטענסיוו. דער זינען טיילט זיך ניט אַף אַטאָמען, ער האָט אָבער פֿאַרשידענע שטופֿעס פֿון ווירקלעכקייט (האַגאַם נאָך פֿאַר צוויי יאָר ביז קאַנטן און אומאָפּהענגיק פֿון אים האָט דער ליטעראַט און פֿילאָסאָף קאַרל שפּאַציר אין זײַן ווערק „אַנטי־פֿעדאָן" באַמערקט, אַז די אינטענסיווקייט פֿון דעם זינען ענדערט זיך, אָפּהענגיק

פון דער עלטער: אין די יונגע יאָרן וואַקסט זי, אין די עלטערע יאָרן פאַלט זי).

לאָמיר זיך דערמאָנען אין מ. בולגאַקאָווס בוך „דער מײַסטער און מאַרגאַריטע“, — מיר מיינען דאָ דעם געשפּרעך פון בערליאָזן און איוואַן בעזדאָמנען מיט וואָלאַנדן, אין וועלכן עס ווערט, אייגנטלעך, פאַרקניפּט דער ראָמאַן:

— נאָר דערלויבט אײַך צו פרעגן, — האָט נאָך די אומרויִקע ראַיוינעס אָנגעהויבן רעדן דער אויסלענדישער גאַסט, — וויאַזוי זשע זאָלן מיר זיך באַגיין מיט די דערווײַזונגען פון גאָטס זײַן, וועלכע, ווי באַוווּסט, עקזיסטירן פּונקט פינף?

— צום באַדויערן, — האָט געענטפערט בערליאָז, — איז קיין איינע פון די דאָזיקע דערווײַזונגען גאָרנישט ניט ווערט, און די מענטשהייט האָט זיי שוין פון לאַנג אָפּגעגעבן אין אַרכיוו. איר וועט דאָך מסכים זײַן, אַז אין געביט פון זינען קאָן ניט זײַן קיין שום דערווײַזונג פון גאָטס עקזיסטענץ.

— בראַוואָ! — האָט אויסגעשריִען דער אויסלענדער, — בראַוואָ! איר האָט פולקאָם איבערגעחזרט דעם געדאַנק פון דעם אומרויִקן זאָקן אימאַנויִל אין דער הינזיכט. נאָר אָט האָט איר א קוריאָז: ער האָט אינגאַנצן צעשטערט אַלע פינף דערווײַזונגען, און דערנאָך, פּונקט ווי אױף אויסצולאַכן זיך אַליין, אויפגעשטעלט זײַן אייגענע, זעקסטע דערווײַזונג!

— קאַנטס דערווײַזונג, — האָט מיט א דין שמייכל דערווידערט דער געבילדעטער רעדאַקטאָר, — איז אויך ניט איבערצײַגעוודיק. און ניט אומזיסט האָט שילער געזאָגט, אַז קאַנטס כּקירעס איבער דער דאָזיקער פראַגע באַפרידיקן נאָר די קנעכט, און שטראַוס האָט פּאָשעט אויסגעלאַכט אַזאַ דערווײַזונג...

— דעם דאָזיקן קאַנט וואָלט מען געדאַרפט נעמען און פאַרשיקן אויף א יאָר דרײַ קיין סאָלאָווקי! — האָט גאַנץ אומדערוואַרט אַרויסגעהויכט איוואַן ניקאָלײַעוויטש.

— איוואַן! — האָט, דערפילנדיק זיך אומבאַקוועם, א שעפּטשע געטאָן בערליאָז. נאָר דער פאָרשלאָג אַרויסשיקן קאַנטן קיין סאָלאָווקי האָט נישט בלויז ניט דערשטוינט דעם אויסלענדער, נאָר, פאַרקערט, געבראַכט אים אין אַנציקונג.

— טאַקע אַזוי, טאַקע אַזוי! — האָט ער זיך צעשריִען, און דאָס לינקע גרינע אויג זײַנס, וואָס איז געווען געווענדט צו בערליאָזן, האָט אָנגעהויבן בלישטשען. — דאָרט איז פאַר אים דאָס סאַמע געהעריקע אָרט! איך האָב אײַך דאָך געזאָגט באַם פרישטיק: „איר, פּראָפעסאָר, אײַער ווילן האָבן עפּעס אומגעלומפּערטס צוגעטראַכט! ס'איז, קאָן זײַן, טאַקע קלוג, נאָר שוין זייער ניט פאַרשטענדלעך. איבער אײַך וועט מען דאָך לעצאָנעס טרײַבן!“

דאָ מוזן מיר פאַרפינקטלעכן: קאַנט האָט מיט אייניקע פאָרבאַדינגען דערלאָזט די עקזיסטענץ פון גאָט, אָנשפּאַרנדיק זיך דערבײַ אויף דעם אַזויגערופענעם אַנטאָלאָגישן דערווײַז.

האַלטנדיק גאָט ווי דאָס סאַמע פולקומע וועזן, קאָנען מיר אים ניט אָפּזאָגן אין דעם זײַן, אויב „ס'איז ביכלל מעגלעך דערווײַזן אַזאַ באַהויפּטונג, וואָס שטײַגט אויף אַזויפיל איבער די עמפּירישע באַנוצונג פון אונדזער געדאַנק“. קאַנט האָט געהאַלטן, אַז ניט גלויבן אין גאָט קאָן א מענטש ניט, ווײַל אָן דער איבערצײַגונג אין זײַן אומשטערבלעכקייט קאָן ער ניט איבערטראָגן דאָס בייז, וואָס הערשט אויף דער וועלט. אַזוי־אַרום, איז גאָט בא קאַנטן — א מאָראַלישער געזעץ, וואָס עקזיסטירט אָביעקטיוו, — דאָס איז די ליבע, וואָס איז קעגנגעשטעלט דעם בייז.

„גאָט איז ליבע“, און דער גלויבן פון דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד אין דעם דאָזיקן פּרינציפּ ליגט אין גרונט פון זיטלעכקייט. פון דעם ווערט אונדז קלאָר טאָלסטאָיס ליבע צו קאַנטן, פונדאַנען דרינגט אויך אַרויס דער באַוווּסטער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו: „טו אַזוי, אַז דער כּלל פון דײַן ווילן זאָל תּמיד קאָנען ווערן א פּרינציפּ פון אַלגעמיינער געזעצגעבונג“. פירנדיק א פּאָלעמיק איבער פּרינציפּיעלע פראַגעס מיט זײַן בערלינער קאָלעגע מענדעלסאָן, האָט קאַנט איינײַנעם מיט דעם הויך געשעצט די מעכטיקייט פון זײַן פילאָסאָפישן דענקען און זײַן קלאָרן סטיל. „ניט פיל, — האָט ער באַהויפּטעט, — פאַרמאָגן אַזאַ גליקלעכע פייִקייט אויסדריקן זייערע געדאַנקען אַזוי, אַז זיי זאָלן ווערן פאַרשטענדלעך פאַר אַנדערע. דאָס קאָן נאָר איין מענדעלסאָן“.

דער זיג פונעם 32־יאָריקן מענדעלסאָן אויפן קאָנקורס פון דער פּרײַסישער אַקאַדעמיע האָט באַגײַסטערט דעם יונגן געלערנטן, און ער האָט געמאַכט א דרייסטן פּרוּוו אַרײַנפירן נײַע נאָרמעס אין גײַסטלעכן לעבן פון די דײַטשישע ייִדן. זײַן באַרימטע איבערזעצונג פון דעם תּנך אויף דײַטש האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א געוויסן בײַטראָג אין דער ייִדישער קולטור. ער האָט אָבער געשטעלט פאַר זיך אויפגאַבעס ניט נאָר פון ריין ליטעראַרישן, נאָר אויך פון אידעאָלאָגישן באַטײַט. ער פלעגט געוואַגט אַרויסטרעטן קעגן די פאַרדומפּטע דאָגמעס פון דעם יודאַיִזם.

אין דעם בריוו פון 16 אויגוסט 1783, ווענדנדיק זיך צו מענדעלסאָנען, האָט קאַנט געשריבן: „דער הער פרידלענדער וועט אײַך דערציילן, מיט וואָס פאַר אַן אַנציקונג איך האָב געלייענט אײַער דורכדרינגלעכן, איידעלן און קלוגן „ירושלים, אָדער וועגן דער רעליגיעזער מאַכט אין ייִדישקייט“. — א. ב.). אײַער בוך נעם איך אויף ווי א פּראָקלאַמירונג פון דער גרויסער, האָגאָם פּאַמעלעך אָנקומענדיקער, אָפּטמאָל אָפּטרעטנדיקער רעפאָרם, וועלכע וועט באַרירן ניט נאָר אײַערע, נאָר אויך אַנדערע נאַציעס. איר האָט געקאָנט פאַראייניקן אײַער רעליגיע מיט אַזאַ הויכער מאַדרייגע פון פרײַהייט פון געוויסן, וועלכע קיינער האָט ניט געקאָנט פאָרויסזען און מיט וועלכער עס קאָן זיך ניט באַרימען קיין שום אַנדער רעליגיע. אין דער זעלבער צײַט רעדט איר וועגן דער נויטווענדיקייט צו דערלאָזן אַן אומבאַגרענעצטע פרײַהייט פון געוויסן פאַר

יעדער רעליגיע מיט אזא באגרינדונג און קלאָרקייט, אז די קירכע, פון איר זייט, וועט אויך מוזן א טראַכט טאָן וועגן דעם, וויאַזוי זי זאָל זיך באפרייען פון אלץ, וואס קאָן פארשווערן און אונטערדריקן דאָס געוויסן, אָפּהיטנדיק דערביי דאָס, וואס מוז סאָפּקאָלסאָף פארייניקן די מענטשן בענעגייע די הויפּט־מאָמענטן פון דער רעליגיע: ווייל אלע געזעצן פון דער רעליגיע, וועלכע פארשווערן דאָס געוויסן, קומען צו אונדז פון דער געשיכטע, ווען דעם גלויבן אין זייער וואָרהייט פארוואַנדלט מען אין א באַדינג פון זעליקייט".

דעם 16 יול הערט קאראמזין דעם דאָקטאָר פלאַטנערס א לעקציע וועגן עסטעטיק. פלאַטנערן האלט ער פאר איינעם פון די סאַמע באַרימטסטע לייפּציגער פילאָסאָפן. די לעקציע איז געווען געווידמעט דער פראגע וועגן דעם, וואס עס איז אזוינס א גאָען. (דאָס קומט פאָר אין דייטשלאנד, און אין פראנקרייך האָט אָפּן צווייטן טאָג דער קיניג לודוויק דער XVI אנערקענט די באשטימונגען פון דער נאַציאָנאַלער פארזאַמלונג און מיט א שווער הארץ זיך געיאָוועט קיין פּאריזש באגריסן דאָס זיגרייכע פאָלק).

"דער גרויסער זאל איז געווען אזוי איבערגעפּולט מיט יונגע מענטשן, אז ס'איז ניט געווען וווהין אַן עפּל צו פאלן... פלאַטנער איז שוין געווען אַף דער קאַטעדרע און גערעדט. "א גאָען, — האָט ער געזאָגט, — קאָן זיך ניט פארנעמען מיט גאַרנישט, אַכוץ וויכטיקס און גרויס׳ — אַכוץ דער נאַטור און דעם מענטשן אין זיין פולקומקייט. אלזאָ, פילאָסאָפיע, אין העכסטן באטייט פון דעם דאָזיקן וואָרט, איז דעם גאָענס וויסנשאפט. ער קאָן זיך פארנעמען אויך מיט אנדערע וויסנשאפטן, נאָר טאָמיד אין דער באַציונג צו דער דאָזיקער... און, צום ענדע, און אלע טאַטן פון אַזאַ מענטשן זעט מען א באַזונדערן גייסט פון איפּערזוכט, וועלכער באלעבט, אזוי צו זאָגן, און אונטערשיידט זיי פון די אופּטואן פון געוויינלעכע מענטשן. איך וועל אייך געבן דעם ביישפּיל מיט פראנקלינען — ניט ווי א געלערנטן, נאָר ווי א פּאָליטיקער. צוקוקנדיק, וויאַזוי עס ווערן געדרודעפּט די רעכט פון די מענטשן, מיט א וועלכן פלאַם נעמט זיך פראנקלין זיי צו פארטיידיקן! פון דער דאָזיקער מינוט אָן הערט ער אוף לעבן פאר זיך, און אין דעם אלגעמיינעם גוטס פארגעסט ער זיין אייגנס... דער זעלבער גייסט פון איפּערזוכט מאַכט לעבהאַפטיק און טיילט אויס די שאַפונגען פון גרויסע גאָונים. ווען מע וואָלט קאָנען אָט דעם גייסט ארויסבאקומען, לעמאָשל, פון מענדעלסאָנס "פילאָסאָפישע בריוו" אָדער פון זיין יערושאָלאַים־בוך וועגן רעליגיע (דאָ ווערט געמיינט מענדעלסאָנס ווערק "צו לעסינגס פריינט", וואס איז דערשינען נאָך מענדעלסאָנס טויט. — א. ב.), וואָלטן אין דעם ערשטן בוך געבליבן נאָר פילאָסאָפישע פּילפּולים און אין דעם צווייטן — געוויינלעכע דאָגמאַטן פון טעאָלאָגיע; נאָר, באַלויכטענע מיט דעם דאָזיקן פייער, דערהויבן זיי די נעשאָמע פון דעם לייענער".

מיר זעען, אז פלאַטנער שטעלט ארויס אלס מוסטער די טעטיקייט פון דעם אַנגעזעענעם אמעריקאַנער געלערנטן ב. פראַנקלין, וועלכער האָט אופגעהערט זיך פארנעמען מיט וויסנשאפט און פאנאנדערגעוויקלט א שטורמישע דיפּלאָמאַטישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, קעדיי דערשלאָגן זיך, אז דאָס קיניגלעכע פראנקרייך זאָל אונטערהאלטן די ניי־געבילדעטע צאָפן־אמעריקאַנישע פארייניקטע שטאַטן אין זייער באפרייונגס־קאַמף קעגן ענגלאנד. אַף דער היינטצייטיקער שפּראַך, הייסט עס, גייט דאָ א רייד וועגן הומאַניזם, מענטשלעכקייט און פרייהייטליבע פון דעם גאָען. אָט אזוי הויך, ווייזט זיך ארויס, האָבן אָפּגעשאַצט די מיטצייטלער מענדעלסאָנס פילאָסאָפישע ווערק.

די פרייהייטליבנדיקע סטודענטן האָבן, לויט קאראמזינס גוויִעס־איידעס, געהערט זייער פּראָפעסאָר "מיט אויסערגעוויינלעכער אכטונג... ווען ער איז אראָפּגעגאַנגען פון דער קאַטעדרע, האָט מען פאר אים, ווי פאר א קייסער, געמאַכט א געראַמען וועג ביז צו דער סאַמע טיר".

אין דעם זעלבן אָוונט האָט קאראמזין באַזוכט פלאַטנערן בא אים אין דער היים און דערנאָך פארשריבן אין טאָגבוך: "ער געדענקט ק*. ר* און אנדערע רוסן, וועלכע האָבן זיך דאָ געלערנט. "אלע זיינען זיי געווען מיינע טאַלמידים, — האָט ער געזאָגט, — נאָר איך בין נאָך דאַן געווען ניט דאָס, וואס איצט". די פארשיפּרירטע פאַמיליעס זיינען דורכזיכטיק: פון 1766 ביז 1771 האָט אין לייפּציגער אוניווערסיטעט זיך געלערנט דער קינפטיקער רוסישער רעוואָלוציאָנער־מאַסקיל א. נ. ראַדישטשעוו מיט זיין כאַווער א. מ. קוטוזאָוו, וועמען ער האָט געווידמעט זיין "רייזע פון פעטערבורג קיין מאָסקווע", און מיט דעם פּרי. פארשטאָרבענעם דענקער פ. וו. אושאַקאָוו. ווי באַוווּסט, איז זייער לערנען דורכגעגאַנגען אין די סאַמע שווערסטע באַדינגונגען, געשאַפענע מיצאַד דעם אופזעער באַקום און דעם גאַלעך־אַבסקוראַנט פּאַטער פּאַוועל, וועלכע זיינען געווען צוגעשטעלט צו די שילער פון דער יעקאַטערינישער רעגירונג. ניט געקוקט אַף דעם, האָבן גראַד אין לייפּציג ראַדישטשעוו און זיינע כאַווירים איינגעזאַפּט און שעפּעריש באַזיניקט די אידייען פון דער אייראָפּעישער האַסקאָלע.

מע דאַרף אנערקענען, אז קאראמזינען, זייער יינגערן מיטצייטלער, האָבן די פּאָליטישע און סאָציאַלע פראַגן אינטערעסירט ווייניקער, איידער פילאָסאָפישע און רעליגיעזע. ער האָט אָבער פארמאָגט ניט נאָר א סענטימענטאַל הארץ, נאָר אויך זייער א פילבאַר הארץ: בא דער גאַנצער פארשלאָסנקייט אין זיך איז ער צו די היסטאָרישע געשעענישן ניט געווען גלייכגילטיק, דאָס איינזען מענטשלעכע ליידן האָט אים אופגעבראַכט ביז דער טיף פון דער נעשאָמע.

פארצייכענענדיק די טיפן פון מענטשלעכע טעמפּעראַמענטן, האָט קאַנט אזוי כאַראַקטעריזירט א מעלאַנכאָליק (און דערביי האָט ער זיך אליין אויך צוגעשריבן צו דעם טיפּ): "ער האָט

א טיפן געפיל פון מענטשלעכער ווירדע. ער ווייסט די ווערט, וואָס ער אַליין פאַרמאָגט, און האַלט דעם מענטשן פאַר א באַשעפעניש, וואָס פאַרדינט קאָוועד. קיין שום נידערטרעכטיקע געהאָרכזאַמקייט קאָן ער ניט ליידן, און זײַן אײדלקייט אָטעמט מיט פרײַהייט. אַלע קייטן — אָנהייבנדיק פון די באַגילדעטע, וועלכע מע טראָגט באַם קיניגלעכן הויף, ביז די שווערע אײַזערנע קייטן פון קנעכט אַף די גאַלערעס, — זײַנען אים עקלהאַפטיק. ער איז א שטרענגער ריכטער סײַ פאַר זיך, סײַ פאַר אַנדערע, און אָפט איז ער ניט צופרידן ניט מיט זיך, ניט מיט דער וועלט".

די זעלבע שטריכן זײַנען געווען אייגנטימלעך אויך קאַראַמזינען.

די נאָטיץ פונעם 31 יולי דערציילט וועגן דער צײַט, ווען ער האָט זיך געפונען אין פראַנקפורט־אַף־מײַן. דער רײַזנדער, ווי עס פאַסט טאַקע פאַר א נײַגעריקן טוריסט, האָט באַזוכט דאָס באַוווּסטע אָרטיקע ראַט־הויז און די קאַטעדראַלע קירכע און מיט באַוווּנדערונג אָפּגעמערקט, אַז די בסולע מאַריע אַף דער סטאַטוע איז אָנגעטאָן אין א ווײַסער קלייד פון דינער איידעלער מאַטעריע. „צי נייט מען איר אָפט נײַע קליידער? — האָב איך געפרעגט בא מײַן באַגלייטער. „פון יאָר צו יאָר", — האָט ער געענטפערט".

(דאָס רעוואָליוציאָנערע פראַנקרײַך ברויזט און זידט. אין די שטעט און דערפער פלאַקערט א פאָלקס־אופשטאַנד, וואָס וואַרפט אָן אַף די מאַכטהאָבנדיקע אַזא שרעק, אַז דעם 4 אויגוסט האָבן דאָס אַדלטום און די גײַסטלעכע זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע פעאָדאַלע רעכט. דעם 18 יולי האָט דאָס אופגעשטאַנענע פאָלק פאַרכאַפּט טרואַ, דעם 19 — סטראַסבורג, דעם 21 — שערבורג, דעם 24 — רואַן).

אין הויך געבילדעטן פראַנקפורט הערשן שאָלעם, ווילזײַן, נאָר קאַראַמזין באַמערקט: „ייִדן זײַנען דאָ פאַראַן מערער פון 7.000, אַלע מוזן זיי לעבן אַף איין גאַס, וואָס איז אַזוי אומריין, אַז מע קאָן ניט דורכגיין דורך איר, ניט פאַרקוועטשנדיק די נאָז. ס'איז א ראַכמאָנעס צו קוקן אַף אָט די אומגליקלעכע באַשעפענישן, אַזעלכע דערנידעריקטע צווישן אַנדערע מענטשן. די קליידער זייערע באַשטייען מערסטנטייל פון פאַרשמאָלצעוועטע שמאַטעס, דורך וועלכע מע זעט דאָס נאַקעטע לײַב. יעדן זונטיק, ווען עס הייבט זיך אָן די דינסט אין די קירכעס פון די קריסטן, פאַרשפּאַרט מען די גאַס, און די אָרעמע ייִדן זיצן ווי פאַרקנעכטעטע אין זייערע נאָרעס, ביז עס ענדיקט זיך די דינסט. אַף נאַכט פאַרשפּאַרט מען זיי אַף דעם זעלבן אויפן. אַכוץ דער דאָזיקער צוואַנג, אויב עס מאַכט זיך אין שטאָט א סרייפע, זײַנען זיי פאַרפליכטעט פירן וואַסער און לעשן דאָס פײַער...

...שוין פון לאַנג איז באַמערקט געוואָרן, אַז אַלגעמיינע ליידן פאַרייניקן די מענטשן אַמשטאַרקסטן. אַזוי, אַז אויך די ייִדן, געטריבענע פון דעם גוירל און אונטערדריקטע פון אַזעלכע ווי זיי מענטשן, זײַנען צווישן זיך ענגער פאַרבונדן, איידער מיר, די טריומפירנדיקע קריסטן. איך וויל זאָגן, אַז בא זיי באַמערקט מען מערער דעם גײַסט פון געזעלשאַפטלעכקײַט, איידער בא אַן אַנדער פאָלק. א ייִד אין צעריסענע טראַנטעס איז גאַנצפרי אַרײַנגעקומען צו מיר און געבראַכט פאַרשיידענע קליינע זאַכענישן. בא מיר איז געזעסן דער דאָקטער נ. „קויפט גאָרניט בא ייִדן, — האָט ער מיר געזאָגט, — א זעלטענער פון זיי איז ניט קיין ליגנער". — „ניט עמעס, הער מײַנער! — האָט געענטפערט מיט היץ דער זון פון ייִסראָעל. — מיר זײַנען ניט ווייניקער ערלעך, ווי די קריסטן". — געזאָגט, און מיט האַרץ אַרויס פונעם צימער. נעכטן טאַקע בין איך אַרײַנגעגאַנגען צו איינעם א ייִד, ער זאָל מיר צעבײַטן עטלעכע טשערוואָנצעס אַף פראַנצויזישע טאַלערן. אַפן טיש איז בא אים געלעגן א צעעפנטער בוך: מענדעלסאָנס „יערושאָלאיִם". „מענדעלסאָן איז געווען א גרויסער מענטש", — האָב איך געזאָגט, נעמענדיק דעם בוך אין די הענט. — „איר ווייסט אים? — האָט ער געפרעגט בא מיר מיט א פריילעכן שמייכל. — צי ווייסט איר, אַז ער איז געווען מיט מיר פון איין נאַציע און האָט געטראָגן פונקט אַזא באָרד, ווי איך?" — „כ'ווייס, — האָב איך געענטפערט, — כ'ווייס". דאָ האָט דער ייִד א וואָרף געטאָן אַפן טיש די טאַלערן און אָנגעהויבן לויבן מענדעלסאָנען מיט היץ און אַנציקונג און פאַרענדיקט די לויב מיט אַן איבערכאַזערונג, אַז אָט דער גרויסער מאַן, אָט דער סאָקראַט און פלאַטאָן פון אונדזערע צײַטן איז געווען א ייִד, א ייִד!

די אָרטיקע אַקטיאָרן האָבן ניט לאַנג צוריק פאָרגעשטעלט שעקספּירס דראַמע „דער ווענעציאַנער סויכער". אַפן צווייטן טאָג האָבן די פראַנקפורטער ייִדן געשיקט צו זאָגן דעם דירעקטאָר פון דער קאָמעדיע, אַז קיין איינער פון זיי וועט ניט גיין אין טעאַטער, אויב די דאָזיקע דראַמע, אין וועלכער מע זידלט זייער נאַציע, וועט מען באַווײַזן נאָכאַמאָל. דער דירעקטאָר האָט ניט געוואָלט פאַרלירן א געוויסן טייל פון זײַן קאַסע און געענטפערט, אַז דעם „ווענעציאַנער סויכער" וועט מען אויסשליסן פון דעם צעטל פּיעסעס, וועלכע עס שטעלט דער פראַנקפורטער טעאַטער".

דאָס איז די לעצטע דערמאָנונג קאַראַמזינס וועגן מענדעלסאָנען אין די „בריוו פון א רוסישן רײַזנדער". זי איז דירעקט פאַרבונדן מיט א מיטפילנדיקער באַשרײַבונג פון דער לאַגע פון די אונטערדריקטע פראַנקפורטער ייִדן. וואָס איז שײַעך דעם האַלב־אַנעקדאָטישן „שטרײַק פון די צושויער", דאַרף מען באַמערקן, אַז די אײַנוווינער פונעם פראַנקפורטער טכום זײַנען, ווײַזט אויס, געווען באַקאַנט מיט שעקספּירס דראַמע נאָר פון פרעמדע מײַלער, ווײַל אַפאַנעמעסן קלינגט שײַלאָקס מאָנאָלאָג ווי א באַשולדיקונגס־אַקט קעגן אַנטיסעמיטיזם. און נאָך אָט וואָס: אַליין מענדעלסאָן האָט געדינט אַלס פּראָטאָטיפּ פאַר לעסינגס הויפּט־העלד נאַטאַן דער כאָכעם אין אָט דער גלענצנדיקער דראַמאַ־

טישער פּאָעמע, וועלכע איז געווען אָנגעצילט קעגן דער קריסטלעכער רעאקציע און האָט פארטיידיקט הומאניזם, גלײַכהײַט און ברודערשאפט צווישן פעלקער.

דער ווײַטערדיקער וועג קאראמזינס פירט אין דער שווייץ, דערנאָך קיין פראנקרײַך. אין דער רוסישער פּובליקאציע פון די „בריוו" פון 1801 איז געגעבן געוואָרן א שארף נעגאטיווע אָפּשאצונג פון דער פראנצויזישער רעוואָליוציע. נאָך אין 1797 האָט קאראמזין פארעפנטלעכט אין פראנצויזישן זשורנאל „צאָפנדיקער צושויער", וועלכער איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין האמבורג, אַן ארטיקל „עטלעכע ווערטער וועגן דער רוסישער ליטעראטור", צו וועלכן ער האָט בײַגעלייגט א טייל פון די „בריוו", וואָס איז ניט ארײַן אין דער רוסישער אויסגאבע. און דאָ האָבן דורכגעקלונגען באדײַטונגספולע ווערטער: „די פראנצויזישע רעוואָליוציע געהערט צו די דערשײַנונגען, וועלכע באשטימען מיט זיך דעם גורל פון דער מענטשהײַט אף לאנגע יאָרן. עס עפנט זיך אוף א נײַע טקופע. מיר איז באשערט זי צו זען, און רוסאָ האָט זי פאָרויסגעזען..."

אומזיניק וואָלט געווען צושרײַבן קאראמזינען רעוואָליוציאָנערן באוווסטזײַן אף א באליביקן עטאפּ פון זײַן לעבן און שאפונג. ער איז געווען א גלויביקער אדעליקער מאסקיל און געהאלטן, אז סאָציאַלע אומגלײַכהײַט איז אייביק. נאָר זײַן וועג האָבן באלויכטן פערזענלעכע און הינטערויגיקע באגעגענישן מיט אזעלכע גרויסע דענקער, ווי קאנט, מענדעלסאָן, רוסאָ, ווי אויך באדײַטנדיקע היסטאָרישע געשעענישן, וועלכע האָבן נישט געקאָנט זיך ניט אָפּשפּיגלען אין זײַן וועלט־אָנשויונג.

אין 1790 קערט זיך אום קאראמזין קיין רוסלאנד. דאָס איז דאָס יאָר פון דער פּובליקאציע (און פונעם פארבאָט!) פון ראדישטשעווס „רײַזע פון פּעטערבורג קיין מאָסקווע", וועלכע האָט געבראכט איר אווטאָר אומשטערבלעכן רום. די „בריוו פון א רוסישן רײַזנדער" האָט מיט דעם גרעסטן אינטערעס געלייענט דאָס גאנצע דעמאלטיקע געבילדעטע פּובליקום. מיט זיי איז אין אונדזער קינסטלערישער ליטעראטור ארײַנגעדרונגען דער גײַסט פון האסקאָלע — עס האָט זיך דערנעענטערט א נײַער יאָרהונדערט. צוויי רײַזעס, און יעדע פון זיי האָט געהאט איר גורל. און האגאם לויט זייער אידייִשן באטײַט קאָן מען די דאָזיקע ביכער ניט פארגלײַכן, האגאם זייערע שעפער זײַנען געשטאנען אף פארשיידענע פּאָליטישע און קינסטלערישע פּאָזיציעס, האָבן דאָך קאראמזינס פארצייכענונגען אופגעטאָן פיל וויכטיקס און נוצלעכס.

אין 1792 שרײַבט קאראמזין זײַן „ליד פון שאָלעם": „מיליאָנען, נעמט ארום זיך, ווי א ברודער מיט א ברודער!", „שטעלט צונויף א קייט, מיליאָנען קינדער פון איין פאָטער! עס זײַנען אײַך געגעבן איינע און די זעלבע געזעצן, איינע און די זעלבע הערצער!" די דאָזיקע שורעס דערשײַנען אין סאמע ברען פון דער פראנצויזישער רעוואָליוציע. ווען די רעגירונג פון יעקאטערינע דער צווייטער האָט דורכגעפירט א באזונדערס רעאקציאָנערע פּאָליטיק בענעגייע דעם אופגעשטאנענעם קעגן דעם אבסאָליוטיזם פראנקרײַך. מיר זײַנען גענייגט צו האלטן די דאָזיקע ליד פאר א פרײַער איבערזעצונג פון שילערס „אָדע צו דער פרייִד"...

אין 1797 שרײַבט קאראמזין אָן אָריגינעלע ליד „טאציט" (דאָס קומט שוין פאָר אין דער צײַט פון פּאוועל דעם I):

טאציט איז גרויס. נאָר רוים, וואָס ער באשרײַבט —
אזא מין קאָוועד איז דען אים צום פּאָנעם?
רוים האָט אמאָל מיט העלדישקײַט געשײַנט,
איצט שעמט ער נאָר מיט הענקער און קאָרבאָנעס.
מע דארף אים ניט באוויינען און באקלאָגן,
ער האָט פארדינט דעם אומגליק, די מאפּאָלעס,
ווײַל ער האָט מיט א קנעכטישן געדולד
געליטן אלץ, וואָס נידערטרעכטיק איז צו טראָגן.

(יִדיש — מ. פּענס)

לאָמיר נאָכאמאָל דערמאָנען קאנטן: „קיין שום נידערטרעכטיקע געהאָרכזאמקײַט קאָן ער ניט לײַדן. און זײַן איידלקײַט אָטעמט מיט פרײַהײַט".

ווען אין 1821 איז דערשינען דער נײַנטער באנד פון דער „געשיכטע פון דער רוסישער מעלוכע", וועלכע איז געווידמעט דעם קיניגן פון איוואן דעם גרויזאמען, האָבן די הויף־קרײַזן גענומען באשולדיקן קאראמזינען, אז ער האָט געהאָלפן דעם פאָלק זיך צו דערוויסן וועגן דעם, אז צווישן די רוסישע קייסאָרים זײַנען געווען טיראנען. און דער קינפטיקער דעקאבריסט, דער פּאָעט ק. פ. רילייעוו האָט מיט היספּײַלעס געשריבן: „נו, קאראמזין! איך ווייס ניט וועגן וואָס מער זיך וווּנדערן — וועגן דער טיראנישקײַט פון יאָהאנען צי וועגן דער באגאבטקײַט פון אונדזער טאציט".

אָט ווּהין עס האָט אין דרײַסיק יאָר ארום פארפירט דער וועג, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אין מײַ 1789 בא דער „טווערסקאיא זאסטאווא" פון דער אלטער רוסישער הויפּטשטאָט.

יִדיש — מ. פּענס

וולאדימיר טשערנין

העברעיִזמען אין דער רוסישער שפּראַך

די רוסישע שפּראַך פאַרמאָגט א געוויסע צאָל ווערטער, וואָס זײַנען אַרײַן אין איר פון העברעיִש.

לויט דעם אופן, ווי די העברעיִזמען זײַנען אַרײַן אין רוסיש, קאָן מען זיי אײַנטיילן אין פיר הויפּט־גרופּעס: 1) העברעיִזמען, צוגעייגנטע אדאנק דער ביבל־איבערזעצונג; 2) העברעיִזמען, אנטליִענע דורך דער פאַרמיטלונג פון מײַרעוו־איראָפּעיִשע שפּראַכן (לאַטײַן, דײַטש און אנד.); 3) העברעיִזמען, וואָס שטאַמען פון דער העברעיִשער לעקסיק אין דער יִדישער שפּראַך (אָפּטמאָל דורך דער פאַרמיטלונג פון אוקראַיִניש, ווײַסרוסיש אָדער פּויליש); 4) העברעיִזמען — אנטליִענע אומיטלבאַר פון איוורית.

די עלטסטע איז בעליסאָפּעק די ערשטע גרופּע. די ווערטער פון דער דאָזיקער גרופּע אונטערשיידן זיך אלפּי־קלאל פאָנעטיש זייער שטאַרק פון די אנטשפּרעכיקע העברעיִשע ווערטער. דאָס איז א רעזולטאַט דערפון, וואָס די אלט־סלאַווישע ביבל־איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן ניט פונעם העברעיִשן, נאָר פונעם גריכישן טעקסט, ווו די העברעיִשע ווערטער זײַנען צוגעפּאַסט געוואָרן צו די אייגנטימלעכקײַטן פון דער גריכישער אויסשפּראַך. די גריכישע שפּראַך פאַרמאָגט ניט די קלאַנגען „ש“ און „צ“, און אינעם גריכישן אלעפבייס פעלן אויך די געהעריקע אויסיִעס אָפּ צו באַצייכענען די דאָזיקע קלאַנגען, דעריבער ווערן זיי אויסגעדריקט אין דער רוסישער שפּראַך דורך „ס“ אָדער זעלטענער דורך „ז“. אַזויאַרום, האָט זיך דאָס וואָרט „ירושלים“ (יערושאָלאַיִם) פאַרוואַנדלט אין Иерусалим. „צפת“ (צפאַס) אין Сафед, „נצרת“ (נאַצערעס) אין Назарет. און כאָטש אין רוסיש זײַנען די אויבנדערמאָנטע קלאַנגען און אויסיִעס דאַפקע יאָ פאַראַן, זײַנען די אָנגעוויזענע ווערטער אַרײַן אין דער פאָרם, ווי דאָס איז אין דער גריכישער ביבל־איבערזעצונג.

א צווייטע פאָנעטישע אייגנטימלעכקײַט באַשטייט אין דער רוסישער טראַנסליטעראַציע פונעם אָס „ת“ אָן א פּינטל, לעמאָשל, אין די ווערטער „שולמית“, „יונתן“, „חתן“ אאַוו. עס איז פאַראַן א גרונט צו באַהויפּטן, אַז דער „ת“ האָט אינעם אלט־העברעיִשן אויסלייג באַצייכנט א צווישן־דענטאַלן קלאַנג, ענלעך צום ענגלישן th. אין דער גריכישער איבערזעצונג ווערט דער „ת“ איבערגעגעבן דורך דעם אָס θ (טעטא). ביז צו דער אויסלייג־רעפאָרם (1918) איז אויך אין רוסישן אלעפבייס געווען א געהעריקער אָס θ (פיטא), וואָס פלעגט באַנוצט ווערן באַם אויסלייג פון די ווערטער, וועלכע שטאַמען פון גריכיש. דער דאָזיקער אָס האָט זיך געלייענט ווי א ‘«ф»‚ אַזויאַרום, איז דאָס העברעיִשע „יונתן“ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין Ионафан, „שולמית“ אין Суламифь אאַוו.

ס'זײַנען אויך פאָרגעקומען אַנדערע פאָנעטישע טראַנספאָרמאַציעס. ווי באַוווּסט, ווערט „ב“ (מיט א פּינטל) געלייענט אָפּ העברעיִש ווי א „ב“; אָן א פּינטל — ווי א „וו“. אינעם גריכישן טעקסט ווערט דער „ב“ טראַנסליטערירט אַלס β (וויטא), וואָס ווערט אַרויסגערעדט ווי א „וו“. די דאָזיקע אייגנטימלעכקײַט איז אויך פאַרבליבן אין דער רוסישער ביבל־איבערזעצונג, ווו „באר־שבע“ (בעייר־שעווא) איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין Вирсавия, „בית־לחם“ (בייס־לעכעם) אין Вифлеем, „בנימין“ (ביניאָמין) אין Вениамин.

די צווייטע העברעיִזמען־גרופּע, וועלכע איז אַרײַן אין דער רוסישער שפּראַך דורך דער אנטליִיונג פון פאַרשיידענע מײַרעוו־איראָפּעיִשע שפּראַכן, איז ניט אַזוי צאָלרײַך, ווי די ערשטע. סעמאַנטיש איז די לעקסיק פון דער דאָזיקער גרופּע זייער פאַרשיידנאַרטיק. עס איז אויך א סאַך שווערער פעסטצושטעלן וועלכע ניט־איז געזעצמעסיקײַטן אין דער פאָנעטישער טראַנספאָרמאַציע, וואָס די העברעיִשע אורווערטער האָבן דורכגעמאַכט אין העסקעם מיט די פאָנעטישע אייגנטימלעכקײַטן פון די דאָזיקע שפּראַכן. צו אָט דער גרופּע געהערן, לעמאָשל, אַזעלכע ווערטער, ווי „בהמות“ (מערצאָל פון בהמה — א בעהיימע, קו, רינד־פי) — פון לאַטײַן און דײַטש Behemoth, רוסיש — бегемот, „יובל“ (יויוול) — פון לאַטײַן — Iubileum, רוסיש — юбилей; „קבלה“ (קאַבאָלאָ) — פון איטאַליעניש — Cábala; רוסיש — кабала מיטן באַטײַט „שוואַרצע מאַגיִע“, „קישעפמאַכערײַ“.

די דריטע גרופּע העברעיִזמען איז געקומען פון דער יִדישער שפּראַך. אייניקע ווערטער פון אָט דער גרופּע ווערן באַנוצט בלויז אין די מײַרעוו־געגנטן פון רוסלאַנד, און זיי זײַנען אנטליִען געוואָרן הויפּטזאַכלעך אָפּ א מינדלעכן אופן, אָפּטמאָל דורך דער פאַרמיטלונג פון אוקראַיִניש, ווײַסרוסיש און, זעלטענער, פּויליש. אַשטייגער: פונעם העברעיִשן „משרת“ (מעשאָרעס, יִדיש — מעשאָרעס) דורכן פּוילישן

miszures („מישורעס“) (א באדינער) צום רוסישן мишурес (אין די מײַרעוודיקע אויסלייגן); „שבת“ (שאבעס) — דורכן פּוילישן און ווײַסרוסישן „שאבאס“, אוקראַיִנישן „שאבאס“, „שאַבאַש“ צום רוסישן шабаш אינעם באַטײַט „א סאָף“ (פון אַן ארבעט). פאָנעטיש זײַנען די דאָזיקע ווערטער זייער נאָענט צו די העברעיִשע מאָקער־ווערטער אין דער אשקענאזישער אויסשפּראַך. אַן אויסנאַם שטעלט מיט זיך פאָר די רוסישע באַצייכענונג פאַר אונדזער שפּראַך «идиш» (וואָס שטאַמט פונעם העברעיִשן „יהודי“ — א ייִד) און איז ארײַן אין דער דײַטשישער שפּראַך דורך דער לאַטײַנישער פאַרמיטלונגס־פאָרם judaeus, דײַטש — Jude, אדיעקטיוו jüdisch (ייִדיש).

צו דער לעצטער גרופּע העברעיִזמען (אַנטלײַענע דירעקט פון איווריט) געהערן, אשטייגער, אַזעלכע ווערטער, ווי иврит (עברית) — א וואָרט, וואָס איז ערשט לעצטנס ארײַן אין דער רוסישער שפּראַך. פונדעסטוועגן דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דירעקטע אַנטלײַונגען פון העברעיִש זײַנען פאָרגעקומען אויך א סאך פריִער, הויפּטזאַכלעך פון דער העברעיִשער שריפט־שפּראַך. שוין אין דער אַלט־רוסישער איבערזעצונג פון דער „לעגענדע וועגן סאָלאָמאָן און קיטאָווראס“ טרעפן מיר אַזא וואָרט, ווי шамиръ פונעם העברעיִשן „שמיר“ (שאָמיר) מיטן באַטײַט „בריליאַנט“, „דימענט“, „איידלשטיין“. אָבער דער גרעסטער טייל ווערטער פון דער דאָזיקער גרופּע איז געקומען ערשט נאָך דעם, ווי העברעיִש איז ווידער געוואָרן א מינדלעך גערעדטע שפּראַך, ד.ה. אינעם XX יה. פאָנעטיש אָריענטירן זיך די דאָזיקע אַנטלײַונגען אַף דעם ספאַרדישן אויסשפּראַך־נוסעך. די איינציקע אויסלייג־שוועריקײַט באַשטייט אין דעם, וויִאַזוי מע זאָל מיט די מיטלען פונעם רוסישן אַלעפבייס באַצייכענען דעם אָס „ה“. אין אייניקע פאַלן פאַרבײַט מען דעם „ה“ אַף (הגנה — האַגאַנאַ — Хагана), אין אַנדערע פאַלן — אַף א «г» („זו הדרך — זאָ האַדערעך — Зо гадерех).

דאָס אַנטלײַען אַזעלכע העברעיִזמען האַלט אָן ביז איצט. צײַטנווײַז קומט פאָר א צווייִמאָליקע, דאָפּלטע אַנטלײַונג: אין דער אַלט־רוסישער ביבל־איבערזעצונג געפינען מיר שוין דעם העברעיִזם «сикль» פונעם העברעיִשן וואָרט „שקל“ („שעקעל“) אין דעם באַטײַט „א וואָג־־מאָס“ (בערעך 7,2 גר.). און אין אונדזער צײַט, נאָך דעם, ווי מע האָט אין ייִסראָעל אײַנגעפירט א נײַע מאַטבייע — „שעקעל“, איז דאָס וואָרט ארײַן א צווייט מאָל אין רוסיש שוין מיט דעם נײַעם אויסלייג, «шекель». אזויארום, שטאַמען סײַ «сикль» סײַ «шекель» פון דעם זעלבן העברעיִשן וואָרט „שקל“. אין רוסיש זײַנען זיי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען סײַ פאָנעטיש, סײַ סעמאַנטיש און האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין צוויי פאַרשיידענע ווערטער.

באַזונדערס גרויס איז דער העברעיִזמען־שיכט אינעם לעקסיקאָן פון רוסישע אייגננעמען. צוזאַמען מיט דער טויפונג און מיטן אָננעמען דאָס קריסטנטום (X יה.). זײַנען אין רוסיש ארײַן אַזעלכע פּערזענלעכע נעמען, ווי Михаил פון מיכאל (מיכאָעל), Иван — פון יוחנן (יויכאַנאַן), Илья — פון „אליהו“ (איילִיִיאָהו), Семен — פון שמעון (שימעאָן), Мария „מרים“ (מיריאָם), Елизавета — פון „אלישבע“ (עלישעוואַ), Анна — פון „חנה“ (כאַנאַ) און אַנד.

א צווייטע אונטער־גרופּע אַזוינע העברעיִזמען בילדן די טאָפּאָנימען (נעמען פון לענדער, שטעט, ייִשוּווים, טײַכן, בערג און אַנדערע געאָגראַפישע אָביעקטן). סײַ אין דער אַלטער ביבל־איבערזעצונג, סײַ אין דער הײַנטצײַטיקער רוסישער שפּראַך געפינען מיר אַזעלכע אַלטע העברעיִשע טאָפּאָנימען, ווי Ливан — פון „לבנון“ (לעוואַנאָן), Иордан — פון „ירדן“ (יאַרדאַן) און א סאך ענלעכע. א טייל אַלטע טאָפּאָנימען באַזירן זיך אַף די גריכישע ווערטער אין דער ביבל־איבערזעצונג, לעמאָשל, Египет — פונעם גריכישן Αιυητος ι, אַנשטאָט דעם העברעיִשן „מיצרים“ — מיצראַיִם. די נײַערע טאָפּאָנימען אָריענטירן זיך פאָנעטיש אַף דער ספאַרדישער האַוואָדע און שטעלן מיט זיך פאָר נעמען פון די נײַ־אַנטשטאַנענע ייִדישע ייִשוּווים, ווי, לעמאָשל, Тель-Авив — „תל־אביב“ (טעל־אַוויוו), Нахария — „נהריה“, Петах-Тиква — „פתח־תקוה“. אָפטמאָל ווערט דער זעלבער ייִשעוו אָנגערופן אין פאַרשיידענע רוסישע טעקסטן מיט פאַרשיידענע נעמען: Вифлеем (פון דער ביבל־איבערזעצונג), Бейт-Лехем (פון דעם העברעיִשן נאָמען „בית־לחם“), Бейт-Лахм (פון דעם אַראַבישן נאָמען); Сихем (פונעם ביבלישן „שכם“ (שכעם) אָדער Наблус (פונעם אַראַבישן נאָמען) אאַוו. אייניקע רוסישע טאָפּאָנימען פון פּאַלעסטינע זײַנען ביכלאַל ניט פאַרבונדן מיט די העברעיִשע נעמען: פאַרגלײַך דעם רוסישן נאָמען Мертвое море און דאָס העברעיִשע „ים המלח“ (יאַם האַמעלעך) — די ווערטערלעכע איבערזעצונג: „דער געזאַלצענער יאַם“ אָדער „זאַלץ־יאַם“.

אין דער טאָפּאָנימיק פון אונדזער לאַנד טרעפן מיר אַזעלכע ייִשוּווים־נעמען, ווי די פּילצאַליקע מיכײַלאָווקעס, איוואַנאָווקעס, איליִנקעס און אַנדערע, וואָס זײַנען אַנטשטאַנען אַפן גרונט פון די אויבן־אָנגעוויזענע העברעיִזמען, ווי מיכאיִל — „מיכאל“, איוואַן — „יוחנן“, איליאַ — „אליהו“. דאָס געזאָגטע באַציט זיך אויך צו אַזעלכע טאָפּאָנימען, ווי די נעמען פון מאָנאַסטירן Новый Иерусалим — (נאָווי יערוסאַלים אין היִנטערמאָסקווע).

העברעיִזמען געפינען מיר אויך צווישן די באַצייכענונגען פון עטנישע באַגריפן (נעמען פון פעלקער, פעלקערשאַפטן, שוואָטים אאַוו.). דאָס רוסישע וואָרט еврей שטאַמט פונעם העברעיִשן „עברי“ (איווּרי); иудеи — פון „בני יהודה“ (די זין פון יעהודאָ); левиты פון „לויים“ (לעוויִים); «караимы» פונעם וואָרט „קראים“ (קאַראָיִם — די לייענער); филистимляне — פון „פלשתים“ (פּלישטים); хетты — פון „חתים“ (כיטים).

אין דער עטנאָ־לינגוויסטישער רוסישער טערמינאָלאָגיע געפינען זיך אַזעלכע העברעיִזמען, ווי «семито-хамитская семья языков» („די סעמיטיש־כאַמיטישע שפּראַך־מישפּאָכע“) — לויט די נעמען פון די זין פון דעם ביבלישן פּערסאָנאַזש נויעך: Сим — פונעם נאָמען „שם“ (שעם) און Хам — פון „חם“ (כאַם). אין דער דאָזיקער שפּראַך־מישפּאָכע טיילן זיך אויס «кушитские языки» („די קושיטישע שפּראַכן“), לויטן נאָמען פון כאַמס זון „כוש“ (קוש). געוויסע קאַווקאַזער שפּראַכן ווערן באַצייכנט צייטנווייַז אַלס „יאַפעטישע“ פונעם העברעיִשן נאָמען פון נויעכס דריטן זון „יפת“ (יאַפעס).

אין דער רוסיש־שפּראַכיקער היסטאָרישער ליטעראַטור זייַנען אַרייַן אַזעלכע טערמינען, ווי «наси» (אין דעם באַטייַט «князь») — פון „נסי“ (נאַסי); «рош-галут» — экзиларх — פון „ראש־גלות“, «ваад» — совет — פון „וועד“ (וואַד); кагал — פון „קהל“ (קאָהאָל) און אַ גאַנצע ריי אַנדערע טערמינען, וואָס האָבן אַ שייַכעס צו דער געשיכטע פונעם ייִדישן קאָל.

אין געביט פון דער רוסישער געזעלשאַפט־לעך־פּאָליטישער טערמינאָלאָגיע ווערן באַנוצט העברעיִזמען, וואָס באַציִען זיך הויפּטזאַכלעך צו דער פּאָליטישער סיסטעם פונעם הייַנטיקן ייִסראָעל: гистадрут — הסתדרות; кибуц — קיבוץ; алия — עליה (אַליאַ). אויך די נעמען פון די ייִסראָעלדיקע פּאָליטישע פּאַרטייען ווערן ניט איבערגעזעצט אויף רוסיש, נאָר בלויז געשריבן מיט רוסישע אותיות: Поалей-Цион (פּועלי־ציון); Агудат Исраэль (אגודת ישראל) אאַוו. אָפט געברויכט מען אויך די פאָנעטישע פאַרקירצונגען פון די פּאַרטיי־נעמען Мапам („מפ״ם“ — „פאַרייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי“, אַ ציִוניסטישע פּאַרטיי), Раках („רק״ח“ — ייִסראָעלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי).

די העברעיִזמען פאַרנעמען אַ באַדייַטנדיק אָרט אין דער רוסיש־פּראַוואָסלאַווער לעקסיק. די רעליגיעזע טערמינאָלאָגיע פאַרמאָגט אַזעלכע ווערטער, ווי херувим (פון כרובים — מער־צאָל־פאָרם), серафим (פון שרפים — מער־צאָל־פאָרם), мессия (פון משיח), аминь (פון „אָמן“ — „אָמיין“), аллилуйя (פון „הללו יה“ — לויבט גאָט) און אַנד.

די רוסישע שפּראַך פאַרמאָגט אַ רייַכע טערמינאָלאָגיע צו באַצייכענען יודאַיִסטישע באַגריפן: раввин — פון „רב“ (ראָוו), иешибот פון „ישבה“ (יעשיווע) אין מערצאָל — „ישיבות“, кошерное — פון „כשר“ (קאָשער), трефное — פון „טרף“ (טרייף), хасиды — „חסידים“ (כאָסידים) אאַוו.

טיילמאָל טרעפן זיך פאַרשיידענע פאָנעטישע וואַריאַנטן פון די זעלביקע באַצייכענונגען: цицес — לויטן אַשקענאַזישן נוסעך, цицит — לויטן ספרדישן, чичит — לויטן קאַראַימער נוסעך פון לייענען דאָס העברעיִשע וואָרט „ציצית“.

די נעמען פון יודאַיִסטישע יאָמטויווים ווערן איבערגעגעבן אויף רוסיש אָדער דורך דער טראַנסליטעראַציע פון די העברעיִשע ווערטער: ханука — „חנוכה“, пурим — „פורים“, אָדער די העברעיִשע נעמען ווערן באַגלייט מיט אַ פּאַראַלעלן רוסישן טערמין — судный день — йом-кипур, суккот — кущи. באַגלייַך מיטן העלעניזירטן וואָרט пасха געברויכט מען אָפט אויף רוסיש דאָס וואָרט пейсах („פסח“) אָדער песах.

די רייַכע בילדערישע שפּראַך פון דער ביבל האָט טיף באַווירקט די פראַזעאָלאָגיע פון דער רוסיש־שפּראַכיקער ליטעראַטור. פאַרגלייַכט, אַשטייגער, אַזעלכע אויסדרוקן, ווי „הבל הבלים“ (העוועל האוואָלים) — суета сует, „שיר השירים“ (שיר־האשירים) — «песня песней» עין תפת עין, שן תחת שן (אַיִן טאַכאַס אַיִן, שיין טאַכאַס שיין — око за око, зуб за зуб, און אַ סאַך אַנדערע. פיל העברעיִשע אייגננעמען האָבן אין דער רוסישער שפּראַך באַקומען אַ צוגאָבלעכן פאַראַלגעמיינערטן באַטייַט. פאַרגלייַכט, לעמאָשל, „סדאָם“ — содом, „עדן“ — эдем, „חם“, נויעכס זון — хам (אַ גראָבער־יונג, אַ שלעכט־דערצויגענער מענטש) אאַוו. אין דער טאָגטעגלעכער רוסישער שטייגער־לעקסיק איז דער אַנטייל פון העברעיִשן עלעמענט ניט זייער גרויס. אָהער געהערן אַזעלכע ווערטער, ווי, לעמאָשל, кадь — кадушка — פונעם העברעיִשן וואָרט „כד“ (קאַד) — אַ קרוג, אַ טאָפּ (געקומען דורך דער גריכישער פאָרם καδος), «корец», (ковш, мучной ларь, мера зерна) פונעם העברעיִשן „כור“ (קאָר) פאַרמיטלט דורך גריכיש κορος; «хала» פונעם העברעיִשן „חלה“, ייִדיש — „כאַלע“; суббота פון „שבת“ (דורך גריכיש σαββατα), דורך דער פאַרמיטלונג פון ייִדיש זייַנען אַרייַן אין דעם רוסישן אַרגאָ[1] אַזעלכע העברעיִזמען, ווי ксиво (документ) — פון דעם העברעיִשן „כתיבה“ (קסיוואָ — אַ שריפטלעכער דאָקומענט), клифт (пиджак) — פון „קליפה“ (קליפּאָ — אַ שאָלעכץ, אַ בוים־קאָרע), притон «малина» — פון „מלון“ — מאָלין — אַן אָרט צו שלאָפן.

אין דער אומגאַנג־שפּראַך אויף רוסיש זייַנען אַרייַן העברעיִזמען: чушь — פון „שטות“ (שטוס) — אַ טיפּעש, אַ נאַרישקייַט דורך דייַטשיש stuss, мухлевать (жульничать), פון „מהל“ (מאָהאַל) — „צעמישן ווייַן מיט וואַסער“ דורך דייַטשיש אַרגאָ moheln. אייניקע העברעיִזמען באַקומען אין דער רוסישער ליטעראַטור און אין דער אומגאַנג־שפּראַך אַן אַנדער ווי אין דער העברעיִשער מאַקער־שפּראַך באַטייַט. אַזוי, לעמאָשל, האָט דאָס וואָרט „טאַלמוד“ באַקומען דעם צוגאָבלעכן באַטייַט „אַ דיקער בוך“; קאַגאַל (קאָהאָל) — אַ רווישיקע כעווריע. „אָמין“ — אַ סאָף, אַן עק, „כאַכמאַ“ (פון חכמה — כאָכמע) מיט דעם באַטייַט „אַ שפּאַס“. פאַרגלייַכט

[1] באַזונדערע שפּראַך־אויסדרוקן פון דער אונטערוועלט, בעטלער און אַנד.

אויך אזא רוסיש וואָרט, ווי кабала אין באַטײַט „אָפּהענגיקײַט" (פון „קבלה" — א געלט־וועקסל, א דאָקומענט, אז מע איז שולדיק עמעצן געלט).

באזונדערס דאַרף מען אויסטיילן א געוויסע גרופּע פון העברעיִזמען, וואָס ווערן באַנוצט דורך רוסיש־ריידנדיקע ייִדן. כאָטש זיי באַהערשן די רוסישע שפּראַך ניט ערגער איידער די רוסן, פונדעסטוועגן געברויכן זיי אין א רייִך ייִדישער סוויווע אייניקע העברעיִזמען, וואָס אין א ניט־ייִדישער אומגעבונג ווערן זיי ניט געברויכט. אשטייגער, „לעכאַים" (העברעיִש — לחיים), „מאזלטאָוו" (העברעיִש — „מזל־טוב"), „מישפּאָכע" (העברעיִש — „משפחה"), מעשוגענער (העברעיִש — „משיגע") און א ריי אנדערע. די דאָזיקע דערשײַנונג (א ייִדישער עטנאָלעקט פון דער רוסישער שפּראַך) האָט מײַסטערהאַפט אויסגעדריקט אין זײַנע ווערק דער שרײַבער איסאַק באַבעל.

אין א קורץ אַרטיקל איז אוממעגלעך צו באַלײַכטן פּראַקטימדיק אַלע אַספּעקטן פון דעם אײַנפלוס פון העברעיִש אַף דער רוסישער לעקסיק. א סאַך פּראָבלעמען פאָדערן נאָך א געניערע און טיפערע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגס־אַרבעט.

בראָניק

די ווױנונגס־עטאזשן פון דער שטאָט ביראָבידזשאַן

די שטאָט ביראָבידזשאַן וואַקסט און ווערט אַלץ שענער און ווױלײַנגעאָרדנטער. פאַר די לעצטע צוויי פינפיאָרן זײַנען דאָ אויפגעשטעלט געוואָרן א סאַך נײַע קוואַרטאַלן מיט פינפשטאָקיקע ווױנהײַזער, קולטור־שטייגערישע אַנשטאַלטן, שולן און אַנדערע ניַיטיקע אָביעקטן, וועלכע באַפּוצן דעם געגנטלעכן צענטער. ברייט זײַנען די פּערספּעקטיוון אויך אַפן עלפטן פינפיאָר. אין פולן גאַנג גייט אַציִנד די בויונג אינעם שטאָטישן מיקראָראַיאָן „א", ווו צום סאָף פונעם פינפיאָר וועלן ווױנען 10 טויזנט מענטשן.

אַפן ראָג פון דער פּיאָנערן־גאַס און פון דער גאַס אַף דימיטראָווס נאָמען בויט זיך דער ערשטער נײַנשטאָקיקער מויער. די עטאַזשן פון ביראָבידזשאַן האָבן גענומען וואַקסן אין דער הייך. דאָס דאָזיקע הויז וועט זײַן א גוטער אָנהייב.

מיט די בוימאָנטאַזש־אַרבעטן פירט אָן דער פּראָראַב אַלעקסאַנדער שמוילאָוו, דאָס איז א יונגער, זייער פייִקער אינזשעניר, צוריק מיט זעקס יאָר האָט ער פאַרענדיקט דעם וולאַדיוואָסטאָקער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. פאַר אָט דער צײַט האָט ער אָנגעזאַמלט היפּש דערפאַרונג אין פּראַט פון בויוועזן, אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער בויונג פונעם אַכטשטאָקיקן אינזשעניר־לאַבאָראַטאָרישן קאָרפּוס אַפן זאַוואָד פון קראַפט־טראַנספאָרמאַטאָרס, פון דעם געגנטלעכן שפּיטאָל און אַנדערע. אָט וואָס ער דערציילט:

— מיר איז זייער אָנגענעם צו בויען דעם ערשטן העכסטן מויער פון דער שטאָט, אין וועלכן עס וועלן ווױנען 152 מישפּאָכעס. אַפן ערשטן שטאָק וועלן זײַן צוויי מאַגאַזינען. דאָס הויז וועט זײַן באַפּוצט מיט ספּעציִעלע דעקאָראַטיווע פּליטעס. איך גלייב, אַז די אײַנוווינער פונעם דאָזיקן הויז וועלן זײַן צופרידן.

די בריגאַדע, וואָס בויט אָט דעם מויער, איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע. אין איר מיִען זיך רוסן, ייִדן, אוקראַינער. אַלע זײַנען זיי געניטע און דערפאַרענע ספּעציִאַליסטן.

די ביראָבידזשאַנצעס האָבן ליב קינאָ

אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט פונקציִאָנירן העכער 300 קינאָ־אײַנריכטונגען. פאַר די לעצטע יאָרן איז באַדײַטנדיק פאַרפּעסטיקט געוואָרן די מאַטעריעל־טעכנישע באַזע פון די קינאָ־אַנשטאַלטן. ס'איז באַנײַט די פאַרעלטערטע אַפּאַראַטור, די קינאָ־אײַנריכטונגען זײַנען אַריבערגעפירט אַף אַן אווטאָמאַטישן רעזשים.

פאַר די אײַנוווינער פון שטאָט און דאָרף ווערן אין דער געגנט דורכגעפירט פעסטיוואַלן, טעמאַטישע קינאָ־אָוונטן און דורכקוקן. בײַס דער פּרעמיערע פונעם פילם „א באַזונדערס פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרגעבונג" זײַנען אין די ראַיאָן־צענטערס אַמורזעט, לענינסקאָיע און סמידאָוויטש, אין די ביראָבידזשאַנער קינאָטעאַטערס „ראָדינא", „כינגאַן", „סטראָיִטעל" אײַנגעלאַדן געוואָרן וועטעראַנען פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע און פון דער סאָציִאַליסטישער מי, אוואַנגאַרדיסטן פון דער אינדוסטריע און פון דער לאַנדווירטשאַפט, וועלכע האָבן איבערגעגעבן די צושויער זייערע אײַנדרוקן, דערציילט וועגן די גרויזאַמע מילכאָמע־יאָרן. פאַראיאָרן זײַנען אין ביראָבידזשאַן אַרויסגעטראָטן מיט לעקציעס און שמועסן די קינאָאַרטיסטקע לאַריסע אודאָוויטשענקאָ, די קינאָטוערן ר. זשוראַוולעוואָ, דער רעזשיסער פון דער ריגער קינאָסטודיע יאַניס סטרײַטש און אַנדערע באַוווּסטע טוער פון דער קינאָ־קונסט.

אין דער געגנט זײַנען איצט טעטיק ספּעציִעל פאַר קינדער 41 קינאָטעאַטערס און קינאָסטודיעס, 9 קלובן, ווו פאַר די כעוורע ווערן אָרגאַניזירט „פּרימאָרגנס", פעסטיוואַלן, קינאָ־וויקטאָרינעס, דיספּוטן, ווי אויך ספּעציִעלע קינאָ־סעאַנסן, געווידמעט דער פּראָפעסיאָנעלער אָריִענטאַציע פון שילער־אַרויסלאָזניקעס.

קינסטלער וואַן ריין רעמבראַנדט

(זע דאָס אַרטיקל אויף ז. 125)

האָמער. 1663
האאַג־מוזיי

אווטאָפּאָרטרעט. 1669
קעלנער מוזיי

אַ ייִדישע קאַלע. 1668
אמסטערדאם, רייקסמוזעום

אווראָם בענטשט יאנקעוון. 1656
קאסעל. בילדער־גאַלעריי



פּאָרטרעט פון א יידן. 1648
בערלין, אייגנטום פון קאסירער

דאָוויד און שאָול. 1665
האאג־מוזיי



דאָ איז מײַן לעבן

דאָ

דער מײַרעוו איז פּרעכטיק, דער מיזרעך איז שיין.
שטיי איך מיר שטיל אָף דעם ערדקויל אַליין.

איך הער ניט קיין זיפץ אין דער שײַן, וואָס איך בענטש.
עמעצער לויפט פון דער ווײַטן... א מענטש?

העל איז דער הארבסט, און דער פרילינג איז גרין.
פייגל מיגרירן אהער און אהין.

דאָ איז מײַן לעבן, און דאָ איז מײַן אָרט,
דאָ אָף דער ערד, ווו מע הערט ניט קיין וואָרט.

Enfant perdu[1]

אלעקסאנדער געלמאנט

מוישע דער רויטער, מוישע דער טרוימער, מוישע דער טויבער
פון צוויי גלעזער וויין נאָך דער ארבעט זיצט שטיל אין דעם סקווער
אָף א באנק צווישן ביימער און וואַרט, אז צום רעגן
זאָל קומען א סאָף.
מוישע דעם שלאָסער ווערט ביטער און געל אפּן הארצן,
און ער נעמט זיך דאָס לײדיקע פלעשל, ער נעמט זיך דעם עפּל, ער נעמט זיך
דאָס גליקלעכע לעבן
און גייט זיך אוועק מיט פּארווײנטע פארלאָשענע אויגן
אפּן זיבעטן הימל.
ווערט ער א שוטעף מיט גאָט, קוקט אראָפּ פון דער זון
און זעט,
ווי אונטער די פיס,
דורך די שטארק אָזאָנירטע העל־בלויִיקע לופטיקע שיכטן
פליִען לאנגזאם, ווי פּאראשוטיסטן,
צוגעטשעפּעט מיט אקסל און פּלייצעס צו וואָלקנס,
די דרײַהענטיקע שאָטנס פון מוישען —
מוישע דעם שיינעם, מוישע דעם גיבער, מוישע דעם לערנער...
ס'גייט ארויס מיט א שמייכל צו אים, ווי א קלאָלע,
א דײַטש, א סאָלדאט
פון דער געטאָ
און מוישען ווערט הייס,
און מוישע דער שלאָגער ווערט בייז —
נעמט ער ארויס פונעם שטיוול זײַן פאַרזשאַווערטן מעסער

[1] דאָס פארלאָרענע קינד (פראנצ.).

און דעם רעגן שנײַדט איבער דעם האַלדז,
און ס'בולקעט, זידט אוף דאָס בלוט ארום אים —
ארום מוישע דעם שויכעט.

געבורט

די נעשאָמע איז בלינד, ווי א נאָך ניט געבוירן קינד —
ערגעץ גלאַנצן די שטערן, און ס'רוישט אין די ביימער א ווינט.

נאָר זי פילט שוין אַלצדינג, וואָס מײַן פּאָנעם ס'דערשראָקענע זעט,
און צו דעם כ'האָב פון לאַנג, ווי א קימפּעטאָרן, זיך צוגעגרייט...

אין געבורט, אינעם גליק, אין דעם קליינטשינקן לײַב, וואָס טוט ווי, —
ווו זשע איז ער, נעשאָמע, דײַן אָטעם, דײַן ערשטער געשריי?

נאסטאלגיע

העלינק טעלערל פון הימל!
כ'בין היַינט ווידער קינדערש אָרעם...
ד. האָפשטיין

אין דער לופט, ווי בא סוויפטן, שווימט אן אינדזל, א זוניק שטעטל,
א גאנצן איבערן הויכן אָסטאַנקינער טורעם — שווימט אום.
און ס'הייבט אָן, ווי א קינד, די פארוויינטע נעשאָמע צו בעטן:
הייבט די אויגן נאָר אוף, לאָזט אראָפּ זיי און קוקט זיך ארום.

ס'פליסן שטראָמען פון שטראַלן, און ס'הענגט אין דער שײַן, ווי א שאָטן,
אף דער פיצינקער ערד, וואָס זי פאלט ניט און פאלט ניט אראָפּ,
א בײַסטרוק פון דער באָד־גאַס, א יוילעקל אָדער א מאָטל
פון די צוואנציקער יאָרן, פון קעשענעוו צי פון כירטאָפּ.

עפּעס מאכט ער צו אונדז מיט די הענט, עפּעס וויל, עפּעס שרײַט ער...
הער שוין אוף! ביסט ניטאָ. ביסט אין פלאַם פון מילכאָמע פארברענט,
ביסט געבליבן ביז הײַנט א באָסיאַק, אף א שטעקן א רײַטער,
בא א טישל א שנײַדערל, שמיליק, וואָס נייט און צעטרענט.

אָך, פון מיזרעך ביז מײַרעוו צעטרענסטו דעם הימל דעם ברייטן,
ווארפסט א זוניקן פאָדעם אראָפּ, זינגסט זיך אונטער א ליד:
אָצעם־קלאָצעם פליוס דרײַ — דוואַדצאַט וואָסיעם...

ביסט מײַן גאסט פון די פרעמדע פלאַנעטן,
און דײַן טעלער אין הימל דערמאָנט מיר, אז איך בין א ייִד.

מײַן מאזל

א שאָטן פון א בלימל שטעקט אין שניי
און ווײַזט דעם צענטער פון פארשנייטן רוסלאַנד.

א בער אין וואַלד אין א ניט טיפער גרוב
שלאָפט צווישן וואָרצלען פינף כאָדאָשים.

סע גייט די זון ארויס, און ס'שיט זיך שניי
פון ראַנד אין טהאָם אַראָפּ. סע שנייט דער הימל.

דער קאָסמאָס שנייט. און ס'בלאַנדזשעט אין די בערג
מייַן מאזל — פונקט ווי א טיבעטער שניי־מענטש.

ז ע ט!

א. וו. — אַן ערדישער מענטש און א ליריקער —
איז געווען אַמאָל א דעסאַנטלער, איר הערט?

קומט די שאָ, פונעם הימל אַראָפּלאָזן זיך אָף דער ערד
צום 67 מאָל,
און דער מאַלכאַמאָוועס — דער מאַלעך פון טויט און מילכאָמעס —
צעשפּרייט שוין פּאַר אים א געלעגער פון פייַער און שטיין,
און דער בראַווער דעסאַנטלער א. וו. מאַכט גיכער דאָס פּאַלן, גאַנץ שיין.
נאָר א. וו. דער פּאַעט בלייַבט שטיין
אינמיטן דער לופט, און סע עפנט זיך אים א פּייזאַזש,
א פאַנטאַסטישע וועלט, א מיראַזש,
פון די, וואָס געזען האָט דער יונגער יעשוע האַנויצרי
40 נעכט, אין דער וויסטע, און טעג...
א. וו. איז געווען, ווי איך האָב שוין געזאָגט, א דעסאַנטלער —
און ער פלעג
זיך אַראָפּלאָזן אָפּט פונעם הימל — ביז דעם דאָזיקן פאַל און אויך שפּעטער.
דער פּאַך האָט געגעבן אים וויזיע גענוג...
נאָר די ליריק
פונעם טויט אים געראַטעוועט האָט מיט איר אייגענער פיזישער מאַכט,
וואָס איז פייַיק דער ערד־גראַוויטאַציע זיך קעגנצושטעלן...

זעט, אָט שטייט ער
און לאַכט!

דער לעבעדיקער מענטש

אין אייראָפּע די מענטשן פאַרמייַדן צו ריידן פון טויט...
פאַרן טויט כ'וואָלט פאַרלאַנגט, איך זאָל בלייַבן אַליין
און אַרומקוקן זיך אין מייַן היים, אין מייַן האַרבסט, אין מייַן לאַנד.
אַך, אַן אייביקע איינזאַמקייַט וואַרט אָף מיר הינטער דער וועלט,
וואָס זי שייַנט אין די אויגן אַרייַן און פאַרבלענדט מייַן זיקאָרן.
ווי א שאָטן אין שייַן, — וועל איך לאַנגזאַם אַרויסגליטשן זיך
פונעם לייַב און צוביסלעך אויסגיין: די האַנט אָף דעם האַרצן.
און, אָף האַלב שוין געשטאַלטלאָז, זיך אָפּשטעלן — נאָר אָף איין רעגע —
אָף דער גרענעץ צווישן דעם לעבן און קאָסמישן רוים.
און צווי מאַמעס, צווי ליכטיקע קאָנטורן וועלן מיך רופן
פון צווי זייַטן — פאָרויס און צוריק! — און כ'וועל געבן א ריר
מיט די ווינעס די הייך און צעשפּאַלטן זי — פונקט ווי אין וויגל
פלעגן שייַנען דורך טרערן צווי וועלטן אַמאָל איבער מיר.

זיכרוינעס

ארן יערוסאלימסקי

יאָרן פון מי און קאַמף

מאָסקווע, 1923. פון אוקראַינע, צאָפּן־קאַווקאַז, וואָלגער קאַנט טראָגן זיך פרייִדיקע יעדיִעס. דער פרילינג האָט געבראַכט רעגנס און וואַרעמקייַט. ס׳מערקט זיך אָן א גוטע געראַטעניש, ס׳פילט זיך אָן אופלעבונג אין אַלע צווייַגן פון דער ווירטשאַפט. אַף די טויערן פונעם זאַוואָד „מאָסקאַבעל״, ווו איך בין א פּראָפּאַגאַנדיסט, איז ארויסגעהאַנגען א מעלדונג פון זאַווקאָם: לעקאָוועד דעם מײַ־יאָמטעוו וועט יעדער אַרבעטער באַקומען א מאַטאָנע: א פונט מעל און צען אַרשין טעקסטיל. אונדז, סטודענטן פונעם קאָמוניסטישן מייַרעוו־אוניווערסיטעט, גיט מען צום יאָמטעוו אויך מאַטאָנעס — נייַע אָנצוגן. מיט פרייד און מיט טרויער געזעגענען מיר זיך מיט אונדזערע מיליטער־מאַלבושים.

אָבער אין די דאָזיקע מילדע טעג האָט זיך א שוואַרצע כמאַרע אָנגערוקט אַפן לאַנד. דעם 10־טן מייַ האָט א ווייַסגוואַרדייער, לויטן אופטראָג פון די אימפּעריאַליסטן, דערמאָרדעט אין לאָזאַן דעם סאָוועטישן דיפּלאָמאַט, איינעם פון די אָנגעזעענע לענינצעס, דעם פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער רעגירונג אַף דער לאָזאַנער קאָנפערענץ וואַצלאַוו וואָראָווסקי. דעם 11־טן מייַ האָט דער ענגלישער מיניסטער פאַר אויסערן־איניאָנים קערזאָן ארויסגערוקט קעגן דער סאָוועטישער רעגירונג זייַן פּראָוואָקאַטאָרישע נאָטע, דראָענדיק מיט א נייַער אינטערווענץ.

12 מייַ. אַף די פאַבריקן, זאַוואָדן, אין די אַנשטאַלטן, הויכשולן, קאַזאַרמעס קומען פאָר פּראָטעסט־מיטינגען. מע באַשליסט צונויפזאַמלען מיטלען צו אופבויען אַוויִאַ־עסקאַדריליעס, טאַנקען־בריגאַדעס, קעדיי פאַרשטאַרקן די שוץ־קרעפטן פונעם לאַנד.

דער מאַסן־צאָרן טראָגט זיך איבער פון די אונטערנעמונגען אַף די גאַסן. רוישיקע קאָלאָנעס דעמאָנסטראַנטן ציִען זיך פון אַלע עקן מאָסקווע צו פּאָוואַרסקאַיאַ (איצט וואָראָווסקי־גאַס) אויסצודריקן דער ענגלישער געזאַנדשאַפט זייער פּראָטעסט. פונעם באַלקאָן פון פּראָפאַריינען־הויז טרעטן ארויס רעדנער. באַם קליינעם אַקאַדעמישן טעאַטער האָבן זיך צונויפגעזאַמלט סטודענטן. אַף א לאַסט־אַווטאָ — מאַיאַקאָווסקיס אַטלעטישע פיגור. ער לייענט פאָר דעם „לינקן מאַרש״.

אין עטלעכע וואָכן אַרום. מיט אומגעדולד וואַרטן מיר אַף טשיטשערינס ארויסטרעטונג אין דער מייַרעווקע. דער גרויסער זאַל איז פולגעפּאַקט. און אָט איז דער פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר אויסערן־איניאָנים אַף דער טריבונע. מיר זייַנען פאַרכאַפּט פון דער אָריגינעלקייַט פון זייַן פאָרטראָג און פון דער ענציקלאָפּעדישקייַט פון זייַן וויסן. ער שטעלט זיך אָפּ אַף דער אַנטוויקלונג פון דער מיזרעך־קולטור, אירע טקופעס, איר פאַרקערפּערונג אין דער ליטעראַטור, פילאָסאָפיע, מוזיק. אונדז באַוווּנדערט זייַן פענאָמענאַלער זיקאָרן: ער ציטירט אַף אויסווייניק גרויסע שטעלן פון „איליִאַדע״, „אָדיסייע״, מערקט אָפּ האָמערס ווירקונג אַף דער רוסישער ליטעראַטור. און ערשט דערנאָך ענטפערט ער אַף אונדזערע פראַגעס: וועגן דער לאָזאַנער קאָנפערענץ, וועגן קערזאָנס אולטימאַטום, וועגן וואָראָווסקין.

איך קוק זיך אייַן אין טשיטשערינס בלאַס געזיכט. די גרויסע גרויע אויגן זייַנען פול מיט מידקייַט. ער רעדט לאַנגזאַם, שטיל, זשעסטיקולירט ניט, זייַן בליק איז ניט אָנגעשטרענגט. פון מאָל צו מאָל ווערט דער נעפּל אין די אויגן ווי באַלויכטן מיט פייַערלעך...

געאָרגי וואַסיליעוויטש פאַרלאָזט די טריבונע, אָבער ער אייַלט זיך ניט אַוועקצוגיין. מיר רינגלען אים אַרום, פאַרוואַרפן אים מיט נייַע פראַגעס. א לעטישער סטודענט פרעגט בא אים

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק דעם פּובליציסט און ליטעראַטור־פאָרשער אהרן יערו־סאַלימסקי מיט זײַן 80־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט, אריכאַס־יאָמים און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

עפּעס אַף זײַן מוטער־שפּראַך. מיר קוקן מיט דערוואַרטונג אַף טשיטשערינען: צי וועט ער פאַרשטיין? אָבער הערט נאָר, הערט, — טשיטשערין ענטפערט אַף לעטיש.

אײנער פון די געבילדעטסטע מענטשן פון זײַן צײַט — א היסטאָריקער, דיפּלאָמאַט, ליטעראַטור־ און קונסטקענער, האָט טשיטשערין אויך אַלס פּאָליגלאָט געהאַט ווייניק גלײַכע צו זיך. ער האָט באַהערשט פראַנצויזיש, ענגליש, דײַטש, איטאַליעניש, פּויליש, לעטיש, סערביש, אירלענדיש, אַראַביש און אַנדערע שפּראַכן. טשיטשערין „לייענט, זעצט איבער, רעדאַגירט אַף אַלע שפּראַכן, ווײַל ער קען זיי, — האָט אָפּגעמערקט א פראַנצויזישער זשורנאַליסט אין 1921 יאָר. — ניט לאַנג צוריק האָט ער אָנגעהויבן דערלערנען די העברעיִשע שפּראַך, וועלכע ער האָט צופעליק ניט געוווּסט".

פיל אופמערקזאַמקײַט האָט טשיטשערין געווידמעט דער ייִדן־פּראָבלעם אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אין אָט דעם פּראַט איז כאַראַקטעריסטיש זײַן ווענדונג דעם 10 נאָיאַבער 1920 צום נאַרקאָמנאַץ (פאָלקסקאָמיסאַריאַט פאַר נאַציאָנאַלע איניאָנים) מיט א באַקאַשע צוגרייטן פאַר אים מאַטעריאַלן וועגן דער רעכטלעכער לאַגע פון די ייִדן אין בורזשואַז־פּריצישן פּוילן. באַקומען אָט די מאַטעריאַלן, האָט טשיטשערין דעם 10 דעקאַבער 1920 זיי איבערגעשיקט יאָפן, דעם אָנפירער פון דער סאָוועטישער דעלעגאַציע פאַר פרידנס־אונטערהאַנדלונגען מיט פּוילן. אין דער זעלבער צײַט האָט ער מודיִע געווען דעם נאַרקאָמנאַץ, אַז ער איז מסכּים מיט זײַן שטעלונג וועגן דער נייטיקײַט, אַז פּוילן זאָל אײנעם פרידנס־אָפּמאַך זיך פאַרפליכטן אָפּהיטן די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן אין אַלגעמיין, אַרײַנגערעכנט די ייִדן.

אין זײַנע אַרויסטרעטונגען אין די יאָרן 1922—1923 האָט טשיטשערין ניט אײן מאָל באַרירט די ייִדן־פּראָבלעם באַם קאַפּיטאַליזם. אין אָקטיאַבער 1922 האָט ער, פאָרנדיק אַף דער לאָזאַנער קאָנפערענץ, זיך אָפּגעשטעלט אין וואַרשע און געהאַט א שמועס מיט די פאַרשטייער פון דער ייִדישער פּרעסע. אינעם אינטערוויו האָט ער דעמאַסקירט די פּלענער, וועלכע די אימפּעריאַליסטישע וועלט־רעאַקציע האָט זיך באַמיט דורכפירן, דערבײַ האָט ער אָנגעוויזן אַף דער ראָליע פונעם ציִוניזם אַלס אַגענטור פונעם ענגלישן אימפּעריאַליזם.

„אין דער צײַט פון דער מילכאָמע (ערשטער אימפּעריאַליסטישער וועלט־מילכאָמע. — א. יע.), — האָט ער אונטערגעשטראָכן, — איז א טייל פון די רוסישע ציִוניסטן אין לאָנדאָן געווען פאַרן מאַסן־אַרײַנטריט פון די רוסישע ייִדן אַלס וואָלאָנטיאָרן אין דער ענגלישער אַרמיי. די דאָזיקע פראַגע האָט אַרויסגערופן א שטאַרקע אופרעגונג אין די דעמאָלטיקע ייִדישע קרײַזן אין לאָנדאָן, ווי אויך אין די טרעד־יוניאָנען. ס'האָט זיך אָנגעהויבן א שאַרפער קאַמף צווישן די אָנהענגער פון אַרײַנטרעטן אין דער אַרמיי און זייערע קעגנער". אין דעם דאָזיקן שטרײַט האָט טשיטשערין ענערגיש אונטערגעהאַלטן די אינטערנאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן צווישן די ייִדישע אַרבעטנדיקע.

אופדעקנדיק פאַר דער ענגלישער געזעלשאַפטלעכקײַט, וויאַזוי די צאַרישע רעגירונג האָט בײַס דער מילכאָמע פאַרשטאַרקט די פאַרפאָלגונגען פון די אונטערדריקטע פעלקער אין רוסלאַנד, האָט טשיטשערין אָנגעוויזן אַף די שוידערלעכע פאָרמען און מאַסשטאַבן, וואָס עס האָט אָנגענומען די פּאָגראָמהעצע קעגן די ייִדן, און גערופן די ענגלישע מאַסן ענערגיש פּראָטעסטירן קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס.

טשיטשערין איז געווען ענג פאַרבונדן מיטן לינקן פליגל פון דער ענגלישער סאָציאַל־דעמאָ־

קראַטישער און פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונגען. ער האָט געקעמפט קעגן די באַמיִונגען פון דער ענגלישער רעגירונג איבערצוגעבן דער צאַרישער מאַכט די עמיגראַנטן פון רוסלאַנד, קעדיי מיט גוואַלד זיי מאָביליזירן אַף דער מילכאָמע. אין זײַנע קאָרעספּאָנדענצן אין דער צײַטונג „נאַשע סלאָוואָ" („אונדזער וואָרט") האָט טשיטשערין געשריבן וועגן דעם וווּקס פון די אַנטימיליטאַריסטישע שטימונגען באַם לאָנדאָנער פּראָלעטאַריאַט און צווישן די יידישע אַרבעטער.

פאַר זײַן אינטערנאַציאָנאַליסטישער טעטיקײַט האָט די ענגלישע רעגירונג אין אויגוסט 1917 אים פאַרשפאַרט אין טפיסע, וואָס עס האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפן פּראָטעסט פון די לאָנדאָנער אַרבעטער און ראַדיקאַלע פּאָליטישע טוער. אין דער באַוועגונג פון פּראָטעסט האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט די יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן הויך געשעצט טשיטשערינען פאַר זײַן אינטערנאַציאָנאַליזם. אָפּמערקנדיק דעם דאָזיקן פאַקט, האָט די קאַדעטישע צײַטונג „יעווריעיסקאַיאַ ניעדעליאַ" („די יידישע וואָך") אין פּעטראָגראַד מיט קאַס געשריבן: „אין לאָנדאָנער ווײַטשעפּל כאַזורן איבער די יידן די לאָזונגען פון די רוסלענדישע באָלשעוויקעס". אין בריקסטאָנער טורמע האָט טשיטשערין זיך דערוווּסט וועגן דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. די סאָוועטישע רעגירונג האָט אופגעפאָדערט אין אַ ספּעציעלער נאָטע צו דער ענגלישער רעגירונג, אַז טשיטשערין זאָל טייקעף באַפרײַט ווערן.

דעם 3 יאַנואַר 1918 איז געאָרגי וואַסיליעוויטש געהיים אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאָנדאָן און אַף מאָרגן האָט מען אים אַרײַנגעזעצט אין אַ שיף, וועלכע איז אָפּגעגאַנגען קיין נאָרוועגיע. דעם 6 יאַנואַר איז ער אָנגעקומען קיין פּעטראָגראַד און דעם 8 יאַנואַר איז ער, לויט לענינס פּאָרשלאָג, באַשטימט געוואָרן אַלס שטעלפאַרטרעטער פונעם פּאָלקסקאָמיסאַר פאַר אויסערן־איניאָנים.

סאָף יוּן 1923. עס פאַרברייטערט זיך דער בונד פונעם אַרבעטער־קלאַס מיטן האָרעפּאַשנעם פּויערטום. אונדזער מײַרעוווּקע האָט גענומען שעפטום איבערן סאָווכאָז „נאָוויע יעלצי" און איבער 44 דערפער פונעם אָסטאַשקאָווער אויעזד, טווערער גובערניע. טעטלעכע סעקטאָרן פון דער מײַרעוווּקע, בעסוויכעם דער יידישער, פאָרן אוועק אין פולן באַשטאַנד אַף דער קאַניקולצײַט קיין „נאָוויע יעלצי".

אַף 90 וויאָרסט ציִען זיך לענגאויס די ברעגן פון דער אָזערע סעליגער צענדליקער דערפער. אַלס שעפן פירן מיר דורך אין זיי פּאַרטייִשע, קאָמיוגישע און קולטור־אַרבעט. דער סאָווכאָז „נאָוויע יעלצי" איז אונדזער „לאַנדווירטשאַפטלעכער אוניווערסיטעט". מיר זײַנען פאַנאַנדערגעטיילט אין בריגאַדעס: קאָסערס, היי־שאַרערס, קרענעצע־גראַבער, בוי־אַרבעטער, ערד־מעסטערס, גערטנער־אַרבעטער. די לאָנקע איז „דער ערשטער קורס" פאַר דער מערהײַט פונעם ייד־סעקטאָר. אונדזערע לערערנס זײַנען די לעטישע סטודענטקעס. זיי זײַנען געדולדיק און שטרענג. די ערשטע טעג באַגיסן מיר זיך מיטן זיבעטן שוויס. מיר הייבן אָן די אַרבעט פריִער פאַר אַנדערע, ענדיקן שפּעטער, קוים־קוים ספּראַווען מיר זיך מיט דער נאָרמע. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום ווערן מיר געניטער. אייניקע פאַרנעמען שוין די ערשטע ערטער אין דער פאַרמעסטונג. די ראַדיאָ־ליבהאָבער פונעם יידסעקטאָר האָבן אײַנגעשטעלט אין דער צענטראַלער געבײַדע אַ הויכריידער. יונגע און עלטערע פּויערים כאַפּן זיך אַרײַן אַהער זונטיק נאָכן קלויסטער...

אין די דערפער שושקעט מען זיך וועגן די אָנגעפאָרענע סטודענטן. „עפּעס מאָדנע מענטשן זײַנען זיי, ריידן אַף פרעמדע שפּראַכן, זײַנען פון פאַרשיידענע נאַציעס, און אַפילע יידן פאַרנעמען זיך מיט ערדאַרבעט". עס פירט זיך אויך אַ באַלעגופישע אַגיטאַציע: „דאָס זײַנען די שעליכים פונעם אַנטיכריסט".

אין איינעם פון די זונטיקס לאָז איך זיך אוועק אין „מײַן דאָרף" — מאַטשוגינאַ גאָראַ, איינס פון די ווײַטסטע. אין מעשעך פונעם טאָג פיל איך אויס מײַנע היסכײַוועסן און בין צופרידן — כ'האָב געמאַכט דעם פּלאַן. אָבער ס'לאָזט זיך שוין אַראָפּ דער אָוונט, אין די סאָסנע־וועלדער טונקלט שוין. איך פאַרליר דעם וועג. קוים־קוים דערזע איך אַ סטעזשקעלע, וואָס פירט צו די גערטנער און שטאַלן פון אַ דערפּעלע. לעם די שטאַלן באַגעגנט מיך אומדערוואַרט אַ כאָפּטע מיידלעך מיט ווילעס און דרוטשקעס אין די הענט. זיי זײַנען פון אַ „ווײַבערש" דערפּל, וווּ אויסער דעם גאַלעך זײַנען קיין מאַנצבלען ניט פאַראַן. מיט כשאַד קוקן די מיידלעך אַף מײַן שוואַרץ סאַטין־העמדל און אַפּן שטרויענעם קאַפּעליוש, זיי פרעגן מיך לאַנג אויס, ווער איך בין און וווּהין איך גיי. ענדלעך גלייבן זיי, אַז איך בין אַ סטודענט פון נאָוויע יעלצי, באַווײַזן זיי מיר דעם וועג און גיבן אויס דעם סאָד: מ'האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ פערד־גאַנעוו...

סאָף אויגוסט. מיר פאַרסאַכאַקלען די דורכגעפירטע אַרבעט. ס'זײַנען אויסגעוואַקסן די פּאַרטייִשע און קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציעס, דאָס דאָרף האָט געענדערט זײַן שטייגער־לעבן. די מיידלעך זינגען שוין נײַע לידער:

האָט געוואָלט די מאַמע מיך
פאַר אַ גאַלעך אָפּגעבן,
אוי, מאַמע, כ'וועל ניט גיין,
אַף מײַן וואָרט, איך וועל ניט גיין.
שפּריצט דער גאַלעך אָפּ מיט ווייראַך,
און אַף מיידלעך וואָרפט ער אייגלעך...

ס'האָט זיך טיף אײַנגעקריצט אין זיכאָרן דער אָפּפאָר קיין מאָסקווע. אומדערוואַרט איז פון די דערפער געקומען אין סאָווכאָז אַ דעלעגאַציע פון באַאָרטע פּויערים און געבעטן איבערלאָזן דעם סטודענט שפּיטאַלניק אַף אַ יאָר צײַט פאַרזעצן די אַרבעט אין דער קאָאָפּעראַציע. שפּיטאַלניק שײַנט. מיט זײַן שוואַרץ בערדל, גוטמוטיקן שמייכל, מיטן בײַטשל אין

דער האַנט (כאָטש ער פירט אָפּ די מילך־בידאָ־
נען אַף א לאַסטמאַשין), מיט די ווערטלעך, וועל־
כע ער וואַרפט אַלע מאָל אַרײַן באַם שמועסן
מיט די פּויערים, דערמאָנט אָט דער פּאָשעטער
יאַט פון האָמעל טעוויע דעם מילכיקן. דאָס איז
אָבער א טעוויע פון גאָר אַן אַנדער צײַט — א
זשוואַווער, ענערגישער, אויסגעצייכנטער מאַסן־
אַגיטאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר. די באַקאָשע פון
די פּויערים האָט אים שטאַרק גערירט, און ער
האָט אָנגעשריבן א מעלדונג דעם רעקטאָר פון
דער מײַרעווקע יוליאַן מאַרכלעווסקין, מע זאָל
אים געבן אורלויב אַף א יאָר צײַט — ער וועט
בלײַבן אַרבעטן אין דאָרף. מיר קוקן מיט האַרצ־
ווייטעק אַף שפּיטאַלניקס אײַנגעפאַלענע באַקן
מיט די בלייך־ראָזע פלעקן. מיר ווייסן, אַז מיט
זײַנע לונגען איז ניט אין אָרדענונג. מיר ריידן
אים אָפּ: אַפן סעליגער גייען אָפּט רעגנס, ס'איז
א פּײַכטע לופט. עס העלפט ניט. שפּיטאַלניק
דראָעט פאַרלאָזן דעם אוניווערסיטעט, אויב מע
וועט אים ניט דערלויבן מיט זײַנע אייגענע
הענט פאַרווירקלעכן לענינס קאָאָפּעראַטיוון
פּלאַן. ער באַגלייט אונדז אַפן דאַמף־שיפל בא
דער אָזערע. באַם געזעגענען זיך זאָגט ער: „גיט
איבער א גרוס דעם נײַעם אופנאַם, דערציילט,
ווי מיר בויען דעם סאָציאַליזם אין דאָרף“.

אין א צײַט אַרום דערוויסן מיר זיך: אונד־
זער כאַווער האָט ניט דערצויגן אַף א כוידעש
ביזן סאָף פון זײַן קאָמאַנדירונג, אין עלף כאַדאָ־
שים אַרום איז ער געשטאָרבן פון א לונגען־אָנ־
צינדונג. זײַן אָרון האָבן מיר איבערגעפירט קיין
מאָסקווע, אַפן נאָוואָדעוויטשער בעסוילעם. און
אַף א בערגל פונעם האַלב־אינדזל „נאָוויִע יעל־
צי“, וואָס זעט זיך ווײַט־ווײַט איבערן סעליגער,
האָט מען אים אויך אוועקגעשטעלט א דענק־
מאָל — צו א סאָסנע איז צוגעפעסטיקט געוואָרן
א רויט־געפאַרבטער הילצערנער שטערן מיט אַן
אויפשריפט: „דעם בויער פון דער קאָאָפּעראַציע,
דעם סטודענט פון דער מײַרעווקע שפּיטאַל־
ניקן — מיט דאַנקבאַרקײַט, פון די סעליגערער
פּויערים“.

פון סעליגער האָב איך געבראַכט צונויפגע־
זאַמלטע פּראָקלאַמאַציעס, בראָשורן, אַנדערע
דאָקומענטן וועגן דער פאַררעוואָליוציאָנערער
באָלשעוויסטישער טעטיקײַט צווישן דעם טווע־
רער פּויערטום. מיט ציטערנדיקע הענט האָבן
די ווײַסבערדיקע זקיינים אַרויסבאַקומען זיי פון
הינטער די איקאָנעס, אײַנגעוויקלטע אין רויטע
פּאַטשיילעס. אין דרײַ צענדליק יאָר אַרום זײַנען
די דאָזיקע זעלטענע דאָקומענטן ציטירט גע־
וואָרן אין מײַן וויסנשאַפטלעכער קאַנדידאַטן־
דיסערטאַציע.

סאָף אויגוסט 1923. עס דערנעענטערט זיך
דאָס נײַע לערניאָר, אָבער גאָר אומדערוואַרט
קומט מיר אויס ווידער זיך צו באַשעפטיקן מיט
דער לאַנדווירטשאַפט, און דאַפקע אין סאַמע
מאָסקווע. ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז מײַן
„פּויערישע“ פּראַקטיק זאָל אַזוי גיך צוניץ קו־
מען? אין מעשעך פון עטלעכע כאַדאָשים איז אַף
א גרויסן שעטעך אויסגעוואַקסן די אַלפאַרבאַנ־
דישע לאַנדווירטשאַפטלעכע און קוסטאַר־אינדו־

סטריִעלע אויסשטעלונג (איצט געפינט זיך אַף
אָט דער טעריטאָריע דער באַרימטער פּאַרק פון
קולטור און אָפּרו אַף גאָרקיס נאָמען) — א גאַנ־
צע וווּנדער־שטאָט מיט ברייטע אַספאַלטירטע
פּראָספעקטן, אַלייען, אָראַנזשערייעס, וואַסער־
באַסיינען און גרויסאַרטיקע פּאַוויליאָנען. די
סטודענטן פונעם ייִדסעקטאָר פון דער מײַרעוו־
קע האָבן געהאָלפן אויספורעמען א ייִדישן פּאַ־
וויליאָן. שוין אין מיטן אויגוסט (צוויי וואָכן פאַר
דער אָפיציִעלער עפענונג) האָבן די פּאַוויליאָנען
צעפּראַלט זייערע טירן פאַר טויזנטער באַזוכער
פון אַלע עקן פונעם ראַטנפאַרבאַנד און פון דער
גאָרער וועלט. ג. וו. טשיטשערין מערקט אָפּ אין
זײַן אַרויסטרעטונג אַף א מיטינג די קאָלאָסאַלע
דערגרייכונגען פון דער לענינישער נאַציאָנאַ־
לער פּאָליטיק פאַר די אָקטיאַבער־יאָרן. ער
ווײַזט אָן, אַז דאָס איז א „מערקווירדיקער בײַ־
שפּיל פון יענער נאַטירלעכער ברידערשאַפט
צווישן די פעלקער, וועלכע איז א פּויעל־יויצע
פון אונדזער אָרדענונג“.

זונטיק דעם 9 סענטיאַבער קומט פאָר די
אָפיציִעלע עפענונג פונעם ייִדישן פּאַוויליאָן. אין
נאָמען פון דער רעגירונג טרעטן אַרויס דער
פאָלקסקאָמיסאַר פאַר אויסערלעכן האַנדל ל. ב.
קראַסין און דער פאָלקסקאָמיסאַר פאַר אויסערן־
איניאָנים ג. וו. טשיטשערין. אין זײַן רעדע באַ־
גריסט קראַסין די ערשטע טריט פון די ייִדישע
אַרבעטער־מאַסן בא אונדז אין לאַנד אין געביט
פון דער לאַנדווירטשאַפט. ער שטעמפּלט די
אַגיטאַציע פון די ציִעניסטן, וועלכע פּרוּוון אָפּ־
לייקענען די גערעכטיקע לייזונג פון דער ייִדן־
פראַגע אין ראַטנפאַרבאַנד. דער ייִדישער פּאַווי־
ליאָן, שטרײַכט אונטער קראַסין, באַווײַזט, אַז
אינעם פרײַען פאַרבאַנד פון סאָוועטן־רעפּובליקן
נייטיקט זיך ניט דער ייִדישער אַרבעטער און
פּויער אין עמיגראַציע קיין פּאַלעסטינע.

טשיטשערין האָט אין דער אַרויסטרעטונג
דערמאָנט וועגן זײַנע פאַרבינדונגען מיטן ייִדישן
פּראָלעטאַריאַט אין לאָנדאָן: „כ'האָב טאָגטעגלעך
געזען אין טאַט די אַקשאָנעס און ענערגיע, וועל־
כע די ייִדישע פּראָלעטאַרישע מאַסן האָבן אַרויס־
געוויזן, פאַרטיידיקנדיק די אידייען פונעם מאַרק־
סיזם און פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם“.

דאָ איז דאָס אָרט צו דערמאָנען, אַז ג. וו.
טשיטשערין, שטייענדיק בעראָש פון דער סאָ־
וועטישער דעלעגאַציע אַף דער גענוער קאָנ־
פערענץ אין 1922, האָט אַף דער דאָזיקער קאָנ־
פערענץ אָנגעוויזן, אַז די אימפּעריִאַליסטישע
אינטערווענץ קעגן דעם יונגן ראַטנלאַנד איז גע־
גאַנגען באַנאַנד מיט ייִדישע פּאָגראָמען. עס זײַ־
נען פאַרעפנטלעכט געוואָרן שוידערלעכע צי־
פערן: אין די יאָרן פון בירגערקריג האָבן די
קאָלטשאַקישע, דעניקינישע, פּעטליורישע באַנ־
דעס, וועלכע די אימפּעריִאַליסטישע מעלוכעס
האָבן אונטערגעהאַלטן, דורכגעפירט 2000 ייִדי־
שע פּאָגראָמען, בייס וועלכע עס זײַנען דער־
מאָרדעט געוואָרן בא 200 טויזנט מענטשן. די סאָ־
וועטישע דעלעגאַציע האָט דערבײַ אָפּגעמערקט,
אַז די פולע שולד פאַר די קאָרבאָנעס פאַלט אַף
דער ענגלישער, פראַנצויזישער, אַמעריקאַנישער,

דײַטשישער און אַנדערע אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס, וועלכע האָבן אונטערגעהאַלטן סײַ מיט געלט, סײַ מיט זייערע אינטערווענציאָניסטישע אַרמייען די קאָנטררעוואָליוציע אין רוסלאַנד.

די ווײַסגוואַרדייִשע פּאָגראָם־פּאָליטיק איז ניט געווען בלויז אַן איבערכאַזערונג פון דער צאַרישער. זי האָט ווײַט איבערגעשטיגן זי לויטן פאַרנעם און אַרײַנגעטראָגן אין איר טאָך נײַע אידעאָלאָגישע עלעמענטן. אין דעם ווילדן אַנטיסעמיטיזם האָבן אַלע קאָנטררעוואָליוציאָנערע פּאַרטייען אײַנגעזען אַ מיטל צו ראַטעווען די זעלבסטהערשונג.

די קאָלטשאַקאָווצעס האָבן צוגעגעבן דער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע אַ גלאָבאַלן כאַראַקטער. זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אַ קאָלאָסאַלע צאָל פּאָגראָם־בלעטלעך, אָרגאַניזירט ספּעציעלע אָפּטײלונגען צו פירן אַזאַ אַגיטאַציע. מיט איר האָט אָנגעפירט דער אָרגאַן פונעם קאָלטשאַקישן גענעראַל־שטאַב, די צײַטונג „די רוסישע אַרמיי“. איר טאָגגעבער איז געווען דער געוועזענער רעדאַקטאָר פון קאַדעטישע אויסגאַבעס, דער ציעניסט סאָסאָנקין (ליטאָווסקי).

דעם כאַראַקטער פון דער דאָזיקער אַגיטאַציע האָט באַזונדערס בולעט אויסגעדריקט די אַנטיסעמיטישע פּראָקלאַמאַציע „צום רוסישן פאָלק“, וואָס די קאָלטשאַקאָווצעס האָבן זיך באַמיט צו פאַרשפּרייטן ערעוו זייער פאַרלאָזן טשעליאַבינסק. אין איר איז געזאָגט געוואָרן: „איצט איז די סיסטעם פון פּאָגראָמען אָפּגעלעבט, ס'איז אַ בירגערלעך מיטל, צו אַ ווייכע שטראָף פאַר די גרויסע אינוים און צאָרעס, וואָס ייִדן האָבן אונדז אָנגעטאָן... ניט קיין פּאָגראָמען, נאָר אַ קרייץ־צוג קעגן ייִדן דאַרף אָרגאַניזירט ווערן. אַלע ייִדן מוזן אויסגעשאָכטן ווערן“ (ציטירט לויטן זאַמלבוך „אין דער טקופע פון רעוואָליוציע“, באַנד 1, ז. 140, בערלין, 1924).

דער שנעלער אָנגריף פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע האָט צעקלאַפּט די ווײַסגוואַרדייִשע כאַיאָלעס, האָבן געראַטעוועט די ייִדן פון דער טויט־געפאַר.

מערקווירדיק, ווי די ייִדישע בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע היסטאָריקער זײַנען פון דער הויט געקראָכן צו ריינוואַשן די קאָלטשאַקישע פּאָגראָמשטשיקעס. ביכלאַל דאַרף מען זאָגן, אַז די ייִדישע גרויס־בורזשואַזיע בעראָש מיט די ציעניסטן האָט אַקטיוו מיטגעהאָלפן דער אײַנשטעלונג פון קאָלטשאַקס מאַכט און מיט אַלע קויכעס זי געשטיצט. „אין דער סיבירער קאָנטררעוואָליוציע האָבן די ייִדישע בורזשואַזע עלעמענטן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל, — האָט אין דעם אויבנדערמאָנטן זאַמלבוך געשריבן א. מוקדוני, — אַ גרויסער טייל פון דעם וואָלגער סאָכרים־צוזאַמענפאָר איז באַשטאַנען פון ייִדן, מערסטנס פריש־אָנגעקומענע סאָכרים, נײַע מילכאָמע־גווירים. די דאָזיקע גווירים ווערן די „פּאָדריאַדטשיקעס“ בא קאָלטשאַקס אַרמיי, גרינדן אויפגעבלאָזענע האַנדלס־געזעלשאַפטן מיט דער הילף און מיטן אָנטייל פון קאָלטשאַקס מיניסטאָרן. אין דער וואַקכאַנאַליע פון שווינדל, גנייווע און שמוגל, וואָס האָט געבושעוועט אין קאָלטשאַקס עפּאָכע, פאַרנעמען אָט די ייִדישע מילכאָמע־גווירים אַ בעקאָוועדיק אָרט“ (דאָרט, ז. 116).

דער אָנפירנדיקער אָרגאַן פון די ייִדישע קעהילעס אין סיביר — דער נאַציאָנאַל־ראַט, אין וועלכן עס האָבן געהערשט די ציעניסטן, האָבן קיין האַנט אין קאַלטער וואַסער ניט אײַנגעטונקען צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די ייִדישע מאַסן. א. מוקדוני טרעפט אין סאַמע פּינטל, ווען ער באַמערקט דאָ, אין זײַנע מעמואַרן, אַז דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט דעם, וואָס דער נאַציאָנאַל־ראַט איז „געווען צופיל ציעניסטיש. ער האָט מער אָפּגעטאָן פאַרן ציעניזם אין סיביר, ווי פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג אָפּן אָרט“ (דאָרט, ז. 133—134).

און דאָך האָט קאָלטשאַקס פּלאַן פון טאָטאַלער פאַרניכטונג פון די ייִדן געליטן אַ פולע מאַפּאָלע. וועלכע פאַקטאָרן האָבן עס באַדינגט? וועלכע קרעפטן האָבן אַרויסגעוויזן אַ העראָיִשן ווידערשטאַנד די פּלענער פון די פּאָגראָמשטשיקעס?

וויכטיקע פאַקטן אין אָט דעם פּראַט טרעפן מיר ווײַטער אין א. מוקדוניס מעמואַרן. „און דאָ זאָל זײַן דאָס פּאַסיקע אָרט, — שרײַבט ער, — צו דערמאָנען די האַלטונג פון די רוסישע אַרבעטער־זעצער. מיטן פרײַען ווילן האָבן זיי קיינמאָל ניט אויסגעזעצט די פּאָגראָם־פּראָקלאַמאַציעס. מיט אַלערליי אויסרעדעניש פלעגן זיי פאַרציִען אָדער אַ לענגערע צײַט זיך אַרויסמאַכן פון דער דאָזיקער אַרבעט, וואָס מע פלעגט זיי אָנצווינגען“. מיט די רוסישע און ייִדישע זעצער אין טשעליאַבינסק, אירקוטסק, אָמסק און אין אַנדערע שטעט האָבן אָנגעפירט די אומלעגאַלע באָלשעוויסטישע קאָמיטעטן. די פּאַרטיי האָט דערצויגן אין אינטערנאַציאָנאַליסטישן גײַסט די ברייטע פאָלקסמאַסן, וואָס עס האָט געבראַכט דערצו, אַז „די אַלע באַמיִונגען פון קאָלטשאַקס גענעראַלן און פון דער גאַנצער שוואַרצמײַיקער באַנדע, וועלכע האָט געהערשט אין סיביר, אויפצורייצן דעם האַמוין קעגן די קליינע הײַפעלעך ייִדן האָבן קיין דערפאָלג ניט געהאַט. פאַר דער גאַנצער צײַט פון דער שוואַרצער הערשאַפט פון קאָלטשאַקן אין סיביר קאָן מען ניט קאָנסטאַטירן קיין איין אַרויסטרעטונג פונעם פאָלק קעגן ייִדן“ (דאָרט, ז. 125—126).

אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם קאַמף קעגן קאָלטשאַקן און אַלע קאָנטררעוואָליוציאָנערע פּאַרטייען האָבן גענומען די ייִדישע אַרבעטער. צווישן זיי איז געווען מײַן כאַווער פון דער מײַרעווקע, דער זעצער שימען (סיאָמע) לעווין. צוזאַמען מיט זײַנע עלטערן, בעזשענצעס פון קאָוונע, האָט ער זיך אין 1918 געפונען אין אירקוטסק. צו יענער צײַט האָט ער שוין פאַרמאָגט אַ היפּשן סטאַזש פון קאָמיוגישער טעטיקײַט. אַ זיבעצניאָריקער, איז ער געוואָרן אַ קאָמוניסט, און די פּאַרטיי האָט אים באַאויפטראָגט פירן אומלעגאַלע אַרבעט צווישן די זעצער. ווען די מענשעוויקעס און עסערן האָבן דעם 1 מײַ 1919

צונויפגערופן אין שטאָט־טעאטער א מיטינג, האָט לעווין מיט נאָך עטלעכע קאָמוניסטן אויסגעשלאָסן אין זאל די עלעקטרע־שײַן. לעווין האָט פאנאנדערגעוואָרפן אין דער פינצטער באָלשעוויסטישע פראָקלאמאציעס, אויסגעשריִען באָלשעוויסטישע לאָזונגען, גענומען זינגען דעם „אינטערנאציִאָנאל“, וועלכן ס'האָבן אונטערגעכאפט די בײַוועזנדע. ער האָט ארויסגעצויגן פון אונטער דעם פידזשאק א רויטע פאָן און גערופן צו א שטאָט־דעמאָנסטראציע. די פאָליציי האָט אים גלײַך פארכאפט, אָבער די כאוויירים האָבן אים אין עטלעכע טעג ארום באפרײַט, און ער האָט פאָרגעזעצט אויספילן פאראנטוואָרטלעכע פארטיי־אופטראָגן.

אין נאָיאבער 1919 איז לעווין ארײַן אין באשטאנד פונעם באָלשעוויסטישן שטאב באם אירקוטסקער פארטיי־קאָמיטעט אף צוגרייטן דעם באוואָפנטן אופשטאנד קעגן קאָלטשאקן. דער אופשטאנד האָט זיך פארענדיקט מיט א ניצאָכן, די מאכט איז איבערגעגאנגען צום גוברניִאלן רעוואָליוציִאָנערן קאָמיטעט בעראָש מיט די באָלשעוויקעס. שפעטער האָט לעווין מילכאָמע געהאלטן קעגן די פוילישע אינטערווענטן און איז פארוווּנדעט געוואָרן. נאָך דער אָפעראציע האָט ער זיך געלערנט אין דעם ייִדסעקטאָר פון דער מײַרעווקע און איז אין די ווײַטערדיקע יאָרן געווען אף קאָמיוגישער ארבעט — א מיטגליד פון צענטראל־ביוראָ פון די ייִדסעקציעס באם צק פונעם רוסלענדישן קאָמוניסטישן יוגנט־פארבאנד. שפעטער איז ער אף פאראנטוואָרטלעכער פארטיי־ארבעט אין האָמעל, אין סיביר.

דער זיג פון דער גרויסער סאָציִאליסטישער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט געלייגט אן אָנהייב פון דער נײַער, סאָציִאליסטישער לייזונג פון דער ייִדן־פראגע. ס'איז אײַנגעשטעלט געוואָרן די פולסטע מעגלעכקײַט פאר דער פרײַער אנטוויקלונג פון די ייִדישע מאסן אין אלע געביטן פונעם געזעלשאפטלעכן און מעלוכע־לעבן, די ברייטסטע מעגלעכקײַט פאר זייער שעפערישער טעטיקײַט. די ראטנמאכט האָט גלײַך געגעבן א טויט־קלאפ דעם אנטיסעמיטיזם. אין יאנואר 1918 האָט די קאָמוניסטישע פארטיי באופטראָגט דעם ייִדישן קאָמיסאריאט באם פאָלקסקאָמיסאריאט פאר נאציִאָנאלע איניִאָנים פאנאנדערארבעטן מאָסמיטלען קעגן ייִדן־סינע און פאָגראָמען, פירן א קאמף מיטן בורזשואזן נאציִאָנאליזם און קלעריקאליזם אין דער ייִדישער סוויווע, פאנאנדערוויקלען א ברייטע אגיטאציע אף ארײַנציִען די ייִדישע ארבעטנדיקע אין דער רויטער ארמיי, דעם דעקלאסירטן טייל פון דער ייִדישער באפעלקערונג — אין פראָדוקטיווער ארבעט.

אלס קאָמיסאר איבער ייִדישע איניִאָנים איז באשטימט געוואָרן סעמיאָן (שימען) דימאנשטיין (פארטיי־פסעוודאָנים — „מאקסים“). ער איז געבוירן געוואָרן אין 1866 אין סעבעזש, וויטעבסקער גובערניע, געשטאמט פון א באלמעלאָכישער מישפאָכע, אליין געווען אן ארבעטער. אין 1904 איז ער אין ווילנע ארײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פארטיי, אקטיוו זיך באטייליקט אין דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע: אָרגאניזירט שטרײַקן, געארבעט אין דער מינסקער אומלעגאלער פארטיי־דרוקערײַ.

דימאנשטיין האָט געפירט אן ענערגישע פראָפאגאנדיסטישע טעטיקײַט צווישן די ייִדישע פראָלעטארישע מאסן. אין די יאָרן 1905—1907 איז ער פינף מאָל געווען ארעסטירט. אין 1908 האָט מען אים ווידער ארעסטירט בייס דער שטאָטישער פארטיי־קאָנפערענץ אין ריגע. לויטן „איניען פון 44“ איז ער פארמישפעט געוואָרן און איז פיר יאָר אָפגעזעסן אין די שטרענגסטע טפיסעס — ריגער צענטראלער און סאראטאָווער. אין 1913 האָט מען אים פארשיקט קיין סיביר (דאָרף זנאמענקע, אירקוטסקער גובערניע). אין אָנהייב 1914 איז ער פון דאָרט אנטלאָפן קיין אויסלאנד און ביזן 1917 געוווינט אין פאריזש, געווען א מיטגליד פונעם פאריזשער קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי, געפירט אן אנטימיליטאריסטישע פראָפאגאנדע צווישן די ארבעטער. אין עמיגראציע איז דימאנשטיין געווען ענג פארבונדן מיט לענינען. ווען לענין האָט אָנגעשריבן אין 1915 דעם באוווּסטן בוך „דער סאָציִאליזם און די מילכאָמע“, וועלכער האָט באגרינדעט די באָלשעוויסטישע פאָליטיק פון קאמף קעגן דעם אימפעריִאליסטישן קריג, איז אופגעקומען די נויטווענדיקײַט איבערצוזעצן דעם בוך אין ייִדיש. אלס איבערזעצער איז, לויט וולאדימיר איליטשס אָנווײַזונג, אָנגעמערקט געוואָרן שימען דימאנשטיין.

די פעווראל־רעוואָליוציע האָט געגעבן א מעגלעכקײַט דימאנשטיינען זיך אומקערן קיין ריגע, ווו ער האָט פאנאנדערגעוויקלט אן ענערגישע טעטיקײַט, רעדאגירט די סאָלדאטישע באָלשעוויסטישע צײַטונג „אקאָפנאיא פראוודא“, וועלכע האָט געשפילט א גרויסע ראָליע אין צוציִען די סאָלדאטישע מאסן צום קאמף פארן זיג פון דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע.

נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט די פארטיי ארויסגערוקט דימאנשטיינען אף פאראנטוואָרטלעכער ארבעט. ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אין צק פון די קאָמפארטייען פון לעטלאנד און אוקראִינע, געווען דער ערשטער סעקרעטאר פון דער צענטראל־ביוראָ פון די ייִדישע סעקציעס באם צענטראל־קאָמיטעט פון ר. ק. פ. (ב).

שוין אין 1918 האָט דער צענטראל־קאָמיטעט פון דער פארטיי, לויט לענינס אָנווײַזונג, אָנגענומען א באשלוס, וועלכער האָט פאָרגעלייגט ארויסווײַזן א ווירדיקע שטיצע דעם איבערגאנג די געהעריקע סאָוועטישע צענטראל־אָרגאנען פון די ייִדישע מאסן צו ערדארבעט.

קערזאָנס אולטימאטום, די נײַע פלענער פון דער אימפעריִאליסטישער רעאקציע האָבן אופגעמונטערט די ציִעניסטן, די ייִדישע מאָנארכיסטיש־קאדעטישע און אנדערע קאָנטררעוואָליוציִאָנערע גרופעס. זיי פרוּוון זיך פארייניקן און אקטיוויזירן זייער טעטיקײַט אין אויסלאנד. בערלין איז איינער פון זייערע צענטערן.

אין 1923 איז דערשינען אין דײַטשלאנד

ד. פּאַסמאַניקס בוך „די רוסישע רעוואָליוציע און דאָס ייִדנטום“. דער ציִעניסטישער פירער, איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעניקינס אַרמיי און מיניסטער אין דעניקינס רעגירונג, האָט אָפן דערקלערט: „מיר האָבן אונטערגעהאַלטן יענע ווײַסע (ווײַסגוואַרדייִשע. — א. יע.) באַוועגונג, וועלכע האָט געדאַרפט ראַטעווען רוסלאַנד“. פּאַסמאַניק האָט אין זינען געהאַט ראַטעווען דאָס מאָנאַרכיסטישע רוסלאַנד פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

דער מיטגליד פון צק פון דער „פּאָלקספּאַרטיי“ וו. מאַנדעל האָט פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע א בריוו, ווו ער האָט זיך דערקלערט אַלס א מאָנאַרכיסט און געמאָלדן וועגן זײַן פולער האַסקאָמע מיטן לידער פון די רוסישע מאָנאַרכיסטן־שוואַרצמייעניקעס יע. יעפימאָווסקין וועגן דעם, אַז די רוסיש־ייִדישע אינטעליגענץ און די בורזשואַזיע, וועלכע געפינט זיך אין אויסלאַנד, דאַרפן פאַרייניקן זייערע באַמיִונגען מיט די באַמיִונגען פון אַלע עלעמענטן, וועלכע ווילן מאַכן א סאָף צו דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט און אומקערן רוסלאַנד צו זײַן „אַלטער געזעצלעכער אָרדענונג“, ד. ה. צו דער מאָנאַרכיע.

אין זײַן פאָרטראָג „רוסלאַנד און דאָס רוסישע ייִדנטום“ האָט ג. לאַנדאַו, וועלכער האָט געהערט צו דער קאַדעטישער „דעמאָקראַטישער גרופּע“, גערופן דאָס רוסישע ייִדנטום „אַקטיוו מיטהעלפן דעם פּראָצעס פון אויסבילדונג פון רוסלאַנד“, ד. ה. רעסטאַווירן די זעלבסטהערשונג (זע דעם ציִעניסטישן „ראַססוועט“, 1923, נום. 10).

אין מײַ 1923 איז אין בערלין צונויפגערופן געוואָרן א ברייטע פאַרזאַמלונג, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט רוסישע און ייִדישע ווײַסגוואַרדייער פון דער מאָנאַרכיסטישער, קאַדעטישער פּאַרטיי, ציִעניסטן און טוער פון אַנדערע נאַציִאָנאַליסטישע פּאַרטייען. מיט א פאָרטראָג אָף דער טעמע וועגן די ייִדן אין רוסלאַנד“ איז ארויסגעטראָטן אי. ביקערמאַן (א ווײַסגוואַרדייער פון קאַדעטישן לאַגער). ער האָט קריטיקירט די מיינונג וועגן דער געפאַר פון ייִדישע פּאָגראָמען נאָכן אראָפּוואַרפן די מאַכט פון די באָלשעוויקעס און רעסטאַווירן די מאָנאַרכיע. די ווײַסע אַרמייען, האָט ער געמאָלדן, שרײַבט מען פאַלש צו די פּאָגראָם־טעטיקײַט. דער עצעם באַגריף „פּאָגראָם“, — האָט אויסגעברײַעט ביקערמאַן, — איז ניט אָנעמבאַר צו די באַדינגונגען פונעם בירגערקריג, און דעריבער קאָן מען אין דעם ניט באַשולדיקן קאָלטשאַקן. זײַן אויספיר: „די רוסישע ייִדן דאַרפן מיט אַלע קויכעס שטרעבן, פריִער פון אַלץ, צו אופלעבן די רוסישע מעלוכישקײַט (געמיינט די זעלבסטהערשונג. — א. יע.)... אין דעם באַשטייט די אופגאַבע פונעם ייִדנטום“. דאָס איז געווען אַן אָפענער רוף צו אַקטיווער באַטייליקונג אין א נײַער אינטערווענץ קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד, בא דער זיכערקײַט, אַז זי וועט באַגלייט ווערן מיט אויסשעכטן נײַע הונדערטער טויזנטער ייִדן. ביקערמאַן האָט דערבײַ געטײַנעט, אַז זײַן פאָרטראָג האָט דעם ציל צו באַגרינדן די פּראָבלעם וועגן דער לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע אין רוסלאַנד. אָבער די בײַוועזנדע האָבן אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, ווי ס'האָט אָנגעוויזן איינער פון זיי א. כאַראַש, אַז די אופגאַבע פונעם פאָרטרעגער איז ניט אַזוי לייזן די ייִדן־פראַגע, ווי די „שטרעבונג אום יעדן פּרײַז רײַנוואַשן די ווײַסע אַרמייען“.

אָפּרופנדיק זיך אָף ביקערמאַנס פאָרטראָג, האָט ל. עליאַשעוו אין זײַן ארויסטרעטונג זיך מיסוואַדע געווען, אַז ער איז איינער פון די רוסיש־ייִדישע געזעלשאַפטלעכע טוער, „וועלכע האָבן אין זייער צײַט הייס פאַרטיידיקט אין פּאַריזש די אינטערעסן פון דער פרײַוויליקער (דעניקינס. — א. יע.) אַרמיי“. לויט די פאָדערונגען פון די דעניקינצעס, — האָט ער געמאָלדן, — האָט דער קאָמיטעט פון די ייִדישע דעלעגאַציעס, ווו ס'האָבן געהערשט די ציִעניסטן, אין מעשעך פון דרײַ כאָדאָשים ניט דערלאָזט אין דער עפנטלעכקײַט די ערשטע יעדיִעס וועגן פּאָגראָמען, וועלכע די דעניקינצעס האָבן אָנגעהויבן. „די ציִעניסטן ווייסן, — האָט עליאַשעוו צום שלוס באַטאָנט, — אַז נאָר בא דער עקזיסטענץ פון א מעכטיקן רוסלאַנד (געמיינט מאָנאַרכיסטישן — א. יע.) קאָנען זיי פאַרווירקלעכן דעם אופקום פון אַן אייגענער מעלוכע“.

דער קאָלטשאַקאָוועץ א. גוטמאַן, וועלכער האָט, לויט דער באַהויפּטונג פונעם „ראַססוועט“, פיל מיטגעאַרבעט פּערזענלעך מיט קאָלטשאַקן, האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר ביקערמאַנס שטעלונג און זיך באַמיט אָפּלייקענען קאָלטשאַקס פּאָגראָם־רעציכעס און זײַן פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר זיי. אופדעקנדיק דעם זין פון ביקערמאַנס פאָרטראָג, האָט ער געמאָלדן, אַז „די רוסישע ייִדן דאַרפן וויסן, אַז זייער היימלאַנד איז רוסלאַנד (דאָס מאָנאַרכיסטישע. — א. יע.) און זייער אופגאַבע איז — אראָפּוואַרפן דעם באָלשעוויזם“.

די בײַוועזנדע פאָרשטייער פון די רוסישע מאָנאַרכיסטישע פּאַרטייען — קוזנעצאָוו, אָלדענבורג און אַנדערע — האָבן גערופן „פאַרגעסן די אַלטע כעזשבוינעס און מיט פאַרייניקטע קרעפטן זיך דערשלאָגן די אופשטעלונג פון דעם אַלטן רוסלאַנד, אין וועלכן עס נייטיקן זיך דער ייִדישער און ניט־ייִדישער סויכער און פאַבריקאַנט“.

ביקערמאַנס רוף — ניט זשאַלעווען דאָס בלוט פון ייִדן לעשעם דער רעסטאַוראַציע פון דער מאָנאַרכיע, פון דער מאַכט פון די פּאָגראָמשטשיקעס — האָט אָפּגעקלונגען אַזוי ציניש, אַז איינִיקע בײַוועזנדע זײַנען ארויסגעטראָטן קעגן אים. אָבער א סאַך פון די פאַרזאַמלטע האָבן אים פולקאָם אונטערגעהאַלטן. די אײַנשטעלונג צו קעמפן קעגן דער ראַטנמאַכט איז געווען א געמיינזאַמע.

די געבראַכטע מאַטעריאַלן דעקן באַשײַמפערלעך אוף דעם אַנטיסאָוועטיזם פון די ציִעניסטן און פון אַנדערע בורזשואַז־נאַציִאָנאַליסטישע פּאַרטייען, ווײַזן איבערצײַגנדיק זייער ראָליע אַלס פאַרטיידיקער פונעם אימפּעריִאַליזם און פון די פאַרביסענע פײַנט פון די ווירקלעך סאָציִאַלע און נאַציִאָנאַלע אינטערעסן פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן.

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

ליכטיקייט און פרישקייט

דער באַוווסטער ייִדישער סאָוועטישער דיכטער מענדל ליפשיץ איז אַלט געוואָרן פינף און זיבעציק יאָר. קנאַפּע זעכציק פון זיי איז ער טעטיק אין דער ליטעראַטור.

זײַנע ערשטע לידער האָט מענדל ליפשיץ פאַרעפנטלעכט אין 1924. זינט דאַן האָט ער אַרויסגעלאָזט פיל ביכער. זײַנע זאַמלונגען זײַנען אויך דערשינען אין דער איבערזעצונג אַף רוסיש און ווײַסרוסיש.

געבוירן איז מענדל ליפשיץ אין ווײַסרוסלאַנד, און אַפן גאַנצן לעבן האָט ער פאַרהיט — דאָס איז צו זען פון זײַנע לידער און פּאָעמעס — אַ טיפע ליבע צו אָט דעם וווּנדערבאַרן קאַנט.

מענדל ליפשיץ איז אַ כאַראַקטעריסטישע דערשײַנונג אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, אַ דערשײַנונג, וואָס איז אייגנטימלעך פאַר אונדזער צײַט, וועלכע האָט איר רעכענונג אָנגעהויבן פון אָקטיאַבער 1917. אַ דערשײַנונג, אַ כאַראַקטעריסטישע פאַר אונדזער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט מיט איר אָריענטירונג אַף קאָלעקטיווער שעפערישער מי, אַף בירגערלעכער טרײַהײַט צום סאָוועטישן היימלאַנד, אַף דער אָפּטימיסטישער וועלט־אָנשויונג פונעם נײַעם סאָוועטישן מענטשן, אַף זײַן טיפן גלויבן אין די אידעאַלן פון שאָלעם און פּראָגרעס.

דאָס אַלץ קאָן מען אויסלייענען אין און צווישן די שורעס פון יעדן בוך ליפשיצעס און אַפילע דערפון, ווי אָט די ביכער זײַנען אָנגערופן. די ערשטע זאַמלונג זײַנע, וועלכע איז דערשינען אין מינסק אין 1931, האָט געהייסן „מײַנע און אײַערע לידער". דער יונגער פּאָעט האָט שוין דאַן פּראָקלאַמירט דערמיט זײַן לײַבלעכע אָנגעהעריקײַט צו דער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער לעבט, צו דער געזעלשאַפט פון שעפער און בויער פון אַ נײַ לעבן. ער האָט אויסגעדריקט די טרוימען און באַגערן, די געפילן און געדאַנקען פון זײַנע לייענער, זײַנע מיטשעפער און מיטקעמפער, דעריבער זײַנען זײַנע לידער געווען אויך זייערע לידער.

דער זעלבער געפיל פון קאָלעקטיוויזם איז אויסגעדריקט אין דעם דיכטערס אַ צווייטן בוך, וועלכער איז דערשינען אין מינסק אין 1939, — „מיט אַלעמען צוזאַמען". נאָך אַ בוך זײַנער הייסט: „מיט הייסן טראָט". אין אָט די ביכער איז ניטאָ קיין שפּור פון אינדיווידואַליסטישע שטימונגען, קיין סימען פון ייִעש, פאַרקערט — אָפּטימיזם, זיכערקײַט, גלויבן — אָט זײַנען די גרונט־שטריכן פון ליפשיצעס ערשטע זאַמלונגען.

נאָר דאָס לעבן גייט ווײַטער און ברענגט מיט זיך, צום באַדויערן, ניט בלויז פריידן. עס ברעכט אויס דער בלוטיקער קריג קעגן די היטלערישע מערדער, דעם דיכטערס היים, ווײַסרוסלאַנד, לעבט איבער יאָרן פון גרויזאַמער אָקופּאַציע, זײַנע נאָענטע קומען אום. דעם דיכטערס לידער פון יענער צײַט זײַנען פול מיט הייליקן האַס צום סוינע און מיט ניט־געוואַקלטן גלויבן אינעם זיג. ווען דער זיג קומט, באַזינגט ער אים אין האָפערדיקע פערזן, אין וועלכע עס לעבט אויך דער טיפער ווייטעק פון די גרויסע אָנווערן, וואָס די מילכאָמע האָט פאַרשאַפן.

מענדל ליפשיצעס שאַפונג צווינגט וועגן פיל צו פאַרטראַכטן זיך, דערונטער אויך וועגן אַזוינס: אין דער פּאָעזיע, וואָס ווערט געשאַפן אַפן קאַפּיטאַליסטישן מײַרעוו, הערשן מערסטנטייל מאָטיוון פון ייִעש, פאַרצווייפלונג, פּעסימיזם און אויסוועגלאָזיקײַט, טויט און אונטערגאַנג, נעגירונג פון יעטווידע מענטשלעכע ווערטן — אָט זײַנען די גרונט־שטריכן פון דער דאָזיקער פּאָעזיע. און געשאַפן ווערט זי דאָך דורך מענטשן יונגע, געזונטע פיזיש. ווי קומט עס? די מענטשן זײַנען יונגע, געזונטע, די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג אָבער, אין וועלכער זיי לעבן, איז אַלט און אויסזיכטלאָז קראַנק, צעפוילט און פאַרדאָרבן. אַן אָרדענונג, אַ סאָציאַלע סיסטעם, וואָס גייט אונטער, קאָן ניט שאַפן קיין אָפּטימיסטישע ליטעראַטור.

אַנדערש איז בא אונדז. עס טרעפט: דער פּאָעט איז אַלט, קראַנק, נאָר אין זײַנע לידער וועט איר עס ניט דערשפּירן. זיי זײַנען פול מיט לעבן, מוט און גלויבן. ווי קומט עס? די געזעלשאַפט, אין וועלכער עס לעבט דער דיכטער, די סאָציאַלע סיסטעם, וואָס נערט זײַן שאַפונג, איז יונג, גייט באַרג־אַרויף, האָט אַ צוקונפט. דאָס איז — דער איקער. דערמיט איז צו

דערקלערן דעם אָפּטימיסטישן גרונט־טאָן פון דער סאָוועטישער דיכטונג, דערונטער אויך פון דער ייִדישער באַ אונדז אין לאַנד. מענדל ליפּשיצעס שאַפונג איז א טייל פון אָט דער דיכטונג.

און מערקווירדיק — וואָס עלטער עס ווערט דער פּאָעט, אַלץ ייִנגערע טענער קלינגען אין זײַנע שורעס. די לעצטע זאַמלונג, וואָס מענדל ליפּשיץ האָט אַרויסגעלאָזט צוריק מיט עטלעכע יאָר, האָט ער אָנגערופן, וואָלטן מיר געזאָגט, קינדעריש־שטיפעריש: „א זון מיט א רעגן". און דער בוך איז טאַקע דורכגעדרונגען מיט ליכטיקייט און פרישקייט. אין פאַריקן יאָר איז די דאָזיקע זאַמלונג אינעם מאָסקווער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" דערשינען אין דער רוסישער איבערזעצונג פונעם פּאָעט ניקאָלײַ פּאַנטשענקאָ. מיט רעכט ווערט אָפּגעמערקט אין דער אַנאָטאַציע צו אָט דער רוסישער אויסגאַבע, אַז „א זון מיט א רעגן" איז א בוך וועגן אונדזער מיטצײַטלער, דעם קלוגן און הארציקן מענטשן, וועלכער באַשטעטיקט די הויכע מאָראַלישע פּרינציפּן פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט".

אין פאַרלויף פון זײַן גאַנצן שעפערישן וועג באַמיט זיך מענדל ליפּשיץ ניט אָפּשטיין פון דער צײַט, גיין מיט איר אין טראַט. פּרווון פאַרלויפן א ביסל פאָרויס, אַרײַנקוקן עטוואָס אין דער צוקונפט, — יאָ; אָבער אָפּשטיין — ניט!

מיר ווילן זיך דאָ פאַרופן אף די גאָר לעצטע לידער ליפּשיצעס — א היפּשער ציקל זייערער איז דאָ ניט לאַנג געווען פאַרעפנטלעכט אין איינעם פון די לעצטע נומערן פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן פאַריקן יאָר. כאַראַקטעריסטיש איז שוין דער נאָמען פונעם ציקל: „דער נײַער טאָג". יאָ, דער פּאָעט איז באַלאָדן מיט יאָרן. נאָר, ווי געזאָגט, אין זײַנע לידער וועט איר עס ניט זען. אין זיי הערשט, ווי ער אליין זאָגט, „די יוגנט, וואָס ווערט קיינמאָל ניט באַרוט".

מיר לייענען באַ אים אַזעלכע האַפערדיקע שורעס:

צום יאָמטעוו ווערט געגליכן אונדזער וואָך,
אין ווילן מיר יאָמטויווים נאָך און נאָך.

אַזאַ איז די געזונטע זעלבסטשפּירונג פון ליפּשיצעס לירישן העלד און פון אים אַליין, און אַף אויסצודריקן אָט די זעלבסטשפּירונג דינט אים אַזוי געטרײַ זײַן דיכטעריש וואָרט:

און אונדזער וואָרט איז טאַקע גלײַך צו פײַער,
צו פײַער, וואָס פאַרברענט ניט, נאָר וואָס שמידט.
און אונדזער טאָג קומט טאַקע אוף א נײַער,
ווי אף די פלעצער קומט א נײַע ליד.

און סאָרא דורשט צום לעבן! האָט עס דען צו טאָן מיט אַלטקייט, מיט קראַנקייט? הערט:

און ליב איז דיר די וועלט
און קאַרג איז דיר די שײַן,
כאָטש נעם און טראַכט נאָך צו א וועלט א צווייטע...

אַזאַ איז זי, די פּאָעזיע פון סאָציאַלן אָפּטימיזם. אין אונדזער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור איז מענדל ליפּשיץ איינער פון אירע געטרײַע און טאַלאַנטפולע זינגער.

בוזי מילער

כראָניק

קיִעווער ייִדישע דיכטער אינעם אוקראַיִנישן אַלמאַנאַך „פּאָעזיִא"

אינעם אַלמאַנאַך „פּאָעזיִא" נומ. 4 פאַר דעם פאַרגאַנגענעם יאָר, וועלכן עס גיט אַרויס דער אוקראַיִנישער פאַרלאַג „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק" איז צווישן אַנדערע אָפּטײלן פאַרעפנטלעכט א ציקל לידער אונטערן אַלגעמיינעם קעפּל „אין איין איינהײַטלעכער מישפּאָכע". די לייענער פונעם אַלמאַנאַך וועלן זיך באַקאַנען מיט די ווערק פון פינף ייִדישע דיכטער, וועלכע לעבן און שאַפן אין דער אוקראַיִנישער הויפּטשטאָט: יאָסל בוכבינדער, וועלוול ווערניק, פיניע קירישאַנסקי, מישע מאָגילעוויטש, דאָרע כײַקינע. די לידער האָבן איבערגעזעצט די אוקראַיִנישע דיכטער וו. קאָראָטיטש, א. קאַצנעלסאָן, פּ. זאַסענקאָ, ד. פּאַווליטשקאָ.

אינעם אַרײַנפיר צו דעם ציקל ווערט צווישן אַנדערס געזאָגט: „צוזאַמען מיט פּאַוולאָ טיטשינען, מאַקסים רילסקין, וולאַדימיר סאָסיוראַן זײַנען באַ די פּאָעטישע אָרקוואַלן פון דער סאָוועטישער אוקראַיִנע אויך געשטאַנען די באַוווסטע ייִדישע דיכטער — אַשער שוואַרצמאַן, איציק פעפער, דאַוויד האָפשטיין אַא. אף די גראַניטענע מעמאָריאַלטאַוולען, וועלכע הענגען אין שרײַבער־פאַרבאַנד פון אוקראַיִנע, זײַנען מיט גאָלד אויסגעקריצט די נעמען פון שרײַבער, וואָס זײַנען געפאַלן אף די פראָנטן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, צווישן זיי אויך די ייִדישע שרײַבער מאָטל האַרצמאַן, שמועל העלמאָנד, שימען גאָלדענבערג, הירש דיאַמאַנט, מוישע כאַשטשעוואַצקי.

אין די פאַרלאַגן פון אונדזער רעפּובליק, — ווערט ווײַטער געזאָגט אין דעם אַרײַנפיר, — דערשײַנען ביכער פון ייִדישע שרײַבער. זייערע ווערק ווערן אויך געדרוקט אין די צײַטונגען און זשורנאַלן. אונדזער פערטליאַריקער אַלמאַנאַך האָט ביז אַהער שוין באַקאַנט די לייענער מיט לידער־ציקלען פון איציק פעפער, אַווראָם גאָנטאַר און פון אַנדערע ייִדישע דיכטער פון אוקראַיִנע.

■ ■ ■

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע

וואן ריין רעמבראנדט

רעמבראנדט וואן ריין האָט געלעבט מיט העכער 300 יאָר צוריק אין האָלאנד. די קליינינקע מעלוכע האָט דעמלט זיך נאָרוואָס באפרײַט פון דעם יאָך פון דער רעאקציאָנערער קאטוילישער מאָנארכיע — שפאניע און איז אין 1609 געוואָרן א זעלבשטענדיקע בורזשואזע רעפובליק.

דער אופבלי פון דער עקאָנאָמיק, די אינטענסיווע אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע (פארשטייט זיך, אין די מאסשטאבן פון יענער צײַט), דער ברייטער טראנזיט־האנדל, די גרויזאמע עקספלואטאציע פון קאָלאָניעס, איבער וועלכע האָלאנד האָט דעמלט געהערשט, האָט געבראכט צו א העפטיקער אנטוויקלונג פון דער קולטור.

איינצײַטיק מיט רעמבראנדטן האָבן אין האָלאנד געלעבט און געשאפן גרויסע געלערנטע, אזעלכע, אשטייגער, ווי לעווענהוק, וועלכער האָט דערפונדן דעם מיקראָסקאָפ, דער אסטראָנאָם כריסטיאן כאגענס, און אויך די ייִדישע אינטעלעקטואלן און געזעלשאפטלעכע טוער, מיט וועלכע רעמבראנדט האָט זיך געכאווערט, זיי געמאָלט און איליוסטרירט מיט גראווירן זייערע ביכער — לעמאָשל, מענאשע בען איזראעל, דער פארפאסער פונעם העברעיִש־אראבישן ווערטערבוך (דער געניאלער קינסטלער האָט מיט זײַנע גראווירן באשיינט זײַן בוך וועגן נאוווכאדנעצערס סטאטועס, וועלכער איז ארויס פון דרוק אין אמסטערדאם אין יאָר 1655), עפראיִם כיסקאמי, דער מישפּאָכע־מיטגליד פון דער באוווסטער מעדיצינישער ייִדישער דינאסטיע בוענא (בונאס), וועמענס פּאָרטרעט רעמבראנדט האָט געמאָלט מיט גרויס ליבע און קאָוועד.

אין רעמבראנדטס צײַטן האָבן אין האָלאנד געלעבט שוין מאסן ייִדן — ספארדים, וועלכע האָבן זיך געראטעוועט פון די רעדיפעס אין שפאניע — מײַסטערס פון געווער, וועבער, בויער, מאטעמאטיקער, באלמעלאָכעס, מעכאניקער, שפיגל־מײַסטערס, הענדלער, קלייקוידעס, אסטראָנאָמען, קארטאָגראפן, מעדיקער, יאמלײַט, אָנהייבנדיק פון פּראָסטע מאטראָסן ביז קאפיטאנען פון יאמשיפן, דערפינדער פון מאשינעס פאר פארשיידענע צווײַגן פון וויסנשאפט און אינדוסטריע.

רעממבראנדט איז געבוירן געוואָרן אין לײדען, דער צווייטער לויט דער באדײַטונג שטאָט אין האָלאנד, דעם 15 יול 1606 אין א מישפּאָכע פון א מילנער. פאר גרויסע פארדינסטן אינעם העראָיִשן ווידערשטאנד דעם שפאנישן מיליטער בייס דער נידערלענדישער רעוואָליוציע האָט די געבורטשטאָט פונעם קינסטלער באקומען רעכט צו עפענען אן אוניווערסיטעט, אדאנק וועלכן זי איז געוואָרן א צענטער פונעם קולטור־לעבן.

רעמבראנדט איז שוין געווען דאָס זעקסטע פון די לעבן־געבליבענע קינדער בא דעם מילנער. צו 7 יאָר איז ער אָנגעקומען אין א לאטײַנישער שול און האָט זי פארענדיקט אין 1620. צו 14 יאָר האָט מען אים אָנגענומען אין אוניווערסיטעט. די עלטערן האָבן געוואָלט, ער זאָל ווערן א יוריסט, נאָר דער טאלאנט צו מאָלערײַ האָט זיך אזוי בולט אויסגעטיילט, אז אינגיכן איז דער יונגער באָכער אָנגעקומען אלס שילער צו א מאָלער. די אוניווערסיטעט־בילדונג האָט ער ניט פארענדיקט, אָבער דאָך האָט ער זיך דאָרט באקאנט מיט שפראכן און ליטעראטורן — דאָס האָט פיל געהאָלפן אין זײַן שפעטערדיקער שאפונג.

זײַנע לערער פון מאָלערײַ אין לײדען — יאקאָב וואן סוואנענבורג, שפעטער אין אמסטערדאם — פיטער לאסטמאן זײַנען געווען גוטע מײַסטערס פון טעכניק און, ווי זיך ווײַזט אויס, אויך ניט קיין שלעכטע פעדאגאָגן. נאָר ס׳איז א סאָפעק, צי זיי האָבן געוווסט, מיט וואָס פאר א געניאלן טאלמיד זיי האָבן אן אייסעק. זיי האָבן געמאָלט מערסטנטייל בילדער אף ביבלישע סוזשעטן און זיך געמיט איבערצוגעבן דעטאליזירט די דינאמיק פון טאט, זאָרגעוודיק אויסטיילן אלע דעטאלן. געפעלט האָט זיי דער שווונג פון פאנטאזיע און עכטער רעאליזם.

שוין אין די סאמע ערשטע בילדער פון רעמבראנדטן האָבן זיך געפילט די דעמאָקראטישע סאָציאלע אופטרייסלונגען, וועלכע האָלאנד האָט איבערגעלעבט אין 17־טן יאָרהונדערט. נעמענדיק זײַנע סוזשעטן פון די ביבל־געשיכטעס, פון דער מיטאָלאָגיע, פארפולט זיי רעמבראנדט מיט לעבעדיקן דעמאָקראטישן אינהאלט. קארל מארקס האָט באמערקט, אז רעמבראנדט האָט געמאָלט זײַן מאדאָנע, נעמענדיק אלס מאָדעל א האָלענדישע פויערטע.

אין 1631 פאָרט דער גרויסער קינסטלער אריבער קיין אמסטערדאם און באזעצט זיך אינעם קווארטאל ברוסטראאט, ניט ווײַט פונעם ייִדישן קווארטאל.

דער עקאָנאָמישער אופברויז פון דער יונגער הויפטשטאָט איז גוירעם געווען צו דעם, אז זי איז געוואָרן דער צענטער פונעם גאנצן לאנד. דער האָלענדישער פּאָעט דעקער האָט וועגן דעם געשריבן: „דאָס איז א שטאָט, ווו באטאָג שווּבלט מיט פיל

פעלקער, אן אָרט פון שפּאַצירן, ווו א מאַוור האַנדלט מיט א נאָרמאַנער, ווו עס טרעפט זיך א ייִד, א טערק און א קריסט. דאָס איז א שול פון פיל פעלקער, א מאַרק פאַר אַלע סכוירעס, א בירזשע, וואָס קרעפּ־טיקט אַלע בירזשעס פון דער וועלט".

אין אמסטערדאַם האָבן דעמלט געלעבט פיל באַוווּסטע מאָלער, אָבער זייערע אַרבעטן, גוט אויסגעפּילטע טעכניש, זײַנען דעריקער נאַטוראַליסטיש, ווי, אשטייגער, דאָס בילד „דער לימעד פון אַנאַטאָמיע" פון טאָמאַס דע קרייז.

די יאָרן 1632—1642 זײַנען די גליקלעכסטע אין רעמבראַנדטס לעבן. מע פאַרוואַרפט אים מיט באַשטעלונגען, אין זײַן אַטעליע קומען אָן פּילצאָליקע לערן־ייִנגלעך. דאָס פּערזענלעכע לעבן איז אויך א גליקלעכס — דער יונגער מאָלער האָט כאַסענע פאַר א רײַכער יעסוימע — דער טאָכטער פון דעם פאַרשטאָרבענעם בורגאָמיסטער — סאַסקיאַ וואַן אײַלענבורג. פיל פון זײַנע בילדער ווערן אָנגעפּילט מיט ברויזנדיקן אָפּטימיזם, מיט טיפן גלויבן אין דעם מענטשנס מעגלעכקײַטן. די אָפּטימיסטישע שטימונג איז באַזונדערס צו זען אין זײַן באַוווּסטן „אַווטאָפּאָרטרעט מיט סאַסקיאַ".

רעמבראַנדטן גיט זיך באַזונדערס אײַן איבערגעבן די גרויסע מאָראַלישע ריינקײַט, די שיינקײַט און כיינעוודיקייט פון פרויען, און אין אָט די פּאָרטרעטן גיט ער איבער די באַזונדערקייטן פון יעדער פּערזענלעכקײַט.

רעמבראַנדט איז אַן אָפטער גאַסט אין די ייִדישע קוואַרטאַלן פון אמסטערדאַם, ווו ער זוכט אויך אויס דעם טיפּאַזש פאַר זײַנע בילדער אָף ביבלישע סוזשעטן. אין די קלייטן בײַ ייִדישע הענדלער זוכט ער פאַרשיידענע קונסט־ווערק און מיזרעך־שטאָפן. ער ווערט אַזוי נאָענט צו זײַנע ייִדישע פרײַנט, אַז, מאָלנדיק זײַן ווײַב סאַסקיאַ אינעם אויסזען פון דער מיטאָלאָגישער געטין פון פרילינג פלאָראַ, באַשײַנט ער איר קאָפּ מיט א קראַנץ פון בלומען, טוט זי אָן אין כאַראַקטעריסטישע פאַר יענער צײַט מיזרעכדיקע ייִדישע קליידער און גיט דעם בילד „פלאָראַ" אויך א צווייטן נאָמען — „די ייִדישע קאַלע".

„ייִדישע קאַלעס" מאָלט רעמבראַנדט זייער א סאַך — זײַנע בילדער מיט אַזא טיטל זײַנען פאַראַן אין פיל מוזייען פון דער וועלט.

רעמבראַנדטס פאַרליבטקײַט אין דער אַלטער ייִדישער געשיכטע — אין ביבלישע מאָטיוון, גיבן אים א מעגלעכקײַט אויסצודריקן אין זײַנע בילדער עכט־דראַמאַטישע סיטואַציעס. אַפילע יענע בילדער, פון וועלכע דער סוזשעט שטאַמט פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע, זײַנען אײַנצײַטיק געווען און ווערן דורך קונסט־פאָרשער דערקלערט (מיט גאַנץ מאָטיווירטע דערווײַזונגען) אַלס ביבליש־סוזשעטישע.

אין די דרײַסיקער יאָרן פון 17־טן יאָרהונדערט שאַפט רעמבראַנדט זײַן וועלט־באַרימטן „שימשן האַגיבער", אין וועלכן ער האָט מאַמעש מיט שעקספּירישער קראַפט איבערגעגעבן דעם לעצטן טראַגישן מאָמענט פון דער ביבלישער לעגענדע — דאָס פאַרשקלאַפן דעם געפאַנגענעם גיבער, אן אָפּגענאַרטן דורך זײַן געליבטער דאַלילע. שימשן איז ביז גאָר אָנגעשטרענגט אין קאַמף מיט די פײַנטלעכע זעלנער, וועלכע האָבן אים געכאַפּט, זיי פאַרקאָוועון זײַנע הענט, שטעכן אים אויס די אויגן. עס זעט זיך די פאַררעטערן דאַלילע. דאָס האָט זי אויסגענאַרט בײַם גיבער דעם סאָד פון זײַן גוואורע און אָפּגעשניטן בײַ אים די האָר, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען זײַן גאַנצער קויעך. צום לעצטן מאָל באַטראַכט זי איר קאָרבן, די שאַרפע קאָנטראַסטן פון ליכט און שאָטן גיבן צו דעם בילד נאָך מער דינאַמישקײַט.

אין זײַנע בעסטע יאָרן שאַפט רעמבראַנדט דעם גרופּן־פּאָרטרעט מיט א קאָלאָסאַלן פאַרנעם פון 4,38 × 3,59 מעטער — „די נאַכט־וואַכטע". דאָס בילד, אין וועלכן דער גרויסער קינסטלער האָט אויסגענוצט אַלס מאָדעלן קאָנקרעטע קאָרפּאָראַציע־מיטגלידער פון דער אמסטערדאַמער בורזשואַזיע, קעדײַ אויסדריקן דעם רעוואָלוציאָנערן גײַסט פונעם האָלענדישן פאָלק אין אַנטשיידנעם מאָמענט פון זײַן געשיכטע, איז ניט געפעלן געוואָרן די האָלענדישע ביורגערס. אָנהייבנדיק פון 1642, פאַלט די פּאָפּולערקײַט פון רעמבראַנדטן אַלס פּאָרטרעטיסט בײַ די באַשטעלער. צו דעם האָט מיטגעווירקט די ניט־צופרידנקײַט פון די אמסטערדאַמער הערשנדיקע שיכטן מיט אָט דעם גרופּן־פּאָרטרעט. פאַרן קינסטלער קומען אָן שווערע צײַטן. דעם 14 יוני 1642 שטאַרבט זײַן יונג ווײַב סאַסקיאַ, זי לאָזט איבער אָף זײַנע הענט א 9־כאָדאָשימדיקן זון. אין 1656 טרעפט רעמבראַנדטן א נײַער אומגליק — פולע רויִנירונג פון זײַן מאַטעריעלן צושטאַנד. זײַן הויז און זײַן פאַרמעגן ווערן פאַרקויפט אָף אַן אַאוקציאָן, ער ציט זיך איבער אין אַן אָרעמען קוואַרטאַל, האָט כאַסענע פאַר א פּראָסט דאָרפיש מיידל כענדריקיאַ סטעפעלס. זײַנע ייִדישע פרײַנט האַלטן אים אונטער מאַטעריעל. כענדריקיאַ און דער זון טיטוס האָבן אָף זיך גענומען די זאָרג וועגן דער מאַטעריעלער זײַט פון רעמבראַנדטס לעבן, זיי עפּענען א קראָם פון קונסט־ווערק.

אין איינזאַמקײַט, קימאַט ניט האָבנדיק קיין באַשטעלונגען, שאַפט דער קינסטלער זײַנע בעסטע ווערק. אָבער אויך ווײַטער, אָף דער עלטער, דערוואַרטן דעם מאָלער פיל צאָרעס. אין 1664 שטאַרבט זײַן צווייט ווײַב — כענדריקיאַ. אין סענטיאַבער 1668 שטאַרבט דער זון טיטוס. דער קינסטלער בלײַבט אַליין מיט א קליינינקער טאָכטער אָף די הענט, און דאָך זעצט ער פאָר אַרבעטן.

די מאָראַלישע קראַפט פון רעמבראַנדטס שאַפונג און זײַן טיפע מענטשלעכקײַט האָבן געפונען א פולן אויסדרוק אינעם „פּאָרטרעט פון צוויי נעגערס" (1669). מענטשן פון דער שוואַרצער ראַסע האָבן געמאָלט אויך אַנדערע האָלענדישע קינסטלער, נאָר רעמבראַנדט איז געווען דער איינציקער צווישן זײַנע מיטצײַטלער, וועלכער האָט איבערגעגעבן די אײַנגעבוירענע ווירדע פון די נעגער. אים האָט זיך אײַנגעגעבן צו באַווײַזן זייער גײַסטיקן צושטאַנד: פול מיט אומעט און בענקשאַפט זײַנען אָנגעפּילט די ברייט־צעעפנטע אויגן זייערע.

דער גרויסער אינטערעס צו ביבלישע סוזשעטן האָט געבראַכט צו דעם, אַז רעמבראַנדט האָט גאַנצע טעג פאַרבראַכט אין די ייִדישע קוואַרטאַלן, און פיל זײַנע מאָדעלן און פּראָטאָטיפּן זײַנען געווען ייִדן. באַזונדערס עמאָציאָנעל איז דער באַוווּסטער „פּאָרטרעט פונעם אַלטן ייִדן". די גאַנצע וועלט פון דעם זאָקן איז פאַרבאָרגן אין זײַן אינערלעך לעבן, דער אַלטער ייִד דאַרף שוין גאָרניט, ער איז

אינגאַנצן פאַרטיפט אין זײַנע געדאַנקען, איבערלעב־
בונגען, דערמאָנונגען.

ביכלאַל זײַנען אַלע פּילצאָליקע רעמבראַנדטס פּאָרטרעטן פון ייִדן עכט אינדיווידועל. אינעם „פּאָרטרעט פון אַ יונגן ייִדן" (1645) האָט דער קינסטלער באַוויזן דעם ניט לײַכטן גורל פון אַ ייִדישן האַנטווערקער, אין „ייִדישן סויכער" (1650) — די שטריכן פון אַ זאַכלעך־רחיקן מענטשן, זײַן אונ־טערנעמערישקייט. רעמבראַנדט האָט געשאַפן אויך אַ ריי עטיודן פון ייִדישע אינטעליגענטן.

דעם פרײַנט זײַנעם, דעם זון פונעם מעדיקער עפ־ראים כיסקיאַ בוענאַ האָט רעמבראַנדט אָנגעמאָלט אין 1647: אַ פאַרטרוימטע פּאָזע, דער יונגער גע־לערנטער שטייט אָנגעלענט אַף דער טרעפּ־פּאָרענ־טשע.

פון רעמבראַנדטס ביבלישע סוזשעטן דאַרף מען אָפּמערקן „דאַוויד און אוריִע", „האַמאַן און עסטער". דער עמעסער העלד פון „דאַוויד און אוריִע" איז ניט דער ציטערער הויפּמייסטער האַמאַן, נאָר דער מילי־טערפירער אוריִע. אוריִעס ווײַב ווירסאַוויִע האָט, לויט דער ביבלישער געשיכטע, פאַרפירט דער קיי־סער דאַוויד. וועלנדיק פּאַטער ווערן פונעם אָפּגע־נאַרטן מאַן, שיקט אים דער קייסער אַף אַ זיכערן טויט אין דעם סאַמע געפערלעכסטן אָרט פון שלאַכט. אוריִע שטויסט זיך אָן וועגן דער דראָענדיקער גע־פאַר, נאָר ער וויל ניט מינדערן זײַן ערע און גייט שווײַגנדיק אוועק פונעם קיניג. אוריִע איז ארויסגערוקט אויפן פאָדערגרונט: פּראַכטפולע, מיט גאָלדענע אָפּגלאַנצן, רויטע קליידער, אַן ארופגעוואָר־פענער אַף די אַקסלען מאַנטל און ווי אַ קאָנט־ראַסט — דאָס טויט־בלאַסע פּאָנעם, די פאַרמאַטערטע אויגן און בלוטלאָזע ליפּן.

דאָס פּאָנעם פונעם קייסער דאַוויד, וועלכער האָט געשיקט אַף טויט אַ נאָענטן צו זיך מענטשן, דריקט אויס טרויער און דערשיטערטקייט. ער ווענדט אָפּ זײַן בליק פון אוריִען, די קאַלטע טאָנען פון דעם קייסערס קליידער זײַנען קעגנגעשטעלט דער אָנגע־זאָפּטער מיט וואַרעמע טאָנען פיגור פון אוריִען.

אינעם בילד „האַמאַן און עסטער" האָט דער גרוי־סער קינסטלער איבערגעגעבן דעם קולמינאַציע־מאָ־מענט פונעם קאָנפליקט „מעגילאַס עסטער" און אויס־געדריקט זײַן סינע צום הויפּמײַסטער, וועלכער האָט, לויט דער ביבל־געשיכטע, געוואָלט אויסראָטן דאָס ייִדישע פאָלק. אַף אַ מאָלצײַט זאָגט עסטער ארויס אירע דעמאַסקירנדיקע רייד און ווערט אַנשוויגן, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן. דער צעבײַזערטער פּערסי־שער קייסער קוקט מיט כּאַס אַף האַמאַנען, וועמען ער האָט פריִער אַלץ פאַרטרויט.

אכאַשווייראָש האָט נאָך ניט פאַרויסגעזאָגט דעם אורטייל, נאָר די פּאָזע, דער אויסדרוק פון האַמאַנס פּאָנעם, זײַן אַראָפּגעלאָזטער קאָפּ זאָגן פאָרויס וועגן זײַן אומקום. עסטערס ליכטיקער בליק קאָנטראַסטירט מיט האַמאַנס. רעמבראַנדט האָט זאָרגעוודיק אָנגע־טאָן עסטערן אין רײַכע אָראַנזש־ראָזע קליידער, באַ־פוצט איר שיינעם יונגן קאָפּ מיט אַ דיאַדעמע.

דער קייסער איז פול מיט כּאַס, באַדעקט מיט שײַן, די ליפּן זײַנע זײַנען פעסט צוגעמאַכט. דאָס אָנטאָן איז געגעבן אין די זעלבע קאָלירן, ווי באַ עסטערן, נאָר אַ ביסל צוגעטונקלט. דאָס דינט אַלס איבערגאַנג פון דעם פינצטערן טאָן צו האַמאַנען. דאָס ווערק איז אַן עכטער שעדעווער.

פאַר זײַן לעבן האָט רעמבראַנדט געשאַפן באַ 800 בילדער, עטלעכע הונדערט אָפּאָרטן, העכער 2.000 געמעלן.

עס איז ניט פאַראַן קיין איין מאָלער, וואָס זאָל איבערלאָזן אַזויפיל אויטאָפּאָרטרעטן, ווי רעמבראַנדט. אין פאַרשיידענע פּעריִאָדן פונעם לעבן איז דעם קינסטלער געלונגען איבערצוגעבן דעם צושטאַנד פון זײַן אייגענער נעשאָמע. אין די פריִע פּאָרטרעטן זעען מיר אָפט אַ שמייכלענדיק אָדער לאַכנדיק, אַמאָל אַ באַרויִגעז פּאָנעם. די פּאָרטרעטן פון די 30־ער יאָרן זײַנען דורכגעדרונגען מיט זעלבסטוויר־דע פון אַ מײַסטער, וועלכער האָט דערגרייכט די הייכן פון קונסט. און אין די שפּעטערע אויטאָ־פּאָרטרעטן זעען מיר אַ קראַנקן זאָקן מיט אומבאַ־זיגבאַרער קראַפט פונעם גײַסט.

דער גרויסער האָלענדישער קינסטלער איז גע־שטאָרבן אין אָקטיאַבער 1669. זײַן טויט איז אדורך אומבאַמערקט. אינעם קלויסטער־בוך איז בלויז פאַרשריבן געוואָרן: „דינסטיק, דעם 8 אָקטיאַבער 1669 איז געשטאָרבן רעמבראַנדט וואַן ריין, דער מאָ־לער פון דער גאַס ראָזענקראַאַט, וואָס געפינט זיך אונטקעגן דאַמהאָף".

אונדזער לאַנד פאַרמאָגט איינע פון די סאַמע רײַכסטע קאָלעקציעס פון רעמבראַנדטס בילדער. זייער פיל איז באַ אונדז אופגעטאָן געוואָרן אין געביט פון פאָרשן רעמבראַנדטס שאַפונג און זײַן לעבנסוועג.

מוישע פינקעל

יעווגעני בינעוויטש

שאָלעם אַש אויף דער רוסישער בינע

דעם 16 יאַנוואַר 1906 האָט דער פּעטערבורגער דראַמאַטישער טעאַטער, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט ווערע פּיאָדאָראָווגע קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ, געשטעלט די פּרעמיערע פון דער פּיעסע פונעם דעמלט ווייניק באַקאַנטן ייִדישן שרײַבער שאָלעם אַש „מאָשיעכס צײַטן". „די צושויער נעמען אויף די פּיעסע מיט באַגײַסטערונג. די שטעלונג איז אַ פּרעכטיקע, און די שפּיל איז פון אַ גוטן סטיל", — האָט געשריבן דער באַוווּסטער דראַמאַטורג און קריטיקער אָ. דימאָוו. „דעם אווטאָר האָט מען אַ סך מאָל אַרויסגערופן אויף דער בינע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז נאָך אַ יונגער מענטש..." — האָט אָפּגעמערקט פּ. טראָזינגער.

דאָ האָט זיך געשאַפן אַזאַ סיטואַציע, וועלכע עס נוצן אויס אַ סך פאָרשער, ווען זייערע העלדן ווערן באַרימט. אויך אין דעם פאַל איז געשען גראָד אַזוי, אַז אויף מאָרגן אינדערפרי איז שאָלעם אַש מיטאַמאָל געוואָרן אַ באַרימטער שרײַבער.

עמעס, בא די רוסישע ליטעראַטן האָט דער נאָמען שאָלעם אַש נאָך פריִער אַרויסגערופן אַן אינטערעס. שוין דעם 7 יאַנוואַר 1904 האָט ג. בלומבערג געשריבן צו אי. בונינען: „איך האָב באַקומען פון ביליבינען די צייכענונג פון דער הילע; דער טעקסט איז אַזאַ: ערד. ערשטע זאַמלונג — אַנדרייעוו, אַש, בונין, בלאָק, גאָראָדעצקי, קופּרין, מאָראָזאָוו, טשולקאָוו, סעראַפימאָוויטש, טאַראַסאָוו, פּיאָדאָראָוו..."

דער אַלמאַנאַך, וועגן וועלכן בלומבערג שרײַבט צו בונינען, איז אָבער דערשינען ערשט אין 1908. אין אים איז שוין געווען געדרוקט ש. אַשס פינפטע פּיעסע — „אַמנאָן און טאָמאַר און דער זינדיקער". צווישן די אַנדערע אווטאָרן פונעם אַלמאַנאַך „ערד" זײַנען געווען ל. אַנדרייעוו („די קלאָלע פון אַ כײַע"), אַ. סעראַפימאָוויטש („די טאָכטער"), אַ. קופּרין („שולאַמיס"), אי. בונין („דער שאָטן פון אַ פויגל"), אַ. בלאָק („קיינער וועט ניט זאָגן: איך בין מעשוגע..."), ס. גאָראָדעצקי („די בערעזקע"), ג. טשולקאָוו („האַרבסט").

איצט אָבער, אין 1906, האָט אַלעקסאַנדער קוגעלס זשורנאַל „טעאַטר אי איסקוסטוואָ" („טעאַטער און קונסט"), די בעסטע טעאַטראַלע צײַטשריפט אין רוסלאַנד, אָפּגעדרוקט אַשס פּאָרטרעט, פאָטאָגראַפיעס פון די סצענעס פונעם ספּעקטאַקל, פון די אַקטיאָרן, וועלכע שפּילן אין אים. דער סאַמע בעקאַוועדיקער קריטיקער האָט געווידמעט דער שטעלונג, אויב ריידן פּינקטלעכער — דער פּיעסע, דרײַ אַרטיקלען.

וועגן אַשס פּיעסע ווערט געשריבן ווי וועגן אַן אָפּשפּיגלונג פון דער פאַרלוירנקײַט און ספּייקעס, אין וועלכע די ייִדן האָבן זיך געפונען אין אָנהייב פונעם הײַנטיקן יאָרהונדערט. ווי באַוווּסט, האָט ש. אַש אַרויסגעפירט אין דער פּיעסע דרײַ דורעס פון איין געזינד. דער עלטערער דאָר — רעב כאָנאָן און זײַן פרוי מאַלקע — באַשליסט צו פאַרענדיקן דאָס לעבן אויף דער ערד פון די אָוועס. זיי רופן צונויף די קינדער און די אייניקלעך, קעדיי זיך געזעגענען מיט זיי.

דער מיטעלער דאָר — דאָס זײַנען טיפּישע בורזשוא, שקלאַפן און הערשער פון יענער צײַט, מיט זייערע קליינלעכע טאָג־אינטערעסן פון אָנזאַמלען אַ קאַפּיטאַל און לעבן זאַט און גליקלעך. איינער פון זיי — קאַן, אַ רײַכער פאַבריקאַנט פון לײַפּציג, האַלט, אַז זײַן היימלאַנד איז דאָרט, ווו מע קאָן מאַכן געשעפט. דער ייִנגערער דאָר וויל ניט לעבן אַזוי, ווי די אָוועס, נאָר ער ווייסט נאָך ניט, מיט וואָס דערצו זיך דערשלאָגן. „אין אים, אינעם ייִנגערן דאָר, איז די צוקונפט, אין אים לעבט שאָלעם אַשס אומרו", — האָט אָנגעוויזן דער קריטיקער, באַטאָ־

נענדיק, אַז אָט דער דריטער דאָר איז געמאָלט באַזונדערס אינטערעסאַנט.

אַנדזשיי, דער סטודענט פֿונעם בערנער אוניווערסיטעט, געפֿינט זיך ווי אַפֿן שייד־וועג: „מײַן מאַמע האָט מיך פֿאַרלאָרן דאָרט, וווּ די וועגן צעשיידן זיך, ווייס איך ניט, וווּהין איך זאָל גיין — אַף רעכטס צי אַף לינקס. איך שטיי בא דער זאַסטאַווע און ווייס ניט: ווער בין איך, וווּהין גיי איך, וואָס איז מײַנס און וואָס איז דײַנס? מיר איז אַלציינס, אַלציינס...״

אַנדזשייס שוועסטער יוסטינע איז אַ סטודענטקע פֿונעם קראָקער אוניווערסיטעט. פֿאַר איר איז דאָס היימלאַנד דאָרט, וווּ זי לעבט: „אין פּוילן בין איך געבוירן געוואָרן, די פּוילישע לאָנקעס האָבן מיך געשפּײַזט, די זון, וואָס באַשײַנט די פּוילישע פֿעלדער, האָב איך דערזען טייקעף, ווי איך האָב צום ערשטן מאָל געעפֿנט מײַנע אויגן. מײַן הויז איז דאָס לאַנד, וואָס האָט מיך געטראָגן אין זײַן שויס, געשפּײַזט מיט זײַן מילך. קיין אַנדער היים, קיין אַנדער היימלאַנד ווייס איך ניט, האָב איך ניט...״

זייער שוועסטערקינד כאַיִם איז אַן אַרבעטער, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. פֿאַר אים איז היימלאַנד — די גאַנצע ערד. „היימלאַנד און פֿאָטערלאַנד — דאָס איז פֿאַר אײַך, בורזשויען. מיר, פּראָלעטאַריער, אַרבעטער, האָבן ניט קיין היימלאַנד. די גאַנצע וועלט איז אונדזער סוויבע. אונדזער היים איז דאָרט, וווּ דער קאַפּיטאַליסט זויגט ניט דעם מאַרך פֿון אונדזערע ביינער... מיר, די היימלאָזע און הונגעריקע, זוכן אויך אַ היים, אַ דאַך איבערן קאָפּ... אָבער ניט פֿאַר זיך אַליין. מיר וועלן שאַפֿן אַ געמיינזאַמען דאַך איבערן קאָפּ פֿאַר יענע אַלע, וועלכע האָבן ניט קיין היים, פֿאַר דער גאַנצער וועלט״.

אָט דאָס זײַנען די הויפּט־העלדן פֿון דער פּיעסע.

די טעמע איז געווען אַזאַ ניט געוויינלעכע, אַזאַ נײַע, אַז די קריטיקער האָט מער אינטערעסירט דאָס עצם ווערק פֿון שאָלעם אַשן, איידער די סצענישע פֿאַרקערפּערונג, כאָטש אַלע מאָל האָבן זיי וואַרעם אָפּגערופֿן זיך וועגן דעם ספּעקטאַקל.

אונטערצײַענדיק אַ סאַכאַקל פֿון די צוויי פּיעסן, האָט אַ. לוגאָוואָי (טיכאָנאָוו) געשריבן אין אַ גרויס אַרטיקל „וועגן שאָלעם אַשן און מיקויעך שאָלעם אַשן״ (דאָס אַרטיקל איז געדרוקט געוואָרן אין דרײַ נומערן פֿונעם זשורנאַל „טעאַטר אי איסקוסטוואָ״: „אין זײַנע ייִדישע פּיעסן איז דער דאָזיקער יונגער ייִד אַן „אַלמענטש״, וואָס לעבט איבער די צאָרעס, וועלכע זײַנען אייגנטימלעך פֿאַר די פֿילבאַרע הערצער פֿון אַלע פֿעלקער. ווי „מאָשיִעכס צײַטן״, אַזוי אויך די פּיעסע „גאָט פֿון נעקאָמע״, איז, לויט מײַן מיינונג, אַ באַוווּסטזיניקע אָדער אומבאַוווּסטזיניקע, אומדירעקטע, ריין קינסטלערישע אָפּלייקענונג פֿון די ייִדישע נאַציאָנאַלע אידעאַלן, און צוזאַמען מיט זיי פֿון יעדן נאַציאָנאַליזם ביכלאַל. אין זײַנע ייִדן — „אַלע צוזאַמען און יעדן באַזונדער״ — זעסטו שוין בלויז דעם מענטשן אין סאַמע ברייטן זין פֿון וואָרט, — אַ שלעכטער מענטש צי אַ גוטער, אַ סימפּאַטישער צי אַנטיפּאַטישער, קורץ: אַ מענטש״.

טאַקע אָט דער אומשטאַנד האָט צוגעצויגן דעם רוסישן לייענער און צושויער צו שאָלעם אַשס ווערק, אַזוי ווי עס ציט אים צו די ווערק פֿון די שרײַבער פֿון אַנדערע פֿעלקער.

אין ש. אַשס פּיעסן האָבן געפֿונען אַן אָפּקלאַנג די געדאַנקען און געשטאַלטן פֿון גריגאָראָוויטשן און דאָסטאָיעווסקין, די ליטעראַרישע פֿאָרמען פֿון פּשיבישעווסקין און סטרינדבערגן. „...דאָס ווערק פֿון ה׳ אַש, — האָט אַ. קוגעל געשריבן אין אַ צווייטער רעצענזיע זײַנער וועגן דער פּיעסע „מאָשיִעכס צײַטן״, — שײַנט מיט פֿאַרבן, מיט פּאָעזיע, עס איז פֿול מיט דורכזיכטיקע און טיפֿע סימבאָלן, עס איז זינגעוודיק, ווי די אינטאָנאַציע פֿון אַ ייִדישער טפֿילע, און אין דער זעלבער צײַט שטייט עס נאָענט לויט די פֿאָרמען צו דער שול פֿון די נײַע פּוילישע אַוטאָרן — פּשיבישעווסקי, טעטמייער און אַנד., איבערשטײַגנדיק זיי מיט דער לײַדנשאַפֿט און מיטן ברויז פֿון די יונגע קויכעס״. „דאָס איז אַ פּאָעמע, — האָט געשריבן אַ צווייטער רעצענזענט, — וווּ עס שטויסן זיך צונויף טיפֿע פֿילאָסאָפֿישע סימבאָלן, וועלכע זײַנען באַהויכט מיט וווּנדערלעכער פּאָעזיע. זי איז אויפֿגעקומען אַפֿילע ניט ערגעץ אין די הינטערהויפֿן פֿון דער ליטעראַטור, נאָר אויסער דער ליטעראַרישער וועלט, אין די פֿינצטערע, ענגע און טרויעריקע הינטערגעסלעך פֿון דער ייִדישער געטאָ; אויך דאָרט, ווײַזט זיך אַרויס, בלאָנקען אַרום די גרעסטע געדאַנקען פֿון דער הײַנטיקער צײַט, אויך דאָרט שטויסן זיך צונויף די ליכטיקע און אומרויִקע וועלט־אידייען, אויך דאָרט, ווײַזט זיך אַרויס, איז פֿאַראַן אַ ליטעראַטור, ווײַל די דאָזיקע פּאָעמע אַף זשאַרגאָן איז עמעסע ליטעראַטור און עכטע פּאָעזיע״.

אין 1902 האָט וו. פֿ. קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ פֿאַרלאָזט דעם אימפּעראַטאָרישן אַלעקסאַנדרינער טעאַטער, וווּ זי האָט פֿאַרנומען אַן אָנפֿירנדיקע לאַגע צוגלײַך מיט מ. סאַווינאַ, ק. וואַרלאַמאָוו, וו. דאַווידאָוו און אַנד. ניט קאָנענדיק פֿאַרטראָגן דעם מיקראָקלימאַט פֿון די קאַזיאָנע טעאַטערס, זייער רעפּערטואַר און רעזשיסור, האָט זי געטרוימט וועגן אַן אייגענעם טעאַטער. דאָס האָט זיך איר אײַנגעגעבן ערשט אינעם סעזאָן פֿון 1904—1905. אין רעפּערטואַר פֿון דעם טעאַטער זײַנען אַרײַן גאָרקי, טשעכאָוו, איבסען, סטרינדבערג, האַופּטמאַן, טשיריקאָוו, נײַדיאָנאָוו, יושקעוויטש. זוכנדיק נײַע פּיעסן, האָט זי זיך געווענדט צו אַזעלכע נעמען, וועלכע זײַנען געווען ווייניק באַקאַנט אין רוסלאַנד, — צו אַ. שניצלערן, ג. גייערמאַנסן, ע. האַרטלעבען און, ענדלעך, אין פֿאָלגנדיקן סעזאָן פֿון 1905 — 1906, ווערט אינעם טעאַטער געשטעלט שאָלעם אַשס „מאָשיִעכס צײַטן״ אין דער איבערזעצונג פֿון יעווגעני טראָפּאָווסקי.

דער קריטיקער זיגפֿריד האָט געשריבן אין די „סאַנקט־פּעטערבורגער וועדאָמאָסטן״ פֿאַרן 18 יאַנוואַר 1906:

„דער קאָמיסארזשעווסקאיא־טעאטער, וועלכער האָט אָנגענומען אַלע מיטלען, אַז די נײַע פּיעסן זאָלן, כאָלילע, ניט אנטהאלטן אין זיך אוועלכע־ניט־איז געפאר, האָט ענדלעך געקויפט א פּיעסע... אָף וועלכער שפּראך, מיינט איר? אָף ייִדיש. אָט צו וואָס עס קאָן דערפירן דער ייִעש! — האָט געשריבן ע. סטארק. — פון אַלע שפּראכן האָט מען בא אונדז איבערגעזעצט פּיעסן, דער רוסישער טעאטער איז אין דעם פּראט געווען ענלעך צו א גרויסן שוואָם, א גובקע, וואָס האָט זשעדנע אײַנגעזאפּט אין זיך יעדן מין וואסער, פונוואנען דאָס זאָל ניט רינען. אָבער פון ייִדיש... — אזוינס איז בא אונדז, דוכט זיך, נאָך קיינמאָל ניט געווען.

די פּיעסע האָט געשטעלט דער הער ארבאטאָוו. די שטעלונג איז געווען א פּרעכטיקע, און געשפּילט האָט מען זי אויסגעצייכנט. סארא רײַכע אינטערעסאנטע טיפּן־גאלעריי האָבן אונדז געגעבן אַלע ארטיסטן! די שווערסטע ראָל, די ראָל פון דער קראָקער סטודענטקע יוסטינע, וועלכע איז אָנגעפּראָפּט מיט אלערליי פּוילישע לעגענדעס, האָט געשפּילט די מאדאם ווענדרינסקאיא. זי האָט זיך אויסגעצייכנט ספּראַוועט מיט אָט דער ראָל, צוגעגעבן, ווו מע דארף, יוגנטלעכע היץ, קראפט פון איבערצײַגונג, אופריכטיקײַט, און דאָרט, ווו עס איז פארמישט פאנטאזיע, האָט זי ארויסגעוויזן זייער א פאָרזיכטיקן ווקוס פון פּאטאָס, גראָד אין אזא מאָס, אז עס זאָל זיך ניט פילן קיין פאלשער טאָן. זייער גוט איז געשפּילט געוואָרן די ראָל!“

קוגעלן איז ווייניק געווען זײַנע צוויי ארטיקלען וועגן דער פּיעסע און דעם ספּעקטאקל און די רעצענזיע פון זײַן קריטיקער, וועלכע מיר האָבן שוין ציטירט, — ער האָט נאָך אָנגעשריבן א קליינע נאָטיץ וועגן די שוישפּילער: „מיר ווילט זיך זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם פּרעכטיקן אנסאמבל, וועלכן דעם ה' ארבאטאָוו האָט זיך אײַנגעגעבן צו אָרגאניזירן, וועגן דער מיסטישער שטילקײַט, אין וועלכער ער האָט אײַנגעהילט אייניקע שטעלן פון דער פּיעסע, וועגן די פּרעכטיקע דעקאָראציעס, וועגן דער צארטער לעוואָנע־שײַן, מיט וועלכער עס איז געווען באלויכטן די בינע. דאָס אַלץ העלפט צו באקומען אן אײַנדרוק. די ראָלן ווערן אויסגעפּילט אויסגעצייכנט. די מאדאם ווענדרינסקאיא איז אן עכטע לײַדנשאפטלעכע שטאָלצע פּוילישע פרוי פון ייִדישן גלויבן. און רעב כאָנאָן, וועלכן עס שפּילט דער ה' בראוויטש איז אן עמעסער פּאטריאָט, מיט א טיפּיש גענגל פון א ייִדישן זאָקן, מיט א דארער פּלייצע, וואָס איז געבויגן אונטער דער לאסט פון די יאָרן. פּרעכטיק זײַנען די אקטריסעס כאָלמסקאיא, קאָרטשאגינא, פּיוואָווארָאווא. טיפּיש זײַנען אלעקסאנדראָווסקי, אוראלאָוו, גרוזינסקי. הײַנט די יוגנט? סארא ליכטיקע שטים עס איז בא וואסילענקאָ, מיט וויפל איבערצײַגונג און גלויבן עטעמען ליובאָשעס ווערטער! ווײַטער נעמט דעם ציִעניסט, גארדינען, דעם סטודענט פּעאָן, וועלכער ווייסט ניט ווו אהינצוטאָן זיך, און עסטערקע — טורינא, וועלכע זוכט מיט אזא נעבעכדיקער שטים אירע בלינדע אויגן, און די בורזשויקע קאמענעווא — אַלע האָבן זיי געפונען דעם געהעריקן טאָן, דאָס געהעריקע פּאָנעם, אופריכטיקײַט... עס איז אן עמעסער נאכעס־רועך צו קוקן דעם הער אשס פּאָעטיש ווערק אין דער פּאָעטישער אויספירונג פון די ארטיסטן פונעם דראמאטישן טעאטער“ (זע דאָס ארטיקל „דראמאטישער טעאטער“ אינעם זשורנאל „טעאטר אי איסקוסטוואָ“ נומ. 5, 1906).

דער ספּעקטאקל האָט דערציילט וועגן דעם, וויִאזוי עס זײַנען כאָרעוו געוואָרן די יעסוידעס פונעם אַלטן לעבן, יעדער העלד — אין יעדן פון די דרײַ דוירעס, — האָט געזוכט און אויסגעקליבן זײַן וועג צו עמעס און צו גליק.

קאָמיסארזשעווסקאיא אַליין האָט אין דעם ספּעקטאקל קיין אָנטייל ניט גענומען. אָף די גאסטראָלן, וועלכע דער טעאטער האָט אָנגעהויבן דעם 19 פעווראל אין מאָסקווע און געענדיקט דעם 11 מײַ אין קיִעוו, האָט קאָמיסארזשעווסקאיא, בײַטנדיק זיך מיט מ. א. ווענדרינסקאיא, אויסגעפּילט די ראָל פון יוסטינע, שאָלעם אשס סאמע ראָמאנטישע העלדן, וועלכע געפינט דעם זין פון איר לעבן אין דער דיכטונג, אינעם צונויפגיסן איר לעבן מיטן לעבן און מיט דער קולטור פונעם לאנד, פונעם פאָלק, ווו זי איז געבוירן געוואָרן.

דער רעצענזענט פון דער צײַטונג „רוסקאָיע סלאָוואָ“ איז געווען אנציקט פון קאָמיסארזשעווסקאיאס שפּיל: — „איר יוסטינע איז א צארטלעכע לעבעדיקע נעשאָמע, פול מיט פײַער פון פאנטאזיע און לײַדנשאפטלעכע שטרעמונגען“. „מאדאם קאָמיסארזשעווסקאיא, — כאזערט איבער דאָס זעלבע דער רעצענזענט פון א כארקאָווער צײַטונג, — איז, ווי שטענדיק, פּרעכטיק. דאָס געשטאלט פון יוסטינע האָט זיך באקומען בא איר צארטלעך און פּאָעטיש, עס איז פול, ווי געווינלעך, מיט קרישטאָל־ציכטיקע, אומיטלבארע געפילן“.

מיט שאָלעם אשס שאפונג האָט זיך אינטערעסירט מאקסים גאָרקי. אין פעוורואל 1907 האָט ער געשריבן פון קאפּרי צו אי. פּ. לאדיזשניקאָוון: „אשס דראמע („גאָט פון נעקאָמע“. — יע. ב.) איז לויט איר פאבול א שטארקע זאך, נאָר די רוסישע איבערזעצונג איז געמאכט עקלהאפט, דעריבער לייז איך ניט די פּראגע וועגן דרוקן זי אין די זאמלונגען „זנאניִע“ („וויסן“).

איך בעט אײַך, איר זאָלט אייצען דעם אווטאָר אָט וואָס: זאָל ער שיקן די רוסישע איבערזעצונג אײַזמאנען אָדער אן אנדערן פון די ליטעראטן־ייִדן, וועלכע קענען גוט די רוסישע שפּראך, — זאָל ער שיקן און בעטן, זיי זאָלן פאריכטן ווי ווײַט בעסער די רוסישע איבערזעצונג.

אייצעט אים אויך, ער זאָל געבן די דאָזיקע פּיעסע דער מאדאם קאָמיסארזשעווסקאיא אָדער דעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאטער, נאָר ווײַזט אָן, אז פאר דער בינע דארף מען די איבערזעצונג פאריכטן, ווײַל אין דעם אויסזען,



מאַקסים גאָרקי און שאָלעם אַש אויפן קרעמל־פּלאַץ אין מאָסקווע

אין וועלכן די פּיעסע געפינט זיך איצט, וועט זי פאַרשפּילן. ער דאַרף זײַן אַ טאַלאַנטפולער מענטש, אָט דער אַש, זײַן „מאָשיעכס צײַטן" איז אויך אַן אינטערעסאַנטע זאַך".

און צום סאָף פונעם בריוו, אין פּאָסטסקריפּטום, קערט זיך מ. גאָרקי ווידער אום צו אַשס פּיעסע: „זאָגט אַשן — אויב די איבערזעצונג וועט געמאַכט ווערן גוט, וועלן מיר דרוקן די פּיעסע"[1].

די איבערזעצונג איז, ווײַזט אויס, אויסגעפּאַריכט געוואָרן, ווײַל „גאָט פון נעקאָמע" איז אינעם זעלבן יאָר געדרוקט געוואָרן אינעם נײַנצנטן בוך פון דער זאַמלונג „זנאַניִע", צוזאַמען מיט גאָרקיס הויפּט־ראָמאַן „די מוטער" און װעריעסײַעװס נאָטיצן „אויף דער מילכאָמע". אַשס אַן אַנדער פּיעסע — „מיטן שטראָם" — איז צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ יאָר אַרום אין אַן אַנדער בוך פון דער זאַמלונג „זנאַניִע", וווּ צווישן די אויטאָרן האָבן זיך געפונען מ. גאָרקי, אי. בונין, א. קופּרין, א. סעראַפימאָוויטש.

ווען גאָרקי האָט געייצעט אַשן, ער זאָל איבערגעבן „גאָט פון נעקאָמע" קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַן, איז די פּיעסע שוין געווען בא איר אין טעאַטער, נאָר צוליב געוויסע סיבעס האָט קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ זיך אָפּגעהאַלטן פון שטעלן זי אויף דער בינע. אַש נערוועוירט זיך. דעם 26 דעצעמבער 1906 שרײַבט ער דער שוישפּילערן: „פילגעאַכטע מאַדאַם קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ, מיך כידעשט זייער, וואָס איך האָב נאָך ביז איצט ניט באַקומען פון אײַך קיין ענטפער וועגן דער נײַער דראַמע „גאָט פון נעקאָמע". „גאָט פון נעקאָמע" איז אָנגענומען אין “Deutsces Theater” און וועט אין דער נאָענטסטער צײַט געשטעלט ווערן. סטאַניסלאַווסקי האָט זיך זייער פאַרינטערעסירט מיט מײַן דראַמע, און נאָר מײַן וואַרטן אויף אײַער ענדגילטיקן באַשלוס האַלט מיך אָפּ פון פירן מיט אים אונטערהאַנדלונגען. מאַכמעס דעם בעט איך אײַך ענטפערן מיר וואָס גיכער... נעמט אָן מײַן בעסטן גרוס. ש. אַש.

מײַן אַדרעס: וואַרשע, פּליוּקאַיאַ, 32".

קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ האָט זיך אָבער ניט געקאָנט אַנטשליסן צו באַווײַזן דעם פּעטערבורגער פּובליקום די פּיעסע „גאָט פון נעקאָמע". זי האָט געשטעלט די פּיעסע ערשט אין מאַרט 1908, קלײַבנדיק זיך אויף אַ גאַסטראָל־רײַזע קיין אַמעריקע. די רעפּעטיציעס זײַנען, אַפּאָנעם, פאָרגעקומען אין יאַנוואַר־פעוראַל אויפן וועג קיין

פּשאַ. אורטיילנדיק לויט דער פּרעסע, קאָן מען פעסטשטעלן, אַז קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַס גאַסטראָלן אין אַמעריקע זײַנען דורכגעגאַנגען ניט מיט אַזאַ דערפאָלג, ווי אין אייראָפּע, זיי האָבן געבראַכט העזעק. ס'זײַנען ניטאָ קיין ידיִעס, וויאַזוי מע האָט אין אַמעריקע אויפגענומען די דראַמע „גאָט פון נעקאָמע".

מיט דער פּיעסע האָט זיך פאַרינטערעסירט ניקאָלײַ כאַראַטאָוו, דער שוישפּילער פונעם אַלעקסאַנדרינער טעאַטער. אין 1907 האָט די געזעלשאַפט פון דראַמאַטישע אַקטיאָרן געשאַפן אונטער זײַן אָנפירונג אַ „הײַנטצײַטיקן טעאַטער", און דאָרט איז געשטעלט געוואָרן „גאָט פון נעקאָמע".

ווען דער „הײַנטצײַטיקער טעאַטער" האָט פונעם לאָקאַל פון „נעווסקי פּאַרס" זיך אַריבערגעקליבן אין „פּאַנאַיעווער טעאַטער", איז פונעם 23 ביזן 29 אַפּרעל געגאַנגען בלויז אַשס דראַמע.

נ. נ. כאָדאָטאָוו האָט געשריבן: „דער רעפּערטואַר איז באַשטאַנען פון נײַע ווערק, צווישן וועלכע אונדז האָט אינטערעסירט די סאָציאַלבאַדײַטנדיקע אידיי אָדער די נאָבעלע פּסיכאָלאָגיע פון די העלדן. דער רעפּערטואַר פון אונדזער טעאַטער האָט ווידעראַמאָל געמאַכט טיל־טעל פון דער רויִקײַט אין די קאַזיאָנע טעאַטערן. מיר האָבן געשטעלט ש. אַשס „גאָט פון נעקאָמע", גאָרקיס „באַרבאַרן", אָסיפּ דימאָווס „שמאַ ייִסראָעל", פּאָלייעווס „דרײַ פּרויען", קופּרינס „דער לעץ". דעם גרעסטן דערפאָלג האָט געהאַט „גאָט פון נעקאָמע", וועלכע האָט דעמאַסקירט די פרומקײַט און צוויִעס פון די קלײנבירגער, וואָס פירן זייערע שמוציקע געשעפטלעך, נעמענדיק גאָט צוהילף. דעם העלד פון דער דראַמע יאַנקל, וועלכער טרעט אַרײַן אין אַ קאַמף מיט גאָט, טרוימט וועגן אַ ריינעם פאַמיליען־לעבן און קאָן ניט אין דער אַטמאָספער פון זנוס, האַנדל־וואַנדל אויסהיטן זײַן טאָכטער, — האָט פּרעכטיק געשפּילט אוראַ-

[1] М. Горький. Собр. соч., т. 29, стр. 13, 15.

לאָוו, און דאָס האָט היפש מיטגעהאָלפן דעם דערפאָלג פון דער פיעסע".

כאָדאָטאָוו האָט געשריבן זײַנע זיכרוינעס שוין צום סאָף פון זײַן לעבן, אין די 20—30־ער יאָרן. דעריבער דאַרף מען מאַכן א געוויסע האַנאָכע אַף דער כאַראַקטעריסטישער פאַר יענער צײַט טערמינאָלאָגיע, וועלכע פאַרקריפּלט עטוואָס אַשס פאַרטראַכט. די מײַסע איז, וואָס יאַנקל שעפּשאָוויטש, דער באַלעבאָס פונעם שאַנד־הײַזל, האָט געוואָלט אופּהיטן די אומשולד פון זײַן טאָכטער. צוליב דעם ציל קויפט ער א סייפערטוירע, וואָס דאַרף מיט איר הייליקײַט אויסהיטן פון זינד די ציכטיקע און אומשולדיקע ריווקעלע. יעהאָוואַ אָבער, דער „גאָט פון נעקאָמע", באַשטראָפט יאַנקלען דערפאַר, וואָס ער האָט זײַן גאַנץ לעבן געהאַנדלט מיט די קערפּערס פון יידישע מיידלעך, און שלוימע דער סוטעניאָר פאַרפירט צוערשט ריווקעלען און דערנאָך נעמט ער זי אין זײַן שאַנד־הײַזל, וואָס ער האָט געעפנט צוזאַמען מיט דער פּראָסטיטוטקע הינדל.

רעזשיסער פונעם ספּעקטאַקל איז געווען דער זעלבער נ. נ. אַרבאַטאָוו, וועלכער האָט בא קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַן געשטעלט די פּיעסע „מאָשיִעכס צײַטן". אויך איינִיקע אַקטיאָרן פון איר טרופּע האָבן געשפּילט אין כאָדאָטאָווס ספּעקטאַקל. אי. אוראַלאָוו איז ארויסגעטראָטן אין דער ראָל פון יאַנקלען, ז. כאָלמסקאַיאַ — פון יאַנקלס ווײַב סאָרע, א. ליובאָש — פונעם סוטעניאָר שלוימע. דער ספּעקטאַקל האָט דאָ געהאַט ניט קיין קלענערן דערפאָלג, איידער אין דראַמאַטישן טעאַטער. אָבער ווי פריִער, האָבן די קריטיקער זיך פאַראינטערעסירט דעריקער מיט דער פּיעסע. „די דאָזיקע פּיעסע האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק, אַז מיר האָבן פאַר זיך א יונגן, אופריכטיקן, גוטן טאַלאַנט, — האָט געשריבן אין דער גאַנץ רעאַקציאָנערער „נאָוואָיע ווּרעמיאַ" יורי בעליאַיעוו. — שאָלעם אַשן קען איך לויט אַן אַנדער ווערק — „מאָשיִעכס צײַטן", א סצענישער פּאָעמע... „גאָט פון נעקאָמע" איז אָבער א דראַמע, כאָטש זי אָטעמט מיט פּאָעזיע, און די דאָזיקע זײַט אירע רופט ארויס מער כיין, איידער די ריין טעאַטראַלע. א פּאָעט אַף דער בינע — דאָס איז אין אונדזער צײַט אַזא זעלטנהײַט, אַז איך גיי צו דערצו צערטלעך, מיט ליבע. מע פרעגט: צי געפעלט אײַך די פּיעסע? יאָ, זי געפעלט, אָבער נאָך מער געפעלט מיר דעם אווטאָרס טאַלאַנט. איר פאַרשטייט? דער טאַלאַנט אַליין פאַר זיך. (...) איך האָב מיט באַגײַסטערונג געקוקט אַף אָט דעם שאָלעם אַש, וועלכער האָט קאָמיש געבוקט זיך צום פּובליקום".

אַגעוו, וועגן שאָלעם אַשס בוקן זיך צום פּובליקום. דער קינסטלער פונעם זשורנאַל „טעאַטר אי איסקוסטוואָ" מ. סלעפּיאַן האָט אָפּגעדרוקט א קאַריקאַטור „דער קאַמף קעגן גאָט און דאָס „ווינערעכט" (צום אופּהאַלטן שאָלעם אַשן אין טכום)". דער קינסטלער האָט באַוויזן א דאַרן, קאָמישן מענטשן, וועלכער בוקט זיך פאַר די צושויער פון זײַן פּיעסע, און א ריזיקן זשאַנדאַרם, וואָס שלעפּט אים אין טכום ארײַן; דער טכום איז געמאָלט אין דער פאָרם פון א געפּאַסעוועטן סלופּ, ארומגערינגלט מיט א קופּע קליינינקע הײַזקעס.

אין באַריכט פונעם אינטערוויו, וואָס נ. עפראָס האָט גענומען בא שאָלעם אַשן, זײַנען פאַראַן אַזעלכע שורעס:

„...מאָסקווע האָט נעכטן געזען זײַן „גאָט פון נעקאָמע". איך ווייס ניט, צי ס'וועט זען די פּרעמיערע דער אווטאָר אַליין.

— מאָרגן וועלן מיר זיך טרעפן? — האָט מען אים איינמאָל געפרעגט אין „וועסנאַ" (א רעסטאָראַן, ווו אַש פלעגט עסן מיטיק. — יע. ב.).

ער האָט עטוואָס באַליידיקט, קימאַט שולדיק, געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— איך ווייס דען?.. איך ווױן דאָך אין פינלאַנד.

אַלס א ייִד, טאָר ער ניט וווינען אין דער שטאָט, ווו מע אַפּלאָדירט יעדן אָוונט מיט באַגײַסטערונג זײַן דראַמע. ער גאַנוועט זיך דורך אַהין מיט קאָנטראַבאַנדנע וועגן אַף א קורצן אָוונט, און צו א געוויסער שאָ לויפט ער צוריק צום צוג.

— האַ! איר פאַרשטייט, מײַן פּיעסע מעג לעבן אין פּעטערבורג, אָבער איך טאָר ניט".

נ. נ. כאָדאָטאָוו האָט אַליין זיך ניט באַטייליקט אין ספּעקטאַקל „גאָט פון נעקאָמע", ער האָט אונדז איבערגעלאָזט קימאַט די איינציקע זיכרוינעס אין רוסיש וועגן שאָלעם אַשן, דעריבער ברענג איך זיי אינגאַנצן:

„אין פּעריאָד פון דער פּיעסע „גאָט פון נעקאָמע" בין איך געוואָרן שטאַרק נאָענט מיטן אווטאָר, פריִער האָב איך אים געקענט בלויז פון דער פּיעסע „מאָשיִעכס צײַטן", וואָס איז געגאַנגען אין קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַס טעאַטער. איינע פון זײַנע פּיעסן — „דער ייִכעס" — האָט מען געלייענט בא מיר אין שטוב. איך געדענק שוין איצט ניט איר אינהאַלט, כ'געדענק אָבער, אַז זי האָט ארויסגערופן שטורמישע שטרײַטן, אַפילע א ליטעראַרישן סקאַנדאַל, וועגן וועלכן מע האָט געשריבן אין די צײַטונגען. איך געדענק, ווי עס האָט זיך דעמלט געהיצט שאָלעם אַש, ווי ער איז געוואָרן בלאַס און רויט, אַף זײַן פּאָנעם האָבן זיך באַוויזן קאָנוווּלסיעס, ער פלעגט אופשפּרינגען פון אָרט, ווידער זיך זעצן, ארומלויפן Как шорт.[1] (זײַן באַליבטער אויסדרוק). א מער עקספּאַנסיוון מענטשן האָב איך קיינמאָל ניט געזען. אָנקומענדיק קיין פּעטערבורג, פלעגט ער וווינען אַמאָל בא מיר, אַמאָל בא אָ. דימאָוון, וועלכער האָט פּרעכטיק איבערגעזעצט זײַן „גאָט פון נעקאָמע", אַמאָל בא בורדעסן, אויך אַן איבערזעצער (פון אַשס באַרימטן „שטעטל"). שאָלעם אַש האָט זייער שלעכט געקענט רוסיש און פלעגט ריידן אַף א דײַטשמערישן זשאַרגאָן, נאָר דאָס אַלץ האָט אונדז ניט געשטערט צו פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן פון א האַלב וואָרט.

---

[1] פונעם רוסישן Как чёрт (ווי א טײַוול).

132

באזונדערס קלאָר האָבן זיך פארהיט אין מײַן זיקאָרן צוויי פאלן פון אונדזער געמיינזאם לעבן. ביידע זײַנען זיי פאָרגעקומען אין טעאטער. איינמאָל נאָך א טומלדיקער נאכט בא מיר אין דירע, האָב איך געדארפט שפילן אין א זונטיקדיקן פרימאָרגן־ספעקטאקל אין אָסטראָווסקיס פיעסע «Бедность не порок». שאָלעם האָט אומבאדינגט געוואָלט זען דעם דאָזיקן ספעקטאקל, און ער האָט געהאלטן אין איין אײַנריידן די אָנוועזנדיקע שרײַבער, זיי זאָלן גיין אים זען: „אָסטראָווסקי!.. איך האָב קיינמאָל ניט געזען אָסטראָווסקין און דעם רוסישן אקטיאָר“.

איז אָט, זײַנען מיר, א קליינינקע קאָמפאניע, אוועק אין אלעקסאנדרינער טעאטער. קיין בילעטן זײַנען ניט געווען, האָב איך אלעמען אײַנגעאָרדנט אין אָרקעסטער. בייס איינעם פון די אנטראקטן איז דער ערשטער געקומען צו לויפן צו מיר אין גרימיר־צימער שאָלעם אש, מיט א שײַנענדיק פּאָנעם.

— וואונדערבאר! אויסגעצייכנט!.. דאָס איז פרעכטיק... — האָט ער זיך א וואָרף געטאָן זיך קושן מיט מיר. איבערן פאָנעם זײַנען בא אים גערונען גליקלעכע טרערן. — איך וויל זען דאַווידאָוון און די זקיינע! (דאווידאָוו האָט געשפילט ליובים טאָרצאָוון, די זקיינע — שאראָוויעווא). אָ, אָסטראָווסקי! גראָסעס הערץ! עמעסער מענש!.. גראָסער מענש!.. און די קינדערלעך! טאוזענט קינדער! — און ער האָט גענומען פאטשן אליין, ווי א קינד, אין די דלאָניעס. — איך האָב ניט געזען אזא שיינקײַט! וואונדערשיין! כאַ! כאַ! בראוואָ! בראוואָ! — ער האָט זיך געדרייט, ווי א דריידל, געוואָרפן זיך קושן אלעמען.

און אָט איז א צווייטער פאל, ווו מע זעט נאָך בולעטער אשס אומיטלבארקײַט. נאָכן ספעקטאקל „פארברעכן און שטראָף“ גייט שאָלעם אש ארײַן אין גרימיר־צימער א דערשלאָגענער, אַן אומעטיקער און שווײַגט לאנג. פלוצעם וואָרפט ער זיך אף מיר, הייבט מיך אָן טרייסלען און שלאָגן מיט די פויסטן: „ניקאָלײַ, ניקאָלײַ! דאָסטאָיעווסקי איז געניִאליש!.. ער איז פרוכטבאר גראָסער! א טיטאַן! דו ביסט אויך א שאָרט. דו ביסט א שאָרט, ניקאָלײַ! א טײַוול, א נידערטרעכטיקער שארפער אינקוויזיטאָר! דער שאָרט ווייסט אלץ!“ פלוצעם האָט ער זיך א וואָרף געטאָן מיטן פאָנעם אראָפ אפן דיוואַן און זיך צעוויינט ווי א קינד. איך האָב אים געמוזט בארויִקן“.[1]

פונעם 3 מײַ ביזן 15 יוני האָט די טרופע פונעם „הײַנטצײַטיקן טעאטער“ דורכגעפירט א גרויסע גאסטראָל־רײַזע, אָנגעהויבן פון וויטעבסק, פאָרגעזעצט אין ווילנע, קיִעוו, זשיטאָמיר,ווארשע, אָדעס, כארקאָוו און פארענדיקט אין מאָסקווע. אין דער רײַזע האָט מען גענומען בלויז איין ספעקטאקל — „גאָט פון נעקאָמע“.

אויך אין דער פּראָווינץ האָט די פיעסע באקומען זייער א גוטן אופנאם. א סאך אָרטיקע דראמאטישע טעאטערן האָבן זי ארײַנגעפירט אין זייער רעפערטואר.

אין מאָסקווע האָט מען זיך גינסטיק באצויגן צום נײַעם ווערק פונעם יונגן דראמאטורג, וואָס מיט זײַן שאפונג האָט מען זיך דאָ באקאנט אין פאָריקן זומער. די אלגעמיינע מיינונג האָט אויסגעדריקט דער טעאטראלער רעפּערטיאָר פונעם זשורנאל „זאָלאָטאָיע רונאָ“: „די זומער־כאדאָשים זײַנען דורכגעגאנגען געוויינלעך, קימאט אָן א שפור פאר דער קונסט,— האָט ער געשריבן, — די טעאטערס האָבן ניט געהאט קיין שטאָך ארבעט. זיי האָט פארביטן די קלאָונאדע פון פארס און אָפערעטקע. די איינציקע סצענישע דערשײַנונג אין מאָסקווע, וועלכע האָט פארדינט אופמערקזאמקײַט, איז געווען שאָלעם אשס דראמע „גאָט פון נעקאָמע“, וועלכע דער פעטערבורגער „הײַנטצײַטיקער טעאטער“ האָט באוויזן בייס זײַן רײַזע איבער רוסלאנד: א שטארקער אופרײַס פון לײַדנשאפטלעכן אופשטאנד פון דער נעשאָמע קעגן גאָט, וועלכער שטראָפט מיט שלעכטס פאר טאָן שלעכטס“.

אין 1923 האָט נ. כאָדאָטאָוו באשלאָסן ווידער זיך אומקערן צו אשס „גאָט פון נעקאָמע“. זומער־צײַט, ווען עס שטעלט זיך אײַן אין טעאטער דער צווישן־סעזאָן, האָט דער רעזשיסער נ. סמאָליטש מיט דער טרופּע שוישפילער, וועלכע זײַנען פרײַ פון גאסטראָלן, געשטעלט די פיעסע אין טעאטער פון טאווּרישן סאָד. ווי די פרעסע פון יענער צײַט האָט געשריבן, האָט דער ספעקטאקל זיך באקומען ניט געלונגען, כאָטש אין אים האָבן זיך באטייליקט עטלעכע שוישפילער, וועלכע זײַנען שוין געווען באקאנט מיט אשס דראמאטורגיע. באזונדערס קלאָר האָט די מיינונג פון דער קריטיק און פון די צושויער אויסגעדריקט ק. יאבלאָנסקי, וועלכער האָט געשריבן:

„אין דער שטעלונג פון אשס פיעסע „גאָט פון נעקאָמע“ פילט זיך די אומבאקאנטשאפט מיטן לעבנסשטייגער פונעם יִדישן טכום. אכוץ דעם, האָט דער רעזשיסער נ. וו. סמאָליטש גענומען א טאָן אין דער גאנצער שטעלונג אָן אויסערלעך בעקיוונדיקן. אלדאָס אינערלעכע איז אָפגעווישט געוואָרן דורכן אויסערלעכן, אלע פארבן זײַנען געווען צו בלאסע, ווי אף אַן אָפגעריבענעם גאָבעלען, דאַן, ווען פאר שאָלעם אשן האָט מען באדארפט אויסנוצן וואָס העלערע שטריכן אין דער אינערלעכער אינטערפּרעטאציע פון דער פיעסע... פון די אויספּילער וועל איך אָנווײַזן אף קאָרטשאגינא־אלעקסאנדראָווסקאיא, וועלכע האָט אין דער קליינער ראָל פון א בעטלערקע, א בלינדע אף איין אויג, דערוויזן, אז דער טאלאנט ווערט געמאָסטן ניט דורך

---

[1] Н. Н. Ходотов. Близкое — далекое, стр. 210—211.

מיטן נאָמען כאָדאָטאָוו איז פארבונדן די באקאנטשאפט פונעם רוסישן צושויער מיט ש. אשס קאָמעדיע „דער ייִכעס“, וועלכע כאָדאָטאָוו האָט אויסגעפילט אלס א פאָרלייענער זינט 1909. „אין פריוואטע הײַזער, אין אומלעגאלע קרײַזלעך האָב איך געלייענט עטלעכע מאָל אנדרייעווס „אנאטעמא“ און „אנפיסע“, שאָלעם אשס „דער ייִכעס“ (דאָרט, ז. 227).

Шоломъ Ашъ *(авторъ „Бога мести").*

Еврейскій драматургъ, публично *бичующій* безнравственныхъ одноплеменниковъ...

פּרײַנטלעכע שאַרזשן אין דער רוסישער פּרעסע אין צוזאַמענהאַנג
מיט דער שטעלונג פון שאָלעם אַשס „גאָט פון נעקאָמע":

צײכענונג פון ס. גאַראַדעצקי

דער אױטאָר טרײַבט מיט א בײַטש זײַנע אַמאָראַלישע העלדן

שאָלעם אַשן שיקט מען אַרױס פון פּעטערבורג, װײַל ער האָט ניט קײן „פּראַװאָזשיטעלסטװע"

צײכענונג פון דעני

„Богоборчество" и „право жительства"..
(Къ водворенію Ш. Аша въ „черту осѣдлости")

„Богъ мести". Шолома Аша

Сейферъ (г. Дальневъ), Эле (г. Лосъ), Янкель (г. Ураловъ)

Шаржъ А. Люб[illegible]ва

„Богъ мести", Шолома Аша,

Шлойме, сутенеръ (г. Любошъ)

פרײַנטלעכע שאַרזשן צו דעם ספּעקטאַקל
„גאָט פֿון נעקאָמע“:

דער אַרטיסט ליובאָש אין דער ראָל פֿונעם סוטעניאָר שלוימע

סײפֿער (אַרטיסט דאַלנעוו), עליע (אַרטיסט לאָס), יאַנקל (אַר־טיסט אוראַלאָוו)

מאַנקע (אַרטיסטקע יאָלשינאַ) און ריווקעלע (אַרטיסטקע קי־ראָוואַ) יאַנקל (אַרטיסט אוראַלאָוו)



„Богъ мести".

Янкель (г. Ураловъ).

„Богъ мести", Шолома Аша. Сцена 2 акта.

Манка (г-жа Іолшина) и Ривкеле (г-жа Кирова)

דער גרייס פון דער ראָל, נאָר דורך דער קוואליטעט פון דער אויספילונג. די שווערע ראָל פון רעב עליע האָט זייער פאָרזיכטיק און מיט טאקט טאלאנטפול דורכגעפירט דע־גור. ריכטיק זײַנען די טיפן פונעם אלפאָנס שלוימע (אזאנטשעיעוו) און סאָרע (גאָרצעוואַ). טאלאנטפול און זאפטיק האָבן דורכגעפירט זייערע ראָלן ריווקעלע (סלעפיאן), רייזל (ברוסאָווא) און מאנקע (גידאָני). וואָס שײַעך כאדאָטאָוון, וועלכער האָט געשפילט די צענטראלע ראָל פון יאנקל שעפשאָוויטש, קאָן איך זאָגן, אז איך האָב צו שטארק ליב דעם טאלאנט פון אָט דעם שוישפילער, דעריבער וועל איך בעסער פארשווײַגן זײַן שעפשאָוויטש. די גוטע שפיל פון אייניקע אויספילער שוואכט ניט אָפ דאָס געפיל פון פארדראָס פאר די גראָבע דורכפאלן".

אינעם טעאטער פון פ. א. קאָרש איז די פרעמיערע פון „גאָט פון נעקאָמע" באוויזן געוואָרן דעם 2 נאָיאבער 1907. ניט געקוקט דערויף, וואָס אין יענעם זומער האָבן א סאך מענטשן שוין געזען די פיעסע אין דער אויספילונג פונעם „הײַנטצײַטיקן טעאטער", האָט דער ספעקטאקל ווידער פארנומען דאָס צענטראלע אָרט אין דער קריטיק. „גאָט פון נעקאָמע", וואָס איז נעכטן געשפילט געוואָרן בא קאָרשן, — האָט געשריבן דער רעצענזענט פון דער צײַטונג „טעאטר", — איז דורכגעגאנגען מיט גרויס דערפאָלג. מיט יעדן נײַעם אקט איז דער דערפאָלג געוואקסן. צוערשט האָט דאָס פובליקום ווי קעגנגעשטעלט זיך, אָבער גיך האָט דער אוילעם זיך אונטערגעגעבן דעם גוואלדיקן דראמאטיזם פונעם סוזשעט און דעם טיפן טאלאנט, מיט וועלכן עס איז געבענטשט שאָלעם אש".

צו דער שטעלונג איז ניט געבליבן גלײַכגילטיק קיין איין זשורנאל אָדער צײַטונג אין מאָסקווע. אָט וואָס עס האָט געשריבן דער זשורנאל „רוסקי ארטיסט": „מיטן שטעלן „גאָט פון נעקאָמע" האָט דער קאָרש־טעאטער אן איבעריק מאָל באוויזן, אז ער איז מער פון אנדערע בינעס אונדזערע אין קורס פון דער הײַנטצײַטיקער דראמאטישער ליטעראטור און קאָן גיכער פון זיי אופכאפן די פאָדערונגען פונעם פובליקום. עס איז אָנגענעם געווען צו זען, מיט וואָס פארא ליבע, מיט וואָס פארא היספּײַלעס האָבן די שוישפילער זיך באצויגן צו שאָלעם אשס פיעסע. שפילן „גאָט פון נעקאָמע", און אזוי, אז עס זאָל ניט פארלוירן גיין די שטייגערישע יידישע באפארבונג, מאכן די קליינינקע אפן ערשטן קוק העלדן פאר א פארקערפערונג פון טיפע אלמענטשלעכע געדאנקען און ליידן — דאָס איז ניט קיין לײַכטע אופגאבע. אָבער די טוער פונעם קאָרש־טעאטער זײַנען ארויס פונעם ספעקטאקל ווי זיגער.

ביידע אויספילער (ב. באָריסאָוו — יאנקל און נ. סמירנאָווא — סאָרע. — יע. ב.) האָבן פרעכטיק אָנגעצייכנט זייערע ראָלן. די טיפע נעשאָמע־ליידן זײַנען באוויזן געוואָרן פון ביידן מיט דער גאנצער פולקײַט און קלאָרקײַט. א גלענצנדיקן פלאסטישן דועט האָבן געגעבן מאדאם ליסענקאָ (מאנקע) און ארבאטאָווא (ריווקעלע). זייער ליבע איז א געפערלעכע, א גיפטיקע ליבע, אָבער פון איר סאמע אופקום שמעקט פון איר בלויז דער פאָעטישער אראָמאט. אופריכטיק און באדאכט שפילן די אנדערע „מיידלעך" נעלידאָווא און בורדינא... פארבנפול איז אין דער קליינער עפיזאָדישער ראָל פונעם „סוטעניאָר שלוימע" דער ה' קלימאָוו. דער דריטער אקט איז אינגאנצן אין באוועגונג, אין אימפעט. עס האָט גענומען א סאָך צום גלויבן אין דער הייליקײַט פון דער עמונע, עס איז א טעל געוואָרן פונעם גאנצן לעבנסשטייגער און פון דער רעליגיעזער וועלט־אָנשויונג. אָט דער אומשטאנד האָט געפאָדערט פון דעם, וואָס פילט אויס די יאנקל־ראָל, גרויס דראמאטיזם און קראפט."

דער אווטאָר גופע איז אויך געווען צופרידן פונעם ספעקטאקל: „מע זעט קלאָר די ערנסטע ארבעט פון דער רעזשיסערישער האנט און די ליבע צו דער זאך. וואָס שײַעך אָבער באזונדערע אקטן און ערטער, איז די סצענע „אין שטוב" דורכגעפירט געוואָרן, לויט מײַן מיינונג, שוואכלעך, ניטאָ קיין קלאָרקײַט. פון די אויספילער וועל איך זיך אָפשטעלן אף דער מאדאם סמירנאָווא און ה' באָריסאָוו. די מאדאם סמירנאָווא איז געוויס א טאלאנטפולע און קלוגע שוישפילערן. עמעס, זי פארשטייט און טראקטירט א ביסל אנדערש דאָס סאָרע־געשטאלט, איידער איך, נאָר סאָרע האָט לאכלוטן ניט געליטן, פארקערט, זי האָט באקומען זייער און זייער אינטערעסאנטע דעטאלן. דער ה' באָריסאָוו האָט, אפאָנעם, צונויפגעלעבט זיך מיט דער שעפשאָוויטש־ראָל".

אשס פאָפולערקײַט אין מאָסקווע איז געוועןווירקלעך גרויס. דעם אווטאָר פלעגן בוכשטעבלעך ניט לאָזן צורו די רעפאָרטיאָרן. דער הומאָריסטישער זשורנאל „בודילניק" האָט פאלש אויסגעטײַטשט די פיעסע, שילדערנדיק זי אזוי, אז זי „מאָלט די מענטשן פונעם אייגענעם פאָלק אלס אנטימאָראלישע". דער שארזש איז געדרוקט געוואָרן אָן אן אונטערשריפט, אָבער דער עצעם פאקט, וואָס „בודילניק" האָט אָפגעדרוקט א קאריקאטור, באווײַזט, אז בא די לייענער און צושויער איז פאָפולער שאָלעם אשס נאָמען, ווײַל א קאריקאטור איז געווען א מין רעקלאַמע פון רום. דער קאריקאטוריסט דעני, וואָס איז דעמלט געווען אן אָנפאנגער, האָט באוויזן אשן אין פולן ווּקס. דער קינסטלער האָט אָפגעדרוקט זײַן שארזש אין צוויי אויסגאבעס. דער פאָעט און קינסטלער סערגיי גאָראָדעצקי האָט געמאָלט אשן, אויב ריידן אפן קינעמאטאָגראפישן לאָשן, אין גרויסן פלאן. זײַן שארזש איז געדרוקט געוואָרן אין דער צײַט, ווען ס'איז ארויס פון דרוק אשס פיעסע „דאָרע".

נאָך דעם, ווי דער קאָרש־טעאטער האָט געשטעלט די פיעסע „גאָט פון נעקאָמע", איז זי געשפילט געוואָרן מיצאד דעם טעאטער „אקוואריום". דערבײַ האָט „אקוואריום" ערגעץ געקראָגן די דײַטשישע איבערזעצונג פון דער פיעסע, וואָס איז געמאכט געוואָרן פון דער רו־

סישער איבערזעצונג, און נאָך פריִער, פאַרשטייט זיך, פון ייִדיש. איצט האָט מען דעם טעקסט איבערגעזעצט פון דײַטש ווידער אף רוסיש. אין אזא פאָרם איז די פּיעסע באוויזן געוואָרן אף דער סצענע. די צײַטונג „טעאטר" האָט געשריבן: „...קימאט טייקעף האָט „גאָט פון נעקאָמע" זיך באוויזן אף דער אפישע פון אַן אנדער מאָסקווער טעאטער — פון „אקוואַריִום", נאָר שוין אין אַן אנדער איבערזעצונג. פארשטייט זיך, אז דאָס איז געטאָן געוואָרן קעגן דעם ווילן פונעם אווטאָר, אפילע טראָץ זײַן קאטעגאָרישער מעלדונג, אז ער פּראָטעסטירט קעגן שטעלן זײַן דראמע אין עמעצנס פרעמדע איבערזעצונגען".

שאָלעם אש האָט שוין אָבער געוווּסט, אז זײַנע פּראָטעסטן וועלן צו גאָרנישט ניט ברענגען. אומגעפּער אף אזא אויפן זײַנען זײַנע פּיעסן פארשפּרייט געוואָרן אין דער פּראָווינץ. קעדיי דערפירן די טעקסטן צו איין נוסעך, גיט ער זיי אָפּ אין דרוק. אין 1907 דערשײַנען זײַנע פּיעסן „מאָשיִעכס צײַטן", „גאָט פון נעקאָמע", „דער זינדיקער". דעמלט טאקע האָט דער טעאַטער־קריטיקער נ. עפראָס געשריבן וועגן זייער אווטאָר:

„...שאָלעם אש איז בארימט געוואָרן מאמעש פּלוצעמדיק. ער האָט געשריבן און שרײַבט בלויז אף זשארגאָן. דאָס האָט אים פריִער געשאפן א שמאָלן קרײַז לייענער און פארערער. ווער עס האָט געהאט מוט איבערזעצן שאָלעם אשן, האָט געמאכט זייער א דרייסטן און זייער אַן איידלמוטיקן טראָט. איך ווייס ניט, וועמען עס געהערט דער דאָזיקער קאָוועד. קאָמיסאַרזשעווסקאַיא האָט געלעקט די פינגער פון „מאָשיִעכס צײַטן", און שאָלעם אש איז געוואָרן שנעל בארימט".[1]

אין 1908 האָט דער פארלאג „זנאניִע" ארויסגעלאָזט צוויי בענדער פון אשס ווערק („דערציילונגען" און „דערציילונגען און פּיעסן") אין דער איבערזעצונג פון אנא ברומבערג, יעווגעני טראָפּאָווסקי, ב. פּ. בורדיס. עמעצער פון זיי, דאכט זיך, יע. טראָפּאָווסקי, איז געוועזן דער ערשטער, וועלכער האָט אנטדעקט שאָלעם אשן פארן רוסישן לייענער. אין א יאָר ארום איז דערשינען דער דריטער באנד דערציילונגען און פּיעסן. שפּעטער הייבט זיך אָן שאָלעם אש צו דרוקן אין די רוסישע אלמאנאכן צוזאמען מיט די שרײַבער פון רוסלאנד אין יענער צײַט.

אינעם פינפטן בוך פונעם אלמאנאך „שיפּאָווניק" (פּעטערבורג, 1908) דרוקט זיך אשס פּיעסע „שאבסײַ צווי" באנאנד מיט באלמאָנטס לידער און לעאָניד אנדרייעווס „דערציילונגען וועגן זיבן געהאנגענע". אין 28־טן בוך „זנאניִע" (פּעטערבורג, 1909) זײַנען פארעפנטלעכט שאָלעם אשס דראמאטישע סצענעס „ווינטער" בישכיינעס מיט מ. גאָרקיס „דאָס שטעטל אָקוראָוו" און קנוט האמסונס „דער וואנדערער שפּילט שטיל". אין דער פערטער זאמלונג „זנאניִע" (מאָסקווע, 1910) איז אָפּגעדרוקט זײַן דערציילונג „ערד".

ווי צו איינעם פון די פּאָפּולערסטע שרײַבער, אזעלכע ווי וו. קאָראָלענקאָ, א. בלאָק, מ. גאָרקי, אי. בונין, ד. צענזאָר, אָ. דימאָוו, יע. טשיריקאָוו, ק. טשוקאָווסקי און אנד., ווענדט מען זיך צו אשן נאָך הילף, אָדער עס לאדן אים אײַן צו מיטארבעטן א סאך ליטערארישע אויסגאבעס, וועלכע זײַנען דעמלט געוואקסן, ווי שוואָמען. אזוי, לעמאָשל, האָט ער אינעם ערשטן בוך פונעם „ליטעראריש־קינסטלערישן אלמאנאך" (פּעטערבורג, 1909) געדרוקט „דער נאָווי מיכא", אינעם ערשטן בוך „קאָלאָסיאַ" «Колосья» (פּעטערבורג, 1909) — ביבלישע מאָטיוון פונעם ציקל „נעוויִים", אינעם ערשטן בוך „נעפּאָגאסשיִע אָגני" «Непогасшие огни» — (קאטערינאָסלאוו, 1910) — „פונעם נײַעם געבאָט", אין דער זאמלונג פון דער פּאָלטאווער געזעלשאפט פון קאמף קעגן שווינדזוכט „ביעלי צוויעטאָק" «Белый цветок» — (פּאָלטאווע, 1912) — „זיכרוינעס וועגן פּאָלטאווע".

ש. אש שרײַבט איינע נאָך דער אנדערער נײַע פּיעסן, און זיי ווערן באלד איבערגעזעצט אין רוסיש און געדרוקט, אָפטער פאר אלץ, אינעם זשורנאל „טעאטר אי איסקוסטוואָ". זעלטענער גייען זיי ארויס אין באזונדערע אויסגאבעס.

אין 1917 דערשײַנט אין פּעטראָגראד שאָלעם אשס זאמלונג „נעוויִים", וועלכע באשטייט פון דרײַ פּיעסן — „שאבסײַ צווי", „יאפּעס טאָכטער", „אמנאָן און טאָמאר".

דוכט זיך, אז האגאם אין פּראָט פון ליטעראטור־מײַסטערשאפט איז בא אשן אלץ געווען בעשאָלעם, דאָך האָט דער אינטערעס צו אים מיצאד דעם רוסישן טעאטער זיך פארענדיקט מיט זײַנע צוויי ערשטע פּיעסן. מיר וועלן איצט ניט אנאליזירן די סיבעס פון אזא דערשײַנונג. מיר קאָנסטאנטירן בלויז דעם פאקט. שאָלעם אש האָט א סאך פון די פּיעסן, וועלכע מיר האָבן איבערגערעכנט, צעשיקט אין פארשיידענע טעאטערס, דערונטער אויך אין מאָסקווער קינסטלערישן טעאטער. מע האָט זיי געלייענט, געגעבן גוטע אָפּרופן, אָבער געשטעלט האָט מען זיי ניט. אַן אויסנאם זײַנען די צוויי ספּעקטאקלען, וועגן וועלכע מיר האָבן שוין געשריבן, — „גאָט פון נעקאָמע" איז געשפּילט געוואָרן אין דער סאָוועטישער צײַט. דעם ערשטן ספּעקטאקל — ניט קיין געלונגענעם — האָט געשטעלט דער פּעטראָגראדער טעאטער פון טאווּרישן סאָד. וועגן אים האָבן מיר שוין דערמאָנט. דער צווייטער — א מער געראָטענער, וואָס האָט ארויסגערופן, קאָן מען זאָגן, אַן אינטערעס צום אווטאָר, נאָר שוין בלויז באם ייִדישן צושויער, — איז געשטעלט געוואָרן אין מאָסקווער ייִדישן קאמער־טעאטער. אָבער דער דאָזיקער — דער צווייטער ספּעקטאקל — האָט שוין ניט קיין שײַכעס צו אונדזער אויספאָרשונג.

[1] Старый друг. Шолом Аш. Журнал «Театр», 1907, 3 ноября.

זינאָווי קאָמפּאַנייעץ

עטלעכע ווערטער וועגן דער ייִדישער פאָלקסליד

די ייִדישע פאָלקסליד... זי אַנטהאַלט אין זיך אַ סאַך מערקווירדיקס, אייגנאַרטיקס, און שטענדיק קאָן מען זי דערקענען.

טאַקע דאָס, וואָס מע קאָן זי שטענדיק דערקענען, האָט מיך פון לאַנג געכידעשט, און דאָ ניט לאַנג צוריק האָב איך באַשלאָסן דאָס אויספּרוּוון — מאַכן, אַזוי צו זאָגן, אַן עקספּערימענט. כ׳האָב פאָרגעלייגט איינעם אַ יונגן סטודענט אויסהערן אַ מעלאָדיע. דער סטודענט איז געבוירן געוואָרן אין מאָסקווע, זײַנע עלטערן זײַנען רוסן, און ביכלאַל איז ער לויטן כאַראַקטער און לויט דער דערציִונג אינגאַנצן אַ רוסישער מענטש. אויפן דאָרעם, ערגעץ־ווו אויף דער אוקראַיִנע אָדער אין מאָלדאַוויע, איז ער קיינמאָל ניט געווען. קורץ גערעדט, פון קאָפּ ביז די פּיס אַ מאָסקווער, אַ רוס. ווען כ׳האָב אים אויסגעשפּילט די מעלאָדיע, האָט ער אָן שום צווייפל געזאָגט:

— ס׳איז אַ ייִדישע מעלאָדיע...

אָט די נאַטירלעכע אייגנטימלעכקייט פון דער ייִדישער מוזיק איז אַ וויכטיקע און וווּנדערלעכע דערשײַנונג, און איך מיין, אַז די ערנסטע פאָרשער מערקן עס אָפּ ווי אַ פאַקטאָר אין איר אויסדויער.

און דאָך וויל איך זאָגן: מע דאַרף זיך צוזײַלן. עס פאַרבלײַבן אַלץ ווייניקער און ווייניקער מענטשן, וועלכע וויסן די ייִדישע מוזיק און קאָנען זיך אין איר פאַנאַנדערקלײַבן. דעריבער וואָלט איך, אַ מענטש, וועלכער לעבט אויף דער וועלט 80 יאָר, געוואָלט ארויסזאָגן אייניקע מײַנע באַאָבאַכטונגען און אײַנדרוקן מיקויעך אָט דער פראַגע.

ווי אַ סאָוועטישער מוזיקאַנט, בין איך באַקאַנט מיט דער פילנאַציִאָנאַלער מוזיקאַלישער פאָלקס־קולטור, מיטן נוסעך פון אַ סאַך נאַציִאָנאַלע מוזיקאַלע קולטורן. אין די 20—30־ער יאָרן האָבן הונדערטער קאָמפּאָזיטאָרן זיך אָפּגעגעבן ספּעציִעל מיט אַנטוויקלען די מוזיק פון די פעלקער, וועלכע לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אין יענער צײַט איז שווער געווען געפינען אַזאַ קאָמפּאָזיטאָר, וועלכער זאָל ניט האָבן געאַרבעט אין אָט דעם געביט. זיי האָבן באַרײַכערט פאַרשיידענע מוזיקאַלע קולטורן, געשטעלט זיי אויפן ניוואָ פון הויכער מײַסטערשאַפט, אַרויסגעפירט פונעם פּרימיטיוו און שאַבלאָן. איך פערזענלעך האָב געהאַט צענדליקער באַאַרבעטונגען פון קאַזאַכישע, קירגיזישע, טאָטערישע לידער. כ׳האָב זיך אויך פאַרנומען מיט טשוּוואַשער, מאַריִער פאָלקס־מוזיק.

אַ שײַכעס האָב איך געהאַט, צווישן אַנדערע, צו טורקמענישער מוזיק. איך דערמאָן זיך, וויִאַזוי דער קלאַסיקער פון דער סאָוועטישער טורקמענישער ליטעראַטור בערדי קערבאַבאַיעוו האָט מיך ניט בלויז באַקאַנט מיט דער אָריגינעלער טורקמענישער פאָלקס־מוזיק, נאָר אויך פאָרגעלייגט צו שאַפן אַ ווערק אין נוסעך פון אָט דער נאַציִאָנאַלער קונסט. און מײַן ליד „טורקמעניסטאַן" האָט דערנאָך ניט איין מאָל געקלונגען אין אָט דער רעפּובליק.

ווי איך האָב שוין אויבן באַמערקט, האָבן אַ סאַך קאָמפּאָזיטאָרן זיך פאַרנומען מיט באַאַרבעטן לידער פון פאַרשיידענע פעלקער, און ס׳איז טשיקאַווע, אַז קאָמפּאָזיטאָרן פון אַנדערע נאַציִאָנאַליטעטן האָבן מיט ייִדישער מוזיק זיך פאַרנומען ווייניקער. מיר, אַשטייגער, איז באַוווּסט בלויז איין העפט, וואָס עס האָט באַאַרבעט דער איצטיקער פּראָפעסאָר פון דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע יעווגעני קירילאָוויטש גאָלובעוו. מע האָט געהאַלטן, אַז עס זײַנען פאַראַן גענוג ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן, וועלכע קאָנען אַליין זייער שטעטל באַשטיין.

אין מײַנע נאָטיצן, וואָס זײַנען פאַרעפנטלעכט אין פעוורואַל־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַר הײַנטיקס יאָר, האָב איך אינקורצן דערציילט וועגן דער פּעדאַגאָגישער פּראַקטיק פונעם גרויסן רוסישן קאָמפּאָזיטאָר רימסקי־קאָרסאַקאָוו, וועלכער האָט זייער אַ סאַך געטאָן אין הינזיכט פון אַנטוויקלען דעם נאַציִאָנאַלן געפיל פון זײַנע שילער. אין רעזולטאַט האָט, לעמאָשל, איינער פון אָט די שילער — פּראָפעסאָר וואַסילי אַנדרייעוויטש זאָלאָטאַריאָוו נאָך לאַנג פאַר דער רעוואָלוציע אָנגעשריבן זײַן באַוווּסטע „ייִדישע ראַפּסאָדיע".

אין די 20—30־ער יאָרן איז זייער פיל אופגעטאָן געוואָרן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער מו־



די רעדאקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאנד” באגריסן הארציק דעם קאָמפּאָזיטאָר און מוזיק־פאָרשער זינאָווי קאָמ־פּאַנייעץ מיט זײַן 80־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט, אריכאס־יאָמים און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

זיקאַלער קולטור. לאָמיר דערמאָנען, וואָס פאַר א גרויסע קולטור־אופקלער־ארבעט עס האָט דורכגע־פירט מוישע בערעגאָווסקי, וועלכער האָט אָנגעהויבן זײַן טעטיקייט אַלס פאָלקלאָריסט נאָך אין די 20־ער יאָרן. אין דער זעלבער צײַט האָבן א סאַך דער־גרייכט אין אָט דעם געביט די קאָמפּאָזיטאָרן ס. פּײַנ־טוך, ז. זאגראניטשני, י. שווארצשטיין, ג. קאָמפּאַ־נייעץ, י. שײַנין. צום סאָף פון די דרײַסיקער יאָרן איז אין קיִעוו געשאפן געוואָרן אַן אָרקעסטער „קלעזמאָרים” אונטער דער אָנפירונג פון ס. פּײַנטוך. צו דער ארבעט פונעם אָרקעסטער זײַנען צוגעצויגן געוואָרן עטלעכע קאָמפּאָזיטאָרן — אוקראַיִנער לויט דער נאציאָנאליטעט, וועלכע האָבן פאַר אים אָנגע־שריבן אינטערעסאנטע „קלעזמערישע” פּיעסן. אין ווײַסרוסלאנד האָט אקטיוו געארבעט ס. פּאָלאָנסקי, אין מאָסקווע — ס. סענדעריי. דער אווטאָר פון אָט די שורעס האָט דעמלט אויך אָנגעהויבן זײַן ארבעט אין געביט פון ייִדישער מוזיק.

אין יענע יאָרן זײַנען געווען טעטיק א גרעסערע צאָל ייִדישע טעאטערן, אין וועלכע די מוזיקאַלע לייטערס האָבן געשאפן מוזיק צו טעאטראַלע פאָר־שטעלונגען. מער פון אַלע האָט זיך דאָ אויסגעטיילט לייב פּולווער. דערמאָנענדיק יענע צײַט, וואָלטן מיר איצט באטאָנט, אז ס'איז א שאָד, וואָס די קינסט־לערישע אָנפירונג פון די טעאטערס, אפילע דער גרויסער מיכאָעלס, האָבן ניט אין דער פולער מאָס אויסגענוצט די מעגלעכקײַט צו אנטוויקלען די ייִדי־שע טעאטראַלע מוזיק. מע וואָלט דאָך געקאָנט צו־ציִען צו אָט דער טעטיקײַט אזעלכע גרויסע מײַס־טערס, ווי א. קריין, מ. גנעסין און אנד. מייערכאָלד האָט דעמלט אײַנגעלאדן מ. גנעסינען אָנשרײַבן די מוזיק צו דער שטעלונג פון נ. גאָגאָלס „רעוויזאָר”. פון היסטאָרישן שטאנדפּונקט איז די דאָזיקע אידיי געווען זייער א ריכטיקע: אין 19־טן יאָרהונדערט זײַנען די כאסענע־אָרקעסטערס (און די האנדלונג אין „רעוויזאָר” קומט טאקע פאָר אף א כאסענע) געווען ייִדישע.

אומקערנדיק זיך צו דער טעמע פון דערקענען דעם „פּראָפיל” פון דער ייִדישער מוזיק, וויל איך דורכפירן איינע א ריין מוזיקאַלע פּאראַלעל.

די מוזיקאַלע גאמע באזירט זיך בא א סאַך פעל־קער פון אונדזער לאנד אף דער אזויגערופענער „פּענטאטאָניק”, ד. ה. אף פינף קלאנגען. אָט זײַנען זיי, די דאָזיקע קלאנגען (נאטירלעך, אין פארשיי־דענע טאָנאַלקײַטן, אָדער, אפן מוזיקאַלישן לאָשן, אין פארשיידענע רייען, אין פארשיידענע וואריִאנטן):

אין אָט דער גאמע זינגען די קאזאנער טאָטערס, די באשקירן, קאזאכן, קירגיזן, קאלמיקן. די דאָזיקע ריי איז טיילווײַז אַרײַנגעדרונגען אין דער מוזיק פון אנדערע פעלקער פון סיביר, אוראל, פונעם ווײַטן מיזרעך, ד. ה. פון א סאַך מיליאָנען מענטשן, וועל־כע לעבן אין איינהײַטלעכע מאסן. ווי באוווּסט, לעבן די ייִדן אין מעשעך פון א סאַך יאָרהונדערטער אין דער ארומרינגלונג פון פעלקער, וועלכע האָבן א הויך אנטוויקלטע קולטור. דעריבער איז נאָך מער צו באוווּנדערן די אייגנארטיקײַט און דאָס „דערקע־נען” דעם מעהוס פון דער ייִדישער ליד. אין וויסנ־שאפטלעכע ארבעטן, געווידמעט דער ייִדישער פאָלקס־מוזיק, רעדט זיך וועגן דעם, אז עס האָבן אף איר געווירקט דער אונגארישער פאָלקלאָר, די מאָלדאווישע מוזיק, טיילווײַז אויך די אוקראַיִנישע. די דאָזיקע האשפּאָע איז אומבאשטרײַטבאר. אָבער די ספּעציפיק פון „דערקענען” די ייִדישע מוזיק איז שטענדיק מערקווירדיק.

פארענדיקנדיק מײַנע ראַיוינעס וועגן דער וווּנ־דערלעכער דערשײַנונג, וואָס רופט זיך ייִדישע פאָלקס־מוזיק, וויל איך זאָגן: לאָמיר זיך צוײַלן זי צו פארהיטן!

זיבן און צוואַנציק פּערל פונעם ייִדישן פאָלקלאָר

מיכאיל גלינקא האָט אמאָל געזאָגט: „די מוזיק שאפט דאָס פאָלק, און מיר, קאָמפּאָזיטאָרן, אראַנזשירן זי בלויז".

די באוווּסטע ווערטער האָבן א דירעקטע שייכעס צו דעם אָוונט פון ייִדישער פאָלקסליד, וועלכער איז פאָרגעקומען ניט לאנג צוריק אין דעם מאָסקווער קאָמפּאָזיטאָרן־הויז. זיבן און צוואַנציק פאָלקסלידער אין דער באארבעטונג פונעם קאָמפּאָזיטאָר מאקס גאָלדין האָט געזונגען די סאָליסטקע פון דער לעטלענדישער מעלוכישער פילהארמאָניע אדע סוועטלאָווא (מעצאָסאָפּראנאָ).

מ. גאָלדין האָט פארענדיקט די קאָנסערוואטאָריע אין ריגע באַם פּראָפעסאָר יאָזעף וויטאָל, דעם גרונטלייגער פון דער לעטלענדישער פּראָפעסיאָנעלער מוזיק. בא זײַן בארימטן פּעדאגאָג און קאָמפּאָזיטאָר האָט דער שילער איבערגענומען די ליבע צו דער פאָלקסליד. אין פארשיידענע מוזיקאלע זשאַנרען ארבעט דער קאָמפּאָזיטאָר מאקס גאָלדין (הײַנט שוין אליין א פּראָפעסאָר פון דער מעלוכע־קאָנסערוואטאָריע אין ריגע): אין סימפאָנישער, אינסטרומענטאלער און וואָקאל־מוזיק. א באזונדער אָרט פארנעמען אין זײַן שאפונג די באארבעטונגען פון ייִדישע פאָלקסלידער.

ווי א זעמדעלע פאלט אריַין אין יאם־מושל און פאר הונדערטער יאָרן ווערט עס ארײַנגעשליפן אין א פּערל, — אזוי זײַנען פון טרויער און פרייד צונויפגעוואקסן און פון דאָר צו דאָר קלינגען אין דעם מויל פונעם פאָלק די ייִדישע לידער. און ניט אומזיסט האָט ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ געזאָגט: „אזוי ווי דער דאָר, אזוי איז דער ניגן". א שטארקע ליבע צו זײַן פאָלק, פיל מײַסטערשאפט און געדולד דארף האָבן אין זיך דער קינסטלער, וועלכער פארבינדט זײַן שעפערישן גורל מיט דער פאָלקסליד.

אזא קינסטלער איז מאקס גאָלדין.

נײַנציק פאָלקסלידער, וועלכע זײַנען געבוירן געוואָרן אין די שטעטעלעך פון פוילן, ווײַסרוסלאנד, אוקראַינע, בעסאראביע, האָט באארבעט דער קאָמפּאָזיטאָר און פאָלקלאָריסט. א ציקל פון זיבן און צוואַנציק לידער איז אויסגעפילט געוואָרן אף דעם מוזיקאָוונט אין מאָסקווע.

די פּראָגראם פונעם קאָנצערט איז צונויפגעשטעלט פון לידער, וועלכע שפּיגלען אָפּ דאָס אמאָליקע ייִדישע פאָלקס־לעבן: באלעגאָלישע לידער, וויגלידער, כאסענע־לידער...

אדע סוועטלאָווא האָט פארענדיקט די קעשענעווער קאָנסערוואטאָריע (קלאס וואָקאל), און שוין פופצן יאָר, ווי זי איז א סאָליסטקע אין דער לעטלענדישער מעלוכע־פילהארמאָניע. דער רעפּערטואר בא דער זינגערן איז זייער א גרויסער — קימאט אלץ, וואָס עס איז געווען אָנגעשריבן פאר מעצאָסאָפּראנאָ (סײַ רוסישע, סײַ מײַרעוו־אייראָפּעיִשע ווערק). אין 1969 איז פאָרגעקומען די ערשטע שעפערישע באגעגעניש צווישן דער זינגערן אדע סוועטלאָווא און דעם קאָמפּאָזיטאָר מאקס גאָלדין. דעמלט, אפּן קאָמפּאָזיטאָרישן פּלענום, זײַנען אויסגעפילט געוואָרן פינף ייִדישע פאָלקסלידער אין גאָלדינס באארבעטונג, און פון יענער צײַט ארבעטן זיי צוזאמען אין געביט פון ייִדישן פאָלקלאָר.

דעם 16 מײַ 1981 איז אין ריגע פאָרגעקומען די פּרעמיערע פון דער פּראָגראם „ייִדישע פאָלקסלידער אין מאקס גאָלדינס באארבעטונג". די פּראָגראם איז מיט גרויס דערפאָלג באוויזן געוואָרן שפּעטער פאר די ליבהאָבער פון ייִדישן פאָלקלאָר אין טשערנאָוויץ, דאָנעצק, וויניצער געגנט, און ווו אדע סוועטלאָווא זאָל ניט געווען זינגען, האָט מען זי אומעטום אָן דער אויספילונג פון די לידער אף „ביס" ניט אָפּגעלאָזט פון דער בינע. די פּראָגראם האָט שפּעטער פארשריבן אף א פּלאַט די אלפארבאנדישע פירמע „מעלאָדיִא".

אדע סוועטלאָווא באהערשט פרײַ איר שטים. ניט קיין טעכנישע שוועריקײַטן, ניט קיין אינטאָנאציִאָנעלע פּראָבלעמען פילן זיך ניט בעשאס זי זינגט. איר שטים האָט א ברייטן דיִאפּאזאָן און איז באַיינט מיט א באזונדערער ווארעמקײַט און העלקײַט. די זינגערן שעפּט באגײַסטערונג פון די לעבעדיקע הארץ־קוואלן. עפּשער דערפאר פארמאָגט דאָס זינ־

גען אירס ניט בלויז א הויכן פּראָפעסיאָנעלן ניוואָ, נאָר א ביז גאָר גרויסע מאָס ארטיסטיזם, און דאָס אַלץ לאָזט קיינעם ניט פארבלײַבן גלײַכגילטיק.

און נאָך איין מײַלע פארמאָגט זי: מיט באַשיידענע מיטלען גיט די ארטיסטקע צו דער ליד, וואָס זי זינגט, א באזונדערן כיין, און דאָס מאכט זי שוישפּילעריש, אויסדרוקפול.

מע זאָגט, אז קיין ווערטער פון א ליד קאָן מען ניט ארויסווארפן, און אויב מוזיק איז די נעשאָמע פונעם פאָלק, זײַנען די ווערטער צו דער מוזיק — דעם פאָלקס געדאנקען.

אדע סוועטלאָווא פילט זייער גוט די פאָלקס־נעשאָמע (אליין איז זי אויסגעוואקסן אין די געדיכטענישן פונעם ייִדישן פאָלקס־לעבן, אף דער אוקראַינע און אין מאָלדאַוויע). יעדעס וואָרט פונעם טעקסט איז אין די לידער פאר איר וויכטיק. די פאָלקלאָר־מאָטיוון לאָזט זי פריִער דורך די אייגענע כוישים און געדאנקען, און ערשט דערנאָך טראָגט זי זיי ארויף אף דער בינע. אין א גלײַכער מאָס גיט זיך אײַן דער זינגערן צו שאפן פארשיידענע געשטאלטן — דאָס געשטאלט פון א ייִדישער מוטער (אין די וויגלידער), פון א יונג מיידל („שיין בין איך, שיין", „פאר וועמען זאָל איך שרײַען", „גיי איך מיר שפּאצירן", „די מאמע האָט מיך געשיקט", „דו זאָלסט ניט גיין צו קיין אנדערע מיידעלעך"), פון אן אָרעמאן („א טאמגאניידנדיקער ניגן" „א כאָסידל", „בין איך מיר א שנײַדערל"). דער צוהערער גלייבט איר, און ווען אדע סוועטלאָווא ווענדט זיך פון דער בינע צו די, וואָס זיצן אין זאַל, מיט דער ליד „וועגן שאָלעם" — „שפּילט זשע מיר א לידעלע אין ייִדיש", „דערוועקן זאָל עס פרייד און ניט קיין כידעש..." — איז יעדערער גרייט אונטערצוכאפּן די ווערטער און ווײַטער, צוזאמען מיט איר, זינגען: „אז אלע — גרויס און קליין — זאָל קענען עס פארשטיין, פון מויל צו מויל דאָס לידעלע זאָל גיין!".

א וויכטיקע ראָל שפּילט אוואדע דער אקאָמפּאנעמענט פון די לידער. דעריבער ווילט זיך זאָגן א גוט וואָרט וועגן דער פּיִאניסטקע נאטאליע שרעדער. מײַסטעריש גייט זי נאָך דער סאָליסטקע, פירט צוזאמען מיט איר די פראזע, אָטעמט אינייִנעם מיט איר. נאטאליע שרעדער איז א קאָנצערטמייסטער מיט גרויסע טעכנישע און מוזיקאלע מעגלעכקײַטן. איר קונסט העלפט טיפער און ברייטער אנטפלעקן די שעפערישע פארטראכטן פונעם קאָמפּאָזיטאָר און פון דער סאָליסטקע, און זי גיסט זיך צונויף מיט זיי אין אן אויסגעצייכנטן אנסאמבל.

יאָ, די מאָסקווער ליבהאָבער פון דער ייִדישער פאָלקסליד האָבן באקומען פון זייערע ריגער געסט אן אומשאצבארע מאטאָנע: זיבן און צוואנציק פּערל פון דעם ייִדישן מוזיקאלן פאָלקס־אויצער.

באָריס קאָטיק

כראָניק

גאסטראָלן אין דער דײַטשישער פאָלקס־רעפּובליק

דערפאָלגרײַך זײַנען דורכגעגאנגען די גאסטראָלן פונעם ביראָבידזשאנער ייִדישן מוזיקאלישן טעאטער אין דרײַ שטעט פון דער דײַטשישער דעמאָקראטישער פאָלקס־רעפּובליק — לייפּציג, ערפורט און ראָסטאָק. די געסט פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט האָבן באקאנט די ליבהאָבער פון מוזיקאלער קונסט מיט מוסטערן פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער מוזיקאלער און דראמאטישער שאַפונג. די פּרעסע שטרײַכט אונטער, אז די ארטיסטן פונעם טעאטער האָבן פולשטענדיק באהערשט די קונסט פון געזאנג און טענץ. די „לייפּציגער פאָלקסצײַטונג" מערקט באזונדערס אָפּ דעם דערפאָלג פונעם באלעט „די לעצטע ראָל".

יאָכאַן בעקער
(ייִסראָעל)

וואָס דערציילט מען אין די קינדער־שולן פון ייִסראָעל וועגן האָלאָקאָוסט

ווען אַף די טעלעוויזיע־עקראַנען פון ייִסראָעל האָט זיך באַוויזן דער קינאָ־פילם „האָלאָקאָוסט“, ווו עס ווערט געשילדערט, וויִאַזוי די נאַציס האָבן אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע מאַסנווײַז אויסגעמאָרדעט די אייראָפּעיִשע ייִדן, האָבן צווישן די שול־קינדער זיך אָנגעהויבן הייסע שטרײַטן און דיסקוסיעס וועגן די האַריגעס.

איינע אַ זשורנאַליסטקע, וואָס גלייבט זייער וויניק אינעם אינהאַלט און אין דער מאָראַלישער ווערט פון דעם דאָזיקן פילם, שטעלט אין דער ייִסראָעל־צײַטונג „מאַאַריוו“ אַזעלכע פראַגן: „איז דען דאָס אַלץ מעגלעך?“ און — „צי איז פאַר די לעצטע דרײַסיק יאָר עפּעס געטאָן געוואָרן אין ייִסראָעל, אַז עס זאָלן צונויפגעזאַמלט ווערן דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן און דער יונגער דאָר פונעם לאַנד זאָל באַקומען אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם האָלאָקאָוסט?“ „פאַר וואָס איז אַלץ, וואָס ווערט געטאָן אין דעם פּראַט, באַגרענעצט בלויז מיט באַווײַזן דעם אַמעריקאַנער טעלעוויזיע־פילם, כאָטש זײַן כאַראַקטער און זײַן וואָרהאַפטיקײַט רופן אַרויס ווידערשפּרעכיקע מיינונגען?“

צי שטעלט מיט זיך פאָר דער פאַשיזם אַ קלאַסן־קויעך?

קעדיי ענטפערן אַף אָט די פראַגן, דאַרף מען קוידעמקאָל אַ קוק טאָן, וויִאַזוי עס ווערן געפירט די לימודים אין די שול־קלאַסן, וואָס רעדט מען דאָרט וועגן דער דאָזיקער פראַגע און וויִאַזוי אינפאָרמירט מען וועגן איר די שילער. באַם באַלײַכטן די דאָזיקע טעמע באַנוצט זיך דער לערער לאַכלוטן ניט מיט זײַנע אייגענע יעדיִעס. עס איז פאַראַן, לעמאָשל, אַ בוך „שמועסן וועגן האָלאָקאָוסט און וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען און באַם לערנען אין שול“. דעם בוך האָבן אַרויסגעגעבן באַרימטע אין ייִסראָעל פאָרשער און עקספּערטן. זיי שטעלן די פראַגע, צי האָלאָקאָוסט איז געווען ניט מער, ווי אַן אויסנאַם־פאַל און ניט געהאַט קיין פּרעצעדענט אין דער געשיכטע, אָדער דאָס איז פּאָשעט געווען אַ פאָרזעצונג פון אַ היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס האָט געהאַט אַן אָרט אויך פריִער? צי וועט דער לערער קאָנען געפינען אין די ענטפערס אַף אָט די פראַגן אַזוינס, וואָס זאָל דערקלערן דעם „גענעזיס“ פון האָלאָקאָוסט?

לאָמיר זיך אַרײַנטראַכטן. איינער פון די אוטאָרן פונעם דערמאָנטן בוך דאָקטאָר קאָלקאַ האַלט, אַז האָלאָקאָוסט איז אַ גאַנצע היסטאָרישע עפּאָכע. דאָקטאָר האַטמאַן מיינט, אַז האָלאָקאָוסט איז די העכסטע אַנטוויקלונג פונעם אַנטיסעמיטיזם, דער אַפּאָגיי פונעם „ייִדיש־קריסטלעכן“ אָדער „ייִדיש־געצנדינערישן“ קאָנפליקט. דאָקטאָר שאַטסקער שטעלט דעם טראָפּ דעריקער אַפן אַנטיסעמיטיזם פון די נאַציסטן, ער זעט אין דעם אײַן ניט מער ווי אַ צו שטאַרקע אַנטפּלעקונג פונעם קלאַסישן אַנטיסעמיטיזם. דאָקטאָר קאָלקאַ גייט אין זײַן פאָרשונג נאָך ווײַטער: האָלאָקאָוסט איז, לויט זײַן מיינונג, איינער פון די רעזולטאַטן פון דער „סעקוליאַריזאַציע פונעם רעליגיִעזן דענקען אין דער נײַער עפּאָכע“. אין אָט דעם קאָנטעקסט ווערט שוין לאַכלוטן ניט דערמאָנט וועגן דעם פאַשיזם. און דאָס איז ניט צופעליק. די אַלע געלערנטע דזשענטלמענער, כאָטש זיי האָבן פאַרשיידענע מיינונגען, רוקן אָבער אַרויס איין אַלגעמיינע אידיי: האָלאָקאָוסט איז ניט קיין וולאַד פונעם פאַשיזם אין זײַן נאַציסטישן וואַ־

ריִאנט, נאָר א רעזולטאט פון דער העכסטער אנטוויקלונגס־סטאדיע פונעם טראדיציִאָנעלן אנטיסעמיטיזם. אזא אויספיר ווערט געמאכט צוליב דעם, קעדיי דער שילער זאָל ניט טראכטן וועגן דעם טאָך פונעם פאשיזם אינגאנצן גענומען און ספּעציִעל וועגן זײַן דײַטשיש־נאציסטישן נוסעך. ער פירט דעם שילער אפּן וועג פון א שמאָל נאציִאָנאליסטישער אינטערפּרעטאציע פונעם האָלאָקאָוסט־פּעריִאָד.

אפילע דער עצעם טערמין „פאשיזם" באווײַזט זיך אין די דאָזיקע פאָרשונגען בלויז דעמלט, ווען דער לערער דארף ריידן וועגן דעם, אז מע קאָן ניט שילדערן דעם עצעם אָביעקט „האָלאָקאָוסט" אלס ספּעציפישע פאָרם פון אנטיסעמיטיזם און דערבײַ ניט מאכן קיין „אינטעלעקטועלן אנאליז" וועגן דעם טאָך פון פאשיזם.

מיר קאָנען אָבער אויך אָן אזא אנאליז זיך דערוויסן, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער פאשיזם. וועגן דעם דערציילט אונדז, אשטייגער, דער סאמע פארשפּרייטער לערנבוך, וואָס ווערט גענוצט אין די שולן פון דער צווייטער שטופע, — „די געשיכטע פון אונדזער עפּאָכע" (די אוטאָרן — מיכאִיל זיוו, שמועל עטינגער און יאנקעוו מ. לאנדוי). דאָ ווערט דער „נאציסטישער אימפּעריִאליזם" און זײַן קאָנצעפּציע פון ראסן־הערשאפט באטראכט אלס עקסטרעמיסטישע פאָרם פונעם דײַטשישן נאציִאָנאליזם, וואָס האָט אין זײַנע באציִונגען מיט די אנדערע פעלקער זיך געהאלטן בא די פּאָזיציעס פון קויעך. לויט דער מיינונג פון די אוטאָרן האָט דעם נאציזם זיך אײַנגעגעבן צו געווינען די סימפּאטיעס פון א סאך מענטשן דערפאר, ווײַל ער האָט אויסגענוצט די לאָזונגען פונעם גיפטיקן אנטיסעמיטיזם, אז אין אלץ זײַנען שולדיק די ייִדן. עס שטעלט זיך, נאטירלעך, די פראגע: צו וועלכן סאָציִאלן שיכט געהערט די נאציסטישע פארטיי? אף דער דאָזיקער פראגע גיבן די אוטאָרן אזא ענטפער: „וואָס אָנבאלאנגט איר פערסאָנעלן באשטאנד, האָט די נאציסטישע פארטיי זיך ניט געשטיצט אף אוועלכן־ניט־איז באשטימטן קלאס, זי האָט פארשפּרייט אירע לאָזונגען ניט צווישן א געוויסן שיכט פונעם דײַטשישן פובליקום, נאָר אפּעלירט צום גאנצן דײַטשישן פאָלק. די נאציסטישע באוועגונג האָט ארויסגערוקט אין גרונט נעגאטיווע לאָזונגען — נעגאטיווע אין דעם זין, אז זיי זײַנען געצילט קעגן עפּעס: קעגן דעמאָקראטיע און פּארלאמענטאריזם, קעגן ליבעראליזם און הומאניזם, קעגן אינטערנאציִאָנאלער ברידערשאפט און פּאציפיזם, קעגן קאפּיטאליזם און קעגן מארקסיזם".

דער דאָזיקער טעזיס איז א גוט דורכגעטראכטע פארקריפּלונג פון די היסטאָרישע פאקטן. טיילווײַז דערמאָנען טאקע די אוטאָרן, אז צווישן די אָנהענגער פונעם נאציזם זײַנען געווען אויך גרויסע קאפּיטאליסטן, זיי באהאלטן אָבער אויס פון די שילער דעם פאקט, אז אָן דער הילף פונעם דײַטשישן גרויס־קאפּיטאל, פון די מאָנאָפּאָליעס פון קרופּ, טיסען, אי. ג. פארבען־אינדוסטרי און אנדערע, וואָלט היטלער ניט געקאָנט קומען צו דער מאכט; אז טאקע אָט די מאָנאָפּאָליעס האָבן פינאנסירט די נאציסטישע פּראָפּאגאנדע און דעם נאציסטישן אפּאראט. די אוטאָרן דערמאָנען לאכלוטן ניט, אז דער אָרגאניזירטער דײַטשישער ארבעטער־קלאס איז געווען פײַנטלעך געשטימט צו די נאציסטן, אז די נאציסטישע פּראָפּאגאנדע איז אין גרונט געווענדט צו די מיליאָנען פאָרשטייער פונעם קליינבירגערטום, וועלכע די ערשטע וועלט־מילכאָמע האָט דערפירט צום צושטאנד פון דאלעס און עקאָנאָמישן קריזיס. די אוטאָרן נעמען אָן די נאציסטישע דעמאגאָגיע, וועלכע שטעלט א גלײַכצייכן צווישן דעם קאָמוניזם און דעם קאפּיטאליזם, פארטושירט די גיפטיקע נאטור פונעם נאציזם: דעם צעיושעטן אנטיקאָמוניזם, וואָס ווערט פארמאסקירט אלס גיפטיקער אנטיסעמיטיזם, די פּאָליטיק קעגן די ארבעטער, וואָס ווערט, אלס קלאל, אײַנגעהילט אין דער קאפּיטאליסטישער דעמאגאָגיע און נאציִאָנאליסטישער פראזעאָלאָגיע.

אדאָלף היטלער האָט געשריבן אין זײַן בוך „מײַן קאמף": „דער קאמף קעגן דער צווישנפעלקערלעכער ייִדישער באָלשעוויזירונג פאָדערט, אז מע זאָל פארנעמען א פעסטע פּאָזיציע קעגן סאָוועטן־רוסלאנד". זײַן פּאָזיציע האָט היטלער דעפינירט אזוי: „בא קיינעם דארף ניט זײַן קיין סאָפעק, אז דער נאציִאָנאל־סאָציִאליזם וועט... אומעטום פּאראליזירן און פארניכטן דעם באָלשעוויזם". היטלערס סינע צום ליבעראליזם איז אויך אריבערגעגאנגען אין אנטיקאָמוניזם. היטלער האָט געזאָגט: „די דעמאָקראטיע, וואָס פארנעמט איצט דעם אויבנאָן אין מײַרעוו, וועט אָפּרייניקן דעם וועג צום קאָמוניזם". כאָטש דער נאציזם איז געווען א סוינע פון דעמאָקראטיזם און פּראָגרעס אין יעטווידער פאָרם, האָט אָבער היטלער געהאלטן, אז אלע וועגן האָבן געפירט צו א מילכאָמע קעגן דעם קאָמוניזם. זײַן קאָנצעפּציע וועגן דעם „צווישנפעלקערלעכן ייִד" איז געווען א מין שרעק־זשופּעל, וואָס הינטער אים איז געווען אויסבאהאלטן דער באָלשעוויזם. פארניכטן דעם קאָמוניזם האָט ער געהאלטן אלס זײַן הויפּט־אויפגאבע. מיר האָבן שוין געזען, אז ער האָט וועגן דעם קלאָר גערעדט אין „מײַן קאמף".

די אָנגערופענע אוטאָרן באהאלטן אויס פון די שילער דעם קלאָרן היסטאָרישן עמעס, אז דער פאשיזם אינגאנצן גענומען און דער נאציזם ביפראט שטעלן מיט זיך פאָר א גיגאנטישן פרווו צו דערשטיקן און אויסוואָרצלען די צווישנפעלקערלעכע ארבעטער־באוועגונג און די ערשטע, סאמע אײַנפלוסרײַכע רעוואָליוציִאָנערע ארבעטער־באוועגונג — די קאָמוניסטישע באוועגונג. פארגעסן דעם דאָזיקן טאָך פונעם נאציזם, טראנספּאָרטירן אים אין עפּעס א באוועגונג, וואָס שפּילט א צווייטראנגיקע ראָליע נאָכן אנטיסעמיטיזם, באטײַט אויך פארגעסן דעם טאָך פון האָלאָקאָוסט.

א צווייטע פאָרם פון אינטערפּרעטירן דעם מעהוס פונעם פאשיזם ווערט געבראכט אין לערנבוך פון דעם אמעריקאנער „אָרט" (א פּראָ־

פעסיאָנעל־טעכנישע פילאנטראָפּישע אָרגאניזא־ציע. די „אָרט״־שולן געפינען זיך אין רעשוס פונעם בילדונגס־מיניסטעריום פון ייִסראָעל). „דער נאציסטישער אנטיסעמיטיזם, — ווערט געזאָגט אין דעם דאָזיקן לערנבוך, — צייכנט זיך אויס מיט זײַן ווילדן פאנאטיזם, וואָס דער־גייט ביז מעשוגאס און היסטעריע. די נאציסטן האָבן אײַנגעפונען, אז דער יודאיִזם איז א פאר־ווירקלעכונג פון יענע אלע ווערטן, וועלכע זײַנען דיִאמעטראל־קעגנזעצלעך דער נאציסטישער וועלט־אָנשויונג. דעריבער זײַנען די נאציסטן געקומען צום אויספיר, אז דער קיִום פונעם ייִדישן פאָלק שטערט צו פארשפּרייטן אין דער וועלט זייערע אידייען״.

דאָס טראקטירן דעם אנטיסעמיטיזם אלס יעסאָד פונעם נאציזם, ניט אלס זײַן רעזולטאט, פירט דערצו, אז עס ווערט פארטושירט דער קלאסן־מעהוס פונעם אנטיסעמיטיזם און זײַן עקאָנאָמישע באזע. נאטירלעך, אז בײַ אזא צו־גאנג קאָן מען ניט דערקלערן ניט די סיבעס, פארוואָס דער נאציזם איז געקומען צו דער מאכט, ניט די סיבעס פונעם האָלאָקאָוסט. דער האָלאָקאָוסט ווערט פארגעשטעלט ווי א דער־שײַנונג, וואָס האָט א שײַכעס בלויז צו די ייִדן. אזויארום, ווערט דער גורל פון די ייִדישע מאסן אָפּגעזונדערט פונעם גורל פון די אנדע־רע פעלקער פון דער וועלט, וועלכע האָבן איבערגעלעבט די צווייטע וועלט־מילכאָמע.

דער שעקער וועגן „טאָטאליטאריזם״

די בורזשואזע היסטאָריקער, ווען זיי מײַדן אויס צו געבן א קלאָרן קלאסן־אנאליז וועגן דעם טאָך פונעם נאציזם, ווערן מעכאניש פארפירט צו דערקלערן די דאָזיקע דערשײַנונג „טאָטאלי־טאריזם״. די פאָרשער אין ייִסראָעל גיבן דעם האָלאָקאָוסט אזא אינטערפּרעטאציע: דאָס איז „די פּראָבלעם פונעם מענטשן אין די ראמען פון דער טאָטאליטארער געזעלשאפט״, וואָס עס איז א פולשטענדיקע פאלסיפיקאציע פון דער האָלאָקאָוסט־געשיכטע. א לערער אין שול זאָגט, אז אויב דער נאציזם איז פאראנטוואָרטלעך פארן האָלאָקאָוסט איבער די אייראָפּעיִשע ייִדן, הייסט עס, אז ער געהערט צו א ברייטערן וואר־יִאנט פון די טאָטאליטארע רעזשימען, און דער קאָמוניזם — דער סוינע פונעם נאציזם, אויב האלטן זיך בײַ אָט דער קאָנצעפּציע, געהערט צו די זעלבע רעזשימען. דער טערמין „טאָטא־ליטאריזם״ איז ביכלאל ברייט פארשפּרייט אין די סאָציִאלע וויסנשאפטן אפן מײַרעוו. דער שוירעש זײַנער איז א ריין פאשיסטישער (זע מוסאָליניס „דער סכום פון א מעלוכע״). אין דער מארקסיסטישער ליטעראטור (זע „ווערטערבוך פון אויסלענדישע ווערטער, מ., 1964) ווערט דער טערמין „טאָטאליטאריזם״ באטראכט אלס סינאָנים פון פאשיזם. אין דער אנטיקאָמוניסטי־שער ליטעראטור (דעריקער זינט יענער צײַט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די „קאלטע מיל־כאָמע״) ווערט לויט דער דאָזיקער קאָנצעפּציע דער קאָמוניזם, מיט דער הילף פון אזא טענ־דענציִעזער אינטערפּרעטאציע, פארוואנדלט שיר ניט אין א קאָלעגע פונעם פאשיזם.

דאָס באנוצן אין אונדזער צײַט דעם טערמין „טאָטאליטאריזם״ אָנשטאָט „פאשיזם״ איז דאָס פּראָסט־פּאָשעט איינער פון די כיטרע גענוג פון דער בורזשואזער היסטאָריִאָגראפיע. א בײַשפּיל פון אזא פאלשער בורזשואזער היסטאָריִאָגרא־פיע, וועלכע ווערט באוויליקט דורך דער מער־הײַט היסטאָריקער פון ייִסראָעל, איז די קאָנ־צעפּציע פונעם היסטאָריקער פון דער דײַטשי־שער פעדעראטיווער רעפּובליק פאָן שטודניץ. אין זײַן בוך „נאָטיצן וועגן דער אויסערן־פּאָ־ליטיק. ביסמארק אין באָן״ שרײַבט ער, אז דער נאציִאָנאל־סאָציִאליזם איז געווען א דײַטשישער וואריִאנט פונעם קאָמוניזם״. אין ייִסראָעל האָט העדא באשעק געשריבן דעם 10 יון 1979 אין „הארעץ״ וועגן האפּנערס בוך „היטלער״. עס קאָן ניט זײַן מער פאלש, ווי געבן היטלערן דעם נאָמען „פאשיסט״. „היטלערס מאכט האָט זיך באזירט אָף דער שטיצע פון די מאסן, ניט פון דער עליטע״.

מע באהאלט, אזויארום, אויס פון די שילער די עמעסע סיבע, וואָס האָט געבראכט דעם נא־ציזם צו דער מאכט, דה., אז דער נאציזם האָט באקומען די אנטשיידנדיקע שטיצע מיצאד דעם גרויס־קאפּיטאל, וואָס האָט זיך ווי געהעריק א סטארע געטאָן, אז דער נאציזם זאָל קומען צו דער מאכט, ווײַל ער, דער גרויס־קאפּיטאל, האָט געציטערט, אז אין דײַטשלאנד און אין די אנ־דערע לענדער זאָל, כאָלילע, ניט זיגן די סאָציִא־ליסטישע רעוואָליוציע. אין צוזאמענהאנג דער־מיט איז דאָ אמפּלאץ צו דערמאָנען, אז די מער־הײַט שילער פון ייִסראָעל באקומט ניט אפילע קיין אָנצוהערעניש וועגן דער דאָזיקער זײַט פון דער טעטיקײַט פונעם פאשיזם. בלויז די שילער און די סטודענטן, וועלכע גרייטן זיך ספּעציִעל צו די עקזאמענעס וועגן דער געשיכטע פון סאָ־ציִאלע שיטעס, באקאנען זיך מיט די מאטעריאלן וועגן דעם אייראָפּעיִשן פאשיזם. אָבער די גרע־סטע מערהײַט שילער פון די שולן פון דער צווייטער שטופע באקומען זייערע קענטעניש וועגן דער דאָזיקער פראגע בלויז אין די ראמען פונעם לערנבוך „די געשיכטע פון ייִסראָעל אין מעשעך פון די לעצטע דוירעס״, ווו דער אל־געמיינער היסטאָרישער פאָן איז זייער באגרע־נעצט.

אַרײַנגעוואָרפן אין די שיימעס די טעמע וועגן דעם אנטיפאשיסטישן קאמף

אין דעם דאָזיקן לערנבוך ווערט אפילע קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגן דעם אנטינאציסטישן קאמף אין דײַטשלאנד גופע און אין אנדערע לענדער. דאָ איז קיין זייכער ניטאָ פון דעם,

אז די נאַציסטישע רעגירער האָבן אויסגעראָטן טויזנט דײַטשישע קאָמוניסטן, אַז אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערס זײַנען פאַרפּײַניקט געוואָרן הונדערטער טויזנטער פּאָליטישע אַרעסטירטע — קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן, דעמאָקראַטן, קאַטאָליקער, ליבעראַלן.

אין אַ צווייטן לערנבוך — „קורצער קורס פון דער געשיכטע" — ווערט געזאָגט, אַז ווען צו דער מאַכט זײַנען געקומען די נאַציסטן, איז די רעאַקציע פון די דײַטשישע ייִדן געווען „שרעק און עמיגראַציע", אַף די ראַסיסטישע און אַנטי־ייִדישע פּאָגראָם־געזעצן האָבן זיי קלומערשט געענטפערט מיט „ציוניסטישער און רעליגיעזער אופוואַכונג". אַף די לימודים ווערט צומאָל דערמאָנט וועגן מעלדונגען, וואָס זײַנען אין יענער צײַט פאַרעפנטלעכט געוואָרן מיצאַד דער נאַציאָנאַלער פאַרשטייערשאַפט פון די דײַטשישע ייִדן, רופנדיק זיי צו נאַציאָנאַלער אײנהײַט. עס איז אָבער ניטאָ אפילע קיין איין קריטיש וואָרט וועגן דעם, וואָס אין די דאָזיקע מעלדונגען איז גאָרנישט ניט געזאָגט געוואָרן וועגן דער נייטיקײַט פון מיטארבעט מיט יענע אַנטינאַציסטישע קרעפטן פון דײַטשלאַנד, וועלכע האָבן אַנטשיידן געקעמפט קעגן דעם היטלער־רעזשים. עס ווערט אפילע ניט דערמאָנט, אַז האַרט ביזן יאָר 1942 איז אין דײַטשלאַנד געווען טעטיק אַ ייִדישע אַנטיפאַשיסטישע אונטערערדישע גרופּע בעראָש מיטן קאָמוניסט הערבערט בוים.

וועגן די דײַטשישע ייִדן דערציילט מען די שילער, ווי וועגן אַ באַזונדער שיכט, וואָס האָט קיין שײַכעס ניט צו די אַנדערע קאָרבאָנעס פונעם נאַציסטישן טעראָר. פאַקטיש ווערט דאָ דער נאַציזם דירעקט ניט פאַרורטיילט.

די „ספּעציפיק" פונעם ייִדישן האָלאָקאָוסט

די סיסטעמאַטישע, מאַסנהאַפטע אויסראָטונג פון די ייִדן האָט זיך פאַקטיש אָנגעהויבן נאָכן פאַרעטערישן אָנפאַל פון די נאַציסטן אַפן סאָוועטנפאַרבאַנד אין יוני 1941. בלויז אין איין לערנבוך (דער דאָזיקער לערנבוך ווערט, אַגעוו, צוליב פאַרשיידענע סיבעס באַיקאָטירט דורכן בילדונגס־מיניסטעריום פון ייִסראָעל) זאָגט זיך: „די אײַנזאַץ־גרופּן זײַנען געלאָזט געוואָרן אין גאַנג קעגן די ייִדן, ציגײַנער און באָלשעוויסטישע קאָמיסאַרן". אַלע אַנדערע אויטאָרן איגנאָרירן דעם דאָזיקן פאַקט, וואָס באַווײַזט, אַז דער ווילדער אַנטיסעמיטיזם פונעם נאַציזם איז געווען פאַרבונדן מיט זײַן זאָאָלאָגישן אַנטיקאָמוניזם. אויסראָטן די ייִדן האָבן די נאַציסטן אָנגעהויבן צוזאַמען מיט דער „לעצטער קאַמפּאַניע קעגן דעם קאָמוניזם", ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די נאַציסטישע אינוואַזיע אין סאָוועטנפאַרבאַנד. דעמלט, און טאַקע בלויז דעמלט, האָט זיך אָנגעהויבן די „ענדגילטיקע לייזונג פון דער ייִדן־פּראָבלעם". די אויטאָרן פונעם לערנבוך איגנאָרירן דערבײַ פולשטענדיק דעם גורל פון די סלאַווישע פעלקער. אין גאַנג פון אַ גרויסער צאָל געריכט־פּראָצעסן איז דערוויזן געוואָרן, אַז דער „גענעראַל־פּלאַן פון אָסט" האָט פאָרויסגעזען צו טראַנספּאָרטירן קיין סיביר 50 מיליאָן סלאַוון און ליקווידירן זיי טייקעף נאָכן ליקווידירן די ייִדן. דאָס פּוילישע פאָלק האָט פאַרלאָרן דרײַ מיליאָן פון זײַנע זין און טעכטער, וועלכע זײַנען ליקווידירט געוואָרן אין גאַנג פון דער קאַמפּאַניע צו אויסראָטן די פּוילישע אינטעליגענץ.

אינעם לערנבוך אָבער ווערט דאָס אַלץ איגנאָרירט. אין אים לייענען מיר, אַז דער האָלאָקאָוסט איז געווען אַ קאַמף „צווישן דעם ייִדנטום און דעם נאַציזם". אַזוי־אַרום, ווערט דער גאַנצער האָלאָקאָוסט־פּעריאָד אָפּגעריסן פון זײַן אַלגעמיינער באַזע — פון דער אַנטינאַציסטישער מילכאָמע, אין וועלכער עס זײַנען, אויסער די מיליאָנען ייִדן, אומגעקומען אַ ריזיקע צאָל פאַרשטייער פון אַנדערע פעלקער. אָבער אין די ראַמען פון דער לערן־פּראָגראַם גייט אַ רייד בלויז וועגן די ייִדישע קאָרבאָנעס.

די שילער פון די ייִסראָעל־שולן וויסן גאָרניט וועגן די עמעסע מאַסשטאַבן פון דער שכיטע אין באַבי יאַר, ווו צווישן קימאַט 200 טויזנט קאָרבאָנעס זײַנען געווען 70 טויזנט ייִדן. מע האָט אײַנגעשמועסט די שילער, אַז די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען „באַהאַלטן אויס בעקיוון דעם ייִדישן כאַראַקטער פון אָט דער טראַגעדיע". דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ פּרינציפּיעלע פראַגע, וואָס פון איר קאָן זיך קיינער ניט אַרויסדרייען. עמעצער קאָן, פאַרשטייט זיך, זאָגן, אַז קיינער, אויב ניט רעכענען די נעאָנאַציסטן, שטעלט גאָר ניט אונטער אַ סאָפעק די מאַסשטאַבן פון די קאָרבאָנעס און ליידן פון די ייִדן אין די יאָרן פונעם האָלאָקאָוסט. דאָס באַטײַט אָבער לאַכלוטן ניט, אַז מע מעג איגנאָרירן די ליידן פון אַנדערע פעלקער. דעם האָלאָקאָוסט איבער די ייִדן אָפּטיילן פון דער שכיטע איבער אַנדערע פעלקער איז ניט בלויז אומויושערדיק, נאָר עס מאַכט אויך פאַר אומעגלעך צו פאַרשטיין די טראַגעדיע פונעם אייראָפּעיִשן ייִדנטום. דערפאַר טאַקע איז אַזאַ צוגאַנג אַבסאָליוט אַ פאַלשער. דערמיט איז צו דערקלערן, וואָס די גרעסטע מערהײַט יוגנט פון ייִסראָעל האָט קיין אָנונג ניט וועגן דעם סאָציאַלן מעהוס פונעם פאַשיזם, שטעלט זיך אפילע ניט פאָר די אַלגעמיינע ריכטונג פון דער אַנטוויקלונג פון דער הײַנטצײַטיקער עפּאָכע.

„קיינער האָט אפילע קיין פינגער אין קאַלטן וואַסער ניט אײַנגעטונקען"

דאָקטאָר שמועלי שרײַבט אין זײַן לערנבוך „די ייִדישע געשיכטע פון אונדזער פאָלק אין דער נײַער עפּאָכע": „די רומענער (מײַן קורסיוו. — יע. ב.) זײַנען געווען אויסגעצייכנטע

טאַלמידים פון די נאַציסטן". דערנאָך דערציילט ער וועגן די פאַרברעכנס פון די רומענישע פאַ־שיסטן, וועלכע האָבן געהערט צו דער „אײַזער־נער גוואַרדיער". העיוס דער אויטאָר וויל ניט ריידן וועגן דעם קלאַסן־מהוס פונעם נאַציזם, ער איגנאָרירט דעם פאַקט, אַז די אַנטיסעמיטן אין רומעניע און אין די אַנדערע לענדער האָבן געהאַט אַ רעאַקציאָנערע קלאַסן־באַזע, ברענגט עס דערצו, אַז ער באַשולדיקט דאָס רומענישע פאָלק אינגאַנצן גענומען.

שמועלי באַהאַלט אויס דעם עמעס, ער טרײַבט רעכילעס אַף גאַנצע פעלקער. „אַן אַק־טיוון אַנטייל אין מאַסן־רעציכעס, — באַהויפּטעט ער, — האָבן גענומען אויך די ליטווינער, לעטן, רומענער, אוקראַינער, פּאָליאַקן, סלאָוואַקן, אויך אַנדערע פעלקער..."

דער סאַמע „סאָלידער" פאָרשער פונעם אַנ־טיסעמיטיזם פּראָפעסאָר עטינגער שרײַבט אין זײַן בוך „די געשיכטע פונעם ייִסראַעל־פאָלק אין דער נײַער עפּאָכע":[1] „ס'איז טאַקע אַן עמעס, אַז דאָס פּוילישע פאָלק האָט ניט מיטגע־אַרבעט מיט די נאַציסטן, אָבער עס האָט אַפילע קיין פינגער אין קאַלטן וואַסער ניט אײַנגעטונקט אַף צו העלפן די ייִדן, אַפילע אין די טעג פונעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ".

און וואָס איז אינדערעמעסן דעמאָלט פאָרגע־קומען אין פּוילן און אין די מײַרעוו־ראַיאָנען פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד? ווען די נאַציסטן האָבן אָקופּירט פּוילן, דערנאָך אַרײַנגעריסן זיך אין סאָוועטנפאַרבאַנד, זײַנען אונטער דער נאַציסטי־שער אָקופּאַציע פאַרבליבן העכער דרײַ מיליאָן ייִדן. די צאָל ייִדן, וועלכע האָבן זיך געראַטע־וועט אַף דער פּוילישער טעריטאָריע, וואַקלט זיך פון 40 ביז 120 טויזנט. בלויז ווייניקע פון זיי זײַנען אַרויס לעבעדיקע פון די קאָנצלאַגערן. די איבעריקע זײַנען געראַטעוועט געוואָרן דורך די פּאַרטיזאַנער און דורך דער אָרטיקער פּוי־לישער באַפעלקערונג, באַ וועמען זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. אין דער ערשטער צײַט איז די צאָל אַזעלכע ייִדן געווען אַ גאַנץ היפּשע, דער־נאָך אָבער, ווען דער נאַציסטישער טעראָר האָט זיך פאַרשטאַרקט און דאָס פּוילישע פאָלק האָט פון דעם געליטן שווערע פאַרלוסטן, איז זי גע־וואָרן קלענער. דער פּוילישער פאָרשער וולאַדי־סלאַוו באַרטאַשעווסקי דערציילט, אַז מע האָט אָרגאַניזירט אַ הילפסראַט פאַר די ייִדן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. דער ראַט האָט געהאָלפן 4 טויזנט ייִדן אין וואַרשע. ייִדן, אויסבאַהאַלטענע אין וואַרשע, זײַנען אָבער געווען 60 טויזנט. פלעגט מען זיי יעדן כוידעש אַרויסגעבן געלט־הילף. די נעמען פון די אַקטיוויסטן פון דער דאָ־זיקער אָרגאַניזאַציע זײַנען באַקאַנט. זיי האָבן ריזיקירט מיטן לעבן. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז פאַר געבן אַ ייִדן אַ גלאָז וואַסער פלעגט מען באַקומען אַ טויט־אורטייל.

אינעם בוך „דער אויפשטאַנד אין וואַרשע־ווער געטאָ" (אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג „די וושם") ווערט אָפּט דערמאָנט וועגן דער הילף פאַר די ייִדן מיצאַד די פּוילישע לינקע קעמפער אין געטאָ, באַזונדערס מיצאַד יענע, וואָס האָבן געקעמפט אונטער דער אָנפירונג פון די קאָמו־ניסטן פון „אַרמיאַ לודאָוואַ".

„קיין שום הילף פון אויסן איז ניט געווען"

דאָקטאָר שמועלי דערציילט אין זײַן לערנ־בוך וועגן דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. ער זאָגט אָבער קיין וואָרט ניט וועגן די אינטערנאַציאָנאַליסטן, וועל־כע האָבן געקעמפט אין דער אונטערערד פון די זעלבע קאָנצענטראַציע־לאַגערן (טרעבלינקע, אוישוויץ, סאָביבאָר). די אויפשטאַנדן אין די לאַ־גערן באַשרײַבט ער אַלס אויסשליסלעך ייִדישע.

אין זײַן בוך „די געשיכטע פון אונדזער צײַט" שרײַבט פּראָפעסאָר עטינגער: „די ווי־דערשטאַנד־אָרגאַניזאַציעס האָבן בעעמעס געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט אייניקע לינקע גרופּעס..., אָבער די פּוילישע רעגירונג אין לאָנדאָן האָט גאָרנישט ניט געטאָן". אַף וויפל עטינגער זאָגט מער גאָרניט, איז דער זין פון זײַן באַהויפּטונג גאַנץ קלאָר: דער ייִדישער אויפשטאַנד האָט ניט באַקומען קיין שום הילף פון אויסן. דאָ דערלאָזט ער ניט בלויז אַ טאָעס. ער פאַרנעמט זיך אַפילע מיט פאַלסיפיקאַציע. די פּוילישע קאָמוניסטישע אונטערערד, די „אַרמיאַ לודאָוואַ" האָבן דורכ־געפירט אויסער די גרענעצן פון געטאָ דיווער־סיע־אָפּעראַציעס, באַוואָרנט די אויפשטענדלער מיט געווער, געראַטעוועט יענע אויפשטענדלער, וועלכע זײַנען געבליבן לעבן.

אין עטינגערס אַנאַליז פעלט אַוועלכע־ניט־איז קלאַסן־דיפערענציאַציע. ער באַווײַזט ניט, אַז די פאַרבינדעטע פון די ייִדן אינעם פאָריאַד פון דער אָקופּאַציע האָבן געהערט צו די לינקע קרײַזעס, וואָס בעראָש פון זיי זײַנען געשטאַנען קאָמוניסטן. ער דערמאָנט ניט, אַז די קאָמוני־סטישע „גוואַרדיאַ לודאָוואַ", וואָס האָט שפּע־טער געענדערט איר נאָמען אַף „אַרמיאַ לודאָ־וואַ", האָט אַקטיוו געהאָלפן די קעמפער פון געטאָ, דערנאָך די ייִדישע פּאַרטיזאַנער.

די לינקע פּוילישע אונטערערד האָט איבער־געגעבן די אויפשטענדלער אַ גרויסן טייל שלאַכט־אַמוניציע פון אירע אייגענע רעזערוון, ווי אויך געהאָלפן די ייִדישע קעמפער צו אַנטלויפן גע־ווער מיכוץ דער געטאָ און געהיים עס אַריבער־פירן. דאָס דאָזיקע געווער האָט מיט זיך פאַרגע־שטעלט די באַזע אַף צו באַוואָפענען די קעמפנ־דיקע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע פון געטאָ.

מע קאָן אויך דערמאָנען וועגן די מאַסן־באָמבאַרדירונגען פון וואַרשע מיצאַד דער סאָ־וועטישער אַוויאַציע (אַזאַ אָנפאַל האָט זי דורכ־געפירט, לעמאָשל, דעם 14 מײַ 1942). די קלעפּ

---

[1] דער טערמין „ייִסראַעל־פאָלק" איז דאָ אַ סינאָ־נים פון „ייִדן".

פון דער סאָוועטישער אוויִאַציע זײַנען פּאַר די ייִדן, וועלכע זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין א טויט־פאַסטקע, געוווּן א שטראַל פון האָפענונג.

אין דעם ייִסראָעלדיקן לערנבוך ווערט אויך באַהויפּטעט, אַז אינעם ווידערשטאַנד קעגן די נאַציסטן אין וואַרשעווער געטאָ האָבן אַנטיילגענומען בלויז די מיטגלידער פון דער ציִוניסטישער יוגנט־באַוועגונג. דאָס ווידערשפּרעכט דעם היסטאָרישן עמעס. אין יאַנוואַר—פעברואַר 1943 איז די ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע באַשטאַנען פון 22 גרופּעס — פיר גרופּעס האָבן געהערט דער פּויליִשער אַרבעטער־פּאַרטיי (די קאָמוניסטן), נאָך פיר — דעם „בונד“ אאַוו.

ניט ווייניקער וויכטיק איז אויך דער פאַקט, וואָס איינער פון די אויטאָרן פון די לערנביכער, וועלכע ווערן אַרויסגעגעבן אין ייִסראָעל, האָט ניט געהאַלטן פאַר נייטיק צו דערמאָנען, אַז אַלס איניציִאַטאָרן פון שאַפן א ברייטן איינהייטלעכן אַנטינאַציסטישן פראָנט אין געטאָ זײַנען אַרויסגעטראָטן די קאָמוניסטן. אין אָנהייב 1942 זײַנען פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד געשיקט געוואָרן קיין וואַרשע צוויי אַקטיוויסטן: דער געוועזענער מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי לעבאַרטאָווסקי (פינקעלשטיין) און דער געוועזענער קאַפּיטאַן פון דער אינטערנאַציִאָנאַלער בריגאַדע אין שפּאַניע אַנדזשיי שמידט (פּינכעס קאַרטין). לויט דער איניציִאַטיוו פון אָט די צוויי קאָמוניסטן (זיי זײַנען שפּעטער אומגעקומען אין שלאַכט קעגן די נאַציסטן) האָט אין דער געטאָ זיך פאַנאַנדערגעוויקלט א קאַמפּאַניע פאַר שאַפן א ייִדישן אַנטינאַציסטישן פראָנט. עס איז קיין סאָפעק ניט, אַז די אַקציעס פון אָט דעם פראָנט האָבן אָפּגעווירקט אויפן גאַנג פון דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

די קאָמוניסטן האָבן געהאַט א היפּשן איינפלוס אויך אין דער שלאַכט־אָרגאַניזאַציע פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע אין ווילנער געטאָ, אָבער אין די לערנביכער פון ייִסראָעל ווערט אַפילו ניט דערמאָנט, אַז קאָמאַנדיר פון דער אָרגאַניזאַציע איז געוועזן דער קאָמוניסט, דער לעגענדאַרער העלד איציק וויטענבערג, וועלכער האָט פרייַוויליק זיך אָפּגעגעבן אין די הענט פון די נאַציסטישע טאַליאַנים, קעדיי געבן דער אָרגאַניזאַציע א מעגלעכקייט צוצוגרייטן דעם אופשטאַנד. די לעבנגעבליבענע אַנטיילנעמער פונעם אופשטאַנד זײַנען אַוועק צו די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער, און זיי האָבן באַקומען א מעגלעכקייט פאַרזעצן אין די נאָענטסטע וועלדער דעם קאַמף אַדאַנק דער הילף פון דער „גרויסער ערד“. אין די לערנביכער, וועלכע זײַנען דערשינען אין ייִסראָעל, איז די דאָזיקע פּראָבלעם פאַלסיפיצירט. דאָקטאָר קירשענבוים דערמאָנט יאָ וועגן דער סאָוועטישער הילף. „זיי (די ייִדישע פּאַרטיזאַנער. — יע. ב.), — שרײַבט ער, — האָבן ווירקלעך באַקומען געווער און אַמוניציע בא דער רויטער אַרמיי, און זיי האָבן דורכגעפירט דרייסטע קריגס־אָפּעראַציעס אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פון סאָוועטישע קאָמאַנדירן. זיי האָבן כאַרעוו געמאַכט די דײַטשישע באַזאַרגונג־ליניעס, אופגעריסן צוגן און סקלאַדן, אָנגעפאַלן אַף פאַרייניקונגען פון דער דײַטשישער אַרמיי“. וועגן דעם דערמאָנט אויך דאָקטאָר שמועלי. ער האַלט אָבער פאַר נייטיק צו מאַכן אין זײַן בוך פאָלגנדיקע רעכילעסדיקע באַמערקונג: „דער ייִד איז קיינמאָל ניט געוווּן זיכער, אַז ער וועט ניט כאַפּן א קויל אין רוקן“...

פּראָפעסאָר עטינגער זאָגט אויך אַרויס זײַנע כקירעס וועגן „דער אומאַכטונג“ פון די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער צו זייערע קאָלעגן לויטן געווער — ייִדן. די דאָזיקע שרײַבעכצן זײַנען הוילער שקער. די ייִדישע פּאַרטיזאַנער האָבן איבערגעלעבט די זעלבע שווערקײַטן, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיטן לעבן און מיטן קאַמף אין די וועלדער. פאַלן פון אַנטיסעמיטיזם זײַנען געוועזן א זעלטענער אויסנאַם, און די סאָוועטישע קאָמאַנדשאַפט האָט באַזונדערס שאַרף באַשטראָפט פאַר דעם.

די אָנגערופענע פאַלשע באַהויפּטונגען זײַנען אויסן איין און דעם זעלבן ציל: פאַלסיפיצירן די געשיכטע, קעדיי די שילער זאָלן קומען צום אויספיר, אַז „די גאַנצע וועלט איז קעגן אונדז, קיינער האָט די ייִדן ניט געהאָלפן“.

אַנטיקאָמוניזם אַנשטאָט אַנטינאַציזם. — ווער איז שולדיק אין דער מילכאָמע?

עטינגערס און שמועליס אויסטראַכטענישן וועגן די באַציִונגען צווישן די סאָוועטישע און ייִדישע פּאַרטיזאַנער געהערן צום זעלבן אַנטיסאָוועטישן קאָמפּלעקס, וועלכער איז אַרײַנגעפלאָכטן אינעם האַלאָקאָוסט־אָפּטייל, וואָס גייט אַרײַן אין דער לערן־פּראָגראַם. אַזעלכע רייד זײַנען געוווּן דער העכסטער אויסדרוק פון נאַציִאָנאַלער אומדאַנקבאַרקײַט. מיר וועלן ברענגען איינעם פון די רעזולטאַטן, צו וועלכע די דאָזיקע רייד האָבן דערפירט. א שילער שרײַבט אַזוי אין זײַן קלאַס־אַרבעט: „די טויט־צוגן, וועלכע זײַנען פול מיט ייִדן פון געטאָ, זײַנען געגאַנגען אין די קאָנצלאַגערן, וואָס האָבן זיך געפונען אין סיביר“. אַזעלכע, ווייך גערעדט, גרײַזן האָבן געהאַט אַן אָרט צוליב דעם מאַנגל אין אינפאָרמאַציע, נאָר זיי זײַנען געוווּן א רעזולטאַט פון אַן אויסגערעכנטער דעזינפאָרמאַציע, פון א גראָבער פאַלסיפיקאַציע אין די לערנביכער.

אָט איז, לעמאָשל, א קלאַסישער פאַל פון אַזאַ דעזינפאָרמאַציע. עס האַנדלט זיך וועגן דעם פאַקט פון ניט־אָנפאַלן, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „פאַקט צווישן מאָלאָטאָוו און ריבענטראָפּן“. לאָמיר א קוק טאָן, וויִאַזוי אין די לערנביכער פון ייִסראָעל רעדט זיך וועגן דעם, ווי דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט זעקס יאָר נאָכאַנאַנד (פון יאַנוואַר (1933) געטאָן אַלץ, קעדיי צו שאַפן אין אייראָפּע א סאַניטאַרן קאָרדאָן

ארום דעם פאַשיסטישן דײַטשלאַנד אין דער פאָרם פון א פאַקט וועגן קאָלעקטיווער זיכערהייט? עס איז דאָך באַוווּסט, אַז דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט פאָרגעלייגט ענגלאַנד און פראַנקרײַך צו געבן טשעכאָסלאָוואַקיע קריגס־הילף און אַזוי־ארום ניט דערלאָזן צו דער מינכענער פאַרשטענדיקונג. דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט זיך געווענדט צו פוילן און רומעניע מיט דער ביטע, אַז זיי זאָלן דערלויבן דעם סאָוועטישן מיליטער דורכגיין דורך זייער טעריטאָריע, קעדיי צו העלפן טשעכאָסלאָוואַקיע. אין דער זעלבער צײַט האָבן ענגלאַנד און פראַנקרײַך געמאַכט א דרוק אַף טשעכאָסלאָוואַקיע, זי זאָל זיך אונטערוואַרפן דעם דײַטשישן דיקטאַט אין מינכען. דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט פאָרגעלייגט הילף דער בענעש־רעגירונג אפילו אָן דעם אָנטייל פון פראַנקרײַך, ער האָט צוגעפירט צו די סאָוועטישע גרענעצן 30 דיוויזיעס, קעדיי העלפן טשעכאָסלאָוואַקיע, נאָר בענעש האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער דאָזיקער הילף. די פוילישע רעגירונג, ווידער, אונטערגעהאַלטן פון פראַנקרײַך, האָט אויך זיך אָפּגעזאָגט צו דערלויבן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד דורכצופירן זײַן מיליטער קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. אין די לערנביכער איז קיין איין וואָרט ניט געזאָגט געוואָרן וועגן די אונטערהאַנדלונגען (ערעוו מינכען און דער צווייטער וועלט־מילכאָמע) צווישן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, פראַנקרײַך און ענגלאַנד, ווען דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט פאָרגעלייגט צו שיקן 136 דיוויזיעס, ענגלאַנד — בלויז 6!

אין אַלע לערנביכער ווערן די אָנגערופענע פאַקטן אפילו ניט דערמאָנט. אָנשטאָט דעם הערן מיר אומפאַראַנטוואָרטלעכע רייד ארום דעם „פאַקט מיקויעך ניט־אָנפאַלן“, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן דעם ראַטנפאַרבאַנד און דײַטשלאַנד און איז אונטערגעשריבן געוואָרן אין אזא מאָמענט, ווען דעם סאָוועטנפאַרבאַנד האָט געדראָאָט א געפאַר פון א מיליטערישן פאַרמעסט מיט דײַטשלאַנד, מיט די מיזרעך־מעלוכעס און מיט יאַפּאַניע.

דאָקטאָר זיוו שרײַבט אין זײַן לערנבוך „די געשיכטע פון אונדזער צײַט“, אַז דער אָנגערופענער פאַקט איז געווען די „הויפּט־סיבע פון דער מילכאָמע“. און דאָס וואָרט גערעדט וועגן אַן אָפּמאַך, וואָס האָט געגעבן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד נאָך אָנדערהאַלבן יאָר צײַט אַף צוגרייטן זיך צום פאַרשטייענדיקן טויט־געראַנגל, און דערמיט גופע ראַטעווען די לעבנס פון הונדערטער טויזנטער יידן. דער סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס האָט גאַנצע זעקס יאָר אײַנגערעדט דעם מיזרעך, אַז מע דאַרף צוימען היטלערן, ווערט געשילדערט אַלס דער הויפּט־שולדיקער אין דער מילכאָמע!

זיוו „אַרגומענטירט“ די דאָזיקע פאַלסיפיקאַציע מיט אַן אַרגומענט וועגן א „טאָטאַליטאַרער פאָרמולע“. לויט זײַן מיינונג, איז צווישן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און דעם נאַציסטישן דײַטשלאַנד געווען א סאך געמיינזאַמס, אַף וויפל די „ווידערשפּרוכן צווישן אָט די צווי מעלוכעס זײַנען ניט געווען אַזעלכע טיפע, ווײַל אין די ביידע מעלוכעס האָט געהערשט א טאָטאַליטאַרע דיקטאַטור“. ווײַטער באַהויפּטעט זיוו, אַז היטלער וואָלט זיך ניט דערוועגט אָנצופאַלן אַף פוילן, ווען ער זאָל ניט זײַן זיכער, אַז דער סאָוועטנפאַרבאַנד וועט בלײַבן נייטראַל. ער פאַרגעסט אָבער, וואָס ער אַליין האָט געשריבן אין זעלבן בוך, מיט א זײַטל פריִער: „פוילן האָט מוירע געהאַט פאַר דער הילף מיצאַד די רוסן ניט ווייניקער ווי פאַר אַן אָנפאַל מיצאַד די דײַטשן. פוילן איז ניט גרייט געווען צו דערלויבן דער סאָוועטישער אַרמיי דורכצוגיין דורך זײַן טעריטאָריע. אי. בעק, וואָס איז דעמלט געווען אויסערן־מיניסטער פון פוילן, האָט געשריבן אין זײַן בוך („די אויסערן־פּאָליטיק פון פוילן אין 1926—1939“, פּאַריז, 1951), אַז די פוילישע רעגירונג האָט ניט דערלויבט דעם סאָוועטישן מיליטער אַרײַנצוטרעטן אפילו אין די שטרענג אײַנגעשטעלטע סטראַטעגישע ראַיאָנען, וואָס זייער אופגאַבע איז געווען ניט דערלאָזן דעם אַרײַנמאַרש פון די דײַטשן. דער פּובליציסט נ. נ. יאַקאָוולעוו מערקט אָפּ אין זײַן בוך „די נײַסטע געשיכטע פון די פאַרייניקטע שטאַטן“ (1961), אַז רוזוועלט האָט געשיקט קיין וואַרשע זײַן פּערזענלעכן פאָרשטייער, קעדיי איבערצײַגן פוילן ניט שליסן קיין פאַרשטענדיקונג מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד.

זיוו דערמאָנט ניט, אַז אין 1934 האָבן דאָס פאַשיסטישע פוילן און דאָס נאַציסטישע דײַטשלאַנד אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. אויב מע זאָל ריידן וועגן אַן אַלגעמיינער טענדענץ, באַ וועלכער זיוו האַלט זיך, באַשטייט די דאָזיקע טענדענץ דערין, אַז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן האָלאָקאָסט קעגן די יידן טראָגט דער סאָוועטנפאַרבאַנד.

אין דער מערהײַט שולן פון ייִסראָעל גייען די שילער קלאַל ניט דורך קיין שום קורס פון אַלגעמיינער געשיכטע. פעלט אײַן א געדאַנק צו געבן אַן אַלגעמיינע באַשרײַבונג וועגן דער מילכאָמע, קאָנען אים די מאַכט־אָרגאַנען וואָרענען, ער זאָל דאָס ניט טאָן. דאָקטאָר שאַטסקער, לעמאָשל, צווייפלט ביכלאַל, צי איז נייטיק צו דערלערנען די אַלגעמיינע געשיכטע פון די געשעענישן בייס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, אַף וויפל מע שטודירט די פראַגע וועגן האָלאָקאָסט. „א סאך לערער, וועלכע אונטעריכטן די טעמע וועגן האָלאָקאָסט, — שרײַבט, לעמאָשל, דאָקטאָר שאַטסקער, — ווערן צעטומלט פונעם אַלגעמיינעם בילד פון די ניצכוינעס און מאַפּאָלעס פון דײַטשלאַנד אַפן מיזרעך, אין מיזרעך־אייראָפּע, אין צאָפן־אַפריקע. דאָס דאָזיקע בילד זעט אויס מער דינאַמישער. די לערער מײַדן אויס די האָלאָקאָסט־טעמע און גייען אַריבער צו מער פּרוכטלאָזע פראַגן“. מיר זעען, אַזוי־ארום, אַז די מילכאָמע, וועלכע האָט געדראָאָט דעם קיִעם פון דער גאַנצער מענטשהײַט, איז פּשוט „א פּרוכטלאָזע פראַגע“!

דער אויבערפלעכלעכער כאַראַקטער פון שטודירן די צווייטע וועלט־מילכאָמע ווערט, צווישן אַנדערס, אויסגעדריקט דערמיט, וואָס די שלאַכטן אין צאָפן־אַפריקע טיילט מען אויס מער

אופמערקזאַמקייט איידער דער שלאַכט פאַר סטאַלינגראַד. אַלץ, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן וועגן דער דאָזיקער שלאַכט אינעם בוך „די קורצע געשיכטע" (אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג „אַרט" אין 1972), ווערט באַגרענעצט מיט אַזאַ פראַזע: „אַפן סטאַלינגראַדער פראָנט האָבן די דײַטשן אויך געליטן אַ גרויסע מאַפּאָלע"... דאָס איז איינער פון די בײַשפּילן פון אָפענעם שווינדל. אַ לערנבוך באַהאַלט אויס פון די שילער דעם עמעס, אַז 3/4 פון דער דײַטשישער אַרמיי איז געווען קאָנצענטרירט אַפן רוסישן פראָנט, דאַן, ווען די צאָל פון די דײַטשיש-איטאַליענישע קויכעס אין צפון־אַפריקע האָט באַטראָפן ניט מער פון 10—12 דיוויזיעס!

אינעם לערנבוך איז ניטאָ גענוג אָרט צו דערציילן, וואָס דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט אופגעטאָן פאַרן זיג איבערן נאַציסטישן דײַטשלאַנד. דער לערער, וועלכער וואָלט גערעדט וועגן דער שלאַכט פאַר סטאַלינגראַד און באַטאָנט די וויכטיקייט פון אָט דער שלאַכט, וואָלט דעריבער אַרויסגערופן אַ גרויסן כידעש בײַ די שילער, ווײַל זיי זײַנען דאָך זיכער, אַז דער רעזולטאַט פון דער מילכאָמע איז געלייזט געוואָרן ערגעץ הינטער אַל־אַלאַמײַן און אין נאָרמאַנדיע.

אין די לערנביכער ווערט געזאָגט, אַז דער צווייטער פראָנט האָט אָפּגעשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָליע אינעם גורל פון די יידן. די מיירעוו־מעלוכעס האָבן, ווי באַוווסט, פאַנאַנדערגעוויקלט דעם אָנגריף קעגן די נאַציסטן קוידעמקאָל אין צפון־אַפריקע, דערנאָך — אין איטאַליע, ערשט שפּעטער, ווען עס איז שוין געוואָרן קלאָר, אַז די הויפּט־קויכעס פון די נאַציסטן זײַנען אָפּגעשוואַכט אַפן סאָוועטישן פראָנט און די רויטע אַרמיי קאָן דערלאַנגען דעם נאַציסטישן דײַטשלאַנד אַ טויט־קלאַפּ אויך אָן דעם צווייטן פראָנט, איז אַרויסגעזעצט געוואָרן דער דעסאַנט אין פראַנקרײַך. ווען דעם 6 יון 1944 האָט זיך אָנגעהויבן „דער גרויסער דעסאַנט", איז די מערהײַט אייראָפּעישע יידן שוין געווען אַף יענער־וועלט. אַף אָט דעם פאַקט לייגן די לערנביכער קיין שום אַכט ניט, כאָטש די מיירעוו־מעלוכעס האָבן בעקיוון געבראָכן דעם צוזאָג, וועלכן זיי האָבן געגעבן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס עס האָט געבראַכט פאַר די פעלקער פון דער אָקופּירטער אייראָפּע נײַע שווערע ליידן, און דעם גרעסטן קלאַפּ האָבן באַקומען די יידן.

דער עמעס וועגן דער עוואַקואַציע פון די יידן אין הינטערלאַנד

ווען די נאַציסטישע האָרדעס האָבן זיך אַרײַנגעריסן קיין פּוילן און די רויטע אַרמיי האָט איבערגעשניטן די אַלטע גרענעצן פון די טעריטאָריעס, וועלכע די ווײַספּאָליאַקן האָבן פאַרכאַפּט באַם סאָוועטנפאַרבאַנד אין 1920 און ווו עס האָבן אין גרונט געלעבט אוקראַינער און ווײַסרוסן, האָט אַף די דאָזיקע טעריטאָריעס זיך קאָנצענטרירט אַ מיליאָן יידן פּליוס 400 טויזנט פּוילישע יידן, וועלכע זײַנען אַהער געלאָפן פון די ראַיאָנען, וואָס די דײַטשן האָבן אָקופּירט. דאָס איז געוואָרן מעגלעך אַדאַנק דעם אָפּמאַך צווישן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און דײַטשלאַנד. די יידן האָבן באַקומען אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען זיך. קימאַט אַלע לענדער פון דער וועלט האָבן פאַרמאַכט טיר און טויער פאַר די יידישע פּלייטים. דאָ אָבער האָבן 400 טויזנט פּוילישע יידן אויסגענוצט די מעגלעכקייט אַריבערצוגיין אַן אָפענע גרענעץ, ווי דאָס האָבן געטאָן 100 טויזנט בעסאַראַבישע יידן און אַ סאַך טויזנטער יידן אין די באַלטישע רעפּובליקן.

ווען ניט די אַנטיסאָוועטישע איבערצײַגונגען פון דער מערהײַט לידערס פון די פּאָליטישע פּאַרטייען אין די יידישע קעהילעס, וואָלט אַ סאַך אַ גרעסערע צאָל יידן געקאָנט לויפן פון די דאָזיקע ראַיאָנען קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, און, פאַרשטייט זיך, ראַטעווען זיך פון אומקום. אָבער דער אויטאָר פונעם יסראַעלדיקן לערנבוך זיוו, אַנשטאָט צו דערציילן וועגן דעם, נעמט אַף זיך די שאַנדע אײַנצורײדן די שילער, אַז דער סאָוועטנפאַרבאַנד טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער אויסראָטונג פון צוויי מיליאָן פּוילישע יידן. „אין רעזולטאַט פון צעטיילן פּוילן צווישן דײַטשלאַנד און רוסלאַנד, — שרײַבט ער, — זײַנען אין די הענט פון די נאַציסטן אַרײַנגעפאַלן צוויי מיליאָן יידן פון פּוילן". דאָס איז אַ בײַשפּיל פון היסטאָרישער פאַלסיפיקאַציע און אַנטינאַציאָנאַלער דעגראַדאַציע. די אַבסאָלוט געזעצלעכע מאָסמיטלען, וועלכע דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט פאַרגענומען, קעדיי צו פאַרשטאַרקן זײַן מאַכט, מאָסמיטלען, וואָס האָבן געבראַכט דערצו, אַז עס זײַנען געראַטעוועט געוואָרן פון אומקום הונדערטער טויזנטער יידן, ווערן געמאָלט אַלס אָן אָרדנטלעכע צעטיילונג פון פּוילן. ווי דיאַמעטראַל קעגנזעצלעך אין פאַרגלײַך דערמיט זעט אויס די מיינונג, וועלכע עס האָט אַרויסגעזאָגט אַלבערט איינשטיין! „מיר האָבן ניט פאַרגעסן, — האָט ער געשריבן אין 1950, — די הומאַנע באַציִונג פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס איז געווען די איינציקע מעלוכע, וועלכע האָט געעפנט אירע טירן פאַר די הונדערטער טויזנטער יידן, ווען די נאַצי־אַרמיי האָט זיך אַרײַנגעריסן אין פּוילן".

אין די לערנביכער באַהאַלט מען בעקיוון אויס פון די שילער דעם פאַקט, אַז דער סאָוועטנפאַרבאַנד איז געווען די איינציקע מעלוכע אין דער וועלט, וועלכע האָט ניט בלויז אַרײַנגעלאָזט צו זיך די הונדערטער טויזנטער יידישע פּלייטים, נאָר אויך געזיכערט זייער געפאַרלאָזיקייט. די מיירעוו־מעלוכעס האָבן דאָס קיינמאָל ניט געטאָן. די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן עוואַקוירט מיליאָנען יידן אין הינטערלאַנד און אַזוי אַרום געראַטעוועט זיי פון אומקום. דער פאָרשער פון יסראַעל לעווין באַטאָנט, אַז 80% ווײַסרוסישע יידן זײַנען עוואַקוירט

געוואָרן אין הינטערלאַנד. דער אַמעריקאַנער פאָרשער אי. ראָבינסאָן ווײַזט אָן, אַז די אַלגע־מיינע צאָל יידן, וועלכע זײַנען עוואַקויִרט גע־וואָרן אין הינטערלאַנד, האָט באַטראָפֿן 1 מי־ליאָן 600 טויזנט. אין איניקע סאָוועטישע קוועלן ווערט אָנגערופֿן די ציפֿער 2 מיליאָן. לעווין שרײַבט, אַז צווישן די 12—15 מיליאָן מענטשן, וואָס זײַנען עוואַקויִרט געוואָרן אין הינטערלאַנד, זײַנען געווען אַנדערהאַלבן מי־ליאָן יידן, און דאָס איז פאָרגעקומען אין אַזאַ צײַט, ווען די רויטע אַרמיי האָט געפירט שווע־רע שלאַכטן און געמוזט צוריקטרעטן.

די מעגלעכקײַט צו שלאָגן זיך

די יידן האָבן באַקומען אין סאָוועטנפאַר־באַנד ניט בלויז אַ היים, נאָר אויך דאָס רעכט צו שלאָגן זיך, נויקעם זײַן זיך אינעם פאַשיס־טישן טײַוול. הונדערטער טויזנטער סאָוועטישע יידן, אויך פּוילישע, טשעכישע און אַנד., וועל־כע זײַנען געלאָפן קיין פּסער, זײַנען אַרײַנגע־טראָטן אין דער סאָוועטישער אַרמיי אָדער אין די נאַציאָנאַלע מיליטערישע פאַראייניקונגען, וואָס האָבן אָפּערירט צוזאַמען מיט דער סאָוועטישער אַרמיי. דאָקטאָר שמועל אָבער באַשרײַבט די לאַגע פון די יידן אין סאָוועטנפאַרבאַנד אַף גאָר אַן אַנדער אויפן: „די סאָוועטישע יידן האָבן דערפילט, ווי זיי זײַנען אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן מיט אַ יאַם פון שטורמישן האַס. איבערצײַגטע, אַז אַלץ דאַרף גיין קעשורע, קיין שום בייז וועט ניט געשען, זײַנען די סאָוועטי־שע יידן געווען דערשטוינט, ווען זיי האָבן דערזען דעם אַנטיסעמיטיזם, אָט דעם טײַוול, וואָס האָט געווילדעוועט סײַ אין הינטערלאַנד, סײַ אַפן פראָנט". שמועל איז בלויז אַ קוסטאַר פון דער וויסנשאַפט. אַזעלכע אידייען זעען מיר אָבער בא אַזאַ „וויסנשאַפטלעכן אויטאָריטעט", ווי דאָקטאָר עטינגער. ער רעדט אויך וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועטנפאַרבאַנד בײַס דער מילכאָמע. די אַנטיסאָוועטישע פאַלסיפיקאַ־טאָרן באַהאַלטן אויך אויס פון דער יוגנט דעם פאַקט, אַז גראָד אין יענער צײַט איז מיט דער הילף פון דער סאָוועטן־רעגירונג באַשאַפן גע־וואָרן דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמי־טעט, אַז גראָד ער האָט מיט דער הילף פון די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען פאַרשפּרייט איבער גאָר דער וועלט דעם עמעס וועגן די רעציכעס, וועלכע די פאַשיסטישע פאַרכאַפער באַגייען איבער דער באַפעלקערונג פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס, איבערהויפּט איבער די יידן.

צי פאַרשווײַגט דער סאָוועטנפאַרבאַנד דעם האָלאָקאָוסט?

אָנשטאָט צו באַשרײַבן אין זײַן לערנבוך די עמעסע געשעענישן, האָט שמועל אָנגעשפּיקע־וועט אים מיטן גיפט פון אַנטיקאָמוניזם און אַנ־טיסאָוועטיזם. ער האָט די האָזע צו שרײַבן, אַז „אַ סאַך קאָמוניסטן, וועלכע זײַנען אין פּעריאָד פון דער אָקופּאַציע געוואָרן פאַרעטער, האָבן צוגעלייגט זייערע הענט צו די מאָרדן און פּײַ־ניקונגען". אַזאַ רעכילעס איז פּאָשעט ברוטאַל. די הויפּט־ראָליע אין דער מילכאָמע האָט גע־שפּילט דער סאָוועטנפאַרבאַנד. דרײַ מיליאָן סאָ־וועטישע קאָמוניסטן זײַנען געפאַלן אַף די שלאַכטפעלדער. די סאַמע עקלהאַפטע באַשולדי־קונג, וועלכע שמועל שטעלט אַרויס, איז די, אַז דער סאָוועטנפאַרבאַנד פאַרשווײַגט קלוי־מערשט דעם האָלאָקאָוסט איבער די יידן פון אייראָפּע, כאָטש ער, שמועל אַליין, דערמאָנט, אַז אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור ווערט דערציילט וועגן דעם מאָרד פון צוויי מיליאָן סאָוועטישע יידן מיצאַד די נאַציסטן. די סאָ־וועטישע ליטעראַטור ווײַזט אויך קלאָר אָן, אַז פון די צוועלף מיליאָן מענטשן, וועלכע זײַנען אויסגעמאָרדעט געוואָרן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, זײַנען זעקס מיליאָן געווען יידן. פונ־וואַנען זשע האָט שמועל גענומען, אַז אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור ווערן פאַרשוויגן די נאַציסטישע פאַרברעכנס?

שמועל באַהויפּטעט, אַז די מאַכט־אָרגאַנען (די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען. — יע. ב.) האָבן ניט אָנערקענט די טראַגעדיע פונעם יידישן פאָלק. קעדיי אָפּלייקענען די דאָזיקע רעכילעס איז גענוג איבערצולייענען די אַרויסטרעטונג (דעם 14 מײַ 1947) פונעם סאָוועטישן פאָר־שטייער אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַריי־ניקטע נאַציעס אַנדריי גראָמיקאָ אַף דער זיצונג פון דער גענעראַלער אַסאַמבליי פון די פאַריי־ניקטע נאַציעס. „דאָס יידישע פאָלק, — האָט געזאָגט אַ. גראָמיקאָ, — האָט אין דער לעצטער מילכאָמע געליטן אומגעהײַערע צאָרעס און ליידן. מע מעג זאָגן אָן שום גוזמע, אַז עס קלעקן ניט קיין ווערטער אַף צו באַשרײַבן די דאָזיקע צאָרעס און ליידן... די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס קאָן ניט צוקוקן גלײַכ־גילטיק אַזאַ לאַגע, ווײַל דאָס וואָלט זיך ניט געפּאָרט מיט די הויכע פּרינציפּן, וועלכע זײַנען פּראָקלאַמירט אין איר סטאַטוט..." די דאָזיקע דערקלערונג איז איינע פון די סאַמע הערלעכע אויסדרוקן פון סאָלידאַריטעט מיט די ליידן, וועלכע די יידן זײַנען אויסגעשטאַנען אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע.

די נעגאַטיווע שילדערונג פון די קאָרבאָנעס פונעם נאַציזם

אין דער ציִוניסטישער ליטעראַטור ווערט אָפט דורכגעפירט דער געדאַנק, אַז, אָנטרעפנ־דיק זיך אַפן האָלאָקאָוסט, זײַנען די יידן געווען שוואַך און געפילט אַן עקל צו געווער. מענאַכעם בעגין שרײַבט אין זײַן פאָרוואָרט צום בוך פון בען־עליעזער, אַז די יידן האָבן ניט געוואָלט נע־מען זיך צום געווער, פילנדיק אַן עקל צו דער געפאַר. אַזעלכע דערקלערונגען שטויסן די שי־

לער צו פאָרשטעלן זיך, אז די קאָרבאָנעס פונעם נאַציזם זײַנען „געטריבן געוואָרן ווי שאָף צו דער שכיטע“. ער שמועסט אײַן די שילער, אז די ייִדן האָבן ניט געוואָלט הערן קיין אייצעס און גאָרניט ניט געטאָן. וואָס אָבער האָבן זיי געדארפט יאָ טאָן? פארשטייט זיך, זיי האָבן געדארפט עמיגרירן קיין פּאַלעסטינע!

די דאָזיקע אידיי האָט אויסגעדריקט אין א פּסעוודאָ־וויסנשאפטלעכער מאניר דער איצטיקער געזאנדטער פון ייִסראָעל אין עגיפּטן עליאָהו בען־עליזאר אין זײַן בוך „א פארשווערונג אף אומברענגען“. אין דעם דאָזיקן בוך באהויפּטעט ער, אז היטלער איז ביזן יאָר 1939 געווען פארינטערעסירט בלויז דערין, אז די ייִדן זאָלן עמיגרירן פון דײַטשלאנד, דערנאָך — פון די אנעקסירטע לענדער טשעכאָסלאָוואקיע און עסטרײַך. ווען די ייִדן וואָלטן זיך צוגעהערט צו דער שטים פונעם עקסטרעמיסטישן ציִעניסטישן לידער זעייוו זשאבאָטינסקי און זיך עוואקויִרט קיין פּאַלעסטינע, וואָלטן זיי זיך געראטעוועט. עס איז שווער צוצוטראכטן א מער אָפּענע היסטאָריאָגראפישע דעמאגאָגיע, איידער די דאָזיקע. פּאַלעסטינע האָט נאָך ניט געהאט די מינדסטע מעגלעכקײַט ארײַנצונעמען מיליאָנען ייִדן. אפילע אייניקע פון די אויבנדערמאָנטע „האָלאָקאָסט־פאָרשער“ זײַנען גענייגט צו אָפּוואַרפן די „פּאַלעסטינער אלטערנאטיוו“. די שילער אָבער קאָנען ניט פאנאנדערקלײַבן זיך אין אָט דעם קליינלעכן פּלאָנטער.

נאציאָנאליסטישע גײַווע, רעאביליטאציע פון די נאציסטישע פארברעכנס, פאלסיפיקאציע פונעם עמעס

אין דער ייִסראָעלדיקער ווירקלעכקײַט זעען מיר, ווי די אידעאליזאציע פון קויעך איז געבוירן געוואָרן אלס א רעאקציע אפן האָלאָקאָסט. ס'וואָלט געווען נאַיִוו צו האלטן, אז אזא ריכטונג פונעם געדאנק איז אופגעקומען סטיכייִש. אינדערעמעסן איז עס א רעזולטאט פון א לאנגן פּראָצעס פון דורכוואשן די געהירן, מיט וועלכן עס האָבן אָנגעפירט דאָס בילדונגס־מיניסטעריִום און די אידעאָלאָגן, וואָס באשטימען די לערן־פּראָגראם. זייער ציל איז — שטויסן די יוגנט צו די אויספירן, וואָס זייער הויפּט־אויסדריקער איז מ. בעגין. וועגן וועלכע אויספירן גייט דאָ א רייד, קאָן מען זען פון א צווייטער ציטאטע פון בעגינס פאָרוואָרט צו בען־עליזארס בוך: „קיינמאָל דארפן די ייִדן אין דער היים אָדער אין די גאָלעס־לענדער ניט שטעלן ווידער די פראגע: וואָס וועט זאָגן וועגן זיי די וועלט? איך ווייס, אז די וועלט באציט זיך קיינמאָל ניט מיט מיטגעפיל צו די מאסן־מאָרדן פון ייִדן. אָבער שטענדיק וועט די גאנצע וועלט זיך באציִען מיט אכטונג צו די קעמפנדיקע ייִדן. טראָגט געווער און קענט זיך באגיין מיט דעם, שענקט דעם געווער אײַערע געדאנקען; דאָס איז הייליק געווער, געווער פון לעבן, ערע און פרײַהײַט“.

אזויארום באשטייט די לעקציע דערין, אז מע דארף ליב האָבן געווער, קויעך, מיליטאריזם. און אין די שול־קלאסן קאָן מען צומאָל הערן אזעלכע פראזעס: „איצט איז בא אונדז פאראן אן ארמיי, דעריבער וועט דער האָלאָקאָסט זיך ניט איבערכאזערן“. די דאָזיקע אײַנריידעניש איז שוין לאנג אָפּגעפרעגט, ווי אמאָל, ווען די נאציסטישע געפאר איז געהאנגען איבער דער גאנצער וועלט און די ייִדישע באפעלקערונג אין פּאַלעסטינע האָט ניט געקאָנט מיט די אייגענע קויכעס קעגנשטעלן זיך קעגן איר, אזוי אויך הײַנט קאָן מען דעם קאמף קעגן נעאָנאציזם און פאשיזם פירן נאָר אין בונד מיט די קויכעס פון פּראָגרעס.

דער צווייטער אויספיר פון אזא פּאָזיציע איז — פּרעצעדענטלאָזע נאציאָנאליסטישע גײַווע. אינעם בוך „שמועסן וועגן האָלאָקאָסט“, וואָס זײַנע אווטאָרן זײַנען די געלערנטע האטמאן, טשאטסקער און קאָלקא, ווערט באהויפּטעט, אז דער האָלאָקאָסט האָט דערוויזן „די ניט מאמאָשעסדיקײַט פון אלע דאָקטרינעס, וועלכע זײַנען אופגעקומען אין מעשעך פונעם לעבן פון דוירעס און וועלכע האָבן געהאלטן, אז די ייִדן־פראגע קאָן געלייזט ווערן דורך דעם צוזאמענלעבן אין דער אָדער אנדערער פאָרם מיט די גאָיִם“ (דה. ניט־ייִדן).

דאָס האָט געבראכט דעם דאָקטאָר שמועלי צום געדאנק וועגן א „פארשארפטן קריזיס אין די באציִונגען צווישן אונדז (ייִדן) און די פעלקער פון גאָר דער וועלט“. — „עס האָט זיך באוויזן א טיפער טהאָם. סײַ די פעלקער, וועלכע האָבן אלײן געליטן פונעם נאציסטישן דרוק, סײַ יענע, וואָס האָבן זיך געשלאָגן קעגן די נאציס און באפרײַט די וועלט פונעם יאָך פון דעם אונטערדריקער, — זיי אלע האָבן אײנער נאָכן צווייטן ארײַנגעלייגט זייער כיילעק אינעם באשטימען דעם מאסשטאב און די פאָרמען פונעם האָלאָקאָסט...“ הייסט עס, אז ניט בלויז די נאציסטן, נאָר די גאנצע וועלט איז שולדיק אינעם פארניכטן דאָס ייִדישע פאָלק. און אף וויפל „די גאנצע וועלט איז קעגן אונדז“, הייסט עס, אז „מיר דארפן זײַן באוואָפנט און שטארק“. אָט אזוי דינט דער שטודיִום פון דער האָלאָקאָסט־געשיכטע אלס שירמע פאר דעם עקסטרעמען נאציאָנאליזם.

אין וואָס באשטייט די סיבע פון דעם אלעם, וואָס עס שמעקט מיט פּראָפּאגאנציע מיט פארקריפּלען די האָלאָקאָסט־געשיכטע? וויאזוי האָט געקאָנט פּאסירן, אז דער היסטאָרישער עפּיזאָד, וואָס פארנעמט דאָס צענטראלע אָרט אין דער געשיכטע פון די ייִדן אין XX יה. און האָט, אגעוו, אָפּגעשפּילט א צענטראלע ראָליע אינעם אופקום פון די פאָרהאנאָכעס צו שאפן די מעלוכע ייִסראָעל, איז פארבליבן אומבאוווּסט פאר דער יוגנט פון ייִסראָעל, וועלכע ווייסט ניט דעם עמעס?

סיבעס זײַנען דאָ פאראן עטלעכע. די הויפּט־סיבע דארף מען זוכן אינעם קלאס־צי־

מער. מיטן דערלערנען דעם טאָך פון אָט דער פראגע פארנעמען זיך דאָך מענטשן, וועלכע געפינען זיך אין דער אָדער אנדערער מאָס אונטערן אײַנפלוס פון דער בורזשואזער אידעאָלאָגיע. און דאָס שפילט אַן אנטשיידנדיקע ראָליע אינעם פאָרשן און אונטעריכטן די האָלאָקאָוסט־פראָבלעם.

קעדיי זיך פאנאנדערקלײַבן אין די סיבעס פונעם האָלאָקאָוסט, דארף מען מאכן אַן אנאליז פונעם טאָך פון פאשיזם. דער ציִעניסטישער צוגאנג אָבער פירט אונדז אוועק אין א זײַט פון דער פראגע וועגן דעם פאשיזם און פירט די דיסקוסיע אויסשליסלעך אין דער ריכטונג פון אויספאָרשן דעם אנטיסעמיטיזם, וועלכער פאַבלײַבט, לויט דער מיינונג פון די ציִעניסטן, אַן אייביקע פראגע. בא אזא צוגאנג ווערט דער האָלאָקאָוסט באטראכט בלויז ווי א קולמינאציע פון דער קאָנפראָנטאציע צווישן די ייִדן און „גאָיִם“, אף וויפל דאָס באשטעטיקט דעם ציִעניסטישן טעזיס וועגן דער נייטיקײַט צו אָפזונדערן די ייִדן בייס דעם לייזן זייערע פראָבלעמען. ווענדנדיק זיך צום פעריִאָד, ווען דער פאשיזם איז געקומען צו דער מאכט, זוכן די ציִעניסטישע אידעאָלאָגן ענטפערס ניט פון די פאָזיציעס פונעם אנטינאציסטישן קאמף, נאָר פון דעם שטאנדפונקט פון עמיגראציע קיין ערעץ־ייִסראָעל. אף וויפל די עמיגראציע איז דער הויפט־ציל פונעם ציִעניזם און ווײַל אַן ארגומענט צום עמיגרירן איז דער אנטיסעמיטיזם, דרינגט דערפון ארויס, אז דער פאשיזם האָט אליין פאר זיך מיטגעהאָלפן דעם דאָזיקן ציִעניסטישן פלאַן.

דער ציִעניזם רעווידירט די פארגאנגענהײַט פון דײַטשלאנד אינעם נאצי־פעריִאָד. אזוי, למאָשל, האָט בען־עליזאר געזוכט צו רעאבילייטירן די נאציסטישע פארברעכנס, קעדיי צו באגרינדן דעם ציִעניסטישן טעזיס, אז בלויז די „עוואקואציע פונעם אייראָפעיִשן ייִדנטום“ האָט געקאָנט ראטעווען עס פונעם האָלאָקאָוסט.

פאר דעם ציִעניסטישן, אנטיקאָמוניסטישן, אנטיסאָוועטישן צוגאנג איז כאראקטעריסטיש דער אויפן צו פאלסיפיצירן די באשרײַבונג פונעם גאנג פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. די דאָזיקע פאלסיפיקאציע דינט צו בארעכטיקן די באהויפטונג, אז צוהילף די ייִדן האָבן געקאָנט קומען בלויז „ייִדישע קויכעס“. אזויארום, ווערט אויסבאהאלטן דער פאקט, אז די לעבנס פון א העלפט רומענישע ייִדן, פון א גרויסן טייל אונגארישע ייִדן, און פון די ייִדן, וועלכע זײַנען אויסגעשטאנען די יעסורים פון די קאָנצלאגערן, זײַנען געראטעוועט געוואָרן אדאנק דעם שנעלן פאָרויסמארש פון דער סאָוועטישער ארמיי, דער זעלבער צוגאנג איז כאראקטעריסטיש אויך פאר יענע אויספירן, וועלכע ווערן געמאכט אין שײַכעס מיטן האָלאָקאָוסט. די ציִעניסטישע אידעאָלאָגיע געפינט אינעם האָלאָקאָוסט א בארעכטיקונג פאר דער נאציאָנאליסטישער סינע צום פאלעסטינע־פאָלק, פאר דער עקספאנסיע און אָקופאציע פון פרעמדע טעריטאָריעס. ס'איז קלאָר, אז דער איינציקער וועג צו שטודירן דעם עמעס וועגן דעם האָלאָקאָוסט אזוי, אז ער, דער עמעס, זאָל געפינען דעם וועג צו די הערצער פון די שילער, איז באפרײַען די דאָזיקע פראגע פון דער רעליגיעז־נאציאָנאליסטישער מיסטיפיקאציע. פאר דעם דארף מען הײַנט קעמפן ווי פאר איינעם פון די הויפט־צילן אינעם שטודירן דעם האָלאָקאָוסט־פעריִאָד...

די דעמיטאָלאָגיזאציע דארף זיך אָנהייבן פון פעסטשטעלן, וואָס עס האָט אינדערעמעסן מיט זיך פאָרגעשטעלט דער האָלאָקאָוסט. די זעקס מיליאָן אומגעקומענע ייִדן זײַנען ניט געווען קיין קאָרבאָנעס פון א סטיכייִשן פראָצעס, וועלכער האָט ניט געהאט הינטער זיך קיין סאָציאלע סיבעס. דער עצעם נאָמען „האָלאָקאָוסט“ מאכט דעם אײַנדרוק פון עפעס א סטיכייִשער קאטאסטראָפע. דער עמעס באשטייט אָבער דערין, וואָס די דאָזיקע זעקס מיליאָן זײַנען געווען קאָרבאָנעס פונעם נאציזם, קאָרבאָנעס פונעם נאציסטישן רעזשים אין דײַטשלאנד און פון דער נאציסטישער אָקופאציע אין אייראָפע.

מע דארף געבן דער יוגנט א גענויע באשרײַבונג פון אָט דעם גאנצן שוידער, קעדיי איבערצײַגן זי, אז דאָס אלץ איז געווען אין דער ווירקלעכקײַט. אָבער דעם טראָפ דארף מען שטעלן אף די בײַשפילן פון הערויִזם, אלס באשטאנדטייל פונעם גאנצן בילד פון דעם געפאר קעגן דעם נאציזם אין דער אָקופירטער אייראָפע. די שילער דארף מען באווײַזן די היסטאָרישע סיבעס, וועלכע האָבן ארויסגערופן דעם פאשיזם, ווײַל דאָס וועט זיי העלפן בעסער צו פאָרשטעלן זיך דאָס בילד פון דער דאָזיקער עפאָכע. בלויז אף אזא אויפן וועט מען די שילער אויסהיטן פון אויספירן, וועלכע טראָגן א נאציאָנאליסטישן כאראקטער.

באם דערקלערן די פראגע וועגן „עוואקואציע“ (קיין פאלעסטינע. — יע. ב.) איז נייטיק ווידעראמאָל באטאָנען, אז דער פאשיזם אינגאנצן גענומען און דער נאציזם ביפראט האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט א פארצווייפלטן פרוּוו צו פארייביקן די הערשאפט פונעם גרויס־קאפיטאל און דערשטיקן די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער־באוועגונג אָדער וועלכע־ניט־איז אנדערע פראָגרעסיווע באוועגונג. דער פאשיזם האָט געשטרעבט צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל קוידעמקאָל דורך די מעטאָדן פון אלגעמיינעם און אומדערבארעמדיקן פאָליטישן טעראָר און דעמאגאָגישער פראָפאגאנדע. פאר דער דאָזיקער פראָפאגאנדע האָט מען בעקיוון אויסגענוצט די סאָציאלע און ראסיסטיש־נאציאָנאליסטישע אידעאָלאָגיעס, באזונדערס דעם אנטיסעמיטיזם. דער פאשיזם האָט געלאָזט אין גאנג אָט די דאָזיקע כאָסערדייעדיקע ראסיסטיש־נאציאָנאליסטישע לאָזונגען, וועלכע ווערן קעגנגעשטעלט דעם אינטערנאציאָנאליזם פון דער ארבעטער־באוועגונג. אין די ראמען פון דעם דאָזיקן נא־

ציִאָנאליזם שפּילט די פירנדיקע ראָליע דער אנטיסעמיטיזם.

דערבײַ דארף מען קיינמאָל ניט פארגעסן, אז דער הויפּט־קלאפּ פונעם נאציזם איז געווען געווענדעט קעגן דעם ארבעטער־קלאס, קעגן די לינקע און פּראָגרעסיווע קרעפטן. די שילער דארפן וויסן, אז די לינקע אנטינאציסטישע קרעפטן אין גאנץ אייראָפּע און קוידעמקאָל אין דער אינטערנאציִאָנאלער קאָמוניסטישער באוועגונג האָבן שטענדיק גערופן צו איינהײַט, קעדיי פירן א געמיינזאמען קאמף קעגן דעם פאשיזם ניט בלויז דורך די לינקע, נאָר אויך דורך אלע פּראָגרעסיווע און ליבעראלע קרעפטן. די פּראָבלעם פון דער לאגע פון די ייִדן אין אייראָפּע איז דעמלט געווען פאָרגעשטעלט אפן פאָן פונעם אנטינאציסטישן קאמף אין די אייראָפּעיִשע לענדער. דאָס איז געווען סײַ דער אונטערערדישער ווידערשטאנד אין דײַטשלאנד, סײַ דער בירגערקריג אין שפּאניע, סײַ דער פאָלקס־פראָנט אין פראנקרײַך, סײַ די אקציעס פון די ווידערשטאנד־קרעפטן קעגן דער נאציסטישער אָקופּאציע אין פארשיידענע לענדער פון אייראָפּע. פאָרשטעלנדיק זיך אין אזא קאָנטעקסט דעם מעהוס פונעם נאציזם און זײַן דערגרייכן די מאכט, וועט דער שילער פארשטיין, אז דער נאציזם און האָלאָקאָוסט זײַנען קלאל ניט קיין רעזולטאט פון „גאָטס ווילן“.

דער שטודיִום פון אָט דער פראגע דארף זײַן פרײַ פון יעטווידער פאָרם פון אנטיסאָוועטיזם, ווי אויך פון אנדערע בורזשואזע פאָרשטעלונגען, וועלכע פארקריפּלען די געשיכטע אפילע דורך אויסבאהאלטן, ווער עס איז געקומען צוהילף די ייִדן אין די טעג פון ניסיוינעס, אָדער וועלכע קרעפטן האָבן געפירט א קאמף קעגן דעם נאציזם און פאשיזם. און קוידעמקאָל איז נייטיק מאכן א סאָף צו די פּרווון צו „פארגעסן“ באם שטודירן אָט די פראגע די אנטשיידנדיקע ראָליע פונעם העראָיִשן קאמף פון דעם סאָוועטישן פאָלק. אזא צוגאנג דארף שאפן באם שילער א וואָרהאפטיק בילד פון די געשעענישן, ברענגען זיי צום אויספיר, אז עס איז ניט עמעס, אז די גאנצע מענטשהײַט האָט קיין פינגער אין קאלטן וואסער ניט אײַנגעטונקט, קעדיי צו העלפן די ייִדן אין זייער אומגליק. עס איז, לעמאָשל, לאכלוטן ניט צופעליק דער פאקט, אז דער אופשטאנד אין ווארשעווער געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן טייקעף נאָכן אנטשיידנדיקן זיג פון דער סאָוועטישער ארמיי הינטער סטאלינגראד. אפילע אָט דעם קאָנקרעטן פאקט, וואָס וואָלט בעפיירעש פארינטערעסירט די שילער פון ייִסראָעל, האָט מען ניט צופעליק „פארגעסן“ ארײַנשטעלן אין די ייִסראָעלדיקע לערנביכער.

* * *

אין צוזאמענהאנג מיט דער באהאנדלטער פראגע וואָלט געווען אינטערעסאנט צו פארגלײַכן, וואָס עס דערציילט וועגן דעם אופשטאנד אינעם קאָנצענטראציע־לאגער סאָביבאָר דער אָנפירער מיטן אופשטאנד אלעקסאנדער פּעטשערסקי און וואָס עס באווײַזט אף די היימישע עקראנען וועגן די סאָביבאָרער געשעענישן די טעלעוויזיע פון ייִסראָעל.

די טעלעוויזיע־פּראָגראם, וועלכע ווערט באוויזן אין ייִסראָעל, איז פול מיט שוידערן און דערנידעריקונגען, נאָר עס הערט זיך ניט קיין איין וואָרט וועגן די געפילן פון סאָלידאריטעט מיט די קאָרבאָנעס. די רעדאקטאָרן פון דער פּראָגראם דערמאָנען קימאט ניט, אז אין דעם לאגער זײַנען אויסער ייִדן געווען אויך מענטשן פון אנדערע נאציִאָנאליטעטן, אז דער אופשטאנד איז צוגעגרייט געוואָרן צוזאמען מיט די סאָוועטישע קריגסגעפאנגענע בעראָש מיטן אָפיצער פון דער סאָוועטישער ארמיי אלעקסאנדער פּעטשערסקי.

ניט יעדערער קאָן אין ייִסראָעל איבערלייענען אין איווריט דאָס, וואָס עס דערציילט וועגן אָט דעם אופשטאנד זײַן אָנפירער און אָרגאניזאטאָר אלעקסאנדער פּעטשערסקי. ער דערציילט, וויאזוי עס האָט זיך געגרייט דער אופשטאנד, וועגן דער פרײַנטשאפט, ברידערשאפט און וועגן די ליכטיקע האָפענונגען פון די מענטשן פון פארשיידענע לענדער, וועלכע זײַנען ארײַנגעפאלן אין אָט דעם לאגער און האָבן גערעדט אף פארשיידענע שפּראכן. דער איקער אין אלעקסאנדער פּעטשערסקיס דערציילונג איז דאָס, וואָס זי איז ניט קיין אייכאָ־געשריי פון א קאָרבן, וועלכער קלאָגט אף די לײַדן, נאָר א פעסט וואָרט פון א דרייסטן מענטשן, וואָס גלייבט אינעם ניצאָכן, אין דער נייטיקײַט צו קעמפן קעגן דעם נאציזם אפילע אין די שווערלעכע באדינגונגען פונעם קאָנצענטראציע־לאגער סאָביבאָר. עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן, אז אלעקסאנדער פּעטשערסקיס דערציילונג איז ניט אײַנגעשלאָסן אין די לערנביכער, כאָטש זי וואָלט געוויס פארכאפּט די הערצער פון די שילער און ס׳וואָלט זיי געוואָרן פיל פארשטענדלעכער די האָלאָקאָוסט־פּראָבלעם. ווי מיר זעען, זײַנען פאראן נאָך פיל ניט אויסגענוצטע מעגלעכקײַטן אף צוציִען די אופמערקזאמקײַט פון דער יוגנט צו דער האָלאָקאָוסט־פּראָבלעם, קעדיי צו העלפן פארשטיין די לעקציעס פונעם קאמף קעגן די נאציסטן, פארשטארקן דעם פעסטן שאָלעם און די צוקונפט פון די פעלקער פון דער וועלט, אײַנגעשלאָסן אויך די ייִדן.

„אינפאָרמאטיווער ביולעטען פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון ייִסראָעל“

א דעמאָנסטראַציע פון דער באַוועגונג „שאָלעם איצט"

„בעגין דארף אוועקגיין!"

אין די אָרעמע קוואַרטאַלן

א פּיקעט קעגן דער בויונג פון נײַע מיליטער־ייִשוּווים

די אָקופּאַנטן זײַנען געצוואונגען צו פאַרשטאַרקן די וואַך



בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

אַ לעקציע פון מאַרקסיזם־לעניניזם אין נוסעך שימען פּערעס

שוין אַנדערהאַלבן יאָר, ווי דאָס פּוילישע פאָלק און איר פאָלקס־מאַכט לעבן איבער שווערע גערανגלעניש, וואָס זײַנען אַ פּועל־יוצא פון אָפּווײַכונגען אין דער סאָציאַליסטישער בויונג. די האַרבע פעלערן פון דער פריערדיקער אָנפירונג האָבן דערפירט צו דעם מאַצעוו, אַז דאָס לאַנד פון ברויט און זאַלץ זאָל זיך געפינען אין דער לאַגע פון זוכן שפּײַז אַף צו פאַרזיכערן דעם לעבנס־מינימום.

די שווערע ווירטשאַפטלעכע לאַגע איז געוואָרן אויפגעכאַפּט, ווי אַ הייסער ביסן דורך אַנטיסאָציאַליסטישע גרופּעס אין לאַנד צוזאַמען מיטן קלער, אַרום וועלכע עס דרייען זיך פאַרשיידענע רעאַקציאָנערן, וואָס כאָלעמען נאָך צוריק צו דרייען די געשיכטע. זיי וואָלטן געוואָלט, אַז אין פּוילן זאָלן ווידער הערשן די ראַדזיווילס און סקלאַדקאָווסקיס, וועלכע האָבן דערפירט דאָס לאַנד צום טראַגישן סעפּטעמבער 1939. אין פאַרלויף פון זייער 20־יאָריקער הערשאַפט (1918—1939) האָבן זיי ניט געטראַכט פון בויען וווינונגען, נאָר געבויט און איבערגעפולט די טפיסעס און דעם פּײַניקונגס־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע, צו מאַסן־אַרבעטסלאָזיקײַט און זעלבסטמאָרדן, צו מיליאָנען עמיגראַנטן.

מיר, ייִדן, האָבן אויך וואָס צו געדענקען פון יענע „גוטע" צוואַנציק יאָר: די עסדעקישע פּיקעטן בײַ ייִדישע געשעפטן („ניע קופּוי או זשידאַ"), דעם נומערוס קלאַוזוס אַף די אוניווערסיטעטן, די פּאָגראָמען און פּשיטיק און אַנדערע עקסצעסן. יאָ, די פּוילישע פּאַנעס האָבן נאָכן זיג איבערן ברוין־שוואַרצן פאַשיזם געוואָלט, אָבער ניט געקאָנט צוריק קומען אין באַנײַטן פּוילן פאַרצוזעצן זייער שוואַרצע, בלוטיקע טעטיקײַט. מיר געדענקען און מיר טאָרן דאָס ניט פאַרגעסן. זייער ווילן איבערצונעמען די מאַכט באַלד נאָך דער באַפרײַונג איז געוואָרן באַגלייט מיטן קעלצער פּאָגראָם, מיט הונדערטער געמאָרדעטע ייִדן, וועלכע האָבן קוים זיך אַרויסגעריסן פון די היטלער־ראָצחים. דאָס אַלץ איז אַלע יאָרן געוואָרן געבענטשט מיט דער בראָכע פון קלער און פון די, וואָס האָבן גלײַך נאָך זייער מאַפּאָלע אויפגעשטעלט אַ נעץ פון די „וואָלנע אייראָפּעס". זיי האָבן ביז די לעצטע יאָרן געפאָרשט די געשיכטע פון יעדן פּוילישן מיניסטער: צי זײַן באָבע אָדער ווײַבס באָבע האָט ניט געצונדן ליכט ערעוו שאַבעס. הײַנט רײַטן זייערע יאָרשים אַפן זעלבן פערדל, מיט וועלכן זיי ווילן צוריק קומען צו דער מאַכט.

צו דער דאָזיקער „כאַסענע" האָבן זיך אומגעבעטן אָנגעשלאָסן די מעכוטאָנים אין ייִסראָעל. זיי האָבן שוין דאָס ייִסראָעל־פאָלק פאַרזאָרגט מיט אַלץ. עס איז זיי געבליבן צו זאָרגן נאָר פאַר אַנדערע. זיי פילן ניט, מיט וואָס עס „שמעקט" אונטער דער אייגענער נאָז פון אַזאַ זאָרגן פאַר אַנדערע. אַשטייגער, די קאַלטע מילכאָמע, וועלכע ווערט צעהיצט דורך דעם דרײַלינג: רייגאַן, הייג, ווײַנבערגער, וועמענס בלאָזן עס גייט איצט אין דער פּוילישער ריכטונג. אין דינסט פון די דאָזיקע אונטערצינדער האָט זיך געשטעלט בעגין מיט זײַן קאַפּעליע. מע האָט גענומען פאַנאַנדערשפּילן די קריגס־מאַרשן: „די דעמאָקראַטיע איז צעשטערט אין פּוילן".

ווי עס געשעט אין אַזעלכע פאַלן, האָט די אָפּאָזיציע זיך אָנגעשלאָסן אין אָרקעסטער, דער הויפּט־פידלער שימען פּערעס האָט אַף דעם אַנטי־פּוילישן קאָנצערט געשפּילט מיט זײַנע טענער באַם צעבלאָזן רייגאַנס מילכאָמע־פיבער. זיי אַלעמען איז דערווידער דער שווערער געראַנגל פון דער פּוילישער פאָלקס־מאַכט באַם נאָרמאַליזירן די ווירטשאַפט. אין זײַן אַנטי־פּוילישער אַרויסטרעטונג האָט פּערעס געפּרוווט זיך אַרויסהעלפן מיט ציטאַטעס פון מאַרקסן און לענינען, און דאָס אַפילע מיט לויב־ווערטער פאַר לענינען. ער האָט מיט שוואָכים דערמאָנט

די ראָליע פונעם סאָוועטנפארבאנד אין אָפּראטעווען טויזנטער ייִדן, וועלכע זײַנען אנטלאָפן פונעם אָקופּירטן דורך היטלערן פּוילן. ער האָט אויך דערמאָנט די האנדלונג פון דעם ראטנפארבאנד באם אנטשטיין פון דער ייִסראָעל־מעלוכע. אלזאָ, גאנץ פײַן פון זײַן זײַט. האָט ער אָבער די לויב־מאָטיוון אויסגעדרייט צו בעגינס זײַט. ציטירנדיק מארקסן, האָט ער געמאכט פאלשע אויספירן. אָט ציטירט ער מארקסן אין באצוג צו פּוילן: „א פאָלק קאָן ניט זײַן פרײַ, ווען עס אונטערדריקט א צווייט פאָלק". זייער א ריכטיקע ציטאטע, אָבער ניט אַף דעם ריכטיקן אדרעס. איז דאָך פּוילן א סוּווערענע מעלוכע, מיט אלע אטריבוטן לויט די אָנגענומענע אינטערנאציאָנאלע רעכט און האנדלונגען, און יעדע מעלוכע קאָן זיך אויסקלײַבן זײַן אָרדענונג, זײַנע פרײַנט און וועגן. דאָ ווילט זיך שוין פרעגן, ווי האלט עס, שימען פּערעס, מיט די רעכט פארן פּאלעסטינער פאָלק? דאָ זײַט איר דאָך אַף איין פּלאטפאָרמע מיט בעגינען און שאראָנען. יעדער געדאנק פון זעצן זיך מיט די פּאלעסטינער בא איין טיש צו באהאנדלען אונדזערע אָנגעווייטעקטע בלוטיקע פּראָבלעמען ווערט באטראכט און אָנגערופן דורך די הערשנדיקע קרײַזן ווי נאציאָנאלער פאראט. ווען דאָס קומט פון ניט־ייִד, הייסט עס בא זיי אנטיסעמיטיזם.

דער פאָרזיצער פון „מאראך" שימען פּערעס באנוצט זיך מיט באהויפּטונגען, גענומענע פונעם אנטיסאָוועטישן ארסענאל, מיט ניט ווייניק פעלשן פאקטן. און אויב עס פעלט אין ארבל א פעלשונג, שאפט מען דאָס. ער רעדט וועגן פרײַהײַט פון רעליגיע און געוויסן, וואָס זי ווערט, לויט אים, פארפאָלגט אין סאָוועטנלאנד און אין פּוילן. קעגן דעם איז, לויט אים, דאָס פּוילישע פאָלק קלוימערשט ארויס אין קאמף. דערבײַ ציטירט ער מארקסן און לענינען, אין וועלכע די צוויי גרויסע רעוואָלוציאָנערע דענקער האָבן דערמאָנט און געשריבן וועגן די נאציאָנאלע, קולטורעלע און רעליגיעזע רעכט. ער ברענגט ציפערן, וויפל צערקוועס און קאָשטשאָלן זײַנען געוואָרן געשלאָסן און וויפל רעליגיעזע טוער זײַנען געוואָרן ארעסטירט פאר אָנטיילנעמען אין רעליגיעזע צערעמאָניעס. דער עמעס איז אָבער אַן אנדערער. דער קלער, וואָס האָט פארלאָרן די מאכט ניט בלויז איבער זײַנע שעפעלעך, נאָר אויך איבער די אומבאגרענעצטע רײַכטימער, האָט באלד אויפגעהויבן די פארזשאווערטע שווערד אין קאמף קעגן די רעכט פונעם פאָלק אַף אָט די רײַכטימער. אין זײַנע ברוטאלע פארשווערונגען האָט ער ניט איין מאָל אײַנגעלאדן פרעמדע קויכעס, ווען זיי האָבן אָפּגעגעבן דעם פאָלקס פארמעגן.

דאָ קומט אַפן געדאנק א גאָר וויכטיקע פּראָבלעם אין ייִסראָעל, פון די, וועלכע פּערעס האָט אזוי ווייטעקלעך באריִרט אין זײַן קנעסעט־רעדע: מאָראל, געוויסן, רעליגיע און דעמאָקראטיע. אין די 29 יאָר הערשונג פון „מאראך" איז ניט איין מאָל געשטאנען אַף דער טאָג־אָרדענונג די פראגע: מי יעהודי — ווער איז א ייִד?!.. עס געדענקט זיך דער סקאנדאל מיט 10 טויזנט ייִדן, געקומענע פון אינדיע, ווען זייערס א מיידל האָט אין די 60־ער יאָרן זיך פארליבט אין א באָכער פון אייראָפּע. דאָס פארליבטע פּאָרל האָט ניט געקענט כאסענע האָבן, ווײַל דער ראבינאט האָט ניט אנערקענט די אינדישע ייִדן אלס ייִדן. און די צאָרעס, וואָס עס זײַנען אויסגעשאנען די געמישטע פּאָרלעך, בײַס אין לאנד האָבן געהערשט די „סאָציאליסטן" פון „מאפּײַ". וועגן דער פראגע פון רעליגיעזן צוואנג פאר מענטשן, וואָס האָבן שוין לאנג צוריק גענומען א געט, איז איבעריק צו דערמאָנען.

ביז הײַנטיקן טאָג ווערט צוליב דער קאָאליציע־שפּיל אויסגעהאלטן דער קלעריקאלער אפּאראט מיט זײַן דרוק, און קיינער וואגט ניט אויפהייבן די פראגע אין דער שײַן פון א קאָנסטיטוציע פון דעמאָקראטיע און פּראָגרעס. אָט דאָס הייסט באם „סאָציאליסט" פּערעס פרײַהײַט פון רעליגיע און געוויסן.

פּערעס האָט אין זײַן רעדע ניט ווייניק ווערטער געווידמעט די סאָוועטישע ייִדן, וועלכע קאָנען זיך קלוימערשט ניט אויסלעבן אין זייער ייִדישער קולטור. ווי זעט אויס די באציִונג אין ייִסראָעל צו דער ייִדישער קולטור? לויט אָפּיציעלע געגעבענע, לעבן אין לאנד בא א האלבן מיליאָן בירגער, וועלכע ריידן ייִדיש. מע וויל אָבער מיט קויעך אָנהאלטן די טראדיציעס, וואָס ציִען זייערע פעדעם אזש צו אווראָהאָם אָווינו, וועלכער זאָל האָבן געלעבט מיט טויזנטער יאָרן צוריק, נאָר פון דער נאָענטער קולטור פון די ייִדישע קלאסיקער רײַסט מען אָפּ אלע צווײַגן. פאר זיי איז ניטאָ קיין איין שול און פאָרשול, ווו מע זאָל קענען לערנען ייִדיש. דאָ פּאסט דאָס ייִדיש ווערטל: „מיט אומריינע הענט ווײַזט מען ניט אַף יענעמס נאָז".

צום סאָף ווילט זיך זאָגן, אז דאָס פּוילישע פאָלק וועט ארויס פון דער שווערער לאגע אָן דער הילף און אײַצעס פון די בעגינס און אויך אָן דער „גוטהארציקייט" פון די פּערעסעס.

ייִסראָעל יאנקעלעוויטש
(„דער וועג", ייִסראָעל)

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

לעשעם פינקטלעכקײַט...

אין דער צווייטער העלפט דעקאַבער פונעם פאַריקן יאָר האָט אַ פינף־פּערזאָניקע דעלעגאַציע פון דער ייִסראָעלדיקער געזעלשאַפטלעכקײַט באַזוכט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד לויט דער אײַנלאַדונג פונעם סאָוועטישן קאָמיטעט פאַר פאַרטיידיקן דעם שאָלעם. דאָס אויסטוישן זיך פון צײַט צו צײַט מיט אַזעלכע קאָנטאַקט־גרופּעס, ניט געקוקט אויף דער אָפּוועזנהײַט פון דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען צווישן ביידע לענדער, איז בעליסאָפעק נוצלעך אין פּראַט פון אײַנשטעלן אַן אַטמאָספער פון גוטן ווילן.

פאַרסאַכאַקלענדיק די רײַזע, האָט די דעלעגאַציע איבערגעגעבן אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ אין מאָסקווע אַ דערקלערונג, וועלכע רופט אַרויס צופרידנקײַט. „מיר דאַנקען פון גאַנצן האַרצן, — ווערט געזאָגט אין דער דערקלערונג, — פאַר דער אײַנלאַדונג פונעם סאָוועטישן שאָלעם־קאָמיטעט, וועלכע האָט אונדז דערמעגלעכט צו באַזוכן אין מעשעך פון 11 טעג דעם ראַטנפאַרבאַנד. טראָץ די באַדינגונגען איבערן שווערן ווינטער־וועטער, האָבן די גאַסטגעבער געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען, קעדיי מיר זאָלן קענען באַזוכן ווי ווײַט מעגלעך מער ערטער, זען די פּראָצעסן אין דער פּראָדוקציע, זען די וויסנשאַפטלעכע דערציִונגס־ און קולטור־אינסטיטוציעס“.

די דעלעגאַציע האָט סומירט אירע אײַנדרוקן פון דער רײַזע אויף אַזאַ אופן: „בעשאַס אַלע באַגעגענישן האָבן מיר זיך איבערצײַגט, אַז ס'איז זייער טיף און אויפריכטיק די זאָרג פונעם סאָוועטישן פאָלק פאַר אָפּהיטן דעם שאָלעם אויף דער וועלט און פאַר פאַרמײַדן אַ נײַע מילכאָמע... מיר האָבן זיך איבערצײַגט, אַז די לאַגע אין מיטעלן מיזרעך באַזונ־מילכאָמע... דערס די סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכקײַט און די אָנפירער פון דער סאָוועטישער פּאָליטיק“...

צו אונדז איז דערגאַנגען דער טעקסט פון אַן אינטערוויו, וועלכן די אָנטיילנעמער פון דער דעלעגאַציע כײַקע גראָסמאַן האָט געגעבן דער טעל־אוויווער „מאַפּאַם“־צײַטונג „ייִסראָעל־שטימע“ (פון 19 יאַנוואַר ד. י.). פאַראַן דאָרט איינִיקע אָביעקטיווע באַאָבאַכטונגען, האַגאַם גאַנץ נאַיִווע לויט זייער „נײַקײַט“ און „אַנטדעקערישקײַט“, אָבער, ווי געזאָגט, אָביעקטיווע, און דאָס איז גענוג, זיי זאָלן פון אונדזער זײַט אָפּגעמערקט ווערן. די „מאַפּאַם“־טוערן טיילט מיט, לעמאָשל, אירע אָנהענגער, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד „זײַנען די מענטשן גוט אָנגעטאָן“, זיי „האָבן וואָס צו עסן“, „דאָס סאַמע בוילעטסטע איז — די ריזיקע אינוועסטיציעס אין קינדער־דערציִונג“, „דאָס דירע־געלט איז נידעריק און נעמט אויך אַרײַן באַהייצונג. אַפּילע אין די סאַמע נעבעכדיקע הײַזער איז פאַראַן באַהייצונג“, און אַנדערע אַזעלכע „נײַע“ פאַר געוויסע קרײַזן פעסטשטעלונגען. כײַקע גראָסמאַן האָט אין סאָוועטנפאַרבאַנד „ניט געזען קיין פאַרסאַמטע מיט נאַרקאָטיק, ווי אויך קיין בעטלערס, אָנגעטאָנענע אין שמאַטעס“...

דאַרף מען זי באַגריסן פאַר איר גרויסער פײַיִקײַט צו באַאָבאַכטן דאָס לעבן, איבערהויפּט אין אַזאַ וועלט־מעדינע, ווי דער סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכער ווײַזט די פעלקער פון דער וועלט דעם וועג צו אַ נײַער סאָציִאַלער אָרדענונג, צום קאָמוניזם. איבערהויפּט איז געווען צום האַרצן דער פאַרשטייערן פונעם „מאַרקסיסטיש“־ציִעניסטישן „מאַפּאַם“, וואָס עס האָבן זיך מיט זיי געטראָפן דיסידענטישע עלעמענטן — „זיי האָבן אַפּילע אײַנגעאָרדנט כאַנעקע־מעסיבעס און געזונגען העברעיִשע לידער“...

שליסנדיק דעם אינטערוויו, האָט כײַע גראָסמאַן געזאָגט: „אין דער אונטערשטער שורע איז די אַטמאָספער געווען אַ גוטע, און מיר האָבן זיך פרײַנטלעך געזעגנט. פאַרשטייט זיך, אַז יעדער איינער מיט זײַן מיינונג און אינטערעס. קיינער האָט ניט אויפגעהערט צו זײַן דאָס, וואָס ער איז“...

איז געבליבן פעסטשטעלן: ווען איז כײַקע גראָסמאַן „דאָס, וואָס זי איז“ — דאַן, ווען זי גיט די אויבנגעבראַכטע אָפּשאַצונגען, אָדער ווען זי נידערט אַראָפּ אין זעלבן אינטערוויו ביז צום ביליקן פּראָפּאַגאַנדע־נוסעך, לעמאָשל — „וואָס ווילט איר, אַז מענטשן (אין סאָוועטנפאַרבאַנד — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד“) זאָלן שמייכלען בײַ מינוס 19 גראַד?!“, אָדער — „די הײַזער זײַנען פאַרנאַכלעסיקט און די קאָרידאָרן־טרעפּ — אין אַ שווערן מאַצעוו“, אָדער — „מיר האָבן דאָרט געזען אַ פיזיקער, וואָס אַרבעט בײַם רייניקן מיט די הענט דעם שנײ פון די טראָטואַרן“...

10*

באַזונדערס איז זי „דאָס, וואָס זי „איז, ווען עס גייט א רייד וועגן דעם באַזוך אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פון פיר דעלעגאַציע־מיטגלידער (האַראָוו מענאַכעם האַקויהען איז ניט בײַגעווען). כײַקע גראַסמאַן האָט געפּאַסקנט: „אויב דאָס דאַרף זײַן דער אויסדרוק פונעם ייִדישן שטייגער, אָדער אַן אַליבי אַף דעם, אַז זיי אונטערדריקן ניט די ייִדי־שע קולטור — האָבן זיי מאַצליִעך געווען צו באַווײַזן דאָס פאַרקערטע. דער באַזוך האָט אונדז אַרײַנגעבראַכט אין א געדריקטער שטימונג".

אונדזערע לייענער האָט דאָס מאָל אָפּגעגליקט. מיר קאָנען אים געבן די מעגלעכקייט אַליין צו אורטיילן וועגן דעם שמועס, וועלכער איז בייס אָט דער באַגעגעניש פאַרגעקומען.

פאַרנאָטירונג פונעם שמועס אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

דעם 22 דעקאַבער 1981 האָט א דעלעגאַציע פון געזעלשאַפטלעכע טוער פון ייִסראָעל באַזוכט די רע־דאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד". אין דער באַגע־געניש האָבן אָנטיילגענומען דאַוויד כינין (ייִסראָעל־דיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, מיטגליד פון פּאָליטביו־ראָ און סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט), קנע־סעט־דעפּוטאַט אָרא נאַמיר (אַרבעטס־פּאַרטיי, מיטגליד פון דער אָנפירונג פונעם צק), כײַקע גראַסמאַן (מאַ־פּאַם, סעקרעטאַר פון צק, געוועזענער דעפּוטאַט פון קנעסעט), סאַלעם דזשובראַן (ייִסראָעלדיקע קאָמפּאַר־טיי, מיטגליד פון צק); פון דער רעדאַקציע פון „סאָ־וועטיש היימלאַנד" — דער הויפּט־רעדאַקטאָר אַרן ווערגעליס, שטעלפאַרטרעטער פונעם הויפּט־רעדאַק־טאָר כאַים ביידער, מיטגלידער פון דער רעדקאָלעגיע יויסעף שוסטער און באַריס מאַגילנער, ווי אויך א גרופּע צוהערער פון דער ייִדישער אָפּטיילונג פון די העכסטע ליטעראַרישע קורסן באַם מאָסקווער ליטע־ראַרישן אינסטיטוט אַף מ. גאָרקיס נאָמען.

ווײַטער ווערט געגעבן א געקירצטע פאַרנאָטירונג פון דעם מיינונגס־אויסטויש, וועלכע ס'האָט געפירט איינער פון די צוהערער פון די העכסטע קורסן — מוישע פּענס.

פאַרן מיינונגס־אויסטויש שטעלן פאַר א. ווערגע־ליס און ד. כינין די אָנטיילנעמער פון דער באַגע־געניש. א. ווערגעליס זאָגט, אַז אויב די געסט דער־ווידערן ניט, וועלן צוויי בײַוויזנדע סטודענטן פון די העכסטע ליטעראַרישע קורסן פאַרפּראָטאָקאָלירן דעם שמועס, אַף וויפל אין זייער לערן־פּראָגראַם איז פאַ־ראַן א טעמע וועגן שעפערישע קאָנטאַקטן פונעם זשורנאַל.

אָ. נאַמיר. איך וויל פאַרגעבן מיטאַמאָל א גאַנץ צעטל פראַגן, וואָס אויב אײַך איז באַקוועם, קאָנט איר ענטפערן אַף יעדערער באַזונדער אָדער אין איין אָטעם.

כ. ביידער. זאָגט טאַקע אַרויס אַלע פראַגן, וועט עפּשער גרינגער זײַן זיי צונויפנעמען אין איין לאָ־גישן קאָמפּלעקס.

אָ. נאַמיר. אָט וואָס מיך אינטערעסירט:

— די צילן פון אײַער זשורנאַל; ווער לייענט אים? וויפל ייִדן ריידן אין אײַער לאַנד אַף ייִדיש? וואָס ווערט געטאָן, קעדיי אונטערהאַלטן די קולטור אַף ייִדיש?

א. ווערגעליס. פאַקטיש איז דאָס איין פראַגע, און איך טראַכט, אַז מע קאָן פון דעם אָנהייבן דעם שמו־עס. אויב איר לייענט „סאָוועטיש היימלאַנד", וואָלט מען געקאָנט דערוואַרטן פון אײַך אַליין אַן אינפאָר־מאַציע וועגן דער אָנגערופענער פּראָבלעם...

אָ. נאַמיר. איך לייען ניט „סאָוועטיש היימלאַנד".

י. שוסטער. האָט אײַך טאַקע גאָט געשטראָפט פאַר דעם, און איר האָט געמוזט דורכמאַכן אַזא לאַנגן וועג, קעדיי זיך דערוויסן דאָס, וואָס מע קאָן אויסלייענען פונעם זשורנאַל, זיצנדיק אין א באַ־קוועמען פאָטעל בא זיך אין דער היים.

אָ. נאַמיר. ווען גאָט זאָל מיך שטראָפן פאַר אַזעל־כע זאַכן, וואָלט איך שוין געווען, וווּהין זיך אַהינ־צוטאָן. און דאָך וועל איך אײַך זאָגן, אַז איך ווייס יאָ, וואָזוי צו ענטפערן אַף אייניקע פראַגן, וואָס כ'האָב דאָ געשטעלט. לעמאָשל, ס'איז פאַרשטענד־לעך, אַז דער ציל פון א זשורנאַל איז דרוקן נײַע מאַנוסקריפּטן פון שרײַבער און אַז א ייִדישן זשור־נאַל לייענען ייִדישע לייענער. אָבער ס'ווילט זיך, אַז איר אַליין זאָלט אונדז דערציילן וועגן אײַערע קול־טור־נײַסן.

ב. מאַגילנער. מיט א צײַט צוריק האָבן מיר אַרויסגעלאָזט וועגן אָט די פראַגן א ספּעציעלע בײַ־לאַגע צו „סאָוועטיש היימלאַנד" אונטערן נאָמען „סאָ־וועטישע ייִדן: פאַקטן און ציפערן". דאַכט זיך, אַז דער כ' ווערגעליס האָט איבערגעשיקט די דאָזיקע בײַלאַגע אין דער ייִסראָעלדיקער פּרעסע מיט א באַ־קאָשע צו פאַרעפנטלעכן די פאַקטן—האָט אָבער די ייִדישע פּרעסע אײַערע, כאָטשעווע אָרא נאַמיר, ניט געפונען קיין אָרט פאַר אַזא אינפאָרמאַציע.

כ. ביידער. דערפאַר אָבער זשאַלעוועט זי ניט קיין אָרט צו איבערכאַזערן, ווען מע דאַרף און ווען מע דאַרף ניט, די זעלבע פראַגן מיטן ציל צו שאַפן דעם אײַנדרוק, אַז זיי ווערן ניט געלייזט.

כ. גראַסמאַן. ווען דער זשורנאַל מיט זײַן בײַלאַגע וואָלטן דערשינען אין איוורית, דאַן וואָלטן מיר זיי געלייענט.

א. ווערגעליס. אָבער קודעמקאָל לאָמיר ענטפערן אָף פראַגן. די געסט ווײַזן ארויס צו זיי אַן אינטע־רעס, און מע קאָן האָפן, אז זיי וועלן אונדזער אופ־קלערונג איבערגעבן אָביעקטיוו אין די סוויוועס, ווו זיי לעבן און ארבעטן. דעם עמעס גערעדט, ליגט דאָ אפן סאַמע אויבערפלאַך א געוויסער פּאַראַדאָקס, וואָס אליין דאָס אופקלערן אים וועט ברענגען נוצן. ער באַשטייט אין דעם, וואָס, אלס קלאַל, ווענדן זיך צו אונדז מיט אזעלכע פראַגן מענטשן, געקומענע פון לענדער, ווו פון כוידעש צו כוידעש, פון יאָר צו יאָר ווערט אלץ מער אײַנגעשרומפּן די ליטעראַטור און קולטור אָף יידיש, אין דער צײַט, ווען מיר, אין סאָוועטנפאַרבאַנד, טיילן מיט קימאַט אין יעדן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" נײַס וועגן שעפערישע אנט־וויקלונגען, וועגן צוגעקומענע אויסגאַבעס און אינ־סטיטוציעס פון יידישער קולטור. אָט, לעמאָשל, זײַ־נען מיר היינט בײַגעווען אָף א פּרעמיערע פון א נײַער שטעלונג אין דעם מאָסקווער יידישן דראַמא־טישן קאָלעקטיוו — מיר האָבן געזען די פּיעסע „קאָ־מעדיאַנטן" לויט שאָלעם־אליכעמס „בלאָנדזשנדע שטערן". ווען איר זאָלט בײַזײַן אָף דער שטעלונג, וואָלט זיך געפרייט באַ אײַך דאָס האַרץ... פאַרשטייט זיך, אויב איר האָט ליב יידיש.

א. נאמיר. ווען זיי שפּילן אָף איווריט, איז אוואַ־דע...

י. שוסטער. פאַרוואָס אָף איווריט? באַ אונדז ריידן די יידן אָף יידיש.

כ. ביידער. ס'איז אלעמען באַוווּסט, אז „האַבימאַ" איז געשאַפן געוואָרן אונטער דער האַשפּאָע פונעם רוסישן סאָוועטישן טעאַטער, אָבער א צושויער פאַר זיך האָט ער געפונען אין פּאַלעסטינע, ווו די אומ־גאַנג־שפּראַך, באַגלײַך מיט יידיש, איז צו יענער צײַט שוין געווען איווריט.

א. נאמיר. געזעצן — צי איווריט, צי יידיש — גיט מען ארויס ניט באַ אײַך, נאָר באַ אונדז.

א. ווערגעליס. אזעלכע, אין גענדזנפּיסלעך, „גע־זעצן" שרײַבט אליין דאָס פאָלק, און אין יעדן לאַנד אָף זײַן אופן, אין איינקלאַנג מיט די אָרטיקע באַ־דינגונגען. דערלויבט אָבער פאַרזעצן מײַן אינפאָר־מאַציע. דאָ זיצן מיט אונדז סטודענטן פון איינער פון די אוניקאַלסטע סאָוועטישע הויכשולן, ווו מיר האָבן געעפנט א יידישע אָפּטיילונג. דאָס איז אַן איניען פון די סאַמע לעצטע כאַדאָשים. איז עס א נײַע אנטוויקלונג, צי ניט? דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט לעצטנס אָנגעהויבן ארויסגעבן אַן אייגענע ביכער־ביבליאָטעק. אויסער דעם, דער־שײַנען אָן אופהער אונדזערע ווערק אין פאַרשיידענע פאַרלאַגן. דאָ אפן טיש ליגן באַ צוויי צענדליק ביכער פון יידישע סאָוועטישע שרײַבער, וועלכע זײַנען ארויסגעגאַנגען אָף פאַרשיידענע שפּראַכן אין 1981. טאָט זיי א בלעטער. אין ערגעץ באַקומט ניט דער לייענער אזעלכע מוסטערהאַפטע אויסגאַבעס פון יידי־שער ליטעראַטור מיט אזעלכע גרויסע טיראַזשן.

א. נאמיר. און ווו זײַנען די העברעיִשע ביכער אײַערע?

א. ווערגעליס. העברעיִשע ביכער ווילן מיר באַקו־מען פון אײַך, קדיי זיי רעצענזירן אין „סאָוועטיש היימלאַנד" און, מעגלעך, איבערזעצן אָף יידיש פאַר אונדזערע לייענער. דאָ איז אונדזער שמועס ארויף אָף דער טעמע וועגן שעפערישע קאָנטאַקטן. די פּראָבלעם באַשטייט אין דעם, וואָס פון אונדזער זײַט קומען באַ יעדער געלעגנהייט קאָנקרעטע פאַרשלאָגן אין דעם פּראַט, און דער ענטפער פונעם יִסראַעלדיקן שרײַבער־פאַריין, פון דער צײַטשריפט „די גאָלדענע קייט" און פון אנדערע איז א נעגאַטיווער.

כ. גראָסמאַן. אײַער באַשולדיקונג דאַרף באַשטע־טיקט ווערן מיט פאַקטן.

א. ווערגעליס. ערשט ניט לאַנג צוריק האָבן די יִסראַעלדיקע קאָרעספּאָנדענטן אין מאָסקווע — צו־ערשט רות ליוביטש און שפּעטער עטל קלינגער — פאַרעפנטלעכט געוויסע שמועסן מיט מיר, ווו אין נאָ־מען פון די סאָוועטישע יידישע שרײַבער איז ארויס־געזאָגט געוואָרן אונדזער פּרינציפּיעלע שטעלונג. זי איז גאַנץ קלאָר: דער סאָוועטישער לייענער וויל באַ־קומען דאָס בעסטע, וואָס עס שאַפט די ליטעראַטורן פון אײַער לאַנד; איר, פון אײַער זײַט, זײַט באַרופן צו דערפירן צום יִסראַעלדיקן לייענער דאָס בעסטע, וואָס עס שאַפן די סאָוועטישע יידישע שרײַבער. דאַכט זיך, אז קיין וואָלקנס אָף אָט דעם ריינעם הימל איז ניט שײַעך אָנצוהויפן. און דאָך... אלע מאָל איז דער יִסראַעלדיקער צאַד פול מיט כשאָדים. מע איז באַ אײַך לאַכלוטן טויב צו אזאַ שטעלונג, און אָנש־טאָט קאָנטאַקטן ווערט קולטיווירט אין דער יִסראַעל־דיקער פּרעסע בייזווויליקע דעזינפאָרמאַציע.

כ. גראָסמאַן. קאָנטאַקטן וואָלטן געווען, ווען איר הערט זיך בעסער צו צו אונדז.

א. ווערגעליס. וואָס וועלן מיר דאַן דערהערן?

א. נאמיר. איר וועט דערהערן, איר וועט זיך דער־וויסן, אז אין יִסראַעל דאַרף מען זיך קאָנטאַקטירן מיט די שרײַבער פונעם איווריט־דאָר, מיט די, וואָס גיבן איבער די שטימונגען פון נאָך דער זעקסטאָגי־קער מילכאָמע, און איר האַלט נאָך אלץ באַ שליאָנ־סקין און אגנאָנען.

ב. מאַגילנער. איר האָט, ווײַזט אויס, אין זינען די שמועסן מיט אווראָם שליאָנסקין אין דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" און אַרן ווערגעליסעס באַגע־געניש מיט אגנאָנען אין לאָנדאָן...

א. נאמיר. איך בין געבוירן אין יִסראַעל, ס'הייסט, אז איך בין א סאַברע. ביז א געוויסער צײַט האָב איך ביכלאַל וועגן אײַך ניט געוווּסט. מײַן מאַן, דער יִסראַעלדיקער אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע, האָט מיר דערציילט וועגן זײַנע שמועסן מיט ווערגעליסן, און דאָס האָט אָנגעשטויסן, איך זאָל היינט קומען אַהער צו אויסקלאָרן אייניקע וויכטיקע פאַר מיר פראַגן. פּסיכאָלאָגיש זע איך די זאַך אזוי: איר זײַט קאָנ־סערוואַטיוו בענוגייע יִסראַעל, ווײַל דער געקומענער פון מיזרעך־אייראָפּע דאָר איז שוין אָפּגעגאַנגען באַ אונדז, און מיר, די נײַע יִסראַעלים, פירן שוין העכער דרײַ צענדליק יאָר מילכאָמעס. איר וואָלט בע־סער פאַרשטאַנען אונדזערע שטרעבונגען און געפילן, ווען איר זאָלט לייענען און איבערדרוקן די ווערק אונדזערע, פון אונדזער ליטעראַטור, וואָס זײַנען פאַר־פאַסט אָף איווריט. און וואָס שײַעך דער אויסגאַבע „די גאָלדענע קייט", וועט זי אײַך גאָרנישט ניט זאָגן.

י. שוסטער. עס דערמאָנט זיך, אז צווישן דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד" און דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער „גאָלדענער קייט" איז געווען א צונויפגערעדטקײַט צו טוישן זיך מיט נו־מערן פון די אויסגאַבעס. אווראָם סוצקעווער האָט אָבער אונטערן טערעץ פון דער מילכאָמע אפן נאָ־

ענטן מיזרעך זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרווירקלעכן די אידיי. איר ווייסט וועגן דעם?

אָ. נאמיר. „די גאָלדענע קייט" לייען איך ניט.

ב. מאָגילנער. אַנטשולדיקט פאַר א שאַרף וואָרט, נאָר ס'באַקומט זיך, אז ניט „סאָוועטיש היימלאַנד", ניט „די גאָלדענע קייט", ניט די ווערק, וואָס זײַנען בא אײַך און בא אונדז אָנגעשריבן אַף ייִדיש, לייענט איר ניט. ווי אַזוי זשע קאָנט איר אורטיילן וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור און וועגן דער ייִדישער קולטור? ווי ס'איז צו זען פון אונדזער שמועס, רעדט איר גוט אַף ייִדיש, און איך וועל זיך ניט כידעשן, אויב מאָרגן וועט איר, צוליב פאַרטייִשע צוועקן, ווערן א ייִדישיסטקע. איצט אָבער איז פאַראַן צו אײַך אַזא באַקאָשע: מערער אָפּשײַ צו דער קינסטלערישער שאַפונג און צו די געדרוקטע אויסגאַבעס אַף א באַליביקער שפּראַך, וואָס דאָס פאָלק באַנוצט...

כ. גראָסמאַן. מיט קיין שאַרפן טאָן וועט איר אונדז ניט אַראָפּשלאָגן פון דער פאַנטאַליקע. איך קען סוצקעווערן נאָך פון ווילנע, אָבער דאָס ברענגט ניט אַרײַן קיין קאָרעקטיוו אין מײַן שטעלונג. איווריט איז נייטיק, קעדיי דאָס פאָלק אין פאַרשיידענע לענדער זאָל זײַן איינהײַטלעך, און ייִדיש קאָן ניט זײַן קיין אַלגעמיינע אומגאַנג־שפּראַך, אַזעלכע קויכעס האָט בלויז איווריט. נאָך אין 1946, ווען איך האָב באַזוכט אַמעריקע, — און דאָרט האָבן נאָך דעמלט געלעבט אַזעלכע גדוילים, ווי לייוויק, — האָב איך שוין אין די ניו־יאָרקער קרײַזן דערפילט, אז ייִדיש איז אונטערגעגאַנגען.

אָ. נאמיר. ס'איז פּאָשעט א כידעש, פאַרוואָס איר האַלט זיך מיט אַזעלכע צוואַנגען פאַר אָט דעם ייִדיש, וואָס שטאַרבט אינגאַנצן אָפּ...

כ. ביידער. האַקלאַל, איר ביידע זאָגט אַרויס אַרגומענטן פאַר דער טעאָריע פון אַן איינהײַטלעך, קלאַסנלאָז ייִדיש וועלט־פאָלק. אין פּראַט פון ליטעראַטור, פּונקט ווי אין לעבן, איז אײַער פּאָזיציע גרונטלאָז.

כ. גראָסמאַן. יעדערער שטייט אַף זײַן פּאָזיציע. איך דאַרף דאָ דערמאָנען, אז מאַפּאַם האָט אָנגעהויבן ווי א מאַרקסיסטישע פאַרטיי...

א. ווערגעלים. איך זע, כאָשעווע כײַקע גראָסמאַן, אז, ריידנדיק וועגן דעם מאַרקסיזם פון מאַפּאַם, פילט איר זיך ניט אַמבעסטן. ס'איז טאַקע בעפיירעש א כילעל־האַשעם אַזוי צו מיינען. אָבער לאָמיר פאָרזעצן צו שמועסן וועגן קאָנטאַקטן. אַן ערעך מיט א יאָר צוריק האָבן מיר דאָ געהאַט א דעלעגאַציע פון ייִסראָעלדיקע פאַרלאַמענטאַריער. איינער פון די לידערס פון אײַער פאַרטיי, כאָשעווע כײַקע גראָסמאַן...

כ. גראָסמאַן. איר מיינט נאַפטאָלע פעדערן?

א. ווערגעלים. יאָ, טאַקע ער האָט מיט אינטערעס אויפגענומען אונדזערע פאָרשלאָגן צו די ייִסראָעלדיקע ליטעראַרישע קרײַזן, און דערפאַר, ווי איר ווייסט, האָט מען אים שפּעטער אין ייִסראָעל גוט אַרײַנגעלייגט אין קאָלנער...

אָ. נאמיר. איך ווייס ניט וועגן דעם...

כ. גראָסמאַן. ניין, עפּעס איז טאַקע געשען, אָבער בא אונדז איז דעמאָקראַטיע. פעדער האָט אַזא מיינונג, און אַן אַנדערן געפעלט זי ניט...

א. ווערגעלים. מיר ריידן דאָך וועגן פּרינציפּן, און ניט וועגן פאַרבײַגייענדיקע פּערזענלעכע געשמאַקן... פאַר ליטעראַטור־קאָנטאַקטן איז וויכטיק צו שאַפן א גינסטיקע אַטמאָספער, א פאַראַנטוואָרטלעכן צוגאַנג. נאַפטאָלע פעדער האָט, אומקערנדיק זיך אַהיים, נאָך ניט באַוויזן צו עפענען דאָס מויל און איבערגעבן דעם טאָך פון אונדזערע שמועסן, ווי ס'איז אַרויסגעשפּרונגען מיט א „קאָמוניקאַט" אין דער הערשנדיקער פּרעסע ייִצכאָק קאָרן — א ספּעקוליאַנט אַפן ייִדיש־מאַרק, וועמען ציִעניסטישע אינסטאַנצן האָבן אַוועקגעשטעלט, קעדיי אַוועקלאַקכענען דעם שעפערישן קוועך פון דער ייִדישער קולטור לעטויוועס געווויסע צילן — אָט דער ייִצכאָק קאָרן האָט אָן קיין שום וואַקלונגען אַרופגעלייגט א פאַרבאָט אַפן דיִאַלאָג מיט „סאָוועטיש היימלאַנד". פאַרשטייט זיך, אז איך קאָן נאָר באַדויערן אַזא אַטמאָספער... ווי מיר פאַרשטייען, זײַנען פאַראַן צווישן אײַערע קולטור־שעפער ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס ווײַזן אַרויס אַכרײַעס. דאָס בילד פון דער ייִסראָעלדיקער ליטעראַטור איז ביכלאַל ניט געמאָלט פון איין פאַרב. אויב איר לייענט ניט אַף ייִדיש, קאָנען מיר אײַך אונטערזאָגן די נעמען פון עטלעכע זייער אינטערעסאַנטע ייִסראָעלדיקע שריפטשטעלער, לעמאָשל...

כ. גראָסמאַן. ווער געפעלט אײַך?

א. ווערגעלים. אַגעוו, דער זעלבער סוצקעווער איז לויטן פּראָפעסיִאָנעלן ניוואָ צווישן די ווייניק פאַרבליבענע טאַלאַנטפולע ייִדישע פּאָעטן. לעצטנס האָבן מיר אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרעפנטלעכט יויסעף פּאַפּערניקאָווס גוטע לידער.

אָ. נאמיר. פּאַפּערניקאָוו? אַזא פּאָעט געדענק איך קוים.

ב. מאָגילנער. דאָ האָט מען אונדז געזאָגט, אז איר זײַנט דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע פאַר בילדונג און קולטור אין קנעסעט, און אויב איר ווייסט ניט די ייִדישע שרײַבער...

כ. גראָסמאַן. מע קאָן פאַרלייגן, ס'זאָל אין אונדזער אַנערקענונג, אז מיר ווייסן ניט דאָס שאַפן פון די שרײַבער אין ייִדיש, געזאָגט ווערן דאָס וואָרט „לײדער"...

כ. ביידער. דאָס איז שוין א דערגרייכונג.

א. ווערגעלים. יויסעף פּאַפּערניקאָוו איז, דאַרף איך זאָגן, ווײַט־ווײַט ניט קיין קאָמוניסט. זײַנע מאָטיוון אין דער דיכטונג זײַנען קיבוץ־מאָטיוון, און איינצײַטיק דערמיט טוט ער אָפּט א שײַן אויף מיט פרײַדענקערישע לידער אין נוסעך פון דעם קריטישן רעאַליזם. אונדז, סאָוועטישע לייענער, געפעלט אַזא דיכטונג מיט איר פאַרוואָרצלטער בילדערישקײַט און פּראָפעסיִאָנעלער מײַסטערשאַפט. איך וויל זיך ניט מישן אין די איניאָנים פון אײַער פאַרלאַמענט־קאָמיסיע, כאָשעווע אָרא נאמיר, נאָר זאָגן וויל איך אײַך, אז גראָד פונעם שטאַנדפּונקט פון אײַערע אויפגאַבן וואָלט איר געדאַרפט די שאַפונג פון יויסעף פּאַפּערניקאָוון אַרײַנשטעלן אין אַלע שול־פּראָגראַמען. דערווײַל האָף איך, אז נאָך פּאַפּערניקאָווס אומקערן זיך קיין ייִסראָעל פון אויסטראַליע, וווּהין ער איז אָפּגעפאָרן אַף א צײַט, קעדיי בא אייגענע מענטשן זיך אָנוואַרעמען די מידע ביינער, האָט איר, דאָס הייסט די מאַכטהאָבנדיקע קאָמיסיעס פון טעל־אָוויוו, אים סאָפּקאָלסאָף אַראָפּגעפירט פונעם געדונגענעם בוידעם־צימער, ווו לויט אונדזערע באַגריפן איז ניט מעגלעך ניט צו לעבן, ניט צו שאַפן פּאָעזיע, — אין א נאָרמאַלער דירע...

אָ. נאמיר. איך פאַרשטיי ניט, וואָס איר רעדט דאָ...

כ. גראָסמאַן. וועגן פּאָפּערניקאָוון וועל איך איר שפּעטער דערציילן... בעסער זאָגט אונדז גענויער וועגן די שעפערישע קאָנטאַקטן. צווישן די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער איז די פראַגע אויפגעשטאַנען בלויז אין דער לעצטער צײַט, צי אויך פריִער?

א. ווערגעלים. זינט „סאָוועטיש היימלאַנד" עקזיסטירט, דרוקן מיר די בעסערע ווערק פון ייִדישע שרײַבער אין אויסלאַנד, אַרײַנגערעכנט די ייִשׂראלדיקע. אויך די פאָרשלאָגן אונדזערע וועגן אַן אויסטויש מיט ליטעראַרישע ווערק זײַנען שוין געוואָרן אַ טראַדיציע, פונקט אַזוי ווי דאָס אָפּזאָגן זיך פונעם ייִשׂראלדיקן צאַד. מע קאָן אַלס בײַשפּיל דערמאָנען מײַנעם אַן אָפענעם בריוו אויף דער זעלבער טעמע, וועלכער איז מיט יאָרן צוריק פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער איווריט־צײַטונג „האַאַרעץ", אָדער, לעמאָשל, די אָפיציִעלע ווענדונג פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" צום העברעיִשן שרײַבער־פאַריין פון ייִשׂראל און דעם אָפיציִעלן אָפּזאָג צו פירן קאָנטאַקטן, וועלכן די העברייער האָבן אונדז צוגעשיקט...

ד. כינין. איך גלייב, אַז אַלע בײַוועזנדע פאַרשטייען, פאַרוואָס איך און דער כאַווער דזשובראַן האָבן זיך דאָ אָפּגעהאַלטן אַרײַנצוטרעטן אין דער פּאָלעמיק. איין זאַך אָבער מוז איך זאָגן: עס כידעשט, וואָס די פראַגע וועגן קאָנטאַקטן ווערט אַזוי פאַרקאָמפּליצירט און שטענדיק אָפּגעפירט אין אַ זײַט דורך איין צאַד. די סאָוועטישע כאַווײרים לייגן דאָך פאָר אַ פּאָשעטע זאַך: זיך טוישן מיט קולטור־ווערטן לעטויוועס די לייענער. און צי דאַרף מען באַלעסטיקן אָט די קלאָרע רייד מיט פאַרשיידענע רעקאָמענדאַציעס און פאָדערונגען, וואָס האָבן צו דעם קיין שײַכעס ניט? יעדע נאַציִאָנאַלע סוויווע לייזט בא זיך אין לאַנד, מיט וואָס פאַר אַ שפּראַך זיך נוצן און וועלכע ווערק צו שאַפן אויף אָט דער שפּראַך. אויב אַנערקענען אַזאַ זאַכלאַגע, איז שוין ניט שווער צו באַשטימען די קאָנקרעטע פאָרמען און אויסדרוקן פון שעפערישע קאָנטאַקטן. איך האַלט, אַז גראָד וועגן דעם דאַרף גיין אַ רייד, און ווען מיר וועלן זיך אומקערן אַהיים, וועלן מיר ווי ווײַט מעגלעך אויפווירקן, אַז די אַטמאָספער זאָל געלינדערט ווערן.

א. ווערגעלים. איידער מיר פאַרענדיקן דעם שמועס, איז נייטיק צו זאָגן עטלעכע צוגאָבלעכע ווערטער אָט וועגן וואָס. אָפּט האַלטן זיך אייניקע אונדזערע מיטשפּרעכער אַזוי, פונקט ווי שעפערישע קאָנטאַקטן וואָלטן געווען אַן איינזײַטיקער איניען. מיר לייגן פאָר, און זיי — זאָל געזאָגט ווערן אויף אונדזער שטייגער־ייִדיש — בריקעווען זיך. דעריבער דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן די צווייזײַטיקײַט פון קאָנטאַקטן, דאָס הייסט — די צווייענדיקע פאַרינטערעסירטקײַט אין זיי און די אַכרײַעס־פאַרפליכטונגען, וואָס אַזעלכע קאָנטאַקטן לייגן אַרויף אויף ביידע צדאָדים. דאָס ניט ווילן זיך נוצן מיצאַד די ייִשׂראלדיקע ליטעראַרישע אינסטאַנצן מיט אונדזערע פאָרשלאָגן איבעראַשט אונדז ניט. דאָס איז אַ באַווײַז פון זייער שוואַכקײַט, פון דער מוירע פאַר אונדזערע אידייִשע אויפווירקונגען, פאַר אונדזער עמעס. און זאָל אָט דאָס פּאַכדאָנעס בלײַבן, ווי מע זאָגט, אַ פאַקט פון זייער ביִאָגראַפיע. מיר, פון אונדזער זײַט, וועלן פאָרזעצן די באַמיִונגען אויף צו באַקאַנען די ברייטע ייִדישע לייענער מיט דעם בעסטן, וואָס עס שאַפן די ייִדישע שריפטשטעלער פון פאַרשיידענע לענדער. און נאָך דאַרף געזאָגט ווערן, אַז, ריידנדיק וועגן שעפערישע קאָנטאַקטן מיט ייִשׂראל, האָבן מיר אין זינען, אויף גלײַכע יעסוידעס, די ליטעראַטורן פון דרײַ שפּראַכן פונעם לאַנד: איווריט, ייִדיש און אַראַביש. אַגעוו, וויל איך דערפרייען אונדזערע געסט מיט אַזאַ מיטיילונג. אין געגעבענעם מאָמענט גרייט די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אַ גרויסן אויסוואַל פון ווערק פון די פּאַלעסטינער אַראַבישע שרײַבער, וועלכע מיר וועלן פאַרעפנטלעכן אַלס אויסדרוק פון אונדזער סאָלידאַרישקײַט מיטן העראָיִשן פּאַלעסטינער ברידער־פאָלק.[1]

מ. דזשובראַן. ווען טראַכט איר פאַרעפנטלעכן אָט די ווערק?

א. ווערגעלים. מיר פּלאַנירן צו געבן די פּובליקאַציע אין דעם מײַ־נומער פון 1982. עס פרייט אונדז זייער, וואָס אײַערע לידער, טײַערער כאַווער דזשובראַן, וועלן צווישן אַנדערע ווערק פון אונדזערע פּאַלעסטינער קאָלעגן באַשײַנען דעם דאָזיקן נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

---

[1] די דאָזיקע ווערק זײַנען פאַרעפנטלעכט אין מײַ־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַר הײַנטיקס יאָר.

כראָניק

בירָאָבידזשאַנער נײַעס

א גאַסט פֿון עסטאָניִע

אין געגנטלעכן צענטער איז פֿאָרגעקומען אַן אָרדנטלעכע שעפֿערישע באַגעגעניש לויט דער פּראָגראַם פֿונעם אַלפֿאַרבאַנדישן קינאָלעקטאָרי „קינאָ און די צײַט", געווידמעט דעם 60־טן יאָרטאָג פֿון דער אויסבילדונג פֿון פּססר. דאָס מאָל איז געקומען צוגאַסט דער פֿאַרדינסטפֿולער קונסט־טוער פֿון דער עסטלענדישער ססר, לאַורעאַט פֿון דער פּרעמיע פֿונעם לענינישן קאָמיוג פֿון לעטלאַנד דער רעזשיסער יאַניס סטרייטש, וועלכער פֿאַרמאָגט אין זײַן אַקטיוו 11 פֿילמען, צווישן זיי „די ניטפֿאַרענדיקטע וועטשערע", „דער טרײַער פּרײַנט סאַנטשאָ", „ניט קיין ערנסטער מענטש".

צום שלוס פֿון דער באַגעגעניש איז באַוויזן געוואָרן יאַניס סטרייטשס פֿילם „א לימוזין מיטן קאָליר פֿון דער ווײַסער נאַכט".

אין דער ייִדישער ראַדיִאָ־טראַנסליאַציע

צווישן די ראַדיִאָ־טראַנסלירונגען אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט צייכענען זיך באַזונדערס אויס די פּראָגראַמען אויף ליטעראַרישע טעמעס. לעצטנס איז אין א פּראָגראַם וועגן די נײַע ווערק פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור (אין צוזאַמענהאַנג מיטן 20־יאָריקן יובילײ פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד") אַרויסגעטראָטן דער מיטגליד פֿון אונדזער רעדקאָלעגיע בוזי מילער.

א רײ טראַנסלירונגען זײַנען צונויפֿגעשטעלט פֿון פּאָפּולערע ייִדישע לידער.

פֿאַר די ליבהאָבער פֿון מוזיק

באַם בירָאָבידזשאַנער שטאָטישן שטייגער־קאָמבינאַט פֿונקציאָנירט א סטודיע פֿאַר פֿאַרשרײַבן מוזיק און פֿאַר אַנדערע קלאַנג־פֿאַרנאָטירונגען אויף מאַגניטאָפֿאָן־טאַשמעס. ניט לאַנג צוריק האָט די סטודיע זיך אַריבערגעקליבן אין א נײַער, גרעסערער געבײַדע מיט א גוט אויסגעשטאַטן צעך, וווּ עס ווערט דירעקט פֿאַרשריבן מאַגניטאָפֿאָן־מוזיק. די אַפּאַראַטור אַנטשפּרעכט פֿולשטענדיק די בעסטע פּאַטערלענדישע און אויסלענדישע מוסטערן. לויט דער ביטע פֿון די קליִענטן ווערן פֿאַרשריבן אויף מאַגניטאָפֿאָן־טאַשמעס ווערק פֿון דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער און אויסלענדישער עסטראַדע, קלאַנגען־בריוו. כּוץ דעם, ווײַזן אַרויס די טוער פֿון דער סטודיע מעטאָדישע הילף די קאָלעקטיוון פֿון קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט באַם אונטערקלײַבן דעם נייטיקן עסטראַדע־רעפּערטואַר. די באַשטעלונגען ווערן אויסגעפֿילט שנעל און קוואַליטאַטיוו.

די געגנטלעכע סאַלאָן־סטודיע פֿילט אויס באַשטעלונגען ניט בלויז פֿאַר די אײַנוווינער פֿון דער שטאָט בירָאָבידזשאַן, נאָר פֿאַר אַלע ראַיאָנען פֿון דער געגנט און פֿון אַנדערע ערטער אויפֿן ווײַטן מיזרעך — סאַכאַלין, מאַגאַדאַן, קאַמטשאַטקע.

זייער פּאָפּולער זײַנען די לידער אויף דער ייִדישער שפּראַך אין דער אויספֿילונג פֿון באַוווּסטע סאָוועטישע זינגער, די מוזיק פֿון די ספּעקטאַקלען פֿונעם בירָאָבידזשאַנער מוזיקאַלן קאַמער־טעאַטער און פֿון דעם אַנסאַמבל „פֿרײלעכס".

אויפֿן דורכקוק פֿון קינדערשער זעלבסטטעטיקײַט

אינעם בירָאָבידזשאַנער קולטור־פּאַלאַץ איז פֿאָרגעקומען דער שלוס־קאָנצערט פֿונעם געגנטלעכן דורכקוק פֿון דער שילערישער קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט, געווידמעט דעם 60־טן יאָרטאָג, זינט דער אויסבילדונג פֿון פּססר.

אינעם פֿולגעפּאַקטן זאַל איז געווען א יאָמטעוודיקע שטימונג. דער קאָנצערט האָט זיך אָנגעהויבן מיט לעאָניד שקאָלניקס דיכטערישן פּראָלאָג „די גליקלעכע קינדער פֿונעם גליקלעכן לאַנד". שיין האָט געקלונגען יורי טשיטשקאָווס ליד „זײַ געגריסט, אַליאָשע", ווי אויך אַגניִע באַרטאָס ליד „דער פֿידלער" אין דער אויספֿילונג פֿון שילער פֿון דער בירָאָבידזשאַנער מיטלשול נום. 3.

מיט דיפּלאָמען פֿון לאַורעאַטן איז אָפּגעמערקט געוואָרן דער אַנסאַמבל פֿון לידער און טענץ באַם בירָאָבידזשאַנער פּיאָנערן־פּאַלאַץ, וועלכער האָט אויסגעפֿילט אויף ייִדיש די ליד פֿונעם זעלבסטטעטיקן קאָמפּאָזיטאָר מאַקס עפּשטיין „די פּיאָנערן־גאַס", און די וואָקאַלע טריִאָ פֿון דער בירָאָבידזשאַנער מיטלשול נום. 2 — פֿאַר דער אויספֿילונג פֿון דער ליד „באַלאַלײַקע".

א מאָדיפֿיצירטער קאָמבײַן

דער בירָאָבידזשאַנער זאַוואָד „דאַלסעלמאַש" האָט אָנגעהויבן אַרויסלאָזן א נײַעם מאָדיפֿיצירטן קאָמבײַן אויף אַראָפּנעמען רײַז. די ערשטע פּאַרטיע פֿון דער נײַער מאַשין אויף רויפּנגאַנג איז שוין אָפּגעשיקט געוואָרן אין די סאָווירטן פֿונעם לאַנד. וועגן דעם האָבן מיטגעטיילט די צענטראַלע צײַטונגען — „פּראַוודאַ", „איזוועסטיִא" און אַנדערע. די „פּראַוודאַ" שרײַבט:

אין מעשעך פֿון פֿיל יאָרן זײַנען פֿונעם „דאַלסעלמאַש" געגאַנגען אויף די פֿעלדער פֿון דעם לאַנד די מאַשינעס „סקד־5ר" — די באַוווּסטע „סיביריאַקעס", וועלכע מע האָט צוגעפּאַסט צו רײַז־פּלאַנטאַציעס. באַ 42 טויזנט אַזעלכע קאָמבײַנען האָט אַרויסגעלאָזט דער בירָאָבידזשאַנער זאַוואָד. אָבער ניט לאַנג צוריק איז דער לעצטער קאָמבײַן פֿון אָט דער קאָנסטרוקציע געוואָרן פֿאַרן „דאַלסעלמאַש" א מוזיי־עקספּאָנאַט. די קאָנסטרוקטאָרן האָבן געשאַפֿן א מער פֿאַרפֿולקומטן — „סקד־6ר".

פּונקט ווי אויף אַן אויסשטעלונג, שטייען אויף די אײַזנבאַן־פּלאַטפֿאָרמעס די נײַנקע קאָמבײַנען. זיי זײַנען אויסגעאַרבעט אין א קאָליר פֿון רײַפֿע זאַנגען, באַשײַנטע פֿון דער האַרבסטיקער שקיִע. אָבער א באַהאַוונטן מעכאַניזאַטאָר ציט צו די מאַשין ניט בלויז מיט איר אויסזען. זי פֿאַרמאָגט א סאַך אַנדערע, מער וועזנטלעכע מײַלעס: א מעכטיקן מאָטאָר פֿון 120 קראַפֿט־אייַנסן, א הידראָפֿיצירטע אָנפֿירונג, וועלכע פֿאַרלײַכטערט די אַרבעט פֿונעם קאָמבײַנער, א קאָמפֿאָרטאַבעלע קאַבינע אויף צוויי ערטער מיט ווייכע פּאָטעלן.

דער קאָמבײַן האָט אויסגעהאַלטן די אויספּרוּוון אויף אויסגעצייכנט. דער פֿילטאָניקער רײַז האָט גרינג זיך אַרופֿגעקליבן אויף שיפּוּיעדיקע בערגלעך, בײַגעקומען גריבער, געאַרבעט אַזוי, ווי ער וואָלט געשווּמען איבער די רײַז־פֿעלדער, וועלכע זײַנען פֿאַרגאָסן מיט וואַסער. דאָרט, וווּ מע וואָלט געדאַרפֿט האָבן צוויי אַלטע „סיביריאַקעס", איז איצט גענוג איין נײַער קאָמבײַן, וועלכער האָט נאָך דערצו זײַן אייגענעם גאַנג.

אין 1982 וועט דער „דאַלסעלמאַש" אַרויסלאָזן באַ דרײַ מיט א האַלבן טויזנט אַזעלכע קאָמבײַנען. איינצײַטיק באַהערשט דער זאַוואָד דאָס פּראָדוצירן קאָמבײַנען פֿון העכערער עפֿעקטיווקײַט אויף אַראָפּנעמען סילאָס־קולטורן.

■ ■ ■

אויף אן ערשטמײַיקער דעמאָנסטראַציע

אינעם יישעוו ניקאָלײַעווקע

מיטן פּאַסאָפּאַראָט איבער דער געגנט

אינעם יישעוו ניקאָלײַעווקע



בא דעם הויפּט־פּולט פון דער בירָאבידזשאנער טערמאָעלעקטראָצענטראַל

אפן זאַוואָד „דאַלסעלמאַש": גרייטע קאָמביינען; איינער פון די שלאָסער־אַוואַנגאַרדיסטן — סערגיי ליטוואַק





מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

פידעל, נאַטאַן
(? — 1895)

— זשורנאַליסט, דיכטער, דראַמאַטורג. געבוירן אין סמילע, קיִעווער געגנט. געלעבט אין קיִעוו און אין אָדעס. ביז דער ערשטער וועלט־מילכאָמע פאַרעפנטלעכט לידער און סקיצן אין דער אָדעסער צײַטונג „גוט מאָרגן". נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע זיך געדרוקט אין די צײַטונגען „אָדעסער אַרבעטער", „דער שטערן", אין די זשורנאַלן „יונגוואַלד", „פּיאָנער" און אין אַנדערע אויסגאַבעס. אין 1920 האָט דער אָדעסער ייִדישער טעאַטער געשטעלט זײַן פּיעסע „ערעוו קאָמונע". א געוויסע צײַט געלעבט און געאַרבעט אין בּיראָבידזשאַן.

פרידלאַנד, ג.
(דאַטעס אומבאַוווּסט)

— פּעדאַגאָג. אוטאָר פון לערנביכער פאַר ייִדישע שולן. אין די דרײַסיקער יאָרן געווען א לעקטאָר אין דער ייִדישער אָפּטיילונג פונעם 2־טן מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט.

ווערק: (צוזאַמען מיט נ. אויסלענדערן און באַקסטן) אַרבעט און קאַמף. ליטעראַרישע כרעסטאָמאַטיע, הילפבוך פאַרן 4־טן, 5־טן און 6־טן לערניאָר. 1־טע העפט, 1־טע און 2־טע אָפּטיילונגען, מאָסקווע, צענטרפאַרלאַג, 1926; 2־טע העפט, 3־טע אָפּטיילונג, מאָסקווע, צענטרפאַרלאַג, 1926; 3־טע העפט, 4־טע אָפּטיילונג, מאָסקווע, צענטרפאַרלאַג, 1926; 4־טע העפט, 5־טע און 6־טע אָפּטיילונגען, מאָסקווע, צענטרפאַרלאַג, 1926; 5־העפט, 7־טע אָפּטיילונג, מאָסקווע, צענטרפאַרלאַג, 1926; (צוזאַמען מיט י. באַקסטן) אַרבעטס־קינדער, אַלעפבייס, מאָסקווע, פאַרלאַג „שול און בוך", 1927; אַרבעטסקינדער, כרעסטאָמאַטיע און אַרבעטס־בוך פאַרן ערשטן לערניאָר (נאָכן אַלעפבייס), מאָסקווע, פאַרלאַג „שול און בוך", 1927; אַרבעטס־קינדער, אַלעפבייס, צווייטע אויסגעבעסערטע אופלאַגע, מאָסקווע, צענטרפאַרלאַג, 1930; צום נײַעם לעבן, אַלעפבייס פאַר דערוואַקסענע, מאָסקווע, צענטרפאַרלאַג, 1930; צום נײַעם לעבן, אַלעפבייס פאַר דערוואַקסענע, כרעסטאָמאַטיע־טייל, מאָסקווע־כאַרקאָוו־מינסק, צענטרפאַרלאַג, 1932.

ביבליאָגראַפיע: ביבליאָגראַפישע יאָרביכער פון ייִוואָ, וואַרשע, 1928, זוכצעטל; דאָס ייִדישע בוך אין סאָוועטנפאַרבאַנד, 1932, זוכצעטל; ח. שמרוק, פרסומים יהודיים בברית המועצות, ירושאָלאַיִם, 1961, זוכצעטל; לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, ב. 1, ניו־יאָרק, 1956; לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, באַנד 7, ניו־יאָרק, 1968.

פרידמאַן, גערשן
(1892 — 1962)

— זשורנאַליסט, איבערזעצער. געבוירן אין מינסק. אין די יאָרן 1924 — 1937 געאַרבעט אין דער רעדאַקציע פון דער מינסקער צײַטונג „אָקטיאַבער", געדרוקט אָריגינעלע אַרטיקלען און איבערזעצונגען פון דער רוסישער און ווײַסרוסישער ליטעראַטור.

ווערק: איבערזעצונג פון וו. אַרסעניעוו „דערסו אוזאַלאַ", מינסק, 1935.

ביבליאָגראַפיע: א האַלדעס, „זײַ גרייט". כאַרקאָוו, 1935, נומ. 58; דאָס ייִדישע בוך אין סאָוועטנפאַרבאַנד, 1935, זוכצעטל; ג. מײַזיל, דאָס ייִדישע שאַפן און דער ייִדישער שרײַבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, ניו־יאָרק, 1959, ז. 129; „פאָלקס־שטימע" וואַרשע, 27 יול 1962; לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, ניו־יאָרק, 1968, ז. 475.

פרידמאַן, י.
(דאַטעס אומבאַוווּסט)

— איבערזעצער, זשורנאַליסט. געלעבט אין מינסק, געווען א מיטגליד פון דער ייִדישער איבערזעצער־סעקציע באַם ווײַסרוסישן מעלוכע־פאַרלאַג. געדרוקט איבערזעצונגען פון רוסיש און פון אַנדערע שפּראַכן אין די צײַטונגען „דער עמעס", „אָקטיאַבער", אַרטיקלען אין די זשורנאַלן „אַפּן שפּראַכפראָנט", „די רויטע וועלט" און אין אַנדערע אויסגאַבעס.

ווערק: איבערזעצונגען פון ר. י. סענדערס ראָמאַן „מאַגנעט", מינסק, 1935, פון וו. לידינס ראָמאַן „גרויסער אָדער שטילער", מינסק, 1936.

ביבליאָגראַפיע: א. אַבטשוק, עטיודן און מאַטעריאַלן, כאַרקאָוו, 1934, ז. 254; אַפּן שפּראַכפראָנט, קיִעוו, 1935, נומ. 3—4, ז. 282; דאָס ייִדישע בוך אין סאָוועטנפאַרבאַנד, 1935, זוכצעטל; ג. מײַזיל, דאָס ייִדישע שאַפן און דער ייִדישער שרײַבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, ניו־יאָרק, 1959, זוכצעטל; לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, ניו־יאָרק, 1968, ז. 477.

■ ■ ■

Для изучающих идиш
Урок XVII

פאר די, וואָס לערנען יידיש
לימעד XVII

Содержание: I. Грамматика: Многозначность вспомогательного глагола [зол] (продолжение); II. Тексты — упражнения.	אינהאַלט: I. גראַמאַטיק: פילבאַטייַטיקייַט פון „זאָל" (פאָרזעצונג); II. טעקסטן — איבונגען.

§ 31. В сочетании с союзом [вэн] или [аз] («если», «когда»), а также **без них** вспомогательный глагол [зол] употребляется в значении **«если бы»** для высказывания предположения об условии, при котором могло бы совершиться данное действие. При этом в другой части предложения обычно имеется вспомогательный глагол [волт], который переводится «**(то) бы**».

1. **Если бы ..., то бы ...**	=	1. (ווען)... זאָל, וואָלט...
2. ... **бы ..., если бы ...**	=	2. ...וואָלט..., (ווען)... זאָל...

1. — „אַך, ווען די מאַמע זאָל זייַן אַ גוטע מאַמע, וואָלט זי מיך געמ'אַכט פאַר אַ קלעזמער" (שאָלעם־אַלייכעם)

1. — «Ах, **если бы** мама была хорошей мамой, **то** она **бы** сделала из меня музыканта». (Шолом-Алейхем)

2. — „מיט וואָס פאַר אַ אויגן וואָלטן מיר, יונג־וואַרג, געקוקט אויף אונדזער פאַרוואַלטער, ווען מיר זאָלן געוווּסט וועגן זייַנע קאָמיוגישע אופטוען אין די צוואַנציקער יאָרן!" (ב. מאָגילנער, „קרויווים").

2. — «Какими глазами мы, молодежь, смотрели **бы** на нашего директора, **если бы** мы знали о его комсомольской деятельности (делах, свершениях) в двадцатые годы!». (Б. Могильнер, «Родня»).

3. — „עס וואָלט גוט געווען, אַז קיין מילכאָמעס זאָלן מער אויף דער וועלט ניט זייַן, אַז יונגע פרויען זאָלן ווערן מאַמעס און ניט קיין פריצייַטיקע אַלמ'אָנעס". (י. בורג, „באַם יאַם")

3. — «**Было бы** хорошо, **если бы** не было больше войн в мире, **если бы** молодые женщины становились матерями, а не преждевременными вдовами». (И. Бург, «У моря»).

אופגאַבע 1: **שרייַבט אַרויס די נייַע ווערטער, לייענט און זעצט איבער פאָלגנדיקע פראַגמ'ענטן פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק:**

נייַע ווערטער: 1) אויסער־זיך (זייַן); 2) דער אויצער, אויצרעס; 3) אַז'אַ; 4) איבערקוליערן זיך; 5) די אַלמ'אָנע, ־ס; 6) אַנ'ידערפאַלן; 7) אַר'אָפּ; 8) אַר'ויף; 9) אַר'ויסוואַרפן; 10) באַהאַ'לטן; 11) דער גאָט, געטער; 12) דאָס גאָלד; 13) דורכפּאַטשן; 14) וואַרטן; 15) די וועלט, ־ן; 16 די זעג, ־ן; 17) דער טאַטע, ־ס; 18) דער כ'אָכעם, כאַכ'אָמים; 19) לאַנג; 20) ליב האָבן (איך האָב ליב); 21) ליגן; 22) די לייַט; 23) מאַכן; 24) דאָס מעסערל, ־עך; 25) מער; 26) נאָכדעם; 27) די ערד, ־ן; 28) ענטפערן; 29) דער פּיסק, ־עס; 30) פאַר; 31) דער פוס, פיס; 32) פריִער; 33) פריצייַטיק; 34) דער ק'אַפּצן, קאַפּצ'אָנים; 35) רייַך ווי קורעך; 36) דער קל'עזמער, קלעזמ'אָרים; 37) די שטוב, שטיבער; 38) דער שטייגער; 39) אַשטייגער; 40) שעמען זיך.

1) (быть) вне себя; 2) клад, сокровище; 3) такой, -ая, -ое; 4) кувыркаться; 5) вдова; 6) упасть; 7) вниз; 8) вверх; 9) выбросить; 10) прятать; 11) бог; 12) золото; 13) надавать оплеух; 14) ждать; 15) мир, свет, вселенная; 16) пила; 17) отец; 18) умница, мудрец; 19) I — давно, II — длинный, III — долго; 20) любить (я люблю); 21) лежать; 22) люди; 23) делать; 24) ножик; 25) больше; 26) затем, потом; 27) земля; 28) отвечать; 29) рот (презрительно, просторечие); 30) за, для, перед; 31) нога; 32) сначала, раньше; 33) преждевременно; 34) бедный, нищий; 35) дословно: «богатый, как Койрах», богач (Койрах — персонаж из библии, олицетворение богача); 36) музыкант; 37) дом, хата, изба; 38) обычай, быт; 39) например, к примеру; 40) стесняться.

טעקסט: „1) ווען דער פּיסק זאָל ליגן אין דער ערד, וואָלט דער קאָפּ געג'אַנגען אין גאָלד. 2) אַז גאָט זאָל ליב האָבן אַ קאַפּצן, וואָלט אַ קאַפּצן קיין קאַפּצן ניט געווען. 3) ער זאָל וועלן, וואָלט ער געווען רייַך ווי קורעך. 4) — ווו ליגט דער אויצער באַהאַ'לטן? — כאָכעם!.. ווען איך זאָל וויסן, וואָלט איך דיר שוין לאַנג געז'אָגט. 5) מייַן ברודער עליע איז אויסער־זיך. ער זאָל זיך נישט שעמען פאַר דער מאַמען, וואָלט ער דעם כאָסן קאָפּ פריִער אַד'ורכגעפּאַטשט און נאָכדעם אַר'ויסגעוואָרפן פון שטוב. 6) ווען איך, אַשטייגער, זאָל האָבן אַז'אַ מעסערל, ווי גליקלעך וואָלט איך געווען! 7) ווען איך זאָל ניט מוירע האָבן פאַר מייַן ברודער עליע און

נישט שעמען זיך פאַר לײַטן, וואָלט איך אַנ'ידערגעפאַלן אַף דער ערד און וואָלט זיך איבער־געקוליערט דרײַ מאָל מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פּיס אַר'וף!" (שאָלעם־אַליכעם).

§ 31д. Сочетание союза [«**ви**»] — «как» или [«**глайх ви**»], [«**пункт ви**»] — «подобно тому как» со вспомогательным глаголом [зол] соответствует по своему значению русскому «**будто**», «**как будто**» или «**словно**».

...,ווי (גלײַך ווי..., פּונקט ווי...)+זאָל...= («словно ...») «..., **как будто** ...»

דער שנײַדער האָט געזונגען אַזוי שיין, גלײַך ווי ער זאָל זײַן נית קיין שנײַדער, נאָר א פּראָפעסיאָנעלער זינגער.

Портной пел так чудесно, **как будто** (**словно**) он не портной, а профессиональный певец.

ער רעדט אַזוי גוט אַף רוסיש, פּונקט (גלײַך, אַשטייגער) ווי ער זאָל זײַן נית קיין פראַנצויז, נאָר אַן עכטער רוס.

Он говорит так хорошо по-русски **словно** (будто, как будто) он не француз, а настоящий русский.

אופגאַבע 2: שרײַבט אַר'ויס די נײַע ווערטער, לייענט און זעצט איבער די פראַגמ'ענטן פון ב. מילערס דערצ'יילונגען („סאָוו'עטיש היימלאַנד", 1979, נום. 10):

נ ײַ ע ו ו ע ר ט ע ר: 1) אויסזען (ער זעט אויס גוט); 2) דאָס אויסזען; 3) אומגעריכט; 4) אומ־קוקן זיך (זיי קוקן זיך אום); 5) אופטויכן; 6) איבעררײַסן (ער רײַסט איבער); 7) איר; 8) אַראָפּ־לאָזן; 9) אָנשטויסן זיך אַף...; 10) אָנשטעלן (דעם בליק); 11) די באַנק, בענק; 12) דער בליק, ־ן; 13) דער בריוו, ־; 14) דער טרעגער, ־; 15) דער בריווטרעגער, ־; 16) געש'ען; 17) דערבײַ; 18) האַלטן; 19) זיך האַלטן איין ייִשעוון; 20) זיצן; 21) דער טאָעס, ־ן; 22) ייִשעוון זיך; 23) מיטאמ'אָל; 24) דאָס מיידל, ־עך; 25) מיידלש; 26) אין מיר; 27) נעכטן; 28) דער נעפּל, ־ען; 29) נעפּלדיק; 30) ערשט; 31) פּוסט; 32) פּלוצעם; 33) פריש; 34) צאַפּלען; 35) צאַפּלדיק; 36) צוויי; 37) צניִעס; 38) שפּילן.

1) выглядеть (он выглядит хорошо); 2) вид, внешность; 3) неожиданно, вдруг; 4) оглядываться (они оглядываются); 5) всплыть; 6) прервать (он прерывает, делает перерыв в каком-либо действии); 7) I — вы, II — Вы, III — её, IV — ей; 8) опускать вниз (глаза, тяжесть и т. п.); 9) наталкиваться на...; 10) уставиться (взглядом) на...; 11) скамья; 12) взгляд; 13) письмо; 14) носильщик; 15) письмоносец, почтальон; 16) происходить; 17) рядом; 18) держать, продолжать; 19) беспрерывно продолжать советоваться, рассуждать; 20) сидеть; 21) ошибка; 22) советоваться (с самим собой); 23) вдруг; 24) девушка; 25) по-девичьи; 26) во мне; 27) вчера; 28) туман; 29) туманный, затуманенный; 30) лишь, только; 31) пустой; 32) вдруг, внезапно; 33) свежий; 34) трепетать, дрожать; 35) трепетно, взволнованно; 36) два, две, двое; 37) скромность; 38) играть.

ט ע ק ס ט: 1) אַן אויסזען האָט ער געהאַט, ווי ער זאָל די גאַנצע צײַט מיט זיך אַליין זיך האַלטן איין ייִשעוון („אין א נעפּלדיקן טאָג"). 2) און אַלץ האָט מיטאמ'אָל אופ־געטויכט אין מיר אַזוי צאַפּלדיק פריש, ווי ערשט נעכטן זאָל עס האָבן געש'ען („א טאָעס פון א בריווטרעגער"). 3) מיט עכט מיידלשער צניִעס, ווי זי זאָל זײַן טאַקע נאָך יענע עטלעכע, האָט זי אַר'אָפּגעלאָזט די אויגן. 4) און אָט זיצט ער אַף א באַנק, צוויי מיידלעך שפּילן דערבײַ און קוקן זיך אַף אים נית אום, ווי ער זאָל זײַן א פּוסט אָרט. 5) האָט דאָס שיינע מיידעלע אָנגעשטעלט אַף אים איר בליק. עס האָט אויסגעזען, ווי מיט אָט דעם בליק אירן זאָל זי אומ־געריכט זיך האָבן אָנגעשטויסן אַף אים.

Заметьте! С союзами [ви], [глайх ви], [пункт ви] очень часто вместо [зол] употребляется [волт]. В обоих случаях правила перевода **те же** — «как будто», «словно». Сравните, например, перевод отрывков из рассказа М. Талалаевского «Наследники» («Советиш геймланд», 1979, № 10). В скобках приводим возможный вариант с [зол]:

1. ...„איז ער קוידעמקאָל צוגעגאַנגען צו דער מאַמעס קייווער, ווי ער וואָלט געקו־מען (זאָל קומען) אָפּגעבן איר א דין־וועכ'עזשבן... פאַר דער אָפּגעטאָענער אַרבעט".

1. ... Он прежде всего подошел к могиле мамы, **как будто** он пришел отчитаться перед ней... за проделанную работу.

2. „אָט אָ־דאָ איז זי געזעסן, בא מײַן טיש, .. ווי זי וואָלט זײַן (זאָל זײַן) מײַנע א כאַ־ווערטע".

2. Вот здесь она сидела, за моим столом, **будто** (словно) она была моей подругой.

3. דער שאָפער... האָט געי'אָגט, פּונקט ווי ער וואָלט אַנטל'אָפן (זאָל אַנטל'ויפן) פון עמעצן.

3. Водитель гнал (машину), **словно** он удирал от кого-то.

דאָצענט ש. סאַנדלער

Einstein wrote of this: "We have not forgotten the humane attitude of the Soviet Union, which was the only state to open its doors to hundreds of thousands of Jews when the nazi armies invaded Poland".

"Indeed," continued Becker, "the Soviet authorities evacuated millions of Jews to the rear and in this way saved them from extermination. Israeli research scholar Levin stresses that 80 per cent of the Byelorussian Jews were evacuated to the rear. The American scholar Robinson points out that the total number of Jews evacuated came to 1600 thousand. And this was happening at a time when the Red Army was engaged in heavy defensive battles.

Jews received in the Soviet Union not only asylum, but a more important right for those days—the right to fight, to revenge themselves on the nazi devil. Hundreds of thousands of Soviet, and also Polish, Czech and oher Jews fled to the USSR and fought the Germans in the ranks of the Soviet Army or in the national military units which were on active service with it.

Our features "Editorial Commentary", "Chronicle", "Material for a Lexicon of Soviet Jewish literature, "An Aid ot Those Learning Yiddish" and, finally, will be of additional interest to our readers.

Translated by Alex Miller

Supplement to the issue:
"Oceans of work" by G. Polianker

Now he can breathe again... But dawn will die
Of thirst out in that desert hot and dry.

The sin's been paid for. Silent the sandy void.
A living human soul has been destroyed.

"Sovietish Heimland" is honouring the 80th birthday anniversary of well-known publicist Aron Ierusalimsky of Moscow, and is printing his memoirs under the title "Echoes of the Times".

Our Literary Criticism Section begins with an article by B. Miller of Birobijan, "Light and Freshness", about the work of Soviet Jewish poet Mendl Lifschitz on the occasion of his seventyfifth birtday anniversary. The authors of the collection are cosmonauts, scientists, writers and journalists. Composer Zinovy Kompaneyets of Moscow, a long-standing writer for "Sovietish Heimland", has contributed a note, "A Few Words on the Jewish Folk Song". The theme of music is continued by Boris Kotik of Moscow, who tells about a concert in the Moscow House of Composers by Ada Svetlova, a soloist of the Latvian Philharmonia. The article is entitled "Twenty-Seven Gems of Jewish Folklore".

Yevgeny Binievich of Leningrad did some interesting research before submitting his article "Sholem Ash on the Russian Stage", in which he introduces the reader to this writer's first steps as a dramatist. The article is full of documentary material, opinions and eyewitness accounts by the young writer's contemporaries, details of his creative contacts with the great Russian actress V. F. Komissarzhevskaya and of the helpful attitude of Maxim Gorky, who published two of Sholem Ash's plays, "God of Vengeance" and "With the Wave", in the "Znanie" collection. Binievich convincingly demonstrates that Sholem Ash's literary fame was born in Russia.

In the publicistic section, we are reprinting an article by Israeli journalist Yaron Becker, "How the Holocaust is taught in Israel". The Holocaust, the Nazi terror in which the Jewish people were victims of genocide, has again been brought to the attention of millions the world over as a result of the film of that name made in the USA and shown on the TV screens of America and Europe. Becker's article unmasks the manoeuvres of the zionist propaganda mechine, which treats fascism exclusively as a form of antisemitism, hiding its class roots and intentionally ignoring or falsifying the activities of Soviet and Polish communists and their role in saving hundreds of thousands of Jews from the nightmare of the Holocaust.

"After the nazis occupied Poland, and then after they invaded the Soviet Union, writes Becker, "over three million Jews found themselves in occupied zones. The number of Jews who escaped on Polish territory fluctuates between 40 and 120 thousand. Those who survived the concentration camps represent only a small fraction of this number. The remainder hid among the Polish population or were rescued by partisans and themselves fought in their ranks... The Polish research scholar Wladislaw Bartoszewski tells about the organisation known as the "Council of Help for the Jews", which in 1943-1944 alone assisted four thousand of the twenty thousand Jews hiding in Warsaw. The names of this orgaisation's active members are known. They risked their lives many times to give a jew a glass of water. Many were seized by the nazis, tortured, thrown into concentration camps or executed on the spot. Similar activities took place in other parts of Poland".

In 1940, there were a million Jews in the territories of the Western Ukraine and Western Byelorussia, now reunited with the USSR; another 400 thousand Polish Jews fled there from regions under German occupation. The great scientist Albert

LOST CHILD

Pure, kosher rain. Moishe, carrot-haired, disheveled dreamer,
Moishe, seasoned plumber, dazed by two glasses after the shift, sits in the square
on a bench, between trees and downpour, and waits for the black spell to pass.
Moishe's heart is full of bitterness and disgust. And Moishe,
rising, quickly finishes with the bottle and half a banana,
and with his paradisaical life,
and soars to the seventh heaven.
Moish quickly becomes the Almighty's business partner
and looks down, dangling from the sun,
to see
below
through the airy, ionised currents and streams,
his own three-armed shadows
piercing the blue, flying like parachutists,
attached to a cloudlet, some by their backs, some by their shoulders.
Moishele-Mishka, my mischief maker, little boy Moishe...
And out to him there comes with a smile like an imprecation
a corporal
A German from the ghetto.
Moishe goes wild with rage,
and Moishe the roisterer goes bright red in the face
and, bending down, whips out his rusty knife
and looks — having slit like a hereditary cut-throat, the chicken gizzard of the rain.
And the blood bubbles, gurgles softly, spreading all around him,
all around Moishe the shohet.

The following poem, "Retribution", is from the verse cycle by M. Pens.

RETRIBUTION

He left with seedlings at the radiant hour
Of dawn to make the barren desert flower.

The road was hard, his spirit was oppressed;
Racked with cruel pain his shoulders, cramped his chest.

His eyes were blinded by the scorching heat,
The sands were blazing coals under his feet,

And from his brow the perspiration streamed.
He was too weak to walk—or so it seemed.

At last he said, when he could bear no more,
"Just what the devil am I trying for?"

He's shed his load. What a reliev! And look!—
Not far in front he'll find a babbling brook.

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
No. 6, June 1982

The June number of the magazine opens with our feature, "Sovietish Heimland's Conference on Theory, which includes two articles: "The Party on the Culture of Developed Socialism (Reading the works of L. I. Brezhnev)" by Yuri Lukin, Ph. D., and "War, Morality and Literature" by Nail Bikkenin, Ph. D.

In the traditional poetry series, "From Each Poet—A Single Poem", now very popular with our readers, there are contributions from Pinya Plotkin of Bobruisk, Mendl Lifschitz of Moscow, Dora Khaikina of Kiev, Matvei Gruvman of Novgorod, Iosif Bukhbinder of Kiev, Lipa Heller of Minsk, Grigory Reles of Minsk, Bronya Sinelnikova of Moscow, Max Riant of Samarkand, Mikhail Mogilevich of Kiev and Matvei Shturman of Moscow.

In this number, readers will find the conclusion of the novel, "Urgent Telegram", by Tev'ye Gen of Moscow. In our feature "New Translations" they will meet the famous pilot Marina Popovich as the author of verse translated into Yiddish by Aron Vergelis.

In our feature "People, Time and Destinies", we are publishing an essay by Lev Davydov of Moscow about Hero of the Soviet Union Mark Hallai. Our feature "On the Track of Events" includes two items: a sketch by D. Niazov of Tashkent about L. Feigin, the remarkable teacher and successor to A. S. Makarenko, and a documentary short story, "A Jewish Boy in the Flames of War", by S. Bentsianov of Polonnoye in the Khmelnitsky region. There is also a verse cycle by Avrom Gontar from the literary heritage of this remarkable Jewish poet.

In "Sovietish Heimland" Nos 10 and 12 for 1981, we mentioned students of the Yiddish group at the Higher Literary Courses under the aegis of the A. M. Gorky Literary Institute, and we introduced their work to our readers. This acquaintance is now being extended and deepened. A selection of work by students at the Courses includes new short stories by Boris Sandler; a historical-literary essay by Alexander Brodsky on the influence of M. Mendelson, and important member of the 18th-century Enlightenment, on the spiritual and cultural atmosphere of his times, and in particular of the formation of the views of the Russian writer and historian, N. M. Karamsin: a popular science essay by Vladimir Chernin; and also verse by Moishe Pens. Poet Lev Berinsky makes his début in our magazine with verse in Yiddish. Here is his poem "Enfant perdu" ("Lost Child").

долю этого числа. Остальные скрывались среди польского населения или были спасены партизанами и сами сражались в их рядах... Польский исследователь Владислав Бартошевский рассказывает об организации «Совет помощи евреям», которая только в 1943—1944 гг. оказала содействие четырем тысячам из двадцати тысяч евреев, скрывавшихся в Варшаве. Имена активистов этой организации известны. Они рисковали жизнью иной раз ради того, чтобы передать еврею стакан воды. Многие из этих активистов были схвачены нацистами, подвергнуты пыткам, брошены в концлагеря или казнены на месте. Такая же деятельность имела место и в других районах Польши».

В 1940 г. на воссоединенных с СССР территориях Западной Украины и Западной Белоруссии оказался 1 миллион евреев, и еще 400 тыс. польских евреев бежало туда из районов, оккупированных немцами. Великий ученый А. Эйнштейн писал в этой связи: «Мы не забыли гуманного отношения со стороны Советского Союза, который был единственным государством, открывшим свои двери сотням тысяч евреев, когда нацистские армии вторглись в Польшу».

И действительно, продолжает Я. Беккер, «Советские власти эвакуировали миллионы евреев в тыл и таким образом спасли их от уничтожения. Израильский исследователь Левин подчеркивает, что 80% белорусских евреев были эвакуированы в тыл. Американский ученый Робинсон указывает, что общее число эвакуированных евреев достигало 1600 тыс. человек. И это происходило в то время, когда Красная Армия вела тяжелые оборонительные бои.

Евреи получили в Советском Союзе не только убежище, но и более важное для тех дней право — право сражаться, отомстить нацистскому дьяволу. Сотни тысяч советских, а также польских, чешских и других, бежавших в СССР, евреев, сражались с фашистами в рядах Советской Армии или в национальных воинских соединениях, которые действовали вместе с ней».

Немало интересного и полезного найдут читатели в рубриках «Комментарии редакции». «Хроника», «Материалы для лексикона еврейской советской литературы», «В помощь изучающим идиш».

Приложение к номеру: Г. Полянкер
«Работы невпроворот»

И он сказал, когда пришла черта:
«Да на черта мне это? На черта?!»

И бросил груз... О, как ему легко!
И до ручья совсем недалеко,

И дышит грудь свободно....
Но заря
Умрет от жажды в складках пустыря.

Пустырь молчит. Отомщена вина.
Душа людская опустошена.

(Перевод А. Бродского.)

Журнал отмечает 80-летие известного публициста Арона Иерусалимского (Москва) и под рубрикой «Перекличка времен» публикует его воспоминания.

Литературо-критический раздел открывается статьей Б. Миллера (Биробиджан) «Свет и свежесть» о творчестве еврейского советского поэта Мендла Лифшица в связи с его семидесятипятилетием. Давнишний автор «Советиш геймланд» композитор Зиновий Компанеец (Москва) выступает с заметкой «Несколько слов о еврейской народной песне». Тему музыки продолжает в номере Борис Котик (Москва), рассказывающий о концерте в московском Доме композиторов солистки Латвийской филармонии Ады Светловой. Статья называется «Двадцать семь жемчужин еврейского фольклора».

Евгений Биневич (Ленинград) осуществил интересные изыскания, прежде чем предложить редакции статью «Шолом Аш на русской сцене», знакомящую читателя с первыми шагами Ш. Аша как драматурга. Статья насыщена документальным материалом, мнениями и свидетельствами современников молодого писателя, конкретными данными о его творческих связях с великой русской актрисой В. Ф. Комиссаржевской, о доброжелательном внимании к нему М. Горького, опубликовавшего в сборниках «Знание» две пьесы Ш. Аша — «Бог мести» и с «С волной». Е. Биневич убедительно показывает, что литературная слава Шолома Аша родилась в России.

В разделе публицистики журнал перепечатывает статью израильского журналиста Ярона Беккера «Как в школах Израиля рассказывают о голокоусте». Голокоуст — нацистский террор — снова привлек к геноциду по отношению к еврейскому народу к себе внимание миллионов людей во всем мире после того, как в США был создан и выпущен на телеэкраны Америки и Европы одноименный фильм. Статья Я. Беккера разоблачает маневры пропагандистской машины сионизма, трактующей фашизм исключительно как антисемитизм, скрывающий его классовые корни, намеренно замалчивающий или искажающий деятельность советских и польских коммунистов, их роли в спасении сотен тысяч евреев от кошмара голокоуста.

«После оккупации нацистами Польши, а затем их вторжения в Советский Союз, — пишет Я. Беккер, — более трех миллионов евреев оказались в оккупированных районах. Число евреев, спасшихся на польской территории, колеблется в пределах от 40 до 120 тысяч. Те, кто выжил в концентрационных лагерях, составляют лишь малую

Enfant perdu

Александру Гельману

Чистый, кошерный дождик. Мойше — рыжий кудлатый грезер,
закидонщик,
Мойше — слесарь матерый, оглохший от двух стаканóв после
смены, расселся на сквере,
на скамье, меж деревьев и струй, дожидаясь, когда разойдется
эта муть.
Плево, полынно на сердце у Мойши. И Мойше,
вставши, быстро кончает с бутылкой, с огрызком банана,
с райскою жизнью своей
и уходит себе на седьмое — в кипенье, марте ли! — небо.
Став там сразу партнером, считай компаньонщиком Господа Бога,
Мойше смотрит, свесившись с солнца,
и видит,
как под ногами
сквозь воздушные, озонированные потоки,
прошибая лазурь, летят, словно парашютисты,
зацепившись за облачко кто струистой спиной, кто плечами,
трёхрукие мойшевы тени.
Мойшеле-Мишка, мой шалунишка, Мойше-мальчишка...
И выходит с усмешкой к нему, как проклятье,
ефрейтор,
немец из гетто.
И Мойше звереет,
и Мойше, большой бузотер, багровеет
и, склонясь, достает на минутку свой заржавленный нож
и глядит — полоснув, как потомственный резник, по куриному
горлу дождя.

И пузырится, булькает с шорохом кровь, разливаясь вокруг него —
вокруг шойхета Мойши

Перевод автора

Одно из стихотворений, включенных в цикл М. Пенса, называется «Возмездие».

Возмездие

Он с саженцами вышел на заре,
Чтоб сад расцвел на голом пустыре.

Но долог был его нелегкий путь —
Саднило плечи и теснило грудь.

Глаза слепил невыносимый зной,
Песок пылал, как пламя, под ногой.

Мир маревом со лба стекал и плыл,
И сделать шаг недоставало сил.

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 6, июнь, 1982

Июньский номер журнала открывается рубрикой «Теоретическая конференция «Советиш геймланд», в которую включены статьи доктора философских наук Юрия Лукина «Партия о культуре развитого социализма (читая произведения Л. И. Брежнева)» и доктора философских наук Наиля Биккенина «Война, мораль и литература».

В полюбившемся читателю традиционном поэтическом цикле «От каждого поэта — лишь одно стихотворение» участвуют Пиня Плоткин (Бобруйск), Мендл Лифшиц (Москва), Дора Хайкина (Киев), Матвей Грувман (Новгород), Иосиф Бухбиндер (Киев), Липа Геллер (Минск), Григорий Релес (Минск), Броня Синельникова (Москва), Макс Риант (Самарканд), Михаил Могилевич (Киев) и Матвей Штурман (Москва).

Читатели найдут в этом номере окончание романа Тевье Гена (Москва) «Срочная телеграмма». В рубрике «Новые переводы» они познакомятся с известной летчицей Мариной Попович как с автором стихов (перевод на идиш Арона Вергелиса).

В рубрике «Люди, время и судьбы» опубликован очерк Льва Давыдова (Москва) о Герое Советского Союза Марке Галлае. Два материала — зарисовка Д. Ниязова (Ташкент) о замечательном педагоге, последователе А. С. Макаренко Л. Фейгине и документальный рассказ С. Бенцианова (Полонное, Хмельницкой области) «Еврейский мальчик в огне войны» — составляют рубрику «По следам событий». Далее следует цикл стихотворений Аврома Гонтаря — из литературного наследия этого замечательного еврейского поэта.

В номерах 11 и 12 «Советиш геймланд» за прошлый год мы рассказали о слушателях еврейской группы Высших литературных курсов при Литературном институте им. А. М. Горького, и познакомили читателей с их творчеством. Теперь это знакомство расширяется и углубляется. В подборку произведений слушателей курсов включены новые рассказы Бориса Сандлера; историко-литературное эссе Александра Бродского, посвященное влиянию крупнейшего просветителя XVIII в. М. Мендельсона на духовную и культурную атмосферу его эпохи, в частности на формирование взглядов русского писателя и историка Н. М. Карамзина; научно-популярный очерк Владимира Чернина; стихи Мойше Пенса. Поэт Лев Беринский впервые выступает в журнале как автор стихотворений на идиш. Приводим его стихотворение «Enfant perdu» («Потерянное дитя»).

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор А. ВЕРГЕЛИС

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, И. Шрайбман.
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала·
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 30.03.1982. Подписано к печати 18.05.1982 г. Формат 70×108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 80 коп. Зак. 1119.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1982 г.

Цена 80 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

Теоретическая конференция «Советиш геймланд». Юрий Лукин. Партия о культуре развитого социализма. Наил Биккенин. Война, мораль и литература.

Т. Ген. Срочная телеграмма (роман. Окончание).

Люди, их время и судьбы. Л. Давыдов. Старт героя.

По следам событий. Очерки Д. Ниазова, С. Бенцианова.

Стихи А. Гонтаря, М. Попович, П. Плоткина, М. Лифшица и др.

Произведения слушателей Высших литературных курсов.

Литературная критика. Вопросы искусства. Статьи Б. Миллера, М. Финкеля.

Из истории литературы. Е. Билевич. Шолом Аш на русской сцене.

Публицистика. Я. Беккер. Что рассказывают детям Израиля о геноциде.

Листая журналы и газеты. Беседы о музыке. Комментарии редакции. Хроника. Материалы для лексикона еврейской советской литературы.

В помощь изучающим идиш.

Резюме на русском и английском языках.

1982

№ 6